STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06371

# GEKLIBENE VERK

## David Bergelson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געקליבענע ווערק

פון

# דוד בערגעלסאָן

II

ווילנע—1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

דוד בערגעלסאָן

# נאָך אַלעמען

(ראָמאַן אין פיר טיילן)

ווילנע—1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

D. Bergelson — „Noch ałemen“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# באָך אַלעמען

## ערשטער באַנד

(טייל I — II)

# I

גאַנצע פיר יאָר האָט זיך צווישן זיי געצויגן דער היימישער קליינשטעטלדיקער שידוך, און געענדיקט האָט ער זיך אָט ווי אַזוי:

זי, ר׳ גדליה הורוויצעס בת־יחידה, מירעלע, האָט אים סוף־כל־סוף די תנאים אָפּגעשיקט און אַליין ווידער אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן מיטן קרומען סטודענט ליפּקיס.

זיין פאָטער, אַן אויפגעקומענער גביר, אַ שוואַרצער און הויכער, אויסגעאיידלטער עם־האָרץ, וואָס האָט ביי אַכט־און־פערציק יאָר אָנגעהויבן גיין אין נאָענטן בית־המדרש וואָכעדיקע מנחה־און־מעריבס דאַוונען, איז שוין דענסטמאָל שטאַרק רייך און שוויגעדיק לייטיש געווען. ער האָט זיך תמיד ביי זיך אין חדר מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל אַרומגעדרייט, געטראַכט וועגן זיינע גרויסע דריי פּאָסעסיעס און וועגן דעם, וואָס עס פּאַסט אפשר נישט פאַר אים, ער זאָל דערמאָנען די אָפּגעשיקטע תנאים מיטן נאָמען פון זיין געוועזענעם מחותן.

און זיין מוטער, אַ נידעריקע און שטאַרק גראָבע יידענע, וואָס האָט איבער איר אַסטמע־פּעלער געעטעמט הייזעריק און שווער, ווי אַ געשטאָפּטע גאַנז, איז וועגן די אָפּגעשיקטע תנאים געוואָרן ערשט העט־שפּעטער, ווען זי האָט זיך מיט אַן אָפּגעבריענט פּנים און מיט אַ שטאַרק געפאַלענעם געמיט אָן אַ שום רפואה פון אויסלאַנד אומגעקערט. מרה־שחורהדיק און שטיל האָט זי געשאָלטן די געוועזענע כלה צוזאַמען מיטן ווייסטן מאַריענבאַד, וואָס האָט איר אומזיסט כוח און מוח אויסגעבראַכט. זי האָט זיך דערביי געהאַלטן אין איין שאָקלען און אין איין רייבן איינעם אַ רעוומאַטעס־פוס און זיך שטיל און פאַרקלערט געקלאָגט:

„גאָט ווייסט, צי זי וועט שוין איר זונס חופה דערלעבן“.

און איינמאָל פּאַרנאַכט, ווען אין שטוב זענען פיל פרעמדע מענטשן געזעסן, האָט זי מירעלען מיטן קרומען סטודענט דערזען באָענט, פאַרביי דעם אָפענעם פענצטער. זי האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ אינדרויסן און האָט איר נאָכגעשריען אויפן הייזעריקן און קורצאָטעמדיקן קול:

„ער איז דאָך שוין אַ קבצן, ביי אים בלייב עס, דער טאַטע אירער, וואָס זשע הוליעט זי נאָך, ווי אַ הונט אויפן שטריק, אָט-אָט-די-אָ!?"

און ער, דער זיבן-און צוואַנציק-יאָריקער ווּקסיקער און שיינער בחור, האָט עס פאַרליידן נישט געקאָנט. ער האָט דאָ אויפן אָרט אויף זיין מוטער אָנגעשריען:

„שאַ! שאַ! קוק זי נאָר אָן!"

ער איז בטבע געווען אַ סבלן און אַ שטילער, געהאַלטן פונם אויפגעקומענעם און גביריש-שווייגנדיקן טאַטן און האָט געוואָלט, אַז ביי זיי אין שטוב זאָל אַלץ צוגיין אַזוי שטיל און ליטיש, ווי ביי די פּריצים, וואָס מיט זיי האָט ער דורכן פאָטער פון זעכצן יאָר אָן עסקים געהאַט. אָנגענעם איז אים נאָר נישט געווען צו בלייבן דאָ אין שטעטל און זען, ווי מירעלע שפּאַצירט דאָ אַלע פאַרנאַכט מיטן קרומען סטודענט, האָט אים דער פאָטער אין נאָענטן דאָרף דעם ביצניוּוער פּאָלוואַריק אָפּגעדונגען, און באַזעצט האָט ער זיך טאַקע דאָרטן נישט ווייט, אינם אָפּגעקאַלכטן פּריצישן שטיבל, וואָס איז אין איין הויף מיטן דאָרפגלחס הויז געשטאַנען.

דאָ, אינם פוסטן און שטילן דאָרף, האָבן אים די גויים גערופן „פּאַניטש" און די היטלען פאַר אים אַראָפּגענומען, און ביידע קלענערע שוועסטער מיט דער צו פעטער הייזעריקליכער מוטער זענען צו אים אָפט צוגאַסט געקומען און אים מתנות — היימיש געבעקס געבראַכט. צו די שוועסטער האָט ער דאָ אַלעמאָל געשמייכלט, דערפאַר, וואָס זיי האָבן ביי אַ סטודענט געלערנט, און דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך נאָך עד היום באַגעגנט מיט יענער, וועלכע האָט אים די תנאים אָפּגעשיקט. ער האָט זיי די הענט געדריקט און ביי זיי געפרעגט:

„וואָס מאַכט איר? ווי לעבט זיך?"

און דער מוטער האָט ער דאָ געוואָלט אָפּגעבן פונקט דעם זעלבן

כּבוד, וואָס מ׳גיט מוטערס אָפּ בּיי יענע פּריצים, וואָס האָבּן אַרום זיין פולווערייק אייגענע און געדונגענע גיטער געהאַט. ער איז געשטאַנען פאַר איר די גאַנצע צייט אויף די פיס, איר נישט געקאָנט זאָגן נישט „דו״ און נישט „איר״, און דערפאַר גערעדט צו איר בּלשון נסתר:

„אפשר וועט די מאַמע טיי טרינקען? אפשר וועט זיך די מאַמע אויפן בּעט צולייגן?״

און נאָר דעמאָלט, ווען קלאָגנדיק זיך אויף איר שלאַפקייט און אויף דעם, וואָס ער האָט נישט חתונה, האָט זי דאָ געגומען שעלטן יענע, וועלכע האָט אים די תנאים אָפּגעשיקט, האָט ער אַן אומצופרידענעם און עטוואָס פאַרקרימטן פּנים בּאַקומען און אויף איר אָנגעשריען בּייז און לייטיש, ווי בּייז און לייטיש ער פלעגט אויף איר אָנשרייען דאָרטן בּיים פאָטער אין שטוב:

„שאַ! שאַ! קוק זי נאָר אָן!״

אַהיים איז ער געפאָרן זעלטן ווען, און נאָר דעמאָלט, ווען ס׳איז געווען נויטיק צוליב געשעפט. ער האָט זיך דאָרט געפירט לייטיש און שטיל, ווי אַ פרעמדער, שטאַרק־אָנגעלייגטער גאַסט. געשטאַנען מיט אַ בּנעימות שמייכלדיקן פּנים אַנטקעגן די שוועסטער, אָדער פאַמעלעך אויפגעהויבּן אינדערהייך אַ קליין דורכלויפנדיק קינד, עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, געגלעט אים די פאַרשמירטע בּעקעלעך און דערצו געשמייכלט:

„וואָס טוסטו, אַ? לויפסט אַרום?״

די צייט האָט ער דאָ כּמעט אינגאַנצן פאַרבּראַכט מיטן פאָטער אין קליינעם, תמיד אָנגערויכערטן קאַבּינעטל; גערעדט מיט אים וועגן די פאַרשידענע מסחרים, געטראַכט וועגן נדן־געלט, זיינע זעקס טויזנט און מירעלעס דריי טויזנט רובּל, וואָס זענען נאָך אַלץ בּיים אַלטן קאַשפעריווקער גראַף געלעגן, און מורא געהאַט, אַז דער פאָטער זיינער וועט בּאַלד אָנהייבּן:

„יאָ, די זעקס טויזנט רובּל, וואָס ליגן דאָרטן בּיים גראַף... וואָס וועט זיין מיט די זעקס טויזנט רובּל, וואָס ליגן בּיים קאַשפעריווקער אַלטן גראַף?״

דער געוועזענער מחותן זיינער, ר׳ גדליה הורוויץ, אַט דער צעטראָגענער יחסן, דער בּן־תורה, וואָס דער קאָפּ איז בּיי אים תמיד

אין דער מסחר־לופט אַרומגעפלויגן, איז דאָך שוין דעמאָלט אין זיינע געשעפטן שטאַרק פאַרדרייט געווען, און זיינע אָרטיקע בעלי־חובות זענען שוין אַלע בייטאָג אין מאַרק געשטאַנען און אים אונטער די אויגן זיין קאַפּיטאַל צונויפגערעכנט:

„ליגט ביי אים, הייסט עס, אין קאַשפּעריוּוקער וועלדל פינף טויזנט רובל... אין זשאַרזשאָווקער מאָן — דריי טויזנט. און אין דער טהינה?.. וויפל האָט ער נאָך שבועות אין דער אומגליקלעכער טערנאָווער טהינה אַריינגעבראָקט?"

אוממעגלעך איז געווען צו טרעפן, פאַרוואָס ער נעמט די דריי טויזנט רובל ביים גראַף נישט אָפּ, און געוואָלט האָט זיך, זיצנדיק אין קליינעם קאַבינעטל, אַז דער פאָטער זאָל שווייגנדיק זיינע פּאַפּיראָסן רויכערן, אַז אַרומדרייען זאָל ער זיך נאָך לאַנג־לאַנג אַהין און צוריק, און זאָל צוזאַמען מיט אים וועגן דעם געוועזענעם מחותּן טראַכטן:

„ער קען, אַפּנים, גאַנץ גוט די בת־יחידה זיינע... ער האָט זיך, אַפּנים, נאָך עד היום פונם שידוך נישט מייאש געווען".

---

איינמאָל אין אַ שפּעטן זונטאָגדיקן פאַרנאַכט, ווען די גאַנצע שטוב האָט פּוסטערהייט אויף די אַוועקגעגאַנגענע בני־בית געוואַרט, איז ער זיך איבעריק לאַנג מיטן פאָטער אין אָט דעם פינצטערן קאַבינעטל פאַרזעסן. ער האָט ענדלעך דערהערט, ווי די קלענערע שוועסטער, וועלכע איז נאָר־וואָס פונם שפּאַציר געקומען, טוט אויס אינם צווייטן חדר דעם גאָרסעט און וווּנדערט זיך דאָרטן פאַר עמעצן אויפן קול:

„ווי געפעלט זי דיר, מירעלע? ביסט אַ מבין?"

ס'איז געווען קלאָר, אַז מירעלע האָט זיך נאָר־וואָס אויפן שפּאַציר־פּלאַץ מיט אָט דער שוועסטער באַגעגנט, זי דאָרטן אָפּגעשטעלט און ביי איר עפּעס געפרעגט. און דערפאַר האָט ביי אים, דאָ, אינם האַלב פינצטערן חדר, מיטאַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ, און פאַרגעסן האָט ער מיטאַמאָל, וועגן וואָס פאַר אַ געשעפט ער האָט נאָר־וואָס מיטן פאָטער גערעדט. אפשר דריי מאָל האָט ער דענסטמאָל אַ פּאָר איינע און די זעלבע איבעריקע ווערטער איבערגעחזרט, געוואָלט שטאַרק צו דער שוועסטער אין חדר אַריינגיין און זיך ביי איר וועגן

דער באַגעגעניש דערפֿרעגן, נאָר זיך געמענטשט, געבליבן דאָ אין קאַבינעטל זיצן און בײַ דער שוועסטער טאַקע גאָרנישט נישט געפֿרעגט. זי, די שוועסטער, האָט אים נאָכדעם, צוזאַמען מיט די איבעריקע שטוב־מענטשן, אַפֿילו אינדרויסן אַרויסבאַגלייט, זי האָט געקוקט, ווי ער זעצט זיך דאָרטן אַרויף אויף זײַן פֿור און פֿאָרט אַוועק אויף נאַכט צו זיך אויפֿן פֿאָלוואַרק, און ער האָט צו איר, אָפּפֿאָרנדיק פֿון שטוב, נאָר געשמייכלט און צופֿיל מיטן קאָפּ געשאָקלט. ער האָט געוווסט, אַז מירעלע האָט אויפֿן שפּאַציר־פּלאַץ געקאָנט צוזאַמען מיטן קרומען סטודענט צו זײַן שוועסטער צוגיין און זיך דאָרטן נישט שעמען בײַ איר ווענן אים, דעם געוועזענעם חתן, אַ פֿרעג טאָן:

„וואָס זשע מאַכט ער עפּעס, וועלוול?"

„פֿאַרוואָס זעט מען אים עפּעס נישט אין שטאָט, וועלוולען?"

אויף איר, מירעלען, איז אַלץ געווען צו גלויבן. אָט, למשל, ווען איז דאָס אָקאָרשט געווען? צוזאַמען מיטן קרומען סטודענט האָט זי זיך איינמאָל געלאָזט גיין אינם גרויסן געוועלב, וואָס אינמיטן מאַרק, און איז אַהין אַרײַנגעגאַנגען, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט דאָרט אינדרויסן זײַן וואַרטנדיקע פֿור דערזען און האָט געוווסט, אַז ער געפֿינט זיך אינעווייניק. ער איז דענסטמאָל אַזוי צעטראָגן געוואָרן, געוואָלט וואָס גיכער פֿון געוועלב אַוועקגיין און שוין העכער, ווי אַלעמאָל, צום קרעמער געזאָגט:

„זאָל מען, הייסט עס, זונטאָג אַ חשבון אָנגרייטן... לפּחות נישט שפּעטער, ווי זונטאָג".

און זי האָט אים נאָך דענסטמאָל באַדאַרפֿט אָפּשטעלן און בײַ אים פֿרעגן:

„ער מיינט טאַקע, אַז ס'פּאַסט אים, אָט דאָס ליכטיקע און ווייכע בערדל, וואָס ער האָט זיך די לעצטע צייט פֿאַרלאָזט?"

דאָרטן, בײַ דער טיר פֿון קלייט, איז דער קרומער סטודענט מיט עמעצן געשטאַנען, געוואָלט דערווייזן, אַז ס'הייבט אים נישט אָן צו אַרן דאָס, וואָס מירעלע רעדט איצט מיט איר געוועזענעם חתן, און שוין דערפֿאַר צו הויך אויפֿן קול געשריגן:

„ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַ צוג־לופֿט קאָן שאָדן?... אין דער „מעדיצינע" שטייט עס געשריבן?"

און ביי אים, דעם געזונטן בחור, האָט צופיל געקלאַפּט דאָס האַרץ, און געדוכט האָט זיך אים, אַז ער טוט גוט דערמיט, וואָס ער שמייכלט און ענטפערט איר מיט אַ שטאָך:

„ווען ס׳געפעלט אַ באָרד, און ווען – נישט".

יעדנפאַלס, האָט ער זיך דענסטמאָל געלאָזט הערן, אַז ער איז נאָך געװוינט שטאָלץ און קאָן נאָך אַליין זיין שטעטל באַשטיין. און דער עיקר... דער עיקר האָט ער גוט געטון, וואָס ער האָט דאָרטן אויפן קול ביים קרעמער איבערגעפרעגט:

„קאָן ער זיין זיכער, אַז אויף זונטאָג וועט זיין צוגעגרייט זיין חשבון?"

מיט דעם האָט ער איר, לפּחות, צו וויסן געגעבן, אַז ער איז אַ באַשעפטיקטער מענטש, האָט אין זינען דעם פּאָלוועריק און קלערט גאַנץ ווינציק וועגן די פּוסטע שמועסן, וואָס זי פירט אַלע טאָג מיטן קרומען סטודענט.

פאָרנדיק אַהיים, איז ער שוין נאָכדעם דעם גאַנצן וועג שטאַרק אויפגערעגט געווען און האָט געטראַכט:

„אָט זענען שוין אויף זיינע פעלדער כמעט אינגאַנצן די תבואות אויסגעוואַקסן און הייבן שוין אָן גרין צו ווערן".

גאָר נישט שלעכט זעען אָט די תבואות אויס, און פאַרדינען וועט ער אָן די היינטיקס יאָר נישקשהדיק. ווינטער, ווען שנייען איינגעטרעטענע וועלן אויף דער ערד ליגן, און שטיל און זאַט וועט זיין אַרבעטסלאָזער פּאָלוועריק אַ פאַרלאָזענער שטיין, וועט ער זיך קויפן אַן אָפּגעפּאָלירטן שליטן און אַ פּוטער מיט אַ הענג-קאָלנער און וועט, אַריינפאָרנדיק אין שטאָט, אַלעמאָל באַגעגענען מירעלען מיטן סטודענט ערגעץ-וווהין צו אַ באַקאַנטן גיין.

## II

געקומען זענען אינגיכן די טעג פון שניט און פון צונויפקלויבן די תבואות; די אַרבעט אויפן פּאָלוועריק האָט אָנגעהויבן זידן, און וועגן פאָרן אין שטאָט האָט ער אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו קלערן.

אויף זיינע פעלדער זענען דורכאויס גויים מיט גוי׳עס, מיט שניידמעסערס אין די הענט צעשטעלט געווען, און פורן, אייגענע און פרעמדע, האָבן די צוגעטריקנטע סנאָפּעס געפירט אַהין צום שייער צו, ווו אויף אַ בערגל, וואָס צווישן גרויסע סטערטעס שטרוי, האָט שוין אַ דאַמפמאַשין פון גאַנצפרי אָן געראַכערט, געפייפט יעדעס מאָל, בשעת אין קעסל איז איר וואַסער אויסגעגאַנגען און פריילעך געדראָשן די פולע און טרוקענע זאַנגען.

גאַנצע טעג איז ער רייטנדיק אויף זיין פערד אַרומגעלאָפן, געווען פול דורכאויס, אַכטונג געגעבן אויף די תּבֿואה־שניידער און אויף די אַרבעטער, וואָס האָבן דעם ווייץ אין די נידעריקע האַלב־פינצטערע שאָפּן גערייניקט און געוואָיגן, זיך אויך אַראָפּגעכאַפּט אַהין צו דער דאַמפמאַשין און דאָרטן אויף די שמייכלדיק פולע שיקסעס אָנגעשריען.

אויפגעשטאַנען איז ער אין יענע טעג כּמעט אַלעמאָל מיטן טאָגליכט, און איינגעשלאָפן איז ער תּחילת נאַכט, אַנידערגעפאַלן אויפן בעט אַ מידער און שטויביקער, אַ צופרידענער דערמיט, וואָס די וואַרעמע נאַכט זאָגט צו אַ שיינעם און לויטערן קינפטיקן טאָג.

געשלאָפן איז ער דעמאָלט ס׳רוב אין די קליידער, און געחלומט האָט זיך אים כּמעט אַ גאַנצע נאַכט זיין אייגענער רוישיקער און מיט אַרבעט פאַרפולטער שייער, זיין אייגן אויסגעמעבלט שטיבל, ווו ס׳דרייט זיך עפּעס אַרום דווקא זי, מירעלע, שמייכלט צו יענע שטאָט־יידן, וועלכע זענען אַהער געקומען דעם ווייץ ביי אים קויפן און לייגט פאַר פון דאָרטן, פונם בענקל, וואָס ביים זידיקן סאַמאָוואַר:

„וועלוול, אפשר וועלן די יידן מיט אונז אַ גלאָז טיי אויסטרינקען?״

די לופט, וואָס אַרום, די גרויסע שייערן שטרוי און די הויפנס אויסגעדראָשענע תּבֿואות האָבן שטומערהייט געטראַכט וועגן דעם, וואָס די גאַנצע אַרבייט זיינע: דער אַרומלויפן, דער נישט דערשלאָפן מיטן געלט־פאַרדינען האָט עפּעס אַ גרויסע שייכות צו מירעלען מיטן קרומען סטודענט, וועלכע שפּאַנען גאַנצע טעג דאָרטן אין שטעטל אַרום; וועגן דעם, וואָס סוף־כּל־סוף וועט דאָס אינגאַנצן צו וויכטיקע נייעס ברענגען,

און ביי ר׳ גדליה הורוויצן אין שטוב וועט מען שטאַרק חרטה האָבן אויף די אָפּגעשיקטע תּנאים, און איבערגעבן וועט מען דאָרטן איינער דעם צווייטן יעדעס מאָל, בשעת מ׳וועט דורכן פענצטער זיין פור דערזען:

„אָט איז ער דאָ נאָר-וואָס אַדורכגעפאָרן, וועלוול; מיט אַ נייע פּאָר פערד האָט ער זיך דאָ נאָר-וואָס אַדורכגעטראָגן".

און ווען די אַרבעט מיטן טומל האָבן זיך צולעצט געענדיקט, און די גאַנצע אויסגעדראָשענע תּבואה האָט שוין אַלע נידעריקע שאָפּנס פאַרפולט, האָט ער זיך אָקאָרשט, ווי פון אַ חלום, אַרומקוקן גענומען און האָט דערזען:

סאַמע די הייסטע זומערדיקע דריטהאַלבן חדשים זענען שוין אַריבער, און די טעג זענען שוין קענטיק קלענער און קילער געוואָרן; ער אַליין איז מיד און שלאָפט צופיל אין די קליידער, שלאָפט אין זיי בייטאָג און ביינאַכט, כאַפּט זיך אויף מיט יעדן קליינעם רעגנדל, וואָס הייבט אָן פון די פאַרוואָלקנטע הימלען אין זיין בלעכענעם דאַך צו קלאַפּן, ליגט מיט אַ פאַרשלאָפענעם מוח און מיט אָפענע אויגן און טראַכט:

„די בוראַקעס זיינע... זיי וואַקסן... זיי וואַקסן..."

---

איינעם אַ חגא-טאָג איז ער אַזוי איינגעאַנצן אין די קליידער אָפּגעשלאָפן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין אינדרויסן דורכאויס טונקל און קיל געווען, און אין די הייזער פון דאָרף זענען שוין דאָ און דאָרטן מיט אַ ציטער די ערשטע נאַכטפייערלעך געבוירן. מיט שטילקייט איז די טונקעלע לופט פול געווען, און נאָר דאָס גרינגע ווינטל, וואָס אין דרויסן, האָט וועגן דעם געשטאָרבענעם טאָג אומעטיקע מעשהלעך געוווסט; האָט צו אים אין דער פינצטער דורכן אָפענעם פענצטער אַריינגעבלאָזן און דאָרטן אינווייניק מרה-שחורהדיק געזאָגט:

„טאַקע ענדלעך אויסגעגאַנגען דער טאָג... אויסגעגאַנגען".

אַן אויסגעשלאָפענער און רויקער, האָט ער זיך גענומען אַרומוואַשן, אָנגעטון אַ ווייסן קראַגן און ווייסע מאַנזשעטן, אָפּגעטרונקען פּאַמעלעך טיי און געהייסן די פור שפּאַנען:

„שוין צייט, דוכט זיך, אין שטאָט אַ פּאָר טאָג... אַ? שוין גע-וויס צייט".

ער איז שוין דאָרטן אַזוי לאַנג נישט געווען און האָט אַהין געבענקט.

זיצנדיק אויף דער פור, האָט ער פּאַמעלעך געטראַכט, אַז ער וואָלט באַדאַרפט הייסן דעם „שמייסער" זיינעם די פערד אַ טרייב טאָן; אַז ווען ער טוט עס, וואָלט ער נאָך פאַרפרי אין שטעטל אָנגעקומען, און פון צווישן די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, וואָס אין אָנהייב גאַס, וואָלטן אים נאָך אפשר מירעלע מיטן קרומען סטודענט דערזען.

דאָך האָט ער דעם אָנטרייבער קיין וואָרט נישט געזאָגט און אים דעם גאַנצן וועג געלאָזט פאָרן „באַלעבאַטיש" און שטיל. איינמאָל, ווען יענער איז אויפן רעכטן פערד אין כעס געוואָרן און אים מיט רוגז אַן אומזיסטיקע רוט אַראָפּגעלאָזן, האָט ער נאָך אַפילו אויף אים אָנגעשריען מיט אַ קול פון אַ לייטישן באַלעבאָס, אַ בעל-תכלית:

„שטילער! שטילער! כאַפּן זיך איז נישטאָ צוליב וואָס".

ער איז געווען רויק, אַ ביסל ברוגז און געלאַסן, געטראַכט וועגן מירעלען די גאַנצע צייט און דערביי אַלעמאָל מיט די אַקסלען געקנייטשט:

„עמעץ וואָלט אינאמתן געקאָנט מיינען, אַז ער נויטיקט זיך אין איר... אַז ער לויפט איר נאָך".

האָט אָבער ביי אים נישט ווייט פון שטאָט, בענקענדיקער ווי תמיד, דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן, און אויפגערעגטע בליקן האָט ער צעמישטערהייט גענומען וואַרפן צו די שפּאַצירנדע פּאָרלעך צו, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אינדרויסן איז שוין כמעט אינגאַנצן פינצ-טער געווען, און אַ מענטשנס פנים איז שוין אַפילו פון דער נאָענט שווער געווען צו דערקענען. ער איז געווען ברוגז אויף זיך דערפאַר, וואָס ער דרייט אַלעמאָל דעם קאָפּ צו אָט די פּאָרלעך צו, נישט גע-וואָלט אַהין קוקן און דאָך געקוקט און וועגן זיי געטראַכט:

„זי איז דאָרטן נישטאָ... אַ נפקא-מינה איז אים אַ גרויסע... זי איז דאָרטן געוויס נישטאָ".

פייערלעך פון תחילת נאַכט האָבן שוין פאַרטראַכטערהייט פון פאַרשידענע שטאָטווינקלען אַהער, צו זיין לויפנדיקער פור, געקוקט. זיי

האָבן דערמאָנט אָן דער גאַנצער צייט, וואָס אין משך פון איר איז ער אַפילו איינמאָל אַהער נישט געקומען, פאַרשטאַרקט די בענקשאַפט נאָך איר, דער געוועזענער כּלה, און ליבער געמאַכט דעם אָנדענק פון איר לאַנג נישט געזעענעם אומעטיקן פּנים.

ס׳האָט זיך געטראַכט:

דאָרטן, אין איינעם פון אָט די באַלויכטענע שטאָט־הייזער, זיצט זי איצט געוויס, אומעטיק און גלייכגילטיק צו די מענטשן, וואָס ריינגלען זיך אַרום, קוקט מיט די בלויע אויגן אויפן לאָמפּ און שווייגט.

און אויב ס׳ווערט דאָרטן אַ רייד וועגן אים, וועלוול בורנעס, אויב עמעץ זאָגט דאָרטן:

„אַ היפּש ביסל געלט וועט ער הייַנטיקס יאָר פאַרדינען... גאָר אַ היפּש ביסל״ —

רייסט זי, אויף אַ רגע, אָפּ די אומעטיקע אויגן פונם לאָמפּ און פרעגט:

„ווער? וועלוול בורנעס?״

און נאָכדעם קוקט זי ווייטער אומעטיק אינם לאָמפּ אַריין, קוקט לאַנג און שטיל, און קיינער ווייסט נישט וועגן וואָס זי טראַכט, און קיינער ווייסט נישט, צי זי האָט אויף די אָפּגעשיקטע תּנאָים חרטה, צי ניין.

פּלוצים האָט עמעץ דאָ, ביי די ערשטע שטאָט־הייזער, זיין פור אָפּגעשטעלט און גענומען צו אים שרייען אויפן קול:

„זיי זענען נישטאָ אינדערהיים, דער טאַטע מיט דער מאַמען... זיי זענען נאָך נעכטן גאַנצפרי אין קרייז־שטאָט אַוועקגעפאָרן״.

ער האָט זיך געשווינט אומגעקוקט און דערזען:

אַ בחור אַן עקאָנאָם איז דאָס געווען, אַ פּשוטער בחור אַן עקאָנאָם, וואָס האָט אין איינעם פון פאָטערס פּאָסעסיעס געדינט און איז איצט צו זיך אויפן דאָרף געגאַנגען נעכטיקן.

און איבער עפּעס האָט זיך דערפילט אַן אומכּבֿוד דערין, וואָס אָט דער בחור אין די הויכע שטיוול האָט אים דאָ אין אָנהייב שטאָט צוליב אַ נאַרישקייט אָפּגעשטעלט, דערין, וואָס פאָטער און מוטער

זענען, אָן זיין וויסן, נאָך נעכטן גאַנצפרי צוליב עפּעס אין קרייז־שטאָט אוועקגעפאָרן.

עמעץ האָט זיך, דוכט זיך, צווישן די שפּאַצירנדע פּאָרלעך אָפּגעשטעלט און פון זיין אומכּבוד געלאַכט. האָט ער שוין דערפאַר אַזוי אומצופרידן צום עקאָנאָם אַ געשריי געטאָן:

„נו, און אַז זיי זענען אינדערהיים נישטאָ, איז וואָס?"

און באַלד האָט ער פאַרן „שמייסערס" פּלייצעס אַ שלעפּ געטאָן און אים געהייסן פאָרן גיך, גיך. ער איז געווען אויפגערעגט און צעטראָגן, און האָט געטראַכט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך מיט זיין פור צו דער מיט שטאָט גערוקט:

„אַ נאַרישער עקאָנאָם... אַ מין טיפּש אַן עקאָנאָם"...

נאָר צוקומענדיק צום פּאָטערס שטוב, וואָס אַנטקעגן מאַרק, האָט ער דערזען, ווי די פענצטער פון זאַל זענען שטאַרק באַלויכטן און קוקן יום־טובדיק צו דער נאַכט אַרויס. ער האָט מיטאַמאָל אָן דער אייגענער אויפגערעגטקייט פאַרגעסן און זיך פאַרוואונדערט:

„געסט זאָלן דאָרטן זיין?... וואָס פאַר אַ געסט זאָלן איצט דאָרטן זיין?"

און באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אָן מירעלען, געכאַפּט אַ קוק אַהין, צו איר פּאָטערס שטוב, וועלכע האָט אַהער מיט פינצטערע פענצטער פון דער קעגנאיבערדיקער גאַס אַרויסגעקוקט. און דערפילט, ווי דאָס האַרץ הייבט ביי אים אָן געשווינט צו קלאַפּן:

„אַ קשיה אויף מירעלען? זי האָט איצט געקאָנט צו זיינע שוועסטער צוגאַסט קומען".

פּאַמעלעך האָט ער פון זיך אינם שטאַרק באַלויכטענעם פּעדערשטיבל דאָס אויבערשט אַראָפּגעצויגן. ער האָט געהאַט צייט און האָט אַפילו בשעת מעשה אַ שמייכל געטאָן צו דער באַיאָרטער יידענע, דער קעכין, וואָס איז דאָ אין איילענישביים עסצימער אַדורכגעגאַנגען. ער איז אַליין פון אָט דעם שמייכל שטאַרק צופרידן געבליבן:

„יעדנפאַלס באַדאַרף ער איצט זיין רויק און פאָרזיכטיק, און דער עיקר... דער עיקר – זיך נישט כאַפּן און נישט אַרויסווייזן, אַז ער איז מיט איר קומען צופרידן".

פאַרשידענע קולות האָבן זיך געטראָגן פון זאַל אין עסצימער

אַריין, וווּהין ער איז צולעצט אַריינגעקומען. מ׳האָט דאָרטן געחקירהט און זיך געקריגט, און דער קרומער סטודענט איז דאָרטן אויך געווען און געוואָלט אַלע קולות איבערשרייען.

„וואָרט: פיל האָבן ביז היינטיקן טאָג געגעבן די מעטאַ־פיזיקער ?״

אַ ברודערל זיינער, אַ קינד, איז צופעליק פון דעם זאַל אַהער אין עסצימער אַרויסגעגאַנגען, אים דערזען, צוגעלאָפן און אים מיט ביידע הענטלעך פאַר די קני אַרומגעכאַפּט, האָט ער אים אין דער לופטן אויפגעהויבן, אויף אַ בענקל אַוועקגעשטעלט און גענומען דער־צו שמייכלען:

„דו לויפסט אַרום, אַ ? לויפסט אַרום ?״

נאָר די טיר פון זאַל איז שוין נאָכן ברודערל אָפן געבליבן, און די אויגן זיינע האָבן זיך פון צייט צו צייט בגנבה געצויגן און געזען:

אַחוץ דעם קרומען ליפקיסן איז דאָרט אויך פאַראַן יענער גרויס־שטאָטיקער סטודענט, וואָס דער פאָטער זיינער האָט אים נישט לאַנג פאַר די קינדער אַראָפּגעבראַכט. איינע פון זיינע קלענערע שוועסטער און עפּעס אַ היפּש און אומבאַקאַנט מיידל. די שוועסטער מיטן פרעמדן מיידל זיצן אויפן ווייכן דיוואַן, און זיי, די סטודענטן, שטייען ביידע איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, האָבן פאַרפלאַמטע פּנימער און זענען שטאַרק פאַרטיפט אין זייער וויכוח.

ער איז אַהין ענדלעך אַריינגעגאַנגען, געוואָר געוואָרן עפּעס ביי דער שוועסטער וועגן די אַוועקגעפאָרענע פאָטער און מוטער, צוגע־גאַנגען אויך צום גרויס־שטאָטיקן סטודענט, אים די האַנט געגעבן און ביי אים דערביי לייטיש אַ פרעג געטאָן:

„וואָס זשע מאַכט ער עפּעס ? ווי לעבט זיך ?״

איז אָבער יענער אַזוי צעטראָגן פון דער חקירה געווען, אים גאָרנישט נישט געענטפערט און נאָך אַלץ געשריען צום קרומען ליפקיסן:

„נו, און ליבע ?... נו, און יעדער געדאַנק, וואָס גייט איבער אין ,אָשטשושטשעניע׳ ?״

דאָ, ביי זיין טאַטן אין שטוב, האָבן אים אָט די צוויי סטודענטן נישט באַמערקט, דעם גאַנצן אָוונט געחקירהט וועגן דעם, וואָס ער

האָט נישט פאַרשטאַנען, און אַפילו פאַרגעסן, צי ער דרייט זיך דאָ אַרום זיי. און ער האָט נאָך דאָ באַדאַרפט בלייבן נעכטיקן און, אומ־קערנדיק זיך ניין אַזייגער אינדערפרי צוריק אין פּאָלוועריק, דורכפאָרן דעם מערבדיקן עק פון שטעטל און זען:

מירעלע זיצט אַן אָנגעטוענע אויף אַ קרייז־שטאָטיקן בעל־עגלהס פאַעטאָן און וואַרט דאָרטן ביי איינער אַ זייטיקער שטוב אויפן קרומען סטודענט ליפּקיסן, וואַרט אויף אים אויפגעלייגטערהייט און שמייכלט. און ער, דער קרומער ליפּקיס...

ער הינקט אַהער צום פאַעטאָן אין גרויס איילעניש, האָט אַ שטאַרק צעטראָגן און נאַר־וואָס אָפּגעזייפט פּנים, און הערט זיך נישט צו צו דעם, וואָס די מוטער זיינע, די אַלמנה, שרייט אים נאָך, פון דער אָפענער שטוב־טיר:

„ליפּאַ, כ'בעט דיך: נעם מיט דעם גראָבן פּאַלטאָ... וואָס אַרט דיך, ליפּאַ?... נעם מיט דעם פּאַלטאָ".

ער האָט זיך צו זיך אויפן פּאָלוועריק אומגעקערט, געווען אויפגע־רעגט און האָט ביי זיך באַשלאָסן:

„פון היינט אָן הייבט ער אָן צו פאָרן אין שטאָט זעלטן... גאָר, גאָר זעלטן"...

III

און ער האָט אָנגעהויבן פאָרן אַהין זעלטן, גאָר, גאָר זעלטן.

איינעם אַ מעקלער, וועלכער האָט אים קונים אויפן נשאר פון די פאַרבליבענע תבואות פאַרגעגעבן, האָט ער אַפילו געזאָגט:

„ס'מעג די סוחרים אָנשטיין אַהער, צו מיר אַראָפּפאָרן... ניש־קשה, איך שטופּ קיין מענטשן פון מיין שטוב נישט אַרויס".

און איבערצייגט איז ער בשעת מעשה געווען, אַז דער מעקלער וועט אָט די ווערטער זיינע ביי זיין געוועזענעם מחותן אין שטוב איבערגעבן; אַז סוף־כל־סוף וועלן צו אים אָנהייבן קומען סוחרים פון שטאָט, קומען לייטיש און בכבודיק, ווי לייטיש און בכבודיק זיי קומען אַהין, צו די אַרומיקע פּריצים.

אַ רויקער און שטיל־וואַרטנדער איז ער אַלע טאָג געגאַנגען צו זיינע נידעריקע תבואה־שאָפּן און אַהין, ווי פול גוים און גוייעס האָבן זיך איבער זיינע עקסטע פעלדער פאַרשפרייט און אים אין גרויס איילעניש זיינע בוראַקעס אויסגעגראָבן; און אינאָוונט איז ער אין זיין באַלויכטן שטיבל איינער אַליין אויף דער קאַנאַפּע געלעגן, גע־טראַכט וועגן זיך, וועגן געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, און וועגן דעם, וואָס דאָרטן, אין שטעטל, דרייט זיך שוין מירעלע אין אַ וואַרעמען האַרבסט־קאָפּטל איבער די קילע און טונקעלע געסלעך; זיך דערמאָנט אָן זיינע זעקס טויזנט רובל, וואָס ליגן נאָך צוזאַמען מיט מירעלעס דריי ביים אַלטן קאַשפּעריוּוקער גראַף, און הנאה געהאַט פונם נייעם מעבל, וואָס דערמיט האָט ער נישט לאַנג זיין פּריציש שטיבל אויס־געשטעלט:

„האָט ער, הייסט עס, גוט געטאָן, וואָס ער האָט אויף אָט די מעבל גאַנצע דריי הונדערט רובל געפּטרט, אַ? געוויס גוט געטאָן".

אינדרויסן, אַרום זיין באַלויכטן שטיבל, איז דענסטמאָל גע־ווען אַזוי אויסגעשטאָרבן און שטיל. אַן אויסגעשטערנטער, אומגעווייגלעך ברייטער הימל האָט זיך אין דער הייך איבערן פאַרטונקלטן און פרי־שלאָפנדיקן דאָרף געצויגן, און נאָר אינם גלחס אָפּגעצאַמטן הויף האָבן פון תחילת נאַכט אָן געבילט די בייזע הינט, געמאַכט געוואַלטן איבער יעדן מינדסטן נאָענטן און ווייטן גערודער, אָדער גלאַט אַזוי פאַרריסן די פּיסקעס ערגעץ אַהין, צום שלאָפנדיקן דאָרף צו און פאַרפולט אלולדיק די קילע נאַכט־לופט מיט זייער אומעטיקער בייז־וואונדער־יללה.

אַרום אַכט אַזייגער פלעגן אָקאָרשט די הינט מיטאַמאָל בייזער און רציחהדיקער צו בילן אָנהייבן, און טריט, שווערע און גויישע, האָבן זיך נאָענט ביי דער קיך־טיר געלאָזט הערן. דעמאָלט פלעגט ער, ליגנדיק אויף דער קאַנאַפּע, דעם קאָפּ אויפהייבן, די אויערן אָנשטרענגען און נעמען שרייען אַהין צו דער אָפענער טיר:

„אַלעקסיי, ס'איז עפּעס פאַראַן פון פּאָסט, אַלעקסיי?"

ער האָט געוווּסט, אַז מער, ווי אַ בלאַט „בירזשעוויאַ וועדאָמאָסטי" וועט אים פון פּאָסט נישט אָנקומען, און דאָך האָט ער אַלע אָוונט די זעלבע ווערטער צום גוי זיינעם געשריגן, זיי געשריגן דערפאַר,

וואָס זיי זענען אים געפעלן, און דערפאַר, וואָס ס׳האָבן זיי אָפטמאָל געשריגן יענע אויסגעאיידלטע פּריצים, וואָס מיט זיי האָט ער שכנישע עסקים געהאַט.

לאַנג און באַלעבאַטיש ברייט איז ער נאָכדעם אַ פאַרמוחטער ביים לאָמפּ מיטן בלויען אַבאַזשור געזעסן און האָט אין אַלע זייטן פון אָט דער פּובאַנדערגעשפּרייטער בלאַט אַריינגעקוקט. ער האָט דורכגע־לייענט עטלעכע מאָל אויפן קול יענע ערטער, וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען, און דער עיקר נישט דורכגעלאָזט דעם קורס פון רענטע, וואָס אין דער בערזע־אָפּטיילונג. ער אַליין האָט שוין געהאַט אַ היפּש ביסל מזומן־געלט, געקאָנט אין יעדער צייט קויפן דערפאַר רענטע און זי, פּונקט ווי די פּריצים, האַלטן פאַרשלאָסן ביי זיך אין קאָמאָדע; און אַחוץ דעם, האָט זיך די רענטע שטענדיק געפונען ביים קליין־ווּקסיקן, תּמיד פרייליכן און תּמיד באַשעפּטיקטן נחום טאַראַביי, ביי יענעם זעלבן נחום טאַראַביי, וועלכער האָט מיט אַכצן וויאָרסט ווי־טער, ביי דער רייכער צוקער־פאַבריק, געוווינט, געפירט דאָרטן אַ פּריציש־נגידישע שטוב און האָט זיינע קינדער ערגעץ אין אַ גרויסער און וייטער שטאָט געלערנט. באַגעגנדיק זיך ערגעץ־ווּ צווישן מענטשן מיט אָט דעם נחום טאַראַביי, האָט ער שוין אַפילו איינמאָל געהאַט די מעגלעכקייט אים צו דערוויזן, אַז ער, וועלוול בורנעס, איז שוין גאָרנישט אַזוי פאַרגרעבט, און געקאָנט ביי אים פרייליך אַ פרעג טאָן אין דער הייך:

„פאַני טאַראַביי, ווי האַלט עפּעס היינטיקע וואָך מיט דער ‚פיר־פּראָצענטנדיקער׳? יענע וואָך, שרייבט די בלאַט, איז די ‚פיר־פּראָצענטנדיקע׳ געלעגן טיף אין דער אדמה״.

טאַראַביי האָט דענסטמאָל אַפילו אין אַ ווערטל אויף אים זיינע היפּשע רירעוודיקע אויגעלעך אויסגעגלאַנצט און דאָס מויל צופיל געעפנט:

„ע?... ער שמועסט שוין גאָר וועגן רענטע?״...

געבליבן אַ ווײַלע שטיין מיט אַ פלומרשט ערשטוינטן פּנים און מיט אַן אָפן מויל און אים גאָרנישט געענטפערט.

און אַזוי פיל באַדייט האָט דאָס שוין, אָט דער ערשטוינטער פּנים זיינער. נישט אומזיסט האָט אים שוין אין אַ קליין שטיקל צייט

אַרום דערציילט דער מעקלער, וואָס איז צו אים אָפּט מיט זיין פערד און וועגעלע געקומען:

„זאָל ער אַזוי לעבן, ווי נחום טאַראַבײַ האָט אים, וועלוול בורנעסן, דאָ נישט לאַנג פאַר אַ גאַנצע מחנה סוחרים געלויבט".

זאָל ער אַזוי אַ גליקלעך יאָר האָבן, ווי ער האָט דאָרטן געהערט פון נחום טאַראַבײַס מויל:

„געדענקט מיינע ווערטער: ביי אברהם-משה בורנעס וואַקסט אַ בחור אַן אַנטיקל, כ'זאָג אייך: אַ פריצישער כאַראַקטער".

---

איינמאָל האָט אים שוין אַפילו אָט דער נחום טאַראַבײַ מכבד געווען דערמיט, וואָס דורכפאָרנדיק פאַרבײַ זיין פּאָלוועריק, איז ער צו אים מיט זיין נייעם פאַעטאָן אין הויף פאַרפאָרן און האָט דאָרטן ביים אָנטרייבער, אַלעקסייען, אַ פרעג געטאָן פריילעך און אויף פויליש:

„צי פאַן בורנעס דאָמאַ?"

אַרום פיר אַזייגער ביי טאָג איז דאָס געווען.

דורכן פענצטער האָט ער דענסטמאָל טאַראַבײַען אַראָפּשרינגען פונם פאַעטאָן דערזען, געוואָרן שטאַרק מבולבל, אים געשווינט די טיר פונם פאָרנטיקן, תמיד געשלאָסענעם גאַניק געעפנט און אים מיט גרויס דרך-ארץ צו זיך אין שטוב אַריינגעפירט.

ער האָט געהאַט אַזעלכע שאַרפע און לעבעדיקע אויגעלעך, אָט דער קליין-וווּקסיקער פריצישער נגיד, באַמערקט אַפילו דאָס מעשענע בלעטל, וואָס איז אינדרויסן צו דער טיר פון גאַניק געווען צוגע-קלאַפּט און, אַריינגייענדיק אין שטוב, אים געלויבט:

„אָט אַזוי!... אַזוי!... כ'מיין, וואָס זשע דען? צוליב וואָס לעבט מען אויף דער וועלט?"

און אַ טבע האָט אָט דער נחום געהאַט אַסך צו פּלאַפּלען וועגן זיך, וועגן זיינע ברייטע מסחרים און ברייטער שטוב, צו טייטלען בשעת מעשה מיט איינעם אַ פינגער צו זיך אינם האַרטן קראַגן און אַרויס-צורוקן אַלע מאָל די האַרטע מאַנזשעטלעך פון אונטער די מיטלמעסיק קורצע אַרבל.

באַדאַרפט האָט ער סך-הכל קריגן ביי אים אין פּאָלוועריק אַ צוויי-

דריי הונדערט קלאַפּטער שטרוי צוליב זיינע אָקסן־שטאַלן, וואָס אין צוקער־פאַבריק, נאָר וועגן דעם איז דאָך געווען געגנוג צו רעדן אַגב־אורחא, אויפזועצנדיק זיך אין דרויסן אויפן פּאַטאַן. לעת־עתה האָט טאַראַבײַ געקאָנט אַביסל פרייליך פּלאַפּלען, דערציילן וועגן זיין עלטערן זון, וואָס דינט ערגעץ אין אַ גרויסער באַנק, וועגן קלענערן, וואָס לערנט אין פּאָליטעכניקום און וועגן דער דריי־און־צוואַנציק־יאָריקער מיידל זיינער, וואָס האָט שטאַרק ליב דאָס דאָרף מיט דער היים און האָט, זיצנדיק דאָרטן די גאַנצע צייט, דאָס לערנען פאַר־שפּעטיקט —

זאָגט זי צו אים נישט לאַנג, אָט דאָס מיידל זיינס:

„זי וויל פאָרן קיין אָדעס".

ענטפערט ער איר:

„פאָר קיין אָדעס".

קומט זי אין דריי וואָכן אַרום צוריק פון אָדעס, באַווייזט אים שוואַרץ אויף ווייס און זאָגט אים:

„דו זעסט, טאַטע, כ'האָב אויף זעקס קלאַסן אויסגעהאַלטן".

און ביי אים, דעם זיבן־און־צוואַנציק־יאָריקן בחור, האָבן זיך שוין נאָכדעם אַ שטיק צייט געדרייט אינם טעמפּן קאָפּ אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען וועגן טאַראַבײַס מיידל און וועגן זיין געוועזענער כּלה. און געדוכט האָט זיך אים, אַז דאָס, וואָס טאַראַבײַס מיידל האָט אויף זעקס קלאַסן אויסגעהאַלטן, האָט עפּעס אַ שייכות צו אים, צו דעם, וואָס מירעלע האָט אים די תנאים אָפּגעשיקט און גייט אַרום מיטן סטודענט ליפּקיס, אַז אָט דאָס אַלץ מאַכט אים קליין און צו גאָרנישט, אַז סוף־כּל־סוף טאָר ער עס אויף ווייטער נישט דערלאָזן און מוז זוכן דערצו אַן עצה.

און דעמאָלט האָט זיך מיט אים געטראָפן דאָס, וואָס האָט זיך אייגנטלעך מיט אים טרעפן נישט באַדאַרפט.

ער האָט אָנגעהויבן צופיל וואַרפן אויגן אויפן „שייגעץ" דעם דאָרף־לערער, וואָס איז אַלע טאָג צום גלחס איבערגעוואַקסענע מיידלעך געגאַנגען, אים צולעצט פאַרבעטן צו זיך און אָנגעהויבן מיט אים בשתיקה צו לערנען.

איינמאָל האָט ער אַפילו צו אָט דעם „שייגעץ" געזאָגט:

„אַ שכלדיקער לימוד – תּשבורת... גאָר אַ שכלדיקער לימוד".

און דער „שייגעץ" איז געגאַנגען און האָט מיט לצנות זיינע ווערטער צעפּויקט.

דעם גלחס מיידלעך האָבן זיך שוין נאָכדעם געשטיקט פון געלעכטער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן אים נאָענט פאַרביי זייער גאַניק געזען דורכגיין. און דאָרטן אין שטאָט האָט מירעלע איינמאָל זיינע שוועסטער אָפּגעשטעלט און מיט אַ שטאָך ביי זיי געפרעגט:

„ער קלערט, אַפּנים, אין אוניווערסיטעט אָנקומען, אייער וואָווע?"

## IV

ווידער האָט ער זיך מיט נחום טאַראַביי באַגעגנט.

דאָס איז געווען אין צוקער-פאַבריק, וווּ ער האָט פאַר זיינע צוגעשטעלטע בוראַקעס געלט באַקומען.

ער איז דאָרטן געשטאַנען פאַר טאַראַבייען מיט דרך-ארץ פון אַ געטרייען און שעמעוודיקן תּלמיד און האָט געהערט, ווי ער פּלאַפּלט פריילעך וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך נישט לאַנג מיט זיין געוועזענער כּלה אין שטאָט באַגעגנט און האָט מיט איר אַן איידעלן שמועס געפירט.

דאָרטן, ביי איר פאָטער אין שטוב, האָט ער זי פאַרן אַוועקפאָרן, אויפן פריצישן שטייגער, אַרומגענומען, איר געזאָגט „יאַסנאָוועלמאָזשנאַ פּאַננאַ" און האָט איר וועגן אים, וועלוועלען, שטילערהייט אַ סוד איינגערעדט:

„ער האָט פאַר איר אַ שידוך... אַן אַנטיקל אַ שידוך האָט ער פאַר איר".

און באַלד האָט ער צו וועלוועלען מיט איין צוזאַמענגעצויגן אויג אַ שעלמישן ווינק געטאָן און האָט אים די האַנט אויף די פּלייצעס אַרויפגעלייגט:

„זאָל ער קיין יסורים נישט האָבן און זיך פאַרלאָזן אויף אים, טאַראַבייען".

און אַ שבועה האָט ער אים נאָך דערביי געגעבן:

„אַזאַ יאָר אויף אים, ס'אַר אַ טייער ווייבל מירעלע וועט פאַר אים זיין".

ער איז דעמאָלט אַזוי דאַנקבאַר געווען אָט דעם קלוגן און פריילעכן טאַראַבייען, געטראַכט וועגן אים, אַהיים פאָרנדיק, מיט גרויס אַכטונג און געשמייכלט צו זיך אַליין:

„אָט דאָס הייסט אַ קלוגער מענטש... אָט דאָס הייסט אַ וועלטלעכער מענטש".

אפשר צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד איז ער נאָכדעם אויפגערעגט און פריילעך געווען, צופיל מכבד געווען מיט טיי דעם מעקלער, וועלכער איז צו אים פון שטאָט געקומען, שוין אַפילו אַן איבעריקן מאָל געגאַנגען צום אָנטרייבער זיינעם אין שטאַל אַריין און פאַר אים פריילעכהייט איבערגעחזרט:

„מ'באַדאַרף דיר קויפן אַ ניי היטל, אַלעקסיי... זאָלסט מיך וועגן דעם דערמאָנען אין קרייז-שטאָט"...

ס'איז געווען גוט צו ליגן דאָ גאַנצע אָוונטן אויפן בעט, צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס דאָ אין פאָדער-שטיבל וועט ענדלעך הענגען מירעלעס האַרבסט-סאַק, און צו פאָרשטעלן זיך, ווי אַזוי ער וועט אַמאָל, ליגנדיק דאָ אין דעם זעלבן בעט, ענטפערן מירעלען:

„וואָס זשע? ער ,זשאַלעוועט' איר די פור, ,זשאַלעוועט' ער איר? אויב זי וויל פאָרן אין שטאָט, טאָ זאָל זי הייסן די פור שפאַנען און פאָרן".

אויף עפעס האָט ער געוואַרט, נישט געהאַט קיין געדולד און האָט געוואָלט טרעפן, ווי אַזוי טאַראַביי וועט זיין הבטחה מקיים זיין.

„וועט, הייסט, אינגיכן טאַראַביי צו זיי אין שטאָט אַראָפּקומען... געוויס וועט ער אינגיכן צוליב זיינע געשעפטן אַהין אַראָפּקומען און וועט צו זיין מחותן פאַרפאָרן".

נאָר טעג נאָך טעג האָבן זיך גערוקט, און טאַראַבייס פאַעטאָן האָט זיך נאָך אַלץ דאָרטן אין שטאָט נישט באַוויזן.

מירעלע האָט נאָך אַלץ פאַרן קרומען סטודענט, ווי פאַר אַן אייגענעם ברודער, געזאָרגט. זיך שוין אַפילו אין זיינע אינטערעסן געמישט און אונטער זיינע אויגן פאַר אים געטענהט:

„וואָס זשע דען? ס'איז אַ תכלית פאַר אים אָט דאָס, וואָס ער

וועט דאָ ביי זיין מאַמעס פאַרטעך זיצן און וועט די שטאָט־מיידלעך תורה לערנען ?״

קיין נייעס איז דאָרטן אין שטאָט נישט פאָרגעקומען, אַחוץ דעם, וואָס שלעכטע קלאַנגען האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן וועגן דעם אַלטן קאַשפּעריווקער גראַף, וועלכער האָט שוין דעמאָלט אין אויסלאַנד ביי זיין איידעם געוווינט:

„דער גראַף זעצט אָן, נישט אַנדערש, און קאַשפּעריווקע גייט איבער צו דער באַנק".

די מאַמע זיינע האָט אים אַהער אָפטע בריוולעך וועגן אָט די קלאַנגען געשריבן. געשאָלטן אין זיי דעם געוועזענעם מחותן מיט דער געוועזענער כּלה און זיך געהאַלטן אין איין קלאָגן:

„זעקס טויזנט רובל... אַ שפּילעכל? היינטיקע יאָרן זעקס טויזנט רובל".

און וואָס נאָך:

„די וועקסלען זענען דאָך נאָך עד היום אויף גדליה הורוויצעס נאָמען געשריבן, און דער גראַף קען קיינעם נישט, אַחוץ אים".

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט ער ווידער אָנגעהויבן אָפּ־צושלאָפן פיל פאַרקירצטע און קילע תּשרידיקע טעג, פאַרפולט די לופט פון זיין שטיל אויסגעמעבלירט שטיבל מיט אַ שווערן און אומעטיקן שנאָרכן, זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט און זיך דערמאָנט:

יסורים שווערע זענען אויף אים געקומען... און גאָרנישט וועט נישט זיין דערפון, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט וועגן מירעלען גע־קלערט... און דער עיקר... דער עיקר — איז ער אַ נאַר געווען און האָט צופיל געלט אויפן מעבל און אויף די נייע פערד געפּטרט.

נאָכדעם איז איינמאָל דאָ אין דאָרף אַ סוף פון אַ מאָדנע וואַרעמען זונטאָג געווען. די זייט־הימלדיקע זון האָט אין רויט־גאָלד שטרויענע דעכער מיט אָפּגעפּאַלענע בוימער געפאַרבט, און גויים אין שוואַרצע סוויטקעס זענען ביי דער קראָם פון דער איינזאַמער יידישער שטוב געשטאַנען, זיך איבער דער רויטער שיין געפילט צו קינדעריש און צו גוט, געטראַכט עפּעס וועגן דעם ברויט, וואָס דערמיט האָבן זיי זיך אויף אַ זאַטן ווינטער פאַרגרייט און געשמייכלט איינער צום צווייטן:

„צייט, די ווענט פון די שטיבער מיט אויסגעדראָשענע סנאָפּעס אַרומשטעלן, אַ ?"

צו אים איז דעמאָלט דעם טאַטנס אַ מענטש מיטן גראַפּס וועקס-לען געקומען, אים פון שלאָף אויפגעוועקט און אים אַ מאָדנע אויפ-געוועגטע ידיעה איבערגעגעבן:

„דער אַלטער גראַף איז נאָך ביינאַכט קיין קאַשפּעריווקע געקומען, און דער מחותן זיינער... דער מחותן האָט נאָך, אַ סברה, גאַנצפרי אַהין מיט זיין פור אַוועקגעשמיסן".

פאַרשלאָפענערהייט איז ער מיט זיין פור קיין קאַשפּעריווקע אַוועקגעלאָפן, געטראָפן דעם אַלטן גראַף איינעם אַליין, אינם פוסטן הויף, ווו דאָס מעבל איז שוין אַפילו פאַרפּאַקט געווען, און ביי אים בשלמות באַקומען אויף אַלע זיינע וועקסלען, וועלכע זענען אויף גדליה הורוויצעס נאָמען געווען. דער אַלטער גראַף האָט נאָך אַפילו געמיינט, אַז ער, גדליה הורוויץ, האָט אים אַהער מיט די וועקסלען צוגעשיקט און דערפאַר געבעטן, ער זאָל אָט דעם גדליה הורוויצן איבערגעבן:

„זעקס טויזנט רובל צאָלט ער אים איין, און די איבעריקע דריי טויזנט... די איבעריקע האָט ער איצט נישט און וועט זיי אים פון אויסלאַנד צושיקן".

און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין געוועזענעם מחותנס דריי טויזנט רובל זענען פאַרפאַלן, געפילט, אַז ער טוט איצט אַ נידעריקע זאַך, און דאָך צום גראַף מיטן קאָפּ געשאָקלט:

„גוט, גוט... ער וועט אים איבערגעבן".

ערשט תחילת נאַכט, ווען אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער זיך מיט זיין פור אויפן ערשטן באַרג, וואָס נאָך קאַשפּעריווקע, אַרויפ-געדראַפּעט, האָט ער פונוווייטנס זיין געוועזענעם מחותנס פור מיטן קליינעם שייגעץ, דעם אָנטרייבער, דערקענט, דערפילט אַ שטאַרק האַרץ-קלאַפּונג און געשווינט געהייסן זיין אָנטרייבער פאַרקערעווען לינקס צום זייטיקן און שטאַרק-שמאָלן וועג. ער איז געווען דערשראָקן, זיך עפּעס נישט געגלויבט און האָט צום ערשטן מאָל וועגן דעם מחותן זיינעם אַ טראַכט געטאָן:

„איז ער, אַפּנים, פון גאַנצפרי אָן ביי זיך אין וועלדל געווען?... פאָרט ער אָקאָרשט איצט צום קאַשפּעריווקער גראַף?"

און איבער עפּעס האָט ער נאָך אַלע מאָל פונם זייטיקן וועג צו זיין מחותּנס פור אויגן געוואָרפן און האָט געזען:

די לאַנגע אויסגעדאַרטע פערד זענען, ווי אַלע מאָל, שלעכט אין דער אָפּגעפּאָרענער בריטשקע געשפּאַנט, ביים רעכטן פערד זענען די פּאַסטראָמקעס צו קורץ, און ער האַלט דערפאַר אין איין שפּרינגען; ביים לינקן, מיטן אויסגעגלאָצטן בלינדן אויג, זענען די „שלייעס" צו גרויס, און ער שלעפּט דערפאַר נישט מיט דער ברוסט, נאָר מיטן אָנהייב רוקן. און אויבנאָן זיצט מיט פאַרלייגטע הענט ר' גדליה הורוויץ אַליין, דער צעטראָגענער קאָפּ מיט דער שפּיציקער נאָז און מיט די גילדענע ברילן אַביסל פאַרריסן און די טונקעלע צוויי־זייטנדיקע באָרד פונאַנדערגעלאָזן אויף רעכטס און אויף לינקס.

ער איז געווען שטאַרק אומעטיק און דערשראָקן, און האָט געטראַכט:

„איז שוין, הייסט עס, מיט די תּנאים אַן עק?... לחלוטין אַן עק?"...

---

אויפן צווייטן טאָג איז ער אויפגעשטאַנען גאַנצפרי און האָט געהייסן די פור שפּאַנען.

אינדרויסן איז געווען וואָלקנדיק און קיל, און אַ רעגנדל אַ סוף־תּשרידיקער האָט זיך אַלע מאָל טריפן געלאָזט, אָנגעהויבן, אויפגעהערט און זיך ווידער געלאָזט.

ער האָט דעם גאַנצן וועג אין שטאָט אַריין געהאַט אַ ברוגזן און שטאַרק־אומעטיקן פּנים, געטראַכט וועגן נחום טאַראַבייס שטאָלצער און שלעכט־שווייגנדיקער מיידל, וועלכע ער האָט איינמאָל אין קרייז־שטאָט געזען, און איז צו אַ באַשלוס געקומען:

„זי וועט אים נישט וועלן, נחום טאַראַבייס מיידל, געוויס וועט זי אים נישט וועלן".

נאָך בייגאַכט האָט ער, טראַכטנדיק וועגן מירעלען, באַשטימט:

„ער וועט אַהין, צום מחותּן זיינעם, צופאָרן און וועט אים זיין חלק געלט אָפּגעבן".

אים אַליין איז שוין אָט דער באַשלוס אַזוי געפעלן געווען, און געוואָלט האָט ער שוין אַפילו וויסן, וואָס וועלן דערויף זאָגן מענטשן, און דער עיקר... וואָס וועט דערויף זאָגן נחום טאַראַבי.

נאָר אַריינקומענדיק צום פּאָטער אין שטוב, האָט ער דאָרטן נאָך אין קאָרידאָר דערהערט, ווי אין קליינעם קאַבינעטל שרייט שוין מיט היץ ר׳ גדליה הורוויצעס צוגעשיקטער בורר, און ווי דער טאַטע זיינער שלאָגט אים דאָרטן אַלע מאָל איבער די רייד מיט זיין שטילער עס־הארצישער טענה:

„און ווי וואָלט געווען זיין, ווען ס׳וואָלט געווען טרעפן פאַרקערט?״

ער איז דאָ אַ ווײַלע געשטאַנען און זיך צו די טענות צוגעהערט.

אין מוח האָט זיך ביי אים נאָך אַמאָל די שאלה איבערגעחזרט:

„איז שוין, הייסט עס, אַן עק צו די תנאים?... איז שוין, הייסט עס, נאָך אַלעמען?״

און איבער עפּעס האָט ער זיך געלאָזט גיין נישט אין קליינעם קאַבינעטל, נאָר גאָר אַהין אין עסצימער, וווּ די מאַמע זיינע האָט פאַר פרעמדע מענטשן די געוועזענע כלה זיינע געשאָלטן. ער האָט דאָרטן מיט אַמאָל באַקומען אַ שטרענג און אומצופרידן פּנים און האָט אויף איר בייז און לייטיש אָנגעשריגן:

„שאַ! קוק זי נאָר אָן?!״

# נאָך אַלעמען

II

## I

געפּלאָנטערט האָבן זיך אַלץ מער און מער ר׳ גדליה הורוויצעס געשעפטן, און אַ באַהאַלטענע אומרויִקייט איז שוין געפאַלן אויף אים, דעם צעטראָגענעם בן-תּורה, און אויף זיין גאַנצער יחוסדיק-שטילער, בגידישער שטוב.

וועגן עפּעס האָבן זיי זיך שוין גאַנצע נעכט געסודעט, ר׳ גדליה מיטן וועלטלעכן געשוועסטערקינד, דעם קאַסיר און גרויסן מקורב זיינעם. סודענדיק זיך, איז מען אַזוי ביידע אין אַ באַזונדער חדר די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן און די דריטע אַשמורה נישט באַמערקט, געעפנט צולעצט אַ לאָדן מיט אַ פענצטער און דערזען:

פון צפון-מזרחדיקן הימל-ווינקל קומט שטיל און טרויעריק דער טונקעלער אָנהויב פונם אלולדיקן טאָג, רוקט זיך אַהער פּאַמעלעך-פּאַמעלעך און טרייבט פונדאַנען, ווי אַ שטומער, די לעצטע רגעים פון דער בלאַסער, פאַרשפּעטיקטער נאַכט. אַרום איז שוין אַלץ גרוי; בהמות, וואָס געפינען זיך נאָך אין די פאַרשלאָפענע באַלעבאַטישע הויפן, שרייען שוין מיט אַזאַ בענקשאַפט צו זייערע פאַרשפּאַרטע קעלבלעך און צו דעם נאַסן גראָז, וואָס אין פעלד, און הענער ערוואַכן שוין צום דריטן מאָל אין פאַרשידענע ווינקלען, וואָס אין שטעטל, און אין אַרומיקן גויישן דאָרף. זיי שרייען פון נאָענט און פון ווייט און כאַפּן אויס איינער ביים צווייטן די ערשטע אויסגעצויגענע טאָג-ברכה:

„קו-קו-רו-קו-ו!"

דער באַטראַכטער און שטאַרק-איבערגעגעבענער קאַסיר, דער קרוב, האָט זיך דענסטמאָל נאָך אַלץ פאַרקלערט און פּאַמעלעך מיט אַ פינגער אין נאָז געקלאַפּט, און דער תּמיד-צעטראָגענער ר׳ גדליה האָט פאַר אים, ווי אַלעמאָל, מיט נייע, ברייטע פּלענער געשאָטן און

זיך אַלעמאָל אַזוי נאָענט צו אים, דעם פּאַרקלערטן קאַסיר, צוגעבויגן, גלייך ווי ער וואָלט אים פון דער זייט גאָלדענע ברילן וועלן אַריבער־נעמען, און ביי אים געשווינט פרעגן:

„וואָס? נישט אַזוי?"

מער ווי שטענדיק האָט ער זיך שוין אין יענער צייט באַנוצט מיט זיין ווייכער גאַליציאַנישער אויסשפּראַך און, זיצנדיק, זיך מיט זיין גאַנצן אויבערשטן האַלבן גוף אַ וואָרף געטאָן פאָרויס, יעדעס מאָל, ווען אַ מענטש איז צו אים אין שטוב אַריינגעקומען: גלייך ווי עמעצער וואָלט דעמסטמאָל פּלוצים אַ דריק געטאָן עפּעס אַ פאַרהוילן עלעקטריש קנעפּל, וואָס פון הינטן, אויף זיינע פּלייצעס, און וואָלט אים נויטן, ער זאָל זיך מיטאַמאָל צוליבן כבוד פונם גאַסט אַ נויג טאָן און זאָל מיטאַמאָל פון זיך אויסשיסן די פּאָר געוויינלעכע ווערטער:

„זיצט, ר' ייד!"

פאַר עפּעס אַ סכנה האָט מען זיך דאָרטן אַלע צוזאַמען געשראָקן און מורא געהאַט זי זאָל אין יעדער רגע אין שטוב נישט אַריינקומען; מורא געהאַט, האָט מען אַזוי ביז שפּעט צו ווינטער צו, ווען איבער אַ נאַרעשקייט האָבן זיך די געשעפטן נאָך מער פאַרדרייט, און צע־טראָגענע מעשהלעך האָבן זיך כמעט איבער דער גאַנצער געגנט גע־לאָזט הערן:

אַ מעשה מיט ר' גדליה הורוויצעס אַ לאַנגאָנעדיקן שונא פון קרייז־שטאָט, וואָס האָט דאָרטן אין באַנק דעם אמתן קנייטל פאַר אים געלייגט.

אַ מעשה מיטן אַלטן דירעקטאָר פון אָט דער זעלבער באַנק, הורוויצעס אַ שטענדיקן גוטן־פריינט, וואָס האָט אַליין אָנגעזאָגט, מ'זאָל זיין זהיר וזהיר און מ'זאָל אים מער קיין קאָפּיקע קרעדיט נישט געבן.

צו אָפט איז שוין דעמסטמאָל ר' גדליה מיט זיין אייגענער פור אין קרייז־שטאָט געלאָפן.

פאָרן האָט ער זיך אַהין געלאָזט ס'רוב נאָך אום זונטאָג, אומ־געקערט האָט ער זיך פון דאָרטן כמעט אַלעמאָל אָקאָרשט פרייטאָג פאַר ליכט־בענטשן, אַריינגעלאָפן מיט איילעניש אין שטוב און דערזען:

אינם שוואַרצן זיידענעם קאָפּטל, אינם שבתדיקן פאַריק מיט די בריליאַנטענע אויערינגלעך זיצט שוין גיטעלע, דאָס ווייב זיינס, ביי די

זילבערנע לייכטער, וואָס אויפן ווייס-געשפרייטן טיש מיט די צוגעדעקטע חלות; זי קוקט אויף די רויטע, נישט-לאַנג אויסגעזייפטע נעגל און וואַרט, אַז אין דער קאַלכיקער שורה הייזער, וואָס קעגנאיבער דעם וועג, זאָל זיך ביים רב אין פענצטער דאָס ערשטע פרייטאָג-צו-נאַכטיקע פייערל אָנצינדן.

ר׳ גדליה איז דענסטמאָל, ווי שטענדיק, געווען שטאַרק באַשעפטיקט און צעטראָגן, געטרונקען אויף גיך ביי אָט דעם טיש טיי פון דער שאָל און נישט באַמערקט, אַז דער דאַשעק פון זיין זיידן היטל שטייט ביי אים אַביסל אין אַזייט. צווישן איין שלונג און צווייטן האָט ער גע-שווינט אויף גיטעלעס אָנפראַגן געענטפערט:

„איז ער אַוועקגעלאָפן צו יענעם ,טשליען׳, וואָס אויף אים האָט דער דירעקטאָר אים געזאָגט, אַז ער איז דער עיקר״.

„איז ער פון יענעם ,טשליען׳ אַוועקגעלאָפן צוריק צום די-רעקטאָר...״

„האָט ער שוין דווקא ביי זיי ביידן געפועלט... נאָר דער דריטער ,טשליען׳, אַן אַלטער גענעראַל איז ער, און דער פירטער, אַפּאָליאַק... אַמאַגנאַט, צו זיי וועט ער, מיט גאָטס הילף, די קומענדיקע וואָך קריגן פּראָטעקציעס... געוויס וועט ער קריגן״.

ער איז בכלל נישט געווען ביי זיך געפאַלן און געהאַט גרויס בטחון; צעטראָגנערהייט האָט ער נאָך אין זינען געהאַט מתנות אַהיים צו ברענגען, און אַפילו איינמאָל אַשפיציק ווערטל געזאָגט וועגן דעם נייעם זיידענעם היטל, וואָס ער האָט זיך אַליין פון קרייז-שטאָט גע-בראַכט. גיטעלע איז דענסטמאָל מיט אָט דעם היטל אַזוי נישט צופרידן געווען.

„ער קלייבט זיך אַליין צו אַהיטל, האָט זי געטענהט, און באַ-מערקט נישט, אַז ס׳פּאַלט אים אַריבער ביז די אויערן?״

און ביי אים, דעם צעטראָגענעם קאָפּ, האָט דענסטמאָל אַשמייכל געטאָן נישט מער, ווי די אָנגעשטרענגטע שפּיציקע נאָז:

„גיטעלע מיינט, אַז דער קאָפּ איז ביי אים דענסטמאָל געווען אין קרייז-שטאָט? דער קאָפּ איז ביי אים דענסטמאָל געווען אינדער-היים״.

און באַלד האָט ער אויף זיך דאָס שבתדיקע אויבערשט געכאַפּט

און איז אַוועקגעלאָפן מקבל־שבת זיין אין יענער אַלטער סאַדעגערער קלויז, ווו איןביידע זייטן פון זיין מזרחדיקער שטאָט זענען נאָכן דאַווענען אַ פּאָר ערלעכע גבירים־יונגעלייט נאָך אַ ווײַלע אויף זייערע ערטער געזעסן, געקוקט אויף אים מיט בכבודיקע און קעצנדאַנקבאַרע אויגן, און זענען אין יעדער רגע גרייט געווען צו ווינשן אים עולם־הבא דערפאַר, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אָרנטלעך צערעכנט און האָט זיי בײַצײַטנס זייערע חובות אָפּגעצאָלט.

זיי זענען אים אַוודאַי געווען גוטע־פריינט, אָט די פּאָר ערלעכע גבירים־יונגעלייט, וואָס אין די זיידענע קאַפּאָטעס, נאָר זייער געלט איז געווען ביי זיי אַזוי טייער, און שולדיק האָבן זיי זיך אַזוי געפילט, פאַרוואָס זיי האָבן דאָס אים, הורוויצן, מורא געהאַט צו געטרויען; זיינען זיי שוין, גייענדיק אַהיים, געווען אַזעלכע שווייגנדיק־טרויעריקע און אָפט פלוצים און נישט צו דער זאַך צו עמעצן אַ זאָג געטאָן:

„פּאָרט אַ לייטישער מענטש, ר׳ גדליה, אַ? גאָר, גאָר אַ לייטישער מענטש״.

---

אין שטאָט איז מען דערווייל שטאַרק נייגעריק געווען און געוואָלט וויסן דעם סוף:

ער וועט זיך אַמאָל אויסדרייען, ר׳ גדליה, צי ניין?

אַזוי פיל האָט מען שוין דענסטמאָל מיט דעם צו טאָן געהאַט און אַזוי אָפט האָט מען שוין וועגן דעם דענסטמאָל גערעדט.

נישט געוואָלט האָט נאָר וועגן דעם ריידן מירעלע, די בת יחידה זיינע, אָט די ציטעריק־ערצויגענע שלאַנק־וואוקסיקע באַשעפעניש, וועלכע פלעגט שוין דענסטמאָל מחמת ליבע צום פאָטער, צי מחמת ליבע צו זיך אַליין, אויף אַ גאַנצן טאָג פון שטוב אַוועקגיין.

צופיל פאַרקלערט און קאַפּריזנע איז זי שוין דענסטמאָל געווען, און צופיל שטרענג האָט זי זיך שוין דענסטמאָל געפירט אפילו מיטן קרומען סטודענט ליפּקיסן, וועלכער איז צוליב איר דעם יאָר אין אוניווערסיטעט נישט געפאָרן און איז איר אומעטום הינקעדיקערהייט נאָכגעגאַנגען. גאַנצע שעהן האָט זי, גייענדיק לעבן אים, געקענט פאַרגעסן, אַז ער לעבט נאָך אויף דער וועלט, זיך פלוצים אויף אים אומ־

געקוקט און באַקומען אַזאַ מאָדנע ערשטוינט פּנים, גלײַך ווי זי וואָלט זיך שטאַרק וווּנדערן און וואָלט נישט פֿאַרשטאַנען:

„זע, נאָר?! ער גייט נאָך אַלץ לעבן איר, ליפּקיס!" און זי האָט געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג בײַ זיך אינדערהיים.

און ווען זי האָט זיך שוין יאָ אַמאָל אויף אים אומגעקוקט, האָט זי אים געמוזט נישט אַנדערש, ווי מיט עפּעס אַ וואָרט אָנרירן:

„ליפּקיס, פֿאַרוואָס וואַקסן בײַ אײַך אַזוי מאָדנע די וואָנצעס? בײַ קיין שום מענטשן וואַקסן זיי נישט אַזוי מאָדנע, ווי בײַ אײַך" אָדער:

„אין אַלגעמיין זעט איר נישקשהדיק אויס, ליפּקיס, נאָר ווען מ'קוקט זיך גוט צו אײַך צו, זײַט איר מוראדיק ענלעך אויף אַ יאַפּאָניעץ".

ער האָט זיך טאַקע אין יענער צײַט געפֿילט לעבן איר מוראדיק שלעכט און קיין דיבורים אין מויל נישט געהאַט; האָט געטראַכט לאַנג וועגן דעם, וואָס זי שווײַגט, געקומען פֿיל מאָל צום באַשלוס, אַז ס'איז נויטיק איר צו זאָגן עפּעס אַ גוט וואָרט וועגן איר פֿאָטערס לאַגע און וועגן דער קאָכעניש, וואָס קומט פֿאָר בײַ זיי אין שטוב, און צולעצט איינמאָל צו שטאַמלען אָנגעהויבן:

„פֿאַרשטייט ער, הייסט עס, גאַנץ גוט, אַז ,אומגליק' הענגט אָן ראשית כּל נישט אָן ,געלט'. און דאָך... ער ווייסט נישט, פֿאַרוואָס דאָס איז: יעדעס מאָל, וואָס ער קומט די לעצטע צײַט אַרײַן צו זיי אין שטוב און דערזעט דאָרטן דעם פֿאָטער אירן, ווײַזט זיך אים אויס, אַז ס'קומט פֿאָר אַרום אים אַ טראַגעדיע".

נאָר מירעלע האָט זיך דענסטמאָל אַפֿילו צו אים מיטן פּנים נישט אומגעדרייט, געקוקט שווײַגנדיק מיט די בלויע אויגן אַהין, וווּ ס'איז פֿאַרגאַנגען די זון, און געזאָגט אַזוי גלײַכגילטיק און קאַלט:

„נו, אַנטלײַט אים צוועלף טויזנט רובל, וועט ער זיך אויס-דרייען".

און ווידער האָט זי מיטן טרויער, וואָס אין אירע בלויע אויגן, שווײַגנדיק געקוקט אַהין, וווּ ס'האָט זיך געזעצט די זון.

ס'איז געווען מאָדנע: אָט די ציטעריק-ערצויגענע באַשעפֿעניש האָט אַפֿילו געוווּסט, וויפֿל ס'גייט אָפּ דעם פֿאָטער אירן, אויף צו ראַטעווען זיך. מעגלעך, זי האָט אויך געוווּסט, אַז ווען זי לאָזט דעם

שידוך מיט וועלוול בורנעס נישט אָפּ, וואָלט אים זיין פֿאָטער אברהם-משה גרינג אָט די סומע געגעבן. מעגלעך, אַז זי האָט פֿיל וועגן דעם געטראַכט, און אַז דערפֿאַר האָט זי שוין אַזוי גרינג און פּשוט די ווערטער אַרויסגעזאָגט:

„נו, אַנטלייט אים צוועלף טויזנט רובל, וועט ער זיך אויסדרייען".

און ער, דער קרומער סטודענט ליפּקיס, האָט זיך איבער אָט די ווערטער פּלוצים דערמאָנט אָן דער מוטער זיינער, דער אַלמנה, וואָס ער מיטן עלטערן ברודער האָבן איר געגעבן אויף צו לעבן, און אָן דעם אַלטן פּאַלטאָ, וואָס זי האָט אים נאָכגעטראָגן דענסטמאָל, ווען, פֿאָרנדיק מיט מירעלען אין קרייז-שטאָט, האָט ער אין איילעניש גע-הונקען צו דער פֿור, וואָס אויף איר האָט זי אויף אים געוואַרט.

מירל האָט, דוכט זיך, דענסטמאָל, זיצנדיק אויפֿן פֿאַטאָן, גע-שמייכלט און אין אַ צווייטער זייט געקוקט.

פֿאַרוואָס האָט זי דענסטמאָל אין אַ צווייטער זייט געקוקט? דער-פֿאַר, וואָס פֿון דער שטאָט איז דענסטמאָל איר געוועזענער חתן אויף זיין פֿור אָנגעפֿאָרן? צי גאָר דערפֿאַר, וואָס מיט אָט דעם אַלטן פּאַלטאָ האָט די מאַמע זיינע אַלע שבת אין אויוון דעם טשאָלנט איינגעדעקט?

נאָר אייגנטלעך איז דאָך אָט דאָס געפּיעסטעטע און אייגנזיכטיק מיידל נישט געווען פֿעיק צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן אַ וואָסער ס'נישט-איז מענטשן, וועלכער האָט אויסער איר אייגענער בת-יחידהשער נשמהלע געלעבט.

ליפּקיס האָט דאָס ערשט אין אַ צייט אַרום אָנגעהויבן אַזוי גוט צו פֿאַרשטיין און האָט עס איר נאָכדעם אַפֿילו פֿאָרגעהאַלטן אין זיינע פֿיל בריוו, וועלכע ער האָט איר נישט געשיקט.

„בכלל, האָט ער צו איר אין איינעם פֿון אָט די נישט-אָוועק-געשיקטע בריוו געטענהט, צי האָט זי שוין געקענט נעמען צום עגאָ-יסטישן הערצעלע אירן אַפֿילו די לאַגע פֿון איר אייגענעם אומגליק, צעטראָגענעם און שטאַרק געדרוקטן טאַטן, וואָס זי, די דערוואַקסענע, האָט זיך נישט געשעמט פֿאַר אַפֿולע שטוב מענטשן אים צו נעמען קושן?"

---

אָט איז מיט אַ טויב-שטילקייט פֿאַרגליווערט געוואָרן די מיטל-

מעסיק קאַלטע לופט, און די ערשטע שנייען האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן דערשלאָגענעם שטעטל און אויף דער אַרומיקער ווינטערדיק־פוסטער געגנט.

קיין מינוט האָט זי זיך שוין ביים פאָטער אין שטוב נישט גע־קענט איינהאַלטן, אַרומגעבלאָנזשעט אין משך פון גאַנצע קורצע טעג אויף די אַרומיקע פאַרבלאָזענע פעלדער און האָט דאָרטן אומעטום סימנים פון אירע מיט ליפּקיסעס טריט געלאָזט. מאָדנע האָבן זיי דענסט־מאָל אויסגעזען, אין דער וויטער פאַרקילטער לופט, וואָס צווישן קוי־טיקע הימלען מיט שניי־ווייסער ערד, צווי מענטשן, וואָס בלאָנקען אַזוי שווייגנדיק איבער אָט די הרחבהדיקע פעלדער אַרום און רעדן זעלטן איינער צום צווייטן. עס שוויגן אַרום זיי מיט אַ שטילקייט פון אבלות, פון אַן איינזאַם פויערים־שטיבל, וואָס אונטער אַ ווייסן פאַרשאָטענעם דאַך, ביז אַ פאַרפרוירענעם טייכל, וואָס ערגעץ אין אַ נאָענטן טאָל; דרימלען ערגעץ אין פאַרשידענע האָריזאָנט־ווינקלען יענע אָפּגעווייסטע וועלדלעך, וועלכע האָבן זיך טיף־טיף אין שניי איינגעגראָבן, זעען אויס פון דאָרטן פרעמד און ניי, און נאַרן דאָס אויג פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט זיך דאָרטן זעלטן ווען אויף אַ לויפנדיקן שליטן אַדורך

„זע נאָר! ס'זאָל שוין זיין די דעמבענע וועלדלעך, זאָל עס שוין זיין?״

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי זי איז דענסטמאָל מיט ליפּקיסן אויף „דו״ געוואָרן און אים ביי זיין פשוטן נאָמען רופן אָנגעהויבן.

„זי, מירל, האָט זי אים איינמאָל, אַרומשנאָרנדיק אויף אָט די פאַרבלאָזענע פעלדער, געזאָגט, זי הייבט אים, געוויינלעך, אַפילו נישט אָן צו ליב האָבן, נאָר צייטנווייז פילט זי זיך גלאַט אַזוי גוט, וואָס ער געפינט זיך לעבן איר, ער, ליפּקיס, פאַרשטייט עס, צי ניין?״

און צובייסנדיק די אונטערשטע ליפּ, האָט זי אים באַלד גענומען שנעלן אין נאָז, כדי ער זאָל עס פאַרשטיין, און אים געבראַכט דער־צו, אַז זיין פּנים האָט אָנגעהויבן נאַריש צו שמייכלען.

ביי איר אַליין האָט זיך שוין דענסטמאָל געהאַט געשטאַרקט דער טרויער, וואָס אין די בלויע אויגן, און מיט אַ מעלאַנכאָליש פייערל האָט ער שוין פון צייט צו צייט פון דאָרטן אַרויסגעקוקט, פאַרקלער־

טערהייט האָט זי דענסטמאָל לאַנג־לאַנג אין דער האַלב־נעפּלדיקער ווינטער־ווייט אַריינגעקוקט און מאָדנע שאלות דערביי אויפגעגעבן:

„ליפּקיס, איר הערט, ווי די וועלט שווייגט?“

ליפּקיס האָט געפילט, אַז ער באַדאַרף עפּעס וועגן אָט דער שטילער וועלט זאָגן, געמאַכט לאַנגע הכנות מיטן האַלז און מיט די אַקסלען און צולעצט אָנגעהויבן:

„יאָ, נישט קרום וואָלט געווען זיך אַזוי אין צווייען איבער אָט די פעלדער אַוועקלאָזן און זיך שוין מער צוריק נישט אומקערן“.

און זי האָט צו זיינע ווערטער אַפילו נישט אָנגעהויבן זיך צו־הערן, נאָך אַלץ געקוקט ערגעץ אַהין, אין דער האַלב־נעפּלדיקער ווייט־קייט און זיך פאַרקלערטערהייט דאָס איריקע ווייטער גערעדט:

„ער שטעלט זיך פאָר, ווי איר איז איצט אַלץ פרעמד און אַלץ איינס?“

און אין אַ ווייילע אַרום ווידער וועגן דעם זעלבן:

„ווען מיט איר צוזאַמען קערט זיך איצט איבער אָט די גאַנצע פאַרפרוירענע וועלט, וואָלט זי אַפילו קיין געשריי נישט געטאָן פון שרעק“.

נאָר צייטנווייז האָבן זי ווידער באַהערשט אַ מאָדנע שמחה מיט אַ ווילדן חשק צו לעבן; דענסטמאָל האָט זי זיך בשום אופן נישט גע־וואָלט אומקערן אַהיים און געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן דעם פאָטערס אָרטיקע און פרעמדע בעלי־חובות, וואָס קומען אַלע טאָג צו זיי אין שטוב, טומלען און אין טיש קלאַפּן:

„זיי זענען אַזעלכע עקלדיקע, אָט די יידן... דער טאַטע אירער איז געוויס שולדיק, וואָס ער האָט זייער געלט איבערגעפּירט, אָבער פון דאַנען איז נאָך נישט געדרונגען, אַז זיי מעגן פראַנק און פריי ביי זיי אין שטוב אַרומלויפן און שרייען אויף אַזאַ קול: געוואַלד, ער ראַבעוועט! — אַז מ׳זאָל עס אין דער צענטער גאַס דערהערן“.

איינמאָל, אין אַ געוויינלעכן נעפּלדיקן טאָג, איז פון ערגעץ אַ נאָענט שטעטל צו זיי אין שטוב געקומען עפּעס אַ פרומער למדנישער און שטאַרק־תּמעוואַטער יונגערמאַן, אַ שטוב־זיצער מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל און מיט אַ קרענקלעכן, בלאַסן און געלזיכטיקן פּנים. שווייגנדיקערהייט איז ער לאַנג געזעסן ביי זיי אין עסצימער, זיך

געשראָקן און געוואַרט. דער וועלטלעכער און איבערגעגעבענער קאַסיר, דער קרוב, האָט עטלעכע מאָל פאַר אים אין דער הויך, ווי פאַר אַ טויבן איבערגעחזרט:

„ר׳ גדליה זענען איצט אין אויסלאַנד, ביי דער שוועסטער, וואָס האָט דאָרטן אַן אייגענעם דאָרף, זענען זיי איצט״.

און דער יונגערמאַן מיטן געלזיכטיקן פנים האָט זיך אַלץ פאַר עפעס ווי געשראָקן און זיך אַלץ נישט אויפגעהערט צו דערפרעגן אויף זיין הייזעריק־שטילן און שטאַרק־שוואַכן קול:

„איז עס, הייסט דאָס, פאַרפאַלן דאָס געלט, וואָס מיר קומט ביי ר׳ גדליהן?... טאַקע פאַרפאַלן?״...

ער האָט אַזאַ דערשלאָגענעם אויסזען געהאַט, אַט דער געלזיכטיקער יונגערמאַן, און שוין, אַפנים, גערעכנט פאַר אוממעגלעך זיך אַהיים אומצוקערן און נאָך ווייטער צו לעבן אויף דער וועלט.

מירל האָט דענסטמאָל קיין מיטאָג נישט געגעסן און אַ גאַנצן ווינטערדיקן טאָג זיך אין דרויסן מיט ליפקיסן אַרומגעשלעפט.

„ער שטעלט זיך פאָר, מיט אַ וואָסער געשמאַק זי וואָלט איצט געפרעסן, האָט זי אַלע מאָל צו ליפקיסן געזאָגט, נאָר דאָרטן, ביי זיי אין שטוב, זיצט נאָך אַלץ אָט דער איבערגעשראָקענער יונגערמאַן. ער האָט אַזאַ אומגליקלעכן פנים, און זי קען אויף אים נישט קוקן״.

אַלע מאָל האָט זי געשיקט ליפקיסן אַ קוק טאָן, צי דער יונגערמאַן איז שוין אַוועקגעגאַנגען, געוואַרט אויף אים מיט אומגעדולד נישט ווייט פון דער שטוב און נאָכדעם געשריגן צו אים פונדערווייט:

„נו, וואָס? ער זיצט נאָך?״

ס׳איז געוואָרן נאַכט, און לאָמפן האָט מען אין די שטאָט־הייזער אָנגעצונדן. לאָמפן האָט מען אויך אָנגעצונדן ביי זיי אין שטוב, איז זי צולעצט מיט אַ רויט פאַרקאָוועטן פנים אינווייניק אַריינגעקומען און, נישט אויסטוענדיק די ווינטערדיקע קליידער, גענומען דעם געלזיכטיקן יונגנמאַן טרייסטן:

„ער מעג זיין זיכער: אַלץ וועט זי שוין טאָן, כדי מ׳זאָל אים זיינע צוויי טויזנט רובל אומקערן״.

זי האָט אים נאָכדעם אַפילו איינדרויסן צו זיין פור אַרויסבאַגלייט, געזאָרגט דערפאַר, וואָס אים וועט זיין קאַלט אין די פיס.

און האָט זיי אים אַליין געהאָלפן איינדעקן אין דער רעדנע.

„אָט דעם עק רעדנע זאָל ער אונטער זיך אַרונטערנעמען... און דעם פוטערנעם קאָלנער זאָל ער זיך נישט שעמען אויפשטעלן... אָט אַזוי".

און נאָכדעם האָט זי נאָך לאַנג מיט די אויגן זיין פור באַגלייט און אָן זיך מיט איר הונגער לחלוטין פאַרגעסן:

„ער האָט אַ באַגריף, ווי אומגליקלעך אָט דער מענטש איז?" האָט זי פאַרקלערטערהייט ביי ליפקיסן געפרעגט.

ליפקיס איז געווען שטאַרק צעטראָגן פון דעם, וואָס ער איז אין משך פון אָט דעם גאַנצן טאָג אַפילו אויף איינער פון זיינע לעק-ציעס נישט געווען, און זיך געפילט אַזוי מאָדנע, גלייך ווי ער וואָלט מער ייד זיין און וואָלט זיך פלוצים פאַרנאַכט דערמאָנען, אַז ער האָט ביי טאָג קיין טלית און תפילין נישט געלייגט. ער איז מער ווי תמיד אָנגעברוגזט און פאַרגיפטעט געווען, נישט געהאַט קיין געדולד און זיך שיער נישט געעקעט איבערן געדאַנק:

„זי וועט אַמאָל אַריינגיין אין שטוב, צי ניין?"

און זי האָט נאָך אַלץ פאַרקלערטערהייט געקוקט אַהין, וווּ דער שליטן מיטן יונגנמאַן ווערן אין עק שטאָט פאַרשוווּנדן, און אָן זיין געלזיכטיקן פנים נישט געקענט פאַרגעסן.

„ער איז אַזאַ אומגליקלעכער, האָט זי שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, איבערגעחזרט, קיינער האָט אים געוויס קיינמאָל נישט ליב געהאַט, און איצט איז נאָך פון זיין קליינעם פאַרמעגן מער ווי צוויי טויזנט רובל אַראָפּ".

## II

פון ר' גדליהן זענען דערוויי‍ל פון אויסלאַנד אַלעמאָל נייע בריוו אָנגעקומען.

צעטראָגענערהייט האָט ער דאָרטן ביי דער שוועסטער נישט געקענט איינזיצן, געוואָלט וואָס גיכער זיך אומקערן צו זיין סוחרישן טאַראַראַם און זיך געבעטן רחמים, ווי ביי גזלנים:

„לעבעדיקערהייט האָבן זיי אים דאָך גענומען און אין אַ קבר באַגראָבן".

ס׳האָבן אים געענטפערט און זיך באַמיט אים צו באַרויקן גיטע־לע, דאָס ווייב זיינס, מיטן איבערגעגעבענעם קרוב, דעם קאַסיר:

„אַלץ אָרדנט זיך, דאַנקען השי״ת, איין. מיט די בעלי־חובות עקט מען ביסלעכווייז אָפּ; דער פּדיון אין קאַשפּעריוועקער וועלדל האָט זיך צוליבן גוטן שליטוועג אויף פיל פאַרבעסערט; די באַנק האָט פאַררעכנט דעם גראַפס דריי טויזנט רובל אויף דער נייער „דאַטע״, און מירעלע תחי׳ איז, אַדאַנק השי״ת, געזונט. דער ווינטערדיקער זאַפּאַס ווייץ, וואָס אין טערנאָווער מיל, איז נאָך אַלץ איבערגעשריבן אויפן פּריצס נאָמען, און מעל שטייגט פון טאָג צו טאָג. אַז גאָט וועט העלפן, וועט ער, ר׳ גדליה, אינגיכן קענען קומען אַהיים; לע״ע טוט מען זיין רצון און מ׳שיקט אים אַרויס דורך דער פּאָסט דעם „כוזרי״ מיטן ערשטן חלק „אברבנאל״.

אין שטוב איז דערווייל גאַנצע טעג געווען רויק און שטיל, און געהערט האָט זיך אָפּט, ווי איבער די ביכער, וואָס אין קאַבינעט, סקריפּעט מיט דער פּען דער קאַסיר, און ווי דאָ, אין עסצימער, שאָקלט זיך מיט רעגלמעסיקן קלאַפּן דער אומרו פונם גרויסן וואַנטזייגער און ציילט די מינוטן פונם קורצן און וואָלקנדיק־טונקעלן, ווינטערדיקן טאָג.

קיינער איז שוין אַהער אינם משך פון גאַנצע טעג נישט אריינ־געקומען, אַחוץ דעם אָדער יענעם פאַרשפּעטיקטן בעל־חוב און אַחוץ דער יונגער רביצין ליבקען, אָט דעם הויכן און קלייענדיק־רויטלעכן האַלבן מאַנסביל, וואָס האָט זיך מיט איר מאַן פאַר ר׳ גדליהס נאָ־ענטסטע גוטע־פריינט געהאַלטן און האָט אויף צו להכעיס שונאים שטענדיק געהאַט אַ האַלב־שמייכלדיקן פּנים.

גאַנצע שעהן האָט זי געקענט מיט אַן אַרבעט אין האַנט אָפּזיצן דאָ אין עסצימער לעבן דער לייטישער און האַלב־שוויגנדיקער גיטע־לען און אומברחמנותדיק־פאַמעלעך וועגן איר מאַנס קהלשע עסקים דערציילן:

„טענהט זי מיט אים, מיט אברהמלען מיט אירן: וואָס האָט עס צו דיר, אַז די שטאָט וויל נישט שלמה דעם דיינס פאַר קיין שוחט!״

צו פיל געשמייכלט האָט זי שוין יעדעס מאָל, וואָס ליפּקיס האָט

אין פּאָדערשטיבל ביי עמעצן אויף מירעלען געפרעגט, און צופיל האָט שוין גיטעלע אירע פינגער-נעגל באַטראַכט דעגסטמאָל, ווען די רביצין האָט זיך מיט אַ שטומפּיקן שפּיזל אין פּאַריק געקראַצט, און שטאַרק חשק געהאַט ביי איר צו פרעגן:

„זאָלט איר מיר הונדערט-און-צוואָנציק יאָר לעבן, ס'אַרט אייך טאַקע לחלוטין נישט, וואָס אָט דער, איר זאָלט מיר מוחל זיין' קריכט צו אייך אין שטוב?"

דאָרטן, אין דער שטילקייט, וואָס איבער דעם נישט-געהייצטן זאַל, איז ביי זיך אין חדר מירעלע געלעגן, זיך אויפן אַריינגעקומענעם ליפּקיסן נישט אומגעקוקט און צוליב אים אַפילו איר פּאָזע נישט גע-ביטן. מיטן טרויער, וואָס אין אירע בלויע אויגן, האָט זי אומעטיק-לאַנג צום קעגנאיבערדיקן באַלקן-ווינקל געקוקט און זיך אינגאַנצן גע-פונען אונטער דער השפּעה פונם שפּאָגל-נייעם בוך, וואָס איז לעבן איר אַן אָפענער געלעגן.

„ווי קלערט ער, האָט זי נאָר ביי אים געפרעגט, זי וועט נאָך אַמאָל עמעצן ליב באַקומען?"

ליפּקיס האָט איבער דער שאלה מיטאַמאָל שטאַרק הרטה גע-קראָגן דערויף, וואָס ער איז איצט אַהער געקומען, צוגעגאַנגען צום פענצטער און ברוגזערהייט גענומען אַרויסקוקן צום ווינטערדיקן דרויסן. ער איז שוין אַפילו גרייט געווען איר אויסברייען, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט ליב האָבן, און גיפטיק געוואָלט אָנהייבן:

„בכלל... זאָלן מיר זיך אייגנטלעך צוהערן צום זין, וואָס ליגט אין אָט דעם וואָרט „ליב באַקומען".

נאָר מירל איז שוין לעבן אים, דעם ברוגזן, אַזאַ לייכטזיניק-פרייליכע געשטאַנען און אים גרינג פּאַר די האָר געריסן:

„דו ביסט אַזאַ נאַר, אַזאַ נאַר" האָט זי אים שטיל פון צווישן קינדעריש-צונויפגעדריקטע ציין אין אויער איינגעראָמט.

און באַלד האָט זי אויף זיך גענומען די ווינטערדיקע קליידער אָנטאָן און דערביי אַלערליי שבועות געגעבן:

„אויב דער רויטער גלאָמפּ, די רביצין, הייסט עס, וועט זיך באַלד פון עסצימער נישט פּאַרנעמען, וועט זי אַ ווינטערדיק-פּאַר-

קלעפּט פּענצטער אויפרייסן און וועט מיט אים דאָ־אַרום אינדרויסן אַרויס".

---

און ס'ציען זיך אַזוי די קורצע, פייכטע טעג און יאָגן דאָס שטעטל אַלץ טיפער און טיפער אין ווינטער אַריין. ס'באַרירן שוין נישט סיי די היים, סיי דער דרויסן, און ס'פילט זיך שוין אַזאַ גלייכגילטיקע אומצופרידנקייט צו אַלץ, וואָס אַרום, כאָטש נעם שטעל אָפּ יעדעס איבערגעוואַקסן מיידל, וואָס גייט אַמאָל גאַוועהדיק־פאַרפּוצט די גאַס אַדורך, לאָז אויס צו איר דיין האַרץ און זאָג צו איר מיט אַ קול פון אַן עלטערער, אומצופרידענער יידענע:

„דו, וואָס קלויבסטו אַזוי?... פאַרוואָס האָסטו שוין נישט חתונה, פאַרוואָס?"

אַרום און אַרום זענען אויף ווייט־ווייט די אוצרות פון ווינט פאַרשלאָסן אין די גרויע נעפּלען, וואָס הענגען אין דער לופט, זיי ווערן שוין אַלץ שווערער און שווערער און שפּרייטן זיך שוין אַליין איבער דער שנייִק־אָנגעפרוירענער ערד, וואָס האַלט אין איין קויטיק ווערן, פאַרהוילן זענען די הימלען, אָפּגעמעקט איז דער האָריזאָנט. נישט די מענטשן זענען זיי, און נישט דאָס שטעטל באַדאַרף צו זיי. הייזער הויערן שווער, ווי די גרויסע חיות, אונטער זייערע שווערע שנייִקע דעכער און דרימלען מיט אַ דרימל, וואָס האָט נישט קיין סוף.

ס'דוכט זיך:

אויערן האָבן אָט די הייזער, פאַרהוילענע, אָנגעשטרענגטע אויערן, הערן זיך תמיד איין אין דער גרויסער סביבה־שטילקייט, וואָס ציט זיך אַהער פון נאָענט און פון ווייט.

ס'דוכט זיך:

גרייט זענען זיי צוליב יעדן מינדסטן און ווייטן פעלד־גערויש פון די ערטער אויפשפּרינגען און זיך לאָזן אַהין יאָגן מיט גרויס צאָרן און איילעניש, ווי אָט די הונגעריקע הינט, וואָס יאָגן זיך מקבל־פנים זיין זייערן אַ פרעמדן חבר, אַ נישט־אָנגעלייגטן גאַסט.

פון איינער אַ שטוב זעצט דורכן קוימען אַ רויך. און דער רויך גייט נישט אויף צום הימל, נאָר פאַלט אַראָפּ צו דער ערד, מאַכט מיט גרויס שוואַכקייט רעדער אין דער לופט און צעשפּרייט זיך סוף־כל־סוף איבערן שניי.

עטלעכע יידן, וואָס גייען אַרום בטל, שטייען אין ליידיקן מאַרק אַרום אַ שליטן, וואָס האָט הייך-טשערעט צו פאַרקויפן געבראַכט. זיי מאַכן ליצנות פון פאַרעקשנטן גוי, דעם יקרן, און דערצערענען אים מיט זייערע שטעכווערטלעך. און די ווינטערדיק-געקליידטע קרעמער, וואָס לאַנגווייליקן זיך בײַ די טירן פון זייערע קלייטן, זעען עס צו פונדערווייטן, האָבן הנאה און לאַכן.

דער מאַרק איז פול מיט פּוסטקייט, און נאָר אויפן קליינעם פּלאַץ, וואָס פאַר אברהם-משה בורנעסעס שטוב, מירעלעס געוועזענעם מחותן, שטייען פינף-זעקס געשפּאַנטע פּריצישע שליטנס און וואַרטן אויף זייערע באַלעבאַטים, וואָס געפינען זיך אינווייניק. ס'היטן זיי די רירעוודיקע אָנגעפּעלצטע פורמאַנעס, האָבן נישט וואָס צו טאָן, באַטראַכטן איינער ביים צווייטן די פערד און זאָגן דערביי מבינות:

„אָט-אָ-דער-אָ וועט שוין אינגיכן בלינד ווערן אויפן לינקן אויג".

„און אָט יענער... ער הייבט שוין שטייענדיק דעם הינטערשטן פוס".

און די פערד שטייען אויפן אָרט און טוען זיך דאָס זייעריקע: זיי טרייסלען זיך פון צייט צו צייט, וועלנדיק אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם פאַרגליווערטן שווייס, און דערווייל קלינגען אויף זייערע העלזער די פיל קליינע גלעקעלעך און דערציילן דעם דרויסן וועגן אַלץ, וואָס קומט דאָרטן אינווייניק, אין שטוב, פאָר:

„רייכע פּריצים-געסט, וואָס מאַכן זיך דאָרטן אינם אָנגערויכערטן קאַבינעט הלוואות".

„וועלט-סוחרים, ספּעקוליאַנטן, וואָס האָבן קיין מורא נישט צו מאַכן קניות אויף איבעראַיאָר, און אַ היפּש האַלב-ליכטיק פּעדער-שטיבל, אַ פול געפּאַקטס מיט וואַרטנדיקע עקאָנאָמען און משולחים, וועלכע זענען אין יעדער רגע גרייט זיך אַקעגן דעם אַרויסגייענדיקן באַלעבאָס אויפשטעלן, אָפּנעמען זיינע באַפעלן און זיך אין פאַרש־ידענע ערטער פונאַנדערפאָרן".

נישט איינגאַנצן גוט האָט זיך שוין ליפּקיס געפילט יעדעס מאָל, וואָס אים איז צוזאַמען מיט מירעלען אויסגעקומען פאַרביי אָט דער שטוב אַדורכגיין.

מיט אַלע מעגלעכקייטן האָט ער זיך געמיט אָן אָט דער שטוב

צו פאַרגעסן, און צוליב דעם זיך שוין אַפילו געפּלייסט ערנסטע גע־דאַנקען אין מוח צו האָבן:

„ווען ער, הייסט עס, אין צוויי יאָר אַרום דעם מעדיצינישן פאַקולטעט ענדיקן"...

האָט אָבער מירעלע, ווי אויף צו להכעיס, אַלע מאָל דעם קאָפּ צו אָט דער שטוב געדרייט און דערבײַ שוין אַפילו אים אויך נישט צו רו געלאָזט:

„נו, זאָל ער שוין זאָגן: צוליב וואָס האָבן זיי גענומען און האָבן די אויסנווייניקסטע לאָדנס מיט בלויעס אָפּגעפאַרבט? ס'שניידט דאָך פשוט אין די אויגן".

אָדער:

„זיי אַלע: אברהם־משה בורנעס, ברכה און פייגע, די שוועסטער פון איר געוועזענעם חתן... זיי זענען אַלע אַזעלכע לייטישע מענטשן... זי האָט זיי אַמאָל שטאַרק ליב געהאַט, און איצט אויך גלוסט זיך איר נאָך צייטנווייז זיי זען".

ליפקיס איז שוין געווען אויסער זיך און זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן:

„ער הייבט לחלוטין נישט אָן צו פאַרשטיין, וועגן וועמען זי רעדט דאָ מיט אַזאַ איידעלער שפּראַך".

„און בכלל: ברואים טיילן זיך נישט מער, ווי אויף צוויי קאַ־טעגאָריעס, אויף מענטשן און אויף בהמות".

קומט דאָך שוין במילא אויס:

„אויב אָט די דברים־אחרים זענען מענטשן, וואָס זשע איז שוין ער, ליפקיס?.."

דענסטמאָל האָט מירעלע צו אים איר פּנים אויסגעדרייט און האָט אויף אים אַזאַ מאָדנעם קוק געטאָן:

„מילאָסטיווי גאָסודאַר, איר קענט באַהאַלטן אייערע חקירות אויף מאָרגן?"

ער האָט נאָכדעם דעם גאַנצן וועג נישט גערעדט, געגאַנגען לעבן איר אַ ברוגזער און זיך אַליין געגעסן:

„וואָס זשע דען?... אַז יעדער ערנסטער געדאַנק זײַנער קומט אויס אין אירע אויגן נאַריש..."

און זי האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, אַפילו נאָכדעם, ווי זיי האָבן שוין די גאַנצע לאַנגע גאַס געהאַט אויסגעפּעלט און זיך צעזויס דער שטאָט אויפן שנייִקן און פּוסטן שפּאַציר־פּלאַץ אָפּגעשטעלט.

קוקנדיק ערגעץ צום וועג, וואָס איז גאָר נאָענט אין טיפן נעפּל פאַרשוואונדן און צום פּוליווריק פון איר געוועזענעם חתן געפירט, האָט זי נאָר שטיל און פאַרקלערט געזאָגט:

„הערט, ליפּקיס, ווען איך זאָל זיין אַזוי שלעכט, ווי איר, וואָלט איך זיך געוויס מיט מיינע אייגענע הענט דערשטיקט".

און נאָכדעם איז זי נאָך אַזוי לאַנג געשטאַנען און די טרויעריקע אויגן פונם וועג נישט געקענט אָפּרייסן.

צי האָט זי געוואַרט אויף יענעם פלעק, דער פור, וואָס האָט זיך אַהער מיטן וועג פונם ווייטן נעפּל אַרויסגערוקט, און געוואָלט וויסן, ווער ס'זיצט דאָרטן אויבנאָן?

צי אפשר איז איר גאָר דענסטמאָל גלאַט אַזוי אומעטיק און הבל־הבלימדיק אויף דער נשמה געווען, און נישט געוואָלט האָט זיך איר דערפאַר אָט דעם באַשנייטן און פּוסטן פּלאַץ פאַרלאָזן?

אין שטאָט האָבן דאָך אייניקע ווייבער נאָך עד היום פאַרזיכערט, אַז ס'הערט איר נישט אויף צו ציען דאָס האַרץ צו אָט דעם שיינעם בחור, דעם געוועזענעם חתן אירן, וואָס האָט געדולד גאַנצע ווינטערדיקע חדשים אויף זיין זאַטן און פּוסטן פּוליווריק אָפּצוזיצן, און אַז ס'איז מער נישט:

„זי איז פון תּמיד אָן ביי זיך געפּיעסטעט און קען ביי זיך בשום אופן נישט פּועלן, מיט אַזאַ פּשוטן יונג חתונה צו האָבן".

---

אָפּטמאָל זענען זיי אינצווייען אַזוי ווייט איבער די שנייִקע פעלדער פאַרקראָכן, זיך אומגעקוקט צוריק און דערזען:

ווייט־ווייט, אינם טאָל, וואָס צווישן די צוויי נאַקעטע בערג, איז דאָס גאַנצע שטעטל איינגעזונקען און האָט פון זיך אַפילו קיין סימן אין דער נעפּלדיקער לופט נישט איבערגעלאָזט.

ליפּקיס איז אַזוי צופרידן געווען דערפון, וואָס ער איז דאָ מיט איר איינער אַליין אין דער ווינטערדיק־פּוסטער פעלד־שטילקייט, דערפון, וואָס ביי דער זייט געפינט זיך נישט די שווייגנדיקע גיטעלע,

און וואָס די יונגע רביצין ליבקע קראַצט דאָ נישט וועגן אים מיט אַ שטומפּיקן עק שפּיזל אין פּאַריק. פּאַר גליק זענען אים שוין אַפילו פילאָזאָפיש-קלוגע געדאַנקען איינער נאָכן צווייטן אויפן מוח געקומען, און גרייט איז ער געווען אין יעדער רגע אויפצוגעבן אַזאַ קלוגע שאלה, ווי למשל:

„ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מענטשן האָבן זיך הייזער אויסגעבויט, און פאַרוואָס זיי בלאָנזשען זיך בעסער נישט פונאַנדער פאָרלעכווייז איבער אָט דער גרויסער פאַרפרוירענער וועלט?"

נאָר ביי מירעלען איז אַ טרויעריק-פאַרקלערט פּנים געווען, און יעדן געדאַנק זיינעם האָט זי איצט פּאַר אַ נאַרישקייט געקענט געפינען. האָט ער זיך שוין בעסער פון צו רעדן אָפּגעהאַלטן און איז לעבן איר ווייטער אַ שווייגנדיקער געגאַנגען. דאָס בערגל מיטן היפשן געדיכטן וועלדל האָבן זיי אויסגעמיידט, דורכגעגאַנגען דאָס נידעריקע און שטאַרק-שמאָלע הילצערן בריקל, וואָס אונטער אים האָט אַ שטילע פאַרפרוירענע ריטשקע פון די ערשטע פרעסט אָן געערוט, ווי אין אַ לאַנגן, ווינטערדיקן שבת. זיי האָבן זיך פון דאָרטן אויפגעהויבן אויפן פלאַכן באַרג און צולעצט דערגרייכט די גלייכע רעלסן-שנור מיט די טעלעגראַף-סלופּעס, וואָס ציען זיך דאָרטן, ווי אַ לאַנגער שוואַרצער פּאַס, און טיילן די שנייִקע פעלדער-ווייסקייט אויף צווייען. דריי לאַנגע פּאַסאַזשיר-צוגן קריכן דאָ יעדן טאָג אַרויס פונם ווייטן מזרחדיקן האָריזאָנט, טראָגן דאָ געשווינט אַדורך זייער גרויסן טומלדיקן רעש, ווערן פאַרשווונדן אין ווייטן נעפּלדיקן מערב און לאָזן איבער אין דער אַרומיקער פעלד-שטילקייט אַ טרויעריקן ווידערקול פון פיל אָנגעהויבענע און נישט פאַרענדיקטע אומגליקלעכע מעשיות:

אַ מעשה מיט אַ שיין און יונג ווייבל, וואָס האָט לאַנג געפעלשט איר מאַן און איז צולעצט דאָ-אַרום מיט איר געליבטן קיין מדינת-הים אַנטלאָפן.

אַ מעשה מיט גאָר אַ פרומען און כשרן יידן, וואָס האָט דאָ אַדורכפאָרנדיק מיטן רשות פון זיין רב מחלל שבת געווען, און זיך געאיילט אין דער גרויסער און ווייטער שטאָט, כדי זיך דאָרטן אַריבערבויגן איבערן גוף פון זיין געשטאָרבענעם זון און זיך דאָרטן לאָזן קריעה רייסן.

פּאַמעלעך און מאַכטלאָז האָבן זיך אָט די נישט פאַרענדיקטע מעשהלעך אין דער נאָענטער און ווייטער לופט אַרומגעטראָגן, פאַר־בלאָנזשעט ערגעץ ווייט־ווייט אין אַ שלאָפנדיקן וואַלד און דאָרטן נאָגנדיק אויסגעגאַנגען. די שטילקייט, וואָס אַרום, האָט זיך נאָך זיי געשטאַרקט, און אַלץ האָט גענומען קוקן אַהין, פון וואַנען דער צוג איז אַרויס און וווהין ער איז פאַרשוווּנדן, געקוקט לאַנג, לאַנג, ביז אין איינעם פון די נעפּלדיקע זייטן האָט זיך אַ ניי שוואַרץ רויכל באַוויזן, און אַ נייער לאַנגער צוג האָט זיך פון דאָרטן געשווינט גענומען שלענגלען און טראָגן.

מירל האָט דענסטמאָל ביי ליפּקיסן דאָס סטודענטישע היטל אַראָפּ־גענומען, דאָס זיך אויפן פאַרבונדענעם קאָפּ אָנגעטאָן און זיך גע־שטעלט נאָענט ביי דער רעלסן־שנור אויף אָט דעם לאַנגן צוג וואַרטן.

„צווישן אַ גאַנצן צוג מיט פּאַסאַזשירן, האָט זי דערביי שטיל און מרה־שחורהדיק געזאָגט, וועט זיך שוין געוויס געפינען כאָטש איינער אַן אומגליקלעכער מיט אַ שטאַרק־דערשלאָגן פּנים, וואָס וועט דעם גאַנצן וועג פונם פענצטער נישט אָפּטרעטן און וועט דעם שטערן צו דער קאַלטער שויב דריקן". און אויב זי האָט טאַקע אַ מענטשן מיט אַזאַ אומגליקלעך פּנים ביים פענצטער פון אַ וואַגאָן דערזען, האָט זי זיך לאַנג צו אים געבוקט, געמאַכט צו אים מיטן היטל און דערביי עטלעכע מאָל מאָנאָטאָניש און ווערטלענדיק איבערגעחזרט:

„מיר זענען אויך אומגליקלעך... אויך אומגליקלעך... אויך אומ־גליקלעך"...

---

אומקערנדיק זיך איינמאָל פון דאַנען צוריק אין שטעטל און אַרויסקומענדיק אויפן שנייִקן און פּוסטן שפּאַציר־פּלאַץ, האָט מירעלע ווייט אויפן וועג, וואָס צוריק, דערקענט איר געוועזענעם חתנס פור און זיך געשטעלט אויף איר וואַרטן.

ליפּקיס האָט דענסטמאָל אויף איר אַזאַ מאָדנעם קוק געטאָן, גלייך ווי ער וואָלט זי אומברענגען וועלן, און זי איז שטאַרק רויט געוואָרן און אויף אים שוין אַפילו דאָס קול אויפגעהויבן:

„וואָס קוקט ער אַזוי מאָדנע אויף איר?"

און געווען איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל נישט באַמערקן, אַז איר אומעטיקע שטימונג איז מיט אַמאָל נישט געוואָרן. זי האָט שוין אַפילו צוגעגעבן אויף רוסיש:

„טי גלופי״ און באַלד האָט זי מיט אַ פריילעכער ווילדקייט גענומען אויף אים שניי־קוילן שיטן, געוואָרפן אויף אים און געלאַכט, געשפּרונגען און געלאַכט, געכאַפּט נאָכאַמאָל פולע הענט מיט שניי, ווידער געוואָרפן און ווידער געלאַכט און אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט געמוזט פון איר אויף עטלעכע שפּאַן אַוועקהינקען, זיך איינהויקערן און מיט ביידע הענט דאָס צוזאַמענגעצויגענע פּנים פאַרשטעלן.

די פור מיט די נייע שוואַרצע פערד איז נעענטער צוגעקומען, האָט זי די הענט מיט די שניי־קוילן צו די פּלייצעס צו אַרונטערגענומען און אַביסל שמייכלדיק, מיט שטאַרק אָפענע און נייגיריקע אויגן גענומען דעם געוועזענעם חתן אירן גלייך אין פּנים אַריינקוקן.

אָנגעטאָן אין אַ ברייטן פּריצישן טולופּ, אַ באַדעקטן מיט אַ געל פוטער פון דרויסן, איז ער טיף אינם אָפּגעפּאָלירטן שליטן געזעסן און פון צייט צו צייט, אויפן פּריצישן שטייגער, דעם אָנטרייבער אַפּאָר ווערטער געזאָגט.

ער האָט זיך טאַקע די גאַנצע צייט נישט אומגעקוקט, נישט צו איר און נישט צו ליפּקיסן, און זי איז נאָך אַ פאַרשטיינערטע לאַנג אויף איר אָרט געשטאַנען, באַגלייט די פור זיינע מיט די אויגן און געזען, ווי מיט אים צוזאַמען ווערט זי צווישן די ערשטע שטעטלהייזער פאַרשוווּנדן.

„ער איז שענער געוואָרן״, האָט זי שטיל, ווי צו זיך אַליין, וועגן אים געזאָגט, און זיך באַלד וועגן עפּעס פאַרטראַכט.

ערשט דאָרטן, נישט ווייט פון שטעטל, איז זי אַביסל פריילעכער געוואָרן, באַקומען אַ מאָדנע נצחון־פּנים און צוגעגעבן:

„און דאָס בערדל זיינס, ליפּקיס... דאָס בערדל זיינס האָט ער דאָך פאָרט אָפּגעגאָלט״.

ליפּקיס איז געווען ברוגז און האָט געשוויגן. מאָדנע אָנגעזאַלצן אויפן האַרצן איז אים שויז דענסטמאָל געווען און נישט אויפגעהערט האָט ער ברוגזערהייט צו טראַכטן:

„עמעצער איז אַמבין, אין וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייט אָט־אָ די צווינגט אים דעם קאָפּ זיינעם אַריינטיפֿן?... אַ נפֿקא־מינה איז אים אַ גרויסע, צי אָט דער בופֿלאָקס האָט זיך אָפּגעגאָלט, צי ניין".

געשוויגן האָט שוין אויך מירל דעם גאַנצן וועג צוריק, געוואָרן ווידער אַמאָל שטאַרק מרה־שחורהדיק און יאושדיק פֿאַרקלערט און האָט מיט צופֿיל געעפֿנטע אויגן אַראָפּ, צו אירע פֿאַמעלעכע טריט געקוקט.

פּלוצים האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און, נישט אויפֿהייבנדיק דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געפֿרעגט:

„ליפּקיס געפֿינט נישט דאָס זעלבע, וואָס זי?... אַלע מענטשן זענען שוין אייגנטלעך צו אַלט און צו קלוג אויף ווייטער צו לעבן. צייט איז שוין אפֿשר, אַז אַלע זאָלן זיי וואָס גיכער אויסשטאַרבן, און אַז אויף זייער אָרט זאָלן געבאָרן ווערן נייע".

אַ ווײַלע האָט זי נאָך מיטן פֿאַרשמאַכטן טרויער, וואָס אין אירע בלאָע אויגן, ערגעץ אַהין, אין דער נעפּלדיקער פֿעלדער־זייט, געקוקט, און פּלוצים האָט זי זיך אויף עפּעס מיטן מויל אַ קרים געטאָן און זיך אויף ליפּקיסן אומגעקוקט.

„ס'איז שוין סיי־ווי־סיי... האָט זי אים אויף דער אַרומיקער שטאַרק־טונקעלער לופֿט אָנגעוויזן, טאָ וועלן זיי שוין בעסער גלייך פֿון דאַנען צו דער אַקושערקע שאַץ טיי טרינקען גיין".

נישט קיין ביסל איז שוין אויך איר, אַפּנים, דענסטמאָל שווער אויפֿן האַרצן געווען, און נישט געוואָלט האָט זי, ווייזט אויס, בשום אופֿן זיך אין אַזאַ צושטאַנד אַהיים אומקערן און דאָרטן איינע אַליין אינגם משך פֿון גאַנצן אָוונט בלייבן.

שווייגנדיקערהייט האָבן זיי חוצן שטעטל דעם לינקן ליידיקן פּלאַץ איבערגעשניטן און זיך אַוועקגעלאָזן מיט דער שנייִיק איינ־געטראָטענער סטעזשקע, וואָס פֿירט אין אלכסון צו די גויִשע הייזער פֿון ווייטן עק דאָרף, צו יענע זעלבע גויִשע הייזער, וואָס רינגלען אַרום די שטאָט אין צפֿון־מערבֿדיקן ווינקל, שטייען דאָרטן ווי די שומרים, און היטן זי פֿון דער נאַכט און פֿון די פּוסטע פֿעלדער, וואָס הייבן זיך שוין אָן באַלד לעבן זייערע הינטערשטע בלינדע ווענט.

ס'איז געווען שטאָק־נאַכט, און אין דער בלאַסער חשכות האָט צופיל געשווינדלט דער שניי. ווייט, ווייט אין דאָרף האָבן פיל הינט מיט אַ בילן פון חשד די קומענדיקע נאַכט באַגעגנט און לעגענדאַריש־פּחדימדיקע מעשיות וועגן דער אַרומיקער פוסטער פעלדער־ווייטקייט דערציילט:

„דער מלאך־המוות לאָקערט דאָרטן אין דער פינצטער... אַ טויט וואַרט דאָרטן אויף יעדן, וואָס דערוועגט זיך אַהין אַקעגן נאַכט פון שטעטל אַרויסגיין".

אָט צייכנט זיך שוין דאָרטן אין דער פינצטער דאָס לעצטע גויִשע שטיבל, יענע זעלבע גויִשע שטיבל, וואָס אין דער לינקער האַלב פון איר וווינט שוין דאָס צווייטע יאָר די ליטווישע אַקושערקע שאַץ און לעבט אין גרויס שלום מיט דער גויע, דער באַלעבאָסטע. איר איינציקע באַלויכטן פענצטער, וואָס אין דער הינטערשטער געל־אָפּגעשמירטער וואַנט, שניידט זיך שוין מיט אַ רויטער שיין טיף, טיף אין דער פעלדער־ווייטקייט אַריין, קוקט צו יענע שטיל שליטלענדיקע פורן, וואָס קערן זיך פון ערגעץ ווייט אַהיים אויף נאַכטלעגער אום, און ווירקט אויף זיי מיט לאַנגע, טרויעריק־מידע מחשבות:

„זענען, הייסט עס, פיל מענטשן אומגליקלעך פאַרזאָרגט און נישט באַפרידיקט. נאָר לעבן... לעבן קען מען נאָך ווי נישט איז איינער אַליין אין פאַררוקטן און פוסטן דאָרף־ווינקל, לעבן אויסגעבאַהאַלטן און איראָניש־שמייכלדיק, ווי ס'לעבט קעגנאיבער אָט דעם רויט־באַלויכטענעם פענצטער די זיבן־און־צוואָנציק־יאָריקע ליטוועטשקע, די אַקושערקע שאַץ".

### III

אין אַ טונקל־וואָלענעם, עטוואָס לאַנגן פעניוואַר מיט צוויי אַלכסונדיקע בלויע סטענגעס, וואָס האָבן זיך העכער פון דער ברוסט אין אַ ברייטן באַנד איבערגעבונדן, איז די אַקושערקע שאַץ געלעגן ביי זיך אין בעט, האָט געראויכערט אַ פּאַפּיראָס און איראָניש־שמייכלדיק וועגן עפּעס געטראַכט.

די אַקושערקע שאַץ האָט שוין שטענדיק געראויכערט אַ פּאַפּיראָס

און שוין שטענדיק איראָניש־שמייכלדיק וועגן עפּעס־וואָס געטראַכט,ביים טישל מיטן לאָמפּ איז געזעסן דער קליין־וווּקסיקער פּראָוויזאָר־געהילף סאָפּיאָן, געהאַט אַ געוויינלעך בלאַסן און קוים־פאַרביק פּנים און מיט זיינע פאַרבלאָזטע, אַרויסגעקראָכענע אויגן באַליידיקט אַריינגעקוקט אין פלאַם פונם לאָמפּ.

אונטערן טיש האָבן ביי אים נערוועז געציטערט די קני. ערשט נישט לאַנג האָט ער דאָ אַן ערנסטן געדאַנק זיינעם אַרויסגעזאָגט:

„אויב ער זעט, ווי אַ פרוי רויכערט, טוט ער וועגן איר ראשית כל אַ טראַכט: אָט איז אַ פרוי, וואָס נויטיקט זיך אין אַלקאָהאָל".

אייגנטלעך וואָלט זיך די אַקושערקע שאַץ באַדאַרפט געוועזן וועגן זיינע ווערטער כאָטש אויף אַ רגע פאַרטראַכטן און אים עפּעס ענטפערן. נאָר זי האָט זיך גאָר צוגעהערט צום הויף, ווו דער הונט באַפאַלט עמעצן, זיך פונם בעט אויפגעהויבן און, נישט אַרויסנעמענדיק דעם פּאַפּיראָס פון מויל, גענומען שמייכלען צו די אַריינקומענדיקע מירלען מיט ליפקיסן. צוליב וואָס זשע האָט ער נאָך באַדאַרפט דאָ זיצן און מיט די קני אונטערן טיש ציטערן?

ער האָט זיך טאַקע פונם בענקל אויפגעהויבן און געוואָלט זאָגן אַ גוטע נאַכט, נאָר מירל האָט שוין געהאַט אַן ערשטוינטן קוק געטאָן פריער אויף דער אַקושערקע און נאָכדעם אויף אים, פאַרהאַלטן דאָס אויסטאָן זיך און פונדערווייט ביי אים וויסן געוואָלט:

„וואָס זשע? ער האָט טאַקע אַזוי מורא פאַרן גלחס איידעם, דעם אַפּטייקער?"

איז ער, דער נערוועזער, נאָך אויף אַ ווײַלע זיצן געבליבן און באַליידיקטערהייט געמוזט צוזען, ווי די אַקושערקע שאַץ קוקט זיך אויף אים נישט אום און ווי, בלאָזנדיק דעם רויך אַרויף, צום נידעריקן באַלקן צו, ווערטלט זי זיך פאַר מירלען וועגן איר אייגענעם לעבן:

„זאָגן, הייסט עס, אַזוי נישט נאָר זיי, די איצטיקע געסט אירע"...

אַלע באַקאַנטע, וואָס קומען צו איר אַריין, קוקן זיך דאָך אַרום אין אַלע זייטן און זאָגן, אַז איר, דער אַקושערקע שאַץ, לעבט זיך אמת גוט.

„נאָר זי, די אַקושערקע אַליין, ווייסט עס געוויס פיל בעסער פאַר

אַן אַנדערן. וואָס איז דאָ שייך צו רעדן? זי שעצט זיך ממש מלאכיש גליקלעך"...

יעדעס מאָל, וואָס מירל האָט זיך אין צווייטן עק חדר מיטן גע־הילף־פּראָוויזאָר סאַפּיאַנען פאַרנומען, האָט זי זיך דאָ, אויפן בעט זיצנדיק, מיט איר גאַנצן היפּשן קערפּער נענטער צו ליפּקיסן צוגערוקט און, קוקנדיק צו דער וואַנט, אים הינטן־אַרום מיט אַן עלנבויגן אין דער זייט געקלאַפּט:

„ליפּקיס!... אַז אָך און וויי איז צו אייך, ליפּקיס!"

אַ רמז האָט זי אים, אַפּנים, דערמיט געגעבן, אַז זי ווייסט אינ־גאַנצן די געשיכטע, וואָס קומט פאָר צווישן אים און צווישן מירעלען: און געלאַכט האָט זי נאָך בשעת מעשה אַזוי שטיל און אַזוי אין זיך. אים, דעם אָנגעברוגזטן ליפּקיסן, איז שיער די נשמה אַרויס, און געמוזט האָט ער סוף־כל־סוף אויסשרייען אויפן קול:

„ווער האָט איר געגעבן דאָס רעכט?... וואָס קריכט זי אים אַריין אין דער נשמה?"

ביים יונגן פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן האָבן טאַקע דערפאַר אונ־טערן טיש שטאַרקער די קני צו ציטערן אָנגעהויבן און געזאָגט האָט ער ענדלעך נערוועזערהייט:

„ער מוז גיין... סוף־כל־סוף מוז ער דאָך אַמאָל צוריק אין אַפּטייק קומען".

און אַוועקגעגאַנגען איז ער פונדאַנען איינער אַליין מיט נערוועזע און אַרויסגעקראָכענע אויגן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ווען מ'רירט זיך צו אָט די אויגן זיינע נאָר מיטן מינדסטן פינגער צו, וואָלטן זיי באַלד פון די שטערן־לעכער אַרויסגעפאַלן.

די אַקושערקע שאַץ האָט וועגן אים געזאָגט:

„אַ נאַרישער בחור... עפּעס גאָר אַ נאַרישער בחור".

און באַלד האָט זי אָן אים פאַרגעסן און ווידער אָנגעהויבן וועגן זיך דערציילן:

„טרעפט זי זיך היינטיקע וואָך ביי איינעם אַ חולה מיטן שטאַרק־פאַרנומענעם דאָקטאָר קראַשעווסקין און זאָגט צו אים: איך וועל מיט אייך חתונה האָבן, דאָקטאָר, אויב איר וועט מיט מיר איצט צופאָרן צו איינער אַן אָרעמער געווינערין".

אַזאַ טבע האָט שוין געהאַט אָט דאָס היפּשע מיידל, וואָס מיטן גלאַט־צעקעמטן קאָפּ און היפּש־רירעוודיק פרייל׳עכן פּנים: גאַנצע שעהן האָט זי אַזוי געקענט וועגן זיך איראָנישע מעשיות דערציילן און סוף־כּל־סוף אַפילו מיט קיין וואָרט איר אינווייניקסטן לעבן נישט אָנרירן. בירושה פון איר ליטווישער משפחה איז שוין, אַפּנים, צו איר אָט די טבע איבערגעגאַנגען. און דערפאַר האָט זיך, קוקנדיק אויף איר, וועגן אָט דער אומבאַקאַנטער משפחה געטראַכט און געדענקט זיך, ווי דורכן שלאָף, די צוויי־און־אַכציק־יאָריקע באָבע אירע, אַ פויגלש־איינגעדאַרטע און קליין־ווּקסיקע זקנה, וועלכע איז פאַריקן זומער צו איר צוגאַסט געקומען און האָט מיט איר צוויי חדשים נאָכאַנאַנד אין אָט דעם חדר אָפּגעלעבט.

גאַנצע זומערדיקע טעג האָט אָט די אַלטיטשקע מיט פאַרמאַכטע אויגן געקאָנט אָפּזיצן אינדערהייך אויף די בעט־קישנס און אויסגיין פונוויטנס, ווי אַן איינגעמאַטערטער און שטאַרק־מידער אויסלענדישער פּאָפּוגיי, וואָס קען שוין די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים נישט איבערטראָגן און האַלט נאָר אין איין טרוימען וועגן ווייטן מדינת־הים. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זי דרימלט גאַנצע וואָכן מיט איינעם אַ לאַנגן פויגלשן דרימל, הערט נישט, וואָס אַרום איר קומט פאָר, און באַמערקט שוין נישט אַפילו די יונגע מענטשן פון שטעטל, וואָס קומען אַהער צו איר אייניקל און רעדן דאָ וועגן פאַרשידענע אינטערעסן. אייניקע זענען שוין אַפילו זיכער געווען, אַז די זקנה איז טויב, עובר־בטל, און רעדט שוין נישט פון יאָרן, פון יאָרן.

נאָר איינמאָל זענען דאָ מיידלעך און יינגלעך לאַנג געזעסן, לאַנג געחקירהט וועגן זיך און וועגן זייער לעבן און נאָכדעם לאַנג געשוויגן. און פּלוצים האָבן אַלע אַ ציטער געטאָן און זיך איבער־געשראָקענערהייט פאַרן האַרצן געכאַפּט.

די אַלטיטשקע האָט הינטער זייערע פּלייצעס דאָס איינגעפאַלענע מויל געעפנט, און איבערן גאַנצן חדר האָט זיך געלאָזט הערן איר הילצערן קול, אַ פאַרשלאָפן און נאָגנדיק קול, וואָס טראָגט זיך פון ערגעץ אַ ווייטער האַלב־איינגעפאַלענער חורבה:

„טאָכטערס טאָכטער מיינע! ווער ס׳רעדט ווינציקער וועגן זיך, דער רעדט ווינציקער נאַרישקייטן״.

און ס'איז געווען אַזוי מאָדנע אָט דאָס, וואָס די אַלטיטשקע האָט זיך נאָך אויך ווערטלען געוואָלט. איר טאָכטערס טאָכטער, די אַקושערקע שאַץ, איז נישט פאַרוווּנדערט און נישט דערשטוינט געבליבן. שמייכלדי־קערהייט האָט זי דענסטמאָל נאָר די קישנס אונטער דער אַלטיטשקער צורעכט געמאַכט און אויך אַזוי שמייכלדיק איר אין אויער אַריינ־געשריען:

„כ'געדענק, באָבעניו, כ'געדענק".

---

די אַקושערקע האָט דעם גאַנצן אָוונט צו פלאַפלען נישט אויפגע־הערט און דערציילט פיל מעשיות וועגן זיך און וועגן אירן אַ פעטער, אַ פרומען און גוטמוטיקן יידן:

פלעגט ער שטענדיק צו איר אַריינקומען, אָט דער פעטער אירער, און איר זאָגן:

„אַזוי, מלכהלע? וועסטו שוין טאַקע קיינמאָל נישט חתונה האָבן? אַ שאָד... אַ שאָד".

און מירל איז אַקעגן איר אויפן בענקל געזעסן, געהערט און נישט געהערט, געקלערט וועגן זיך און וועגן דעם שפּאַציר־פּלאַץ, ווו זי איז פאַרנאַכט אַרומגעגאַנגען, זיך פאַרזעסן אויף אַ היפשער ווײַלע און שוין נאָר געדענקט עפעס אַ שטילע אומעטיקע מעשה, וואָס האָט מיט איר אַליין פון קינדווייז אָן געפּאַסירט:

„איז זי געוואַקסן אַ בת־יחידה ביי ר' גדליה הורוויצן אין שטוב... האָט זיך איר עפעס געוואָלט — איז זי געוואָרן אויפן זיבעצטן יאָר אַ כלה פאַר וועלוול בורנעס... איז דאָס געווען קאַרג — איז זי אַוועקגעפאָרן אין קרייז־שטאָט און געגומען לערנען דאָס, וואָס אַלע... האָט עס נישט געהאָלפן — איז זי צוריק אַהיים געקומען און, דוכט זיך, ליב באַקומען דאָ אין שטעטל נתן העלערן... איז דאָס אָבער אַלץ קאַרג געווען, און געדוכט האָט זיך אַלץ, אַז דאָס קומענדיקע לעבן באַדאַרף זיין גאָר אַנדערש. נתנען האָט זי איינמאָל געזאָגט: „ס'וועט פון דעם גאָרנישט זיין; ער מעג פון שטעטל אַוועקפאָרן". דעם חתן אירן האָט זי די תנאים אָפּגעשיקט... און איצט איז זי ווידער פריי, און דער פאַרנעפּלטער ווילן איז ווידער מיט איר... און איצט בלאָנקעט זי גאַנצע טעג אַרום דעם שטעטל, און ליפּקיס הינקט איר נאָך... און

איצט זיצט זי דאָ ביי דער אַקושערקע שאַץ, וואָס וווינט שוין דאָס צווייטע יאָר אין איר געדונגען שטיבל, וואָס אין שטילן עק דאָרף".

קיין באַזונדער אומגליק איז, דוכט זיך, נישט געשען סיי אין איר לעבן, סיי אין לעבן פון דער אַקושערקע שאַץ. נאָר מיט קיין איבעריקע פריידן האָבן זיך שוין אויך זייערעביידנס לעבנס נישט אויסגעצייכנט, און דערפאַר טראַכט זיך מיט אַזאַ טרויער וועגן זיך, וועגן דער אַקושערקעס אומבאַקאַנטע יונגע יאָרן, וועלכע זי האָט צו-זאַמען מיט איר אומבאַקאַנטער משפחה ערגעץ אין דער ליטע געלאָזט, און ס'ווילט זיך שטיל זאָגן:

„איר ווייסט, שאַץ? איר זענט אַ מאָדנער מענטש".

„איר שטעלט אייך פאָר, שאַץ? מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן ווערט מען אייך סוף-כל-סוף אין קבר אַריינלייגן".

נאָר אָט האָט זיך די אַקושערקע שאַץ אַ נייעם פּאַפּיראָס ביים קעסטל הילזן געמאַכט. פאַררויכערנדיק דעם פּאַפּיראָס ביים לאָמפּ, האָט זי אין אלכסון געכאַפּט אַ קוק אויפן אָנגעברוגזטן ליפּקיסן און אַ שמייכל געטאָן מיט אַ מינע פון אַ לץ, אַ שלום-מאַכער:

„מאָדנע איז שוין יעדער מענטש".

ס'דוכט זיך, אַז זי גרייט זיך דערציילן וועגן איינעם אַ מענטשן, וואָס איז שוין מאָדנע מיט זיין גאַנצן לעבן. מעגלעך, אַז דערציילן וועט זי איצט וועגן איר באַקאַנטן, דעם קרעפּטיקן און איינזאַמען בחור, דעם העברעישן ליטעראַט, הערץ, וואָס וואַלגערט זיך אַלע זומער ערגעץ אין אַ שטאַרק-שטילן שווייצערישן דאָרף, און אַלע ווינטער — אינם קליינעם ליטווישן שטעטל, ווו זיין געשטאָרבענעם זיידן, דעם רב, האָט מען שוין לאַנג אַ שטיינערנע מצבה פאַר קהליש געלט אַוועק-געשטעלט.

און אַ חשד איז דאָך פאַראַן אַ היפּשער, אַז די אַקושערקע איז געשטרויכלט געוואָרן אין איר ליבע דווקא צו אָט דעם בחור, וואָס גלויבט שוין אין גאָרנישט, אַז עפּעס איז צווישן זיי אומאָנגענעמס צוריק מיט צוויי יאָר פאָרגעקומען, און די אַקושערקע האָט דערפאַר געמוזט נישט ווילנדיק איר שטעטל פאַרלאָזן און זיך אין אָט דעם וויסטן עק דאָרף באַזעצן.

מירל רוקט זיך מיטן בענקל נעענטער צום בעט, ווו די אַקושערקע האָט זיך באַקוועם אײַנגעזעצט. און ליפּקיסעס מוח איז נאָך אַלץ פאַרנומען מיט זיין וואָכעדיקן חשבון:

„אַלע טאָג טענהט מיט אים זיין מוטער, אַז ער מוז זיך מאַכן אַ האַלב טוץ וועש... נאָך אַלע פאַרדינסטן וועט ער סוף־כּל־סוף נישט האָבן, מיט וואָס איבערצואַיאָר ווינטער אין כּרך אַוועקצופאָרן".

ווען אָט דער געדאַנק הערט אויף אין זיין מוח צו עגבערן, קוקט שוין מירל איינגעבויגענערהייט מיט שטאַרק־פאַראינטערעסירטע אויגן אין דער אַקושערקעס פּנים און כאַפּט יעדעס וואָרט, וואָס יענע לאָזט פּאַמעלעך צוזאַמען מיטן רויך פון מויל אַרויס.

„צי הערץ שרייבט איר בריוו, פרעגט מירל?... ראשית איז ער שוין דערויף בכלל צו קלוג און האָט פיינט נאַרישקייטן צו טאָן, און צווייטנס..."

זי פאַרציט זיך טיף־טיף מיטן פּאַפּיראָס, אַזוי אַז די רויטע קייל באַלייכט איר אינגאַנצן דאָס פּנים, לאָזט אַרויס דעם רויך פון מויל און גיט שוין צו מיט אויסגעקרימטע ליפּן און מיט אַ ווונדער פון באַליידיקונג:

„מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז איר, דער אַקושערקע, גייען זיי טאַקע באמת אָפּ, אָט די בריוו זיינע..."

ביי ליפּקיסן פאַרקרימט זיך דאָס פּנים אויף לצנות צו מאַכן:

„יאָ, דער אַקושערקע גייט שוין כּלומרשט קיינמאָל נישט אָפּ דאָס, וואָס זי האָט נישט און וועט קיינמאָל נישט האָבן".

ער וויל איר דערמיט, אַפּנים, אָפּדינען פאַר אירע פריערדיקע ווערטער: „אַז אָך און וויי איז צו אייך, ליפּקיס". נאָר ער האַלט זיך איין, קוקט מיט שנאה אויף איר אויפגערעגט פּנים און שווייגט.

---

ס'איז אַזוי שטיל אין אָט דעם איינציקן באַלויכטענעם חדר, וואָס אין דעם אַקושערקעס שטיבל. ס'דוכט זיך, אַז ס'איז שטאַרק שפּעט, און ס'קלינגט ביי עמעצן אין אַן אויער. צווישן דער ביי־נאַכטיקער רו, וואָס נאָגט אין אַלע טונקל־באַלויכטענע ווינקעלעך, הערט זיך נאָר, ווי ליפּקיס שפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער פאָרענצע

פון בעט, און ווי ס׳שטאַרבן פּאַמעלעך אָפּ די באַטראַכטע ווערטער, וואָס די אַקושערקע שאַץ וואַרפט וועגן איר באַקאַנטן אין דער שטיל־קייט אַריין:

האָט ער נאָך פּאַר צוויי יאָרן פון זיך אַליין חוזק געמאַכט און איר געזאָגט:

„שרייבן בייטאָג איז אים שוין אַ בזיון פאַר זיך אַליין, און פאַרן גאַנצן שטעטל יידן, וועלכע באַדאַרפן עס נישט. טוט ער עס שוין נאָר ביינאַכט, ווען מענטשן שלאָפן".

„ביינאַכט, זאָגט ער, איז ביי יעדן די בושה קלענער".

און נאָכדעם שמייכלט ער און שווייגט.

„ס׳איז אים שוין, זאָגט ער, גאָרנישט געבליבן, חוץ דאָס שמייכל־דיקע שווייגן".

אין דער לופט פונם חדר שוועבט שוין אַרום דער בלאָנזשענ־דיקער שאָטן פון אָט דעם פאַרוואָגלטן בחור, און ס׳דוכט זיך: ערגעץ אין אַ נאָענט חדר־ווינקל, וואָס הינטער די פלייצעס, שטייט ער אַליין מיט זיין גאַנצער קרעפּטיקער און עטוואָס איינגעבויגענער וווּקס; ער האָט ליכטיקע, נישט לאַנג אָפּגעשוירענע האָר מיט אויך אַזעלכע ליכטיקע נידעריק־צוגעשוירענע וואָנצעס, קוקט אַהער רויק מיט שמייכלדיקע אויגן און הערט, ווי ס׳דערציילט וועגן אים די אַקושערקע שאַץ:

„וואַלגערט זיך געוויס אָט דער נע־ונד איצטיקן ווינטער אויך אין קליינעם ליטווישן פּוסטן שטעטל און בלאָנזשעט דאָרטן גאַנצע נע־פלדיקע טעג ווייט, ווייט אויף די שנייִיקע פעלדער".

מירל פאַרטראַכט זיך וועגן זיך, דענסטמאָל ווען די אַקושערקע דערציילט, ווי אַזוי ער רעדט שוין דאָרטן קיינמאָל מיט קיין אינטעליגענטן מענטשן נישט און האַלט זיך אַפילו פון פּשוטע שטאָט־יידן פונדער־ווייטן. נאָר אויב ווייט, ווייט פון שטעטל באַגעגנט ער ערגעץ־וווּ אַ פויער שפּאַנען, שטעלט ער זיך אָפּ און פאַרפירט מיט אים אַ לאַנגן שמועס:

„פון וואָסער דאָרף שטאַמט ער? צי האָט ער ווייב און קינדער? און וועמענס ערד באַאַרבעט ער: אייגענע, צי פרעמדע?"

און נאָכדעם קוקט זי שוין ווידער צו דער אַקושערקע און הערט ווייטער, ווי זי דערציילט:

„דאָרטן, זאָגט ער, צווישן די שווייצערישע פאַרשטיינערט-שווייגנדיקע בערג און שטילע אָזערעס, שטאַרקט זיך אין אים די איבערצייגונג, אַז מענטשן וועלן סוף-כּל-סוף צו טומלען אויפהערן און וועלן מיט איינעם און דעם זעלבן שמייכל דעם טויט מיטן לעבן באַגעגענען".

„ער קוקט שוין געוויס מוראדיק אויפן לעבן, גיט זי דערביי צו, און דאָך האָט דאָס אים נישט געשטערט אין אָט דער זעלבער שווייץ איינע פון זיינע שענסטע קליינע זאַכן אָנצושרייבן".

די אַקושערקע שעמט זיך מירעלען און ליפּקיסן אין פּנים אַריין צו קוקן און דרייט פון זיי איר פּנים אַוועק.

מיט גלאַנצנדיקע, קוים-קוים שמייכלדיקע אויגן קוקט זי צו דער העכערער האַלב פון דער קעגנאיבערדיקער וואַנט און הייבט דאָך אָן פאַמעלעך און שטיל אָט די קליינע זאַך זיינע אויסווייניק צו לעזן:

און בלאָנזשענדיק אַזוי יאָרן-לאַנג איינער אַליין איבער דער וועלט, האָב איך, דער פאַרטריבענער נע-ונד, אַלץ מער און מער זעלטן ערגעץ-ווו אַ ישוב באַגעגנט, און פאַרגעסן האָב איך פאַר דער צייט דעם חשבון פון שבת און פון וואָך, איינע נאָך איינער האָב איך פונעם שווערן פּאַק, וואָס אויף מיינע פּלייצעס, די זאַכן אַרויסגעוואָרפן און געזאָגט צו זיך אַליין:

„נישט איך און נישט קיינער באַדאַרף שוין אָט די זאַכן האָבן. נאָך וואָס זשע זאָל איך זיי נאָך אויף זיך טראָגן און אונטער זייער שווערקייט מיינע פּלייצעס בויגן?"

און ווען אין לעכערדיקן זאַק, וואָס אויף מיינע פּלייצעס, איז שוין גאָרנישט נישט געבליבן, האָב איך אים אויך אַוועקגעוואָרפן און גענומען אַרומקוקן זיך אַליין.

כ'בין נאָך כּמעט יונג, האָב איך דערביי געטראַכט, קראַפּט און מאַכט שלאָפט אין מיר, נאָר צי קען איך האָפן, אַז איך אַליין וועל זיך נאָך אַמאָל אין זיך נויטיקן?

און פאַרגעסנדיק דאָס, וואָס כ'האָב הינטער זיך געלאָזט, האָב איך פּאַמעלעך גענומען שפּאַנען פּאָראויס.

כ'האָב געטראַכט:

„ס'איז כדאי צו זען, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן, אויף יענעם וועלט־שטח, וועלכן ס'שלינגט איין דער האָריזאָנט, און אפשר... אפשר וועל איך פּאָרט ערגעץ אָנקומען".

און איינמאָל, אין אָנהייב בין־השמשות איז דאָס געווען, בין איך טאַקע אַזוי אין אַ טויטער שטאָט אָנגעקומען און האָב דאָרטן די טירן פון אַלע הייזער אָפענע געטראָפן.

נישט קיין ווינטערדיקע און נישט קיין זומערדיקע זענען אין אָט דער טויטער שטאָט די בין־השמשותן געווען, און קאַלט איז מיר נישט געווען, און קיין פּחד איז מיך נישט באַפאַלן. פון שטוב צו שטוב בין איך אַרומגעגאַנגען און האָב געזען: פאַרגליווערטע קערפּערס ליגן אומעטום אויף די בעטן און האַלטן אין די פויסטן האַרט־געדריקטע שטיינער. אויף עמעצן האָבן זיי שוין, אַפנים, פאַרן טויט אָט די שטיינער געוואָלט וואַרפן.

אין אַ ווינקל פון אַ שטוב האָב איך נאָר איינע אַ שלאַנק־וווקסיקע פרוי דערזען און בין פאַרשטיינערט געוואָרן אויף איר קוקנדיק, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, אַ מאַט־בלאַסע, געקליידט אין אַ לאַנג שוואַרץ קלייד, איז זי אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט געשטאַנען, געקוקט מיט שוואַרצע אויסגעמאַטערטע אויגן אינדערווייטן און שוין, אַפנים, פאַרגעסן, אַז זי האַלט די גאַנצע צייט צוגעדריקט צו דער ברוסט אַ קינדערש־קליינע, וועקסענע ליאַלקע.

„אַזוי שפּעט ביסטו געקומען, האָט זי צו מיר שטיל און גלייכגילטיק געזאָגט, מ'האָט דאָ אויף דיר אַזוי לאַנג געוואַרט, און איצט קוק: זיי זענען שוין אַלע טויט".

כ'האָב געשוויגן דערפאַר, וואָס אין אירע אויגן האָט שוין געברענט יענער פייער, וואָס ברענט אין די אויגן פון אַלע משוגעים, און זי האָט מיר נאָך אויף דער ליאַלקע, וואָס ביי איר ברוסט, אָנגעוויזן און געזאָגט:

„דו ווייסט, וואָס דאָס איז? ס'איז אַ פאַרשלייערטער טעות".

און אַנידערפאַלנדיק אַ טויטע אויפן בעט, וואָס איז לעבן איר

געשטאַנען, האָט זי נאָך שטיל, אומגעוויינלעך שטיל, דעם געדאַנק אירן פאַרענדיקט:

„און אינגאַנצן... אינגאַנצן... — איז — דאָס — גע–וועזן — נישט מער, ווי אַ פאַרשלייערטער טעות".

... דענסטמאָל האָב איך די שטוב פאַרלאָזן און בין געגאַנגען זיך אויפן טויער פון שטאָט אַוועקזעצן.

„ווהין וועל איך שוין פונדאַנען גיין? האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, בעסער וועל איך שוין דאָ אייביק אויפן טויער זיצן און וועל אַ שומר פון אָט דער טויטער שטאָט בלייבן".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — און אָט זיץ איך שוין אַזוי לאַנג אויפן טויער פון אָט דער שטאָט, וואָס אין איר קומט קיינער נישט אַריין, און פונוואַנען ס'גייט קיינער נישט אַרויס.

אַלץ, וואָס כ'האָב אַמאָל געוווסט, האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסן, און אין מוח אין מיינעם איז שוין מער נישט ווי איינער אַ געדאַנק געבליבן:

„אַלע, אַלע זענען זיי שוין געשטאָרבן, און נאָר איך אַליין לעב און וואַרט שוין נישט אויף קיינעם".

און ווען איך קוק נאָכאַמאָל זיך אַליין אַרום און דערפיל די קראַפט און מאַכט, וואָס שלאָפט אין מיר, טו איך שוין אַפילו קיין זיפץ נישט און טראַכט:

„כ'בין אַ שומר פון אַ טויטער שטאָט".

די אַקושערקע איז געבליבן שטיל.

מירל האָט זיך מיטאַמאָל פון אָרט אַ הייב געגעבן, כדי צו גיין מיט ליפקיסן אַהיים, נאָר דער גייסט פון דער דערציילונג האָט נאָך אויף איר גערוט, איז זי טרויעריק און שטיל אויף איין אָרט געשטאַנען, און איר מוח האָט נאָך געקלערט וועגן דער טויטער שטאָט און וועגן דער אַקושערקעס פנים, וואָס האָט זיך אַזוי מאָדנע אומגעביטן בשעתן לעזן.

די אַקושערקע האָט געוואָלט אויסזען אַלע אירע יאָרן, ווי אַ חכמה און אַ געפּרוווטע, איז אויף איר אַרויפגעשפּרונגען דער צאָרן

פון איר באַהאַלטענער ליבע צו אָט דעם בחור... בשעתן לעזן איז דאָך געווען אַזעלכע מינוטן, ווען איר פּנים האָט אויסגעזען אַזוי נאַריש, ווי דאָס פּנים פון אַן אמתן אידיאָט.

און ווידער האָט אויף איר די שטימונג פון דער דערציילונג געווירקט. אירע אויגן האָבן געקוקט אויף די פענצטער־שויבן, וואָס צו זיי האָט זיך פונדרויסן געקלעפּט די שוואַרצע נאַכט און אירע אויערן האָבן שוין נישט געהערט דאָס שטילע שעפּטשען פון אירע אייגענע ליפּן:

„אָט דער פאַרשוין, וועלכן די אַקושערקע רופט הערץ... עפּעס לעבט ער אָן אַן ווילן און שרייבט אָן ווילן... ווי קלערט די אַקושערקע: ס'איז אים נאָך געבליבן עפּעס, אַחוץ משוגע צו ווערן?"

נאָר די אַקושערקע שאַץ האָט זיך שוין ווידערביים קעסטל מיט הילזן געפּאָרעט און זיך דאָרטן שוין ווידער אַ נייעם פּאַפּיראָס געמאַכט.

„ער איז אַזוי געזונט, ווי אַ גוי, האָט זי פונדאָרטן געענט־פערט, ער קען אַלץ אַריבערטראָגן שווייגנדיק".

און דער גוטער יאָר ווייסט זי, פאַרוואָס זי האָט נאָך באַלד באַ־דאַרפט קאַלטבלוטיק צוגעבן:

„גישקשה, דער רוח וועט אים דאָרטן נישט נעמען".

מירלען איז נאָך נאָכדעם אינטערעסאַנט געווען אַריינצוקוקן אַהער פונדרויסן דורכן פענצטער און זען:

די אַקושערקע שאַץ איילט זיך לחלוטין נישט שלאָפן לייגן און טראַכט נאָך אַפילו נישט דעם לאָמפּ אויסלעשן. מיטן רויכערדיקן פּאַ־פּיראָס אין מויל און מיט מאַנסבילש־אַריבערגעוואָרפענע פיס זיצט זי נאָך אָן אַ שום באַוועגונג אויפן בעט און קוקט ערגעץ־וווּהין אין דער פוסטער לופט, וואָס אין חדר.

---

ס'איז געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, און קיין לאָמפּן האָבן שוין אין ערגעץ נישט געברענט.

ווייט, ווייט אינם ביינאַכטיקן האָריזאָנט, וואָס קעגנאיבער די פאַר־שנייטע פעלדער, האָבן זיך נאָר אין איין לאַנגער שוואַרצער שורה די דעמבבענע וועלדלעך געצויגן, און געדוכט האָט זיך, אַז זיי ווילן דרימלען

און קענען נישט, אַז ס׳שטערט זיי פונדאַנען די לאַנגע שיין פון דער אַקושערקע שאַצס רויט־באַלויכטענעם פענצטער, און ס׳וועקט זיי אַלע מאָל אַן אַנדער שטיל־בלאָנזשענדיק ווינטל, וואָס קומט אַהין צווישן די יונגע בוימער צו לויפן און לאָזט איבער צווישן זיי די ביינאַכטיקע מרה־שחורה פון ערגעץ־ווו אַ ניי־געבוירענעם אומגליק.

מירל האָט נאָך אַלץ פאַר די אויגן די זיצנדיקע אַקושערקע שאַץ געזען, געדענקט דאָס מעשהלע וועגן דער טויטער שטאָט און זיך מרה־שחורהדיקערהייט געזאָרגט:

„געוויס וועט זיך איר שוין אַ גאַנצע נאַכט די טויטע שטאָט מיט דער משוגענער פרוי אין שוואַרצן חלומען... אַ גאַנצע נאַכט".

נאָר דורכגייענדיק פאַרביי איר געוועזענעם מחותנס דרימלענדיקער שטוב מיט די אויסווייניק־געשלאָסענע בלויע לאָדנס, האָט זי דאָרטן דעם באַיאָרטן גוי, דעם סטרוזש, דערזען און זיך געשטעלט מיט אים רעדן.

„אַך, זאַכאַר, פאַרוואָס קומט ער קיינמאָל צו זיי נישט אַריין, זאַכאַר?"

דער אַלטער זאַכאַר איז געשטאַנען פאַר איר אָן אַ היטל און איז שיער נישט צעגאַנגען פון גליק:

„אוי, אוי, אוי! וויפל מאָל האָט ער די באַרישניע ביינאַכט אַהיים געפירט? וויפל מאָל האָט ער דער באַרישניע אין דער בלאָטע־צייט זאַפּיסקעס געטראָגן... און איצט, איצט האָט מען אים אויף דער קיך געזאָגט, אַז זי איז שוין אויס כלה געוואָרן... איז עס אמת אָט דאָס, וואָס מ׳האָט אים אין קיך געזאָגט?"

און זי האָט געשמייכלט און אים אויער געשריגן:

ס׳איז אמת, אמת, זאַכאַר".

עפּעס האָט זי זיך שוין צופיל וועגן איר געוועזענעם מחותנס הויז־געזינט דערפרעגט, געוואָלט, אַפנים, שטאַרק געוואָר ווערן, צי דער געוועזענער חתן אירער נעכטיקט איצט אין שטאָט, נאָר נישט געקענט, דערפאַר וואָס ליפּקיס איז דאָ ביי דער זייט געשטאַנען, צי גאָר דערפאַר, וואָס דער באַיאָרטער זאַכאַר האָט וועגן אַלע שאלות אירע געקענט דאָרטן אין שטוב איבערגעבן.

ליפּקיס איז שוין אַזוי צופרידן געוועזן, וואָס זי האָט צולעצט

אָט דעם אַלטן גוי אָפּגעלאָזט. זיך און שוין אַליין געפּילט, אַז ער גיט אויף אַן איבעריקע שאלה:

„אָט וועט ער ביי איר, למשל, פרעגן: וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט זי געהאַט מיט אָט דעם אַלטן גוי אַ גאַנצע האַלבע שעה פאַר־ברענגען?"

נאָר זי האָט אים גאָרנישט נישט געענטפערט, זיך ווידער אַמאָל אָפּגעשטעלט, זיך דערמאָנט, אַז מ'באַדאַרף דעם סטרוזש אויף טיי געבן, און ביי אים, ליפּקיסן, צוליב דעם אַ גאַנצן רובל געפרעגט. האָט ער זיך אָקאָרשט פונסניי שטאַרק ברוגז דערפילט און שלעפּענדיק דעם זילבערנעם רובל פון טאַש, שוין מיט אַזאַ בייזקייט וועגן איר גע־טראַכט:

„עמעצער איז אַ מבין, ווי פּשוט און פּראָסט זי נעמט דאָס אַביסל ביי אים געלט? ממש ווי ביי אַ מאַן נעמט זי דאָס ביי אים".

## IV

אויף עמעצן האָט מען זיך ביי ר' גדליה הורוויצן אין שטוב געריכט.

די אויסלענדישע ראָזע גאַרדינען האָט מען פונסניי אויף אַלע פענצטער אויפגעהאָנגען, דעם קילן זאַל האָט מען אַלע טאָג געהייצט און די סאַמעטענע סטעזשקעס האָט מען דורכאויס אויף די דילן אויסגעשפּרייט. די גאַנצע שטוב האָט שוין פון חול אויף קודש עפּעס מוסיף געווען און, דוכט זיך, שוין גאָרנישט אין זינען געהאַט, אַחוץ די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אינם גאַנצן שטעטל וועגן מירלען אַרומגעטראָגן:

„איז אַ סברה, אַז זי ווערט טאַקע פאַר אים אַ כלה, פאַר יעקב־יוסף זיידענאָווסקיס לייטישן בחור; פאַרן בחור פון יענעם זעלבן יעקב־יוסל זיידענווסקי, וואָס שטאַמט פונם נאָענטן דאָרף ,שוקיי־גאַראַ', וווינט שוין דאָס צענטע יאָר אין פּאָרשטאָט פון ווייטלעכען כרך, ווו ער האָט אַן אייגענע גוראַלניע און שפּאָרט נאָך אָן עד היום אין דער הויגער געגנט מיט זיינע גרויסע אָקסן־שטאַלן".

ליפּקיס איז אַזוי בייז געווען יעדעם מאָל, בשעת עמעצער האָט זיך וועגן אָט די קלאַנגען ביי אים פונאַנדערגעפרעגט און בייזערהייט געענטפערט:

„פונוואַנען זאָל ער דאָס וויסן ?"

„און בכלל... פאַרוואָס דערפרעגט מען זיך וועגן דעם דווקא ביי אים, ליפקיסן ?"

ער האָט זיך דענסטמאָל זעלטן ווען מיט מירלען באַגעגנט, זיך דערפאַר עמעצן אויף צו להכעיס געהאַלטן מאָדנע גאווהדיק און שטאָלץ, און כלומרשט נישט געוווּסט, אַז די גאַנצע קלאַנגען שטאַמען נישט מער, ווי פון אַ פשוטן פרעמדן יידן, אַ שדכן, וועלכער האָט זיך אויף אַפּאָר טעג ביי אברהם-משה בורנעס אָפּגעשטעלט און האָט זיך דאָרטן געקלאָגט :

„וואָס זשע קומט אַרויס, וואָס ביי זיידענאָווסקין איז אַ ווילער בחור פאַראַן ! מירל איז נאָך פאָריקן זומער ערגעץ אין קרייז-שטאָט אין איין אַכסניה מיט אים געשטאַנען, זיך אַפּאָר מאָל דאָרטן אין קאָרידאָר מיט אים אַדורכגעשמועסט און אים שוין, אַפּנים, אויף אייביק דעם קאָפּ פאַרדרייט".

נאָר טעג נאָך טעג זענען אַוועקגעגאַנגען, און צו ר' גדליה הורוויצן אין שטוב איז נאָך אַלץ קיינער נישט אַראָפּגעקומען, מירל איז נאָר עפּעס בלאַסער און שטילער געוואָרן, און געדוכט האָט זיך שוין, אַז זי ווייסט נישט פון גאָרנישט און הערט זיך צו גאָרנישט צו ; אַז אַלץ-איינס איז איר, צי מ'רעדט וועגן איר אין שטאָט שלעכטס, צי גוטס, און אַז דערפאַר טוט זי שוין גלייכגילטיק אַזעלכע אומבאַטראַכטע, בת-יחידישע מעשים, שטעלט אָפּ אינמיטן גאַס איר געוועזענעם חתנס שוועסטער, קלאָגט זיך אויף זיי דערפאַר, וואָס זיי קומען צו איר קיינמאָל נישט אַריין און טענהט מיט אַ מאָדנע יורדישער געפאַלנקייט :

„על כל פנים... נישט ערגער איז זי דאָך, על כל פנים, פונם פאָטאָגראַפס ווייב, דער ראָזענבוימעכע, וואָס צו איר לויפן זיי צוויי מאָל אַ טאָג".

ביידע אברהם-משה בורנעסעס מיידלעך האָבן זיך נאָך אָט דער באַגעגעניש אין די פנימער געקוקט און זי אין גרויס וווּנדער מיט די אויגן באַגלייט :

„ביסט אויף איר אַ מבין ?" האָט די עלטערע ביי דער קלע-נערער געפרעגט.

און זי איז נאָך אַלץ איינע אַליין ערגעץ אַרויף דעם שטעטל

געגאַנגען. בײַ דער אַפּטייק, וואָס צווישן די לעצטע ײדישע הײַזער, האָט זי זיך אײַנמיטן וועג אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז דאָרטן נישט געווען, אַחוץ יענעם אָפּגעריסענעם ײנגעלע, וואָס איז פון ערגעץ אַראָפּ אין שטאָט אַרײַן געגאַנגען, און די געלעזערנע אַפּטייק-טיר, וואָס מיטן גלעקל, איז פון אינווייניק מיט אַ רויט פּאָרהענגל פאַרשטעלט געווען. זי האָט אָט דאָס אָפּגעריסענע ײנגעלע צו זיך צוגערופן און אים געבעטן, איר פון דער אַפּטייק דעם פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַנען אַרויסצורופן. דאָס ײנגעלע האָט זיך געשעמט, און געפאָלגט, און זי איז דאָרטן אײנע אַליין געשטאַנען און געוואַרט, ביז סאַפּיאַן האָט אַן אַרבעט זײַנע געענדיקט, ביז ער האָט זיך דאָרטן אָנגעטאָן און איז אַהער אינדרויסן מיט זײַנע אַרויסגעקראָכענע, פאַרבלאָזע אויגן אַרויס. ײדן זענען דערווײַל אויף אַ פּשוטן פּויערשן שליטן פון ערגעץ צוריק אין שטאָט אָנגעקומען, געוואָרפן אויף איר דערשטוינטע בליקן און דערבײַ מאָדנע שמייכלען אײנער צום צווייטן אָנגעהויבן, און זי האָט זיך כּלומרשט אויף זייערע שמייכלען נישט אומגעקוקט און מיט אַן ערנסטער מינע צום פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַנען געזאָגט:

זי האָט אים פריער געוואָלט בעטן, ער זאָל זי צו דער אַקושערקע שאַץ אָפּפירן. נאָר איצט... איצט גלוסט זיך איר שוין צו דער אַקושערקע שאַץ נישט גיין. ער האָט צײַט, זיך מיט איר אַביסל אַהין, אַרויס דער שטאָט דורכגיין?"

און דער פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַן האָט איבער אָט דער שאלה געמוזט דעם האַלז אויסציִען, אַראָפּשלינגען און מיט נערוועזע פינגער דאָס אייבערשטע קנעפּל פונם ווינטערדיקן פּאַלטאָ פאַרשפּיליען:

„צי ער האָט צײַט? ער איז, אייגנטלעך... ער קען, אייגנטלעך, אַביסל גיין".

און ער איז געגאַנגען אַ נערוועזער און אויפגערעגטער פאַרבײַ איר לינקער זײַט, נישט געקוקט צו איר, געזען מיט די אַרויסגעקראָכענע גרויסע אויגן דעם נעפּל, וואָס שפּרייט זיך אַרויס דעם שטעטל, נישט געהאַט אויף צו להכעיס פון וואָס צו רעדן, און געשוויגן. אַ מאָדנע שווערקייט האָט זיך אין זײַן שווײַגן געפילט, האָט מירל אויף אים פון צײַט צו צײַט אַ בליק געוואָרפן און, צולעצט, בײַ אים געפרעגט:

„ער, סאַפּיאַן, שטאַמט, דוכט זיך, עפּעס גאָר פון אַן אַלטער משפּחה... מ׳האָט איר, דוכט זיך, נישט לאַנג וועגן דעם דערציילט?"

און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער וועגן דעם זעלבן:

„איר טאַטע שטאַמט אויך פון אַן אַלטער גערמאַנישער משפּחה, וואָס האָט זיך לאַנגע צײַטן מיט זיך אַליין משדך געווען און ווערט, אַפּנים פון אַלטקייט, דעגענערירט. מעגלעך, אַז דערפאַר פילט שוין צײַטנווײַז זי, מירל, אַזאַ פּוסטקייט און טויג נישט צו גאָרנישט".

זיי זענען שוין געגאַנגען איבערן שנייִקן שפּאַציר-פּלאַץ און זיך פאַמעלעך גערוקט פאָראויס. פּלוצים האָט דער אויפגערעגטער פּראָוויזאָר-געהילף אומבאַוווסטערהייט אַנגעהויבן אין פאַלטאָ-קעשענע מיט אַ פינגער עפּעס אַ מין „לכּבֿוד" צו דרייען און, נישט אומקוקנדיק זיך צו איר, מיט אַ נערוועז-ציטעריקן קול געפרעגט:

ס׳איז געוויינלעך נישט זיין עסק, און זי האָט בײַ אים נישט צו ענטפערן... ער וויל בײַ איר נאָר פרעגן: פאַרוואָס, למשל, זאָל זי זיך צום עקזאַמען נישט צוגרייטן און זאָל זיך עפּעס אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע נישט צוקלייבן. ער האָט געהערט: סך-הכּל צוויי-און-צוואַנציק יאָר איז זי אַלט".

און מירל האָט זיך איבער עפּעס אָפּגעשטעלט און גענומען אַראָפּקוקן אַהין, וווּ זי האָט מיט אַ שפּיץ פון איר קליינעם קאַלאָש אין שניי געגראָבן:

„יאָ, פיל מענטשן האָבן איר שוין די שאלה פאָרגעהאַלטן".

ס׳איז געווען שטיל אין דער אַרומיקער נעפּלדיק-גראָער לופט, קיין שוואַרצע ראָבן זענען דאָ שוין אַפילו נאָענט נישט אַדורכגעפלויגן, און קיין בן-אדם האָט זיך אין דער ווינטערדיקער ווײַטקייט נישט באַוויזן. פּלוצים האָט מירל עפּעס ווי אַ זיפץ געטאָן, זיך פאַמעלעך און פאַרקלערט ערגעץ אין אַ ווײַט פאַרקוקט און אויך אַזוי פאַמעלעך און פאַרקלערט אָנגעהויבן דערציילן, ווי אין איינעם אַ ווינטערדיקן פרייטאָג-צונאַכטס האָט זיך פאַר איר זייער דיגסטמיידל געקלאָגט:

„ווי וועט זי דאָס אָן יאָדערן איינע אַליין ביז עלף אַזייגער אויס-זיצן? משוגע וועט זי דאָך דאָ ווערן".

און אין אַ קליין שטיקל צייט אַרום האָט זי, שפּאַצירנדיק אין

קרייז-שטאָט, אונטערגעהערט, ווי אַ קורסיסטין האָט זיך פאַר אַ סטודענט געקלאָגט:

„גאָט אירער! זי האָט לחלוטין נישט אינדערהיים, וואָס צו לערנען, פונם זינען וועט זי דאָך דאָרטן איינע אַליין אַראָפּ".

און דאָ האָט זי זיך אָקאָרשט אויף סאַפּיאַנען אומגעקוקט, זיך געלאָזט מיט אים ווייטער גיין און געפרעגט:

„איר פאַרשטייט, סאַפּיאַן? איינע און די זעלבע פוסטקייט וויל מען פון זיך מיט יאָדערן און מיט אַ בוך פאַרטרייבן?"

„צי איר פאַרשטייט?"

ביים פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַנען זענען די אַרויסגעקראָכענע פאַרבלאָזטע אויגן נאָך גרעסער געוואָרן, און אַ האַלבע זייט נאָז האָט ביי אים נערוועז פון חקירה-התלהבות אונטערשפּרינגען אָנגעהויבן.

„דיעלאָ ווטאָם, וואָס זי, מירל, האָט נאָר-וואָס צוויי פאַרשידענע זאַכן צונויפגעמישט"...

נאָר מירל האָט אים שוין איבערגעשלאָגן און אים אויף טריט-סימנים, וואָס אויפן שניי, אָנגעוויזן:

„ער דערקענט זיי, אָט די מאַנסבילשע טריט? דאָס איז זי מיט ליפּקיסן נישט לאַנג אויף דעם זעלבן אָרט אַרומגעגאַנגען".

צי האָט זי אים דערמיט געמיינט פּשוט די רייד איבערשלאָגן? צי אפשר האָט זי גאָר געוואָלט, אַז ער זאָל דאָס נאָכדעם ליפּקיסן איבערדערציילן און זאָל ביי אים אַ פאַרדראָסיקע בענקשאַפט צו אָט די טריט-סימנים אַרויסרופן?

אַליין איז זי דענסטמאָל נאָך לאַנג, לאַנג איבער אָט די שנייִקע פעלדער מיט סאַפּיאַנען אַרומגעגאַנגען און אים אַלעמאָל געפרעגט, צי ס'איז אים אָנגענעם מיט איר צו גיין, און צי דער באַלעבאָס זיינער, דעם גלחס איידעם, וועט אויף אים ברוגז נישט זיין.

אומגעקערט האָט זי זיך מיט אים צוריק אין שטעטל, ווען אינדרויסן האָט שוין טונקל ווערן אָנגעהויבן, און די נעפּלען, וואָס אַרום, האָבן זיך נידעריקער צו דעם שניי אַראָפּגעלאָזט און זיך גענומען אַקעגן נאַכט שטאַרקן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר שטוב, כדי אים נאָכאַמאָל צו באַדאַנקען:

„איז ביי איר שטאַרק אָנגעלייגט, וואָס אים איז כאָטש אויך

אָנגענעם מיט איר געווען... זי האָט דאָך ביי אים אַזויפיל צייט אָפגענומען".

נאָר דאָרטן אויף דער שוועל פון קראָם, וואָס צווישן קעגנזײַ־בערדיקער צייל הייזער, האָט זיך איר געוועזענער מחותנתטעס אַ שמייכל־דיקע קרובה באַוויזן, עמעצן דאָרטן אויף איר מיט סאַפּיאַנען אָנגעוויזן און, דוכט זיך, דערביי הנאה געהאַט:

„זי האָט שוין, דאַנקען גאָט, אַ נייעם העכט געכאַפּט"

האָט זי זיך אויף צו להכעיס נאָכאַמאָל צום אַוועקגייענדיקן סאַפּיאַ־נען אויסגעדרייט און שוין צו אים אויפן קול אויסגעשריגן:

„איז אויב ער וויל, וועט זי אים מאָרגן אויך פון דער אַפּטייק אַרויסרופן".

און נאָכאַמאָל האָט זי זיך צו אים אויסגעדרייט און נאָך העכער דאָס קול אירס אויפגעהויבן:

„אין דער זעלבער צייט, וואָס היינט, וועט זי אים פון אַפּטייק אַרויסרופן".

אַ גאַנצן אָוונט איז איר שוין נאָכדעם פּוסט אין איר אָפּגעזונדערטן חדר געווען, פּוסט פון די עטלעכע שעה, וואָס זי איז מיטן פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַנען אַרומגעגאַנגען, פּוסט פון איר געוועזענער מחותנתטעס קרובה און דערפון, וואָס אין עסצימער איז די אומצופרידענע גיטעלע אויף דער קאַנאַפּע געזעסן, געהערט שוויגנדיקערהייט דער יונגער רביצינס פּלאַפּלעריי, געקוקט מיט אַ שמייכל אויף די אייגענע פינגער־נעגל, און דאָך די גאַנצע צייט נישט פאַרגעסן אָן איר, מירלען, וואָס זי פירט מיט איר שוין צוויי וואָכן צייט אַ פאַרעקשנט־שווייגערישע פּאָליטיק, און וואָס איבער איר איז אַהער אין שטוב נאָך אַלץ נישט אַראָפּגעקומען יענער, וואָס אויף אים האָט מען דאָ די גאַנצע צייט געוואַרט, און וואָס צוליב אים האָט מען דאָ די גאַרדינען אויס־געהאָנגען, די סאַמעטענע סטעזשקעס אויסגעשפּרייט און דעם קילן זאַל באַהייצט.

זי האָט נישט געקענט דאָ אין חדר איינזיצן, האָט זיך צוריק אין סאַק אָנגעטאָן, פאַרוויקלט צולעצט דעם קאָפּ מיטן שאַרף, זיך אויף אַ ווײַלע אין עסצימער פאַרהאַלטן און דאָרטן צו דער מוטער אירער געזאָגט:

„מ׳מעג שוין, דוכט זיך, אויפהערן דעם זאָל צו באַהייצן, נישקשה... און בכלל... ס׳איז שוין, דוכט זיך, צייט דעם ,יום־טוב׳ פון שטוב אויסצוראַמען״.

די שווייגנדיקע גיטעלע האָט זיך קיין ריר אויף דער קאַנאַפּע נישט געטאָן און זיך צו איר אַפילו נישט אומגעקוקט. אַ שמייכל פון אַן עקשן האָט זיך נאָר אַרום איר געשלאָסן מויל באַוויזן, און געזאָגט האָט זי קאַלטבלוטיק און שטיל, קוקנדיק ערגעץ אַהין, צום היפּשן פענ-צטער, וואָס קעגנאיבער דער רביצינס פּלייצעס:

„ווּעמען אַרט עס, אַז אין שטוב איז ,יום־טוב׳?״

מירל איז אַן אויפגערעגטע פון שטוב אַרויסגעגאַנגען און איז איינע אַליין ערגעץ אויף אַ גאַנצן אָוונט פאַרשוווּנדן. דעם קאַסיר זייערן, דעם קרוב, וואָס זי האָט אים נישט ווייט פון שטוב באַגעגנט, האָט זי נאָך אָפּגעשטעלט און אים געזאָגט:

„ער קען איר געבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ טיפּ איז זי, די מאַמע אירע?״

און נאָך:

„דער עיקר, וואָס זי, די מאַמע אירע, שמייכלט און שווייגט, ווי עמעצן אויף צו להכעיס... מ׳וואָלט אינאמתן געקענט מיינען, אַז זי האָט פיל וואָס צו זאָגן, און שווייגט נאָר דערפאַר, וואָס זי איז צו קלוג״

און נאָכדעם איז שוין אַזוי געווען עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד: אַוועקגעגאַנגען פון שטוב איז זי תחילת אָוונט, ניט אויסרעדנדיק צו קיינעם אַ וואָרט, און אומגעקערט האָט זי זיך שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען אין שטעטל זענען שוין דורכאויס אויסגעלאָשן די לאָמפּן געווען, און די שטוב זייערע האָט שוין אין דער מיט פון אַ פעסטן און שווערן שלאָף געהאַלטן. אוממעגלעך איז געווען צו טרעפן, וווהין זי וועט דאָס פאַרשווינדן.

די אַקושערקע שאַץ איז דאָך שוין דעם פינפטן מעת־לעת ערגעץ-ווו ביי אַ פּריצה אַ קימפּעטאָרין אין אַ נאָענטן דאָרף געווען, און אַ היפּש שלעסל איז אויף דער טיר פון איר עק-דאָרפיש שטיבל געהאָנגען.

איינמאָל, קומענדיק מיט דער פּריצהס פּור איינקויפן אין אַפּטייק,

איז די אַקושערקע שאַץ אַהער צו דער שטוב צוגעפאָרן און אויף מירלען געפרעגט. גיטעלע איז עטוואָס רויט געוואָרן און האָט שטיל געענטפערט:

„זי איז אַוועקגעגאַנגען, מירל... צו דער פאָטאָגראַפּטשעכע, דער ראָזענבוימעכע, איז זי געוויס אַוועקגעגאַנגען".

נאָר ווען די אַקושערקע שאַץ איז אַהין צוגעפאָרן, האָט זי דאָרטן קיינעם נישט געטראָפן, אַחוץ מירלס געוועזענעם חתנס צוויי שוועסטער, וועלכע זענען געזעסן אין יענעם קליינעם און נידעריקן חדר מיט דער שטאַרק־רויטער פּאָדלאָגע, וואָס איז מיט וואַזאָנעס און מיט אַ ריח פון גוישע מאכלים פול געווען, און האָבן געהערט, ווי די פאָטאָ-גראַפּטשעכע, די ראָזענבוימעכע, שפּילט אויף אַ גיטאַרע.

„נישט געווען דאָ מירל?" האָט זי, אַריינקומענדיק אַהער אין חדר, געפרעגט.

דענסטמאָל האָבן זיך מירלס געוועזענעם חתנס שוועסטער מאָדנע שמייכלדיק אַדורכגעקוקט, און דעם פאָטאָגראַפס ווייב, די ראָזענבוי-מעכע, האָט דעם קאָפּ פון דער גיטאַרע אויפגעהויבן און אַזוי דערשטוינט געענטפערט:

„זי קומט דען אַמאָל אַהער אַריין, מירל הורוויץ?"

ס'אַר אַ ריין קריסטלעך אויסזען ס'איז ביי אָט דער ראָזענבוימעכע געווען! נישט אומזיסט האָבן זיך שוין וועגן איר איבערן גאַנצן שטעטל קלאַנגען אַרומגעטראָגן, אַז פריער, ווי זי האָט מיטן פאָטאָגראַף ראָזענ-בוימען חתונה געהאַט, האָט זי ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט מיט אַן אָפיציר געלעבט.

---

אין איינעם פון אָט די אָוונטן, ווען מירל איז, ווי שטענדיק, אינדערהיים נישט געווען, האָט זיך אין דער פינצטער, וואָס לעבן ר' גדליה הורוויצעס שטוב, אַ פרעמדע בעל-עגלהשע פור אָפּגעשטעלט, און אַ מיטל-וועקסיקער אומבאַקאַנטער ייד איז פון איר אָנגעפעלצטערהייט אַראָפּ-געקראָכן, זיך אָפּגעשטעלט אינם באַלויכטענעם פאָדער-שטיבל און דאָרטן גענומען שמייכלען מיט זיינע קליינע אייגעלעך:

„ער איז אַהער צוגעשיקט געוואָרן... פון יעקב-יוסל זיידענאָווסקין איז ער אַהער געשיקט געוואָרן".

ס׳האָבן אים דאָרטן באַגעגנט גיטעלע מיטן יונגן קרוב, דעם קאַסיר, געזען, ווי ער שלעפּט פון זיך פּאַמעלעך אַראָפּ די בורקע מיטן פּיזימענעם טולופּ און הענגט זיי אויף אויך אַזוי פּאַמעלעך אויף דער שאַראַגע; געזעסן מיט אים נאָכדעם אין עסצימער ביים טיש און געהערט, ווי ער דערציילט באַטראַכט און נישט געכאַפּט:

„איז ער, הייסט עס, נישט קיין שדכן... און באַדאַרף, חלילה, נישט אָנקומען"...

אַ סקלאַד פון זעק האָט ער אינם היפּשן שטעטל, וואָס לעבן כרך, און אַלטע גוטע פריינט קער ער זיך מיט יעקב־יוסלס הויזגעזינט אָן.

ער האָט געהאַט אַ היפּשע גרוילעכע באָרד מיט אַ לאַנגער, צום מויל פּאַרקיילעכטער נאָז, וואָס אויף איר האָבן זיך אונטער דער הויט ברוין־בלויע אָדערן געצויגן; אויסגעזען מאָדנע לייטיש אין זיין לאַנגן שוואַרצן סורדוט, און האָט לייטישערהייט מיט זיינע קליינע גרויע אייגלעך צו שמייכלען נישט אויפגעהערט:

„איז ער, הייסט עס, אַהער צוגעשיקט געוואָרן... פון יעקב־יוסל זיידענאָווסקין איז ער אַהער צוגעשיקט געוואָרן".

ביז שפּעט אינדערנאַכט האָט שוין דענסטמאָל ביי ר׳ גדליה הורוויצן אין עסצימער דער הענגלאָמפּ געברענט.

גיטעלע איז צולעצט צו זיך אין שלאָפצימער אַוועקגעגאַנגען און זיך דאָרטן שלאָפן געלייגט. עמעצער האָט אים, דעם צוגעשיקטן יידן, דעם גאַסט, אַ פּריש געלעגער אין ר׳ גדליהס קאַבינעט צוגעגרייט און זיך אויך שלאָפן געלייגט. און ער, דער פרעמדער ייד, דער גאַסט, האָט אָקאָרשט פונם פּעקל פון זיינעם ליפּערטס קולטור־געשיכטע אין דער העברעישער איבערזעצונג אַרויסגענומען, זיך מיט איר צום טיש, וואָס אין עסצימער, געזעצט און זיך דערביי פאַרן אַוועקגייענדיקן קאַסיר פאַרענטפערט:

„ער האָט אַמאָל אַ קראָם פון יידישע ספרים געהאַלטן... איז אים נאָך, הייסט עס, פון דענסטמאָל אָן פאַרבליבן די טבע, אַריינצוקוקן ביז שפּעט אינדערנאַכט אין אַ ספר".

דער קרוב האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַהיים אויף נאַכטלעגער אַוועק. די דינסט האָט נאָך אים די טיר פאַרשלאָסן און הילכיק צו

שנאָרכן אינם פוסטן קיך־חדר געוומען. און ער איז נאָך אַלץ ביים טיש איבערן ספר געזעסן און אַלץ נעענטער און נעענטער צו זיך דעם העגגלאָמפּ געצויגן. פון איינעם אַן עקסטן דרויסן־לאָדן האָט זיך צו־לעצט אַהער מירלס קלאַפּן דערהערט, האָט ער זיך פונם ספר אויפ־געהויבן, געגאַנגען איר די טיר עפענען, דעם קאָפּ מיט די שמייכל־דיקע גרויע און גוטע אייגעלעך אינדרויסן אַרויסגערוקט און דערביי מאָדנע פילבאַר און צעמישט, ווי אַ קליין שעמעוודיק קינד, צו שטאַמ־לען אָנגעהויבן:

„הממ... אָנגענעם... אָנגענעם".

מירל האָט אַ ציטער געטאָן מיט אַלע איברים, דערזעענדיק אָט דאָס אַרויסגערוקטע פרעמדע פּנים, זיך געשווינט אַ ריס געטאָן צוריק און זיך מיט אַ האַנט פאַרן קלאַפּנדיקן האַרצן געכאַפּט:

„או... זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן".

און אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט זי זיך נאָך אַלץ פון אים אין איין אָפּרוקן געהאַלטן און ווי מורא געהאַט, ער זאָל זיך צו איר צורירן.

פונם קאָפּ ביז די פיס איז זי אין שוואַרצן געווען אָנגעטאָן, האָט שוין דערפאַר איר פיגור שלאַנקער און בויגיקער, ווי תּמיד, אויס־געזען, און אַ ריח, אַ קוים־קוים שמעקנדיקן, האָט זי אַרום זיך פאַר־שפּרייט און געווירקט אויפן פרעמדן יידן, ער זאָל אויפגערעגט זיין און זאָל שעמעוודיקערהייט צו שמייכלען און צו שטאַמלען נישט אויפהערן:

„הממ... המ... דערשראָקן? וואָס איז שייך? אָנגענעם... זייער אָנגענעם".

ער האָט אויסגעזען אַזוי לייטיש מיט זיין קינדערשער פילבאַרקייט און דערמיט, וואָס ער האָט איר די האַנט נישט געגעבן. און דאָך האָט זי זיך נאָכדעם לאַנג נישט געקענט באַרויקן, אָפּגעוואַרט, ביז ער האָט זיך שלאָפן געלייגט און איז געגאַנגען וועקן פון שלאָף דאָס געשמאַק־שנאָרכנדיקע דינסטמיידל:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ ייד?"

„און יעדנפאַלס, ווייסט זי כאָטש אויף געוויס, אַז ער איז נישט קיין גנב".

און דער ייד, דער גאַסט, האָט נאָך איר קול צו זיך אויפן געלעגער דערהערט און פון גוטסקייט, צי פון אויפגערעגטקייט, נאָך שעמעוודיק געשמייכלט צו זיך אַליין:

„אַ גנב?... וואָס איז שייך?... אַ ווויל קינד... זייער אַ ווויל קינד".

---

עטלעכע מעת-לעת איז דאָרטן אין שטוב דער צוגעשיקטער ייד אָפּגעשטאַנען, און אַלע פרימאָרגן, ווען מירל האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט זי געהערט, ווי אין עסצימער, וואָס איבער דעם שטילן זאַל, טרינקט מען פּאַמעלעך טיי מיט מילך, און ווי ס'איז דאָרטן קיינער נישטאָ אַחוץ דעם פרעמדן יידן, וואָס דערציילט פאַר דער לייטיש-שווייגנדיקער גיטעלען און פאַרן איבערגעגעבענעם קרוב, דעם קאַסיר:

„וויל מען, הייסט עס, דאָרט מירלען אוודאי מיטן גאַנצן לעבן... וואָס פאַר אַ שאלה?"...

ער, דער יונגערמאַן... שמואליק, הייסט עס, וויל... און יעקב-יוסל אַליין... און דאָס ווייב זיינס, מינדל.

און וואָס נאָך?

„זיי פרעגן ביי אייך נישט אויף קיין געלט און אויף קיין צוזאָג... און אַזוי האָט מען אים טאַקע געהייסן זאָגן".

מירלען איז שוין פון דעם דאָ, אין בעט ליגנדיק, אַזוי עקלדיק אויף דער נשמה געוועזן. און פון עסצימער האָט זיך נאָך אַהער אַלץ דער שטילער און איבערגעריסענער שמועס געטראָגן:

„און מענטשן, באַדאַרף ער זיי זאָגן, זענען די זיידענאָוווסקיס מאָדנע לייטישע... ווייכע"...

„און דער בחור אַליין... אַ ווילער בחור... גאָר, גאָר אַ ווילער בחור".

דער ייד איז צולעצט אָוועקגעפאָרן און אָנגעהויבן אַהער צו שיקן אָפּטע בריוו מיט איילנדיקע טעלעגראַמעס, וואָס עס האָבן מיט אַזאַ נייגעריקייט געלייענט גיטעלע מיטן וווקסיקן יונגנמאַן, דעם איבערגעגעבענעם קאַסיר. גיטעלע האָט בשעת מעשה אַ גיפּטיק שטילע טענה פון אַן עקשנטע — אַ שווייגערין געהאַט, און דער קאַסיר

האָט, שטייענדיק לעבן איר, אַ שטאַרק־פאַרקנייטשטן שטערן געהאַט, צופיל פאַרקלערט מיט דער נאָז אַרויף געשמאָרעט און זיך אַזוי לאַנג געקליבן מיט מירלען איבעררעדן, ביז זי אַליין האָט אים איינמאָל אינדרויסן ביי דער שטוב אָפּגעשטעלט און האָט אים געזאָגט:

„זאָל ער טאַקע אַזוי גוט זיין און דער מאַמען אירער איבערגעבן: זי מעג זיין זיכער, אַז ס׳וועט פון דעם גאָרנישט זיין”...

זי איז שוין אַפילו צופיל אויפגערעגט געווען, בשעת זי האָט אים אָט די ווערטער געזאָגט, און דאָך, ווען אין עטלעכע טעג אַרום איז זי גלאַט אַזוי אין קרייז־שטאָט אַוועקגעפאָרן, איז עמעצער פון דאָרטן אַהער געקומען און דאָ וועגן איר איבערן גאַנצן שטעטל נייע קלאַנגען פאַרשפּרייט:

„יאָ, מ׳האָט זי דאָרטן מיט שמואל זיידענאָווסקין אַרומגיין געזען”.

אין מאַלאָראָסישן טעאַטער האָט מען זי דאָרטן מיט אים געזען, און לעבן דער טורמע, וואָס אַרויס דער שטאָט, האָט מען זי מיט אים געזען.

שווער איז שוין געווען אַן עק דערגיין, צי, פאָרנדיק אין קרייז־שטאָט, האָט מירל געוווסט, אַז זי וועט זיך דאָרטן מיט אים טרעפן, צי דאָס טרעפן זיך איז שוין אַ צופעליקע און אומגעריכטע זאַך אַפילו פאַר גיטעלען מיטן קאַסיר געווען.

---

אין עטלעכע טעג אַרום איז זי אַ בלאַסע און אומעטיקע פון קרייז־שטאָט אַהיים געקומען. ס׳איז געווען אַרום צוויי אַזייגער בייטאָג און אין עסצימער איז נאָך אויפן קיילעכדיקן טיש דאָס „ווייסע טיש־טעך פון מיטאָג געלעגן. גיטעלע איז דאָ נאָך אויבנאָןביים טיש אַקעגן דעם קרוב, דעם קאַסיר, געזעסן און זיך מיט אַ שוועבל־שטעקעלע די ציין געריי‌ניקט. מירל האָט, דורכגייענדיק דעם צימער, צו קיינעם אַפילו קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און זיך אפשר אויף אַ גאַנצער האַלבער שעה ביי זיך אין אָפּגעזונדערטן חדר פאַרמאַכט. גיטל האָט דאָ די גאַנצע צייט דעם קרוב, דעם קאַסיר, אין איין מינטערן געהאַלטן:

„פאַרוואָס זאָל ער צו איר אַהין נישט אַריינגיין און זאָל זי נישט אַ פרעג טאָן? זי פאַרשטייט בשום אופן נישט, פאַרוואָס..."

נאָר דער באַטראַכטער יונגערמאַן, דער קאַסיר, האָט זיך נישט געאײַלט, געקנייטש דעם שטערן און געשמאָרעט מיט דער נאָז אַרויף. מירל האָט זיך דערווייל בײַ זיך אין חדר איבערגעטאָן, גענומען אויף זיך דעם שוואַרצן סאַק מיטן שאַרף און זיך געלאָזט אין גאַס גיין. האָט ער זיך אָקאָרשט פונם בענקל אויפגעהויבן, איר נאָכגעגאַנגען ביזן קאָרידאָר און זי דאָרטן אָפּגעשטעלט:

„יאָ, ער האָט זי געוואָלט פרעגן... האָט ער זי געוואָלט..."

אָן ענטפער האָט ער באַלד באַקומען אַן אומצופרידענעם און אַ מאָדנע שטרענגן:

„זי האָט דאָך אים שוין איינמאָל געזאָגט, אַז ס'וועט פון דעם גאָרנישט נישט זײַן".

ער איז אויף אַ ווײַלע אין קאָרידאָר שטיין געבליבן און נישט געוווּסט, צי ער זאָל זיך צוריק אין שטוב אומקערן, און זי איז אַ רויקע און גלײַכגילטיק אומעטיקע פון די גאַניק-טרעפּלעך אַראָפּגעגאַנגען און פאַמעלעך ערגעץ אַהין אַרויף שטעטל אַוועקגעשפּאַנט. ס'איז געווען אַ טונקל-מרה-שחורהדיקער און גרינג-פּראָסטיקער טאָג, וואָס נאָך אַ זונענדיקן יריד, אַ „ווידלע"*. גליטשיק איז אונטער די פיס דער ברודיקער שניי געווען, און אויך אין אַזעלכער בלאָטיק-ברודיקער, ערטערווײַז פאַרבליבענער שטרוי האָבן דאָרפישע חזירים מיט יידישע בהמות זייערע נעזער געשטופּט. ערגעץ-ווו לעבן טירן פון קליינע מעלגעוועלבלעך זענען דאָ און דאָרטן אָנגעפּעלצטע און שטאַרק פאַרבונדענע ווײַבלעך — קרעמערקעס געשטאַנען און איר נײַגעריקערהייט מיט די אויגן נאָכגעקוקט:

„איז זי שוין, זאָגט מען, כמעט ווי אַ כלה, מירל?"

זי האָט זיך לינקס מיטן הינטערגעסל, וואָס אין עק שטאָט, גענומען, אַרײַנגעגאַנגען דאָרטן דורך דער הויז-טיר צו ליפּקיסן אין שטוב און זיך דאָרטן דערפרעגט:

„ער איז נישטאָ אינדערהיים, ליפּקיס?"

---

* אַ נאָכגעלאָזטער פּראָסט.

ס'האָט זי פון דאָרטן מיט גרויס דרך־ארץ אַרויסגעבאַגלייט די אַלמנה, די מאַמע זיינע, און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

„ער לערנט איצט ערגעץ... ביי זיינע תּלמידים לערנט ער איצט ערגעץ".

איז זי פון דאָרטן מיט דער איינגעטרעטענער סטעזשקע, וואָס אַרויס דעם שטעטל, צו דער אַקושערקע שאַץ אַוועקגעגאַנגען, גע־טראָפן דאָרטן אַ שלעסל אויף דער טיר הענגען און אויסגעהערט די גוייע, די שכנה:

„צו אַ קימפּעטאָרין פון קאַשפּעריווקע האָט מען זי נעכטן ביינאַכט אַרויסגערופן".

זי האָט זיך אַזאַ מרה־שחורהדיקע צוריק אין שטאָט אומגעקערט, זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער אַפּטייק, גאָר וועגן עפּעס אַ טראַכט געטאָן און זיך געלאָזט ווייטער, דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פאַרביי איר גע־וועזענעם מחותּנס שטוב מיט די אויסגעווייניקסט־בלויע לאָדנס, געכאַפּט אַהין אַ קוק און געזען:

קיין איינציקע פור איז דאָרטן פאַרן גאַניק נישט געשטאַנען, און קיין מענטשן האָבן זיך פאַר איר נישט באַוויזן. אַ וווּקסיקער פור־ער אַ „שליאַכטיטש", וואָס האָט, אַפּנים, אַ קליינע הלוואה אויף דער קו־מענדיקער זומער־אַרבעט געבעטן, איז נאָר מיט ליידיקע הענט פון־דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט, געטאָן אַ הילכיקן זיפץ, אָנגע־רוקט דאָס ווינטערדיקע היטל איבער די אויערן און זיך באַטראַכט, אַז ס'איז אים איצט אַלצאיינס, וווהין ער זאָל נישט אָנקומען, און אַז דערפאַר מעג ער שוין גיין אַהין, וווהין די אויגן זיינע וועלן אים טראָגן.

זי האָט זיך איינע אַליין אַרומגעדרייט, ביז איינדרויסן האָט טונקל ווערן אָנגעהויבן, און אַ באָכמער טונקעלע נאַכט האָט זיך געני־מען אויפן שטעטל אָנרוקן. באַגעגנט שוין נישט ווייט פון איר פאָטערס שטוב דעם געוועזענעם חתנס אַכצן־יאָריקן געשוועסטערקינד, וועלכער איז צום פעטער זיינעם טיי טרינקען געגאַנגען, און זי מרה־שחורהדיק און מאָנאָטאָניש שטיל פאַר אים געקלאָגט:

„ער איז אַ מבין אויף דער פּוסטקייט, וואָס דאָ אין שטאָט

האָט צו הערשן אָנגעהויבן?... ס'איז פּשוט נישטאָ, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן".

## V

כּמעט אַלע בײטאָג איז זי שוין נאָכדעם אינדרויסן בײ דער שטוב געשטאַנען און געזען:

ס'שטאַרקן זיך די קלײנע פרעסט אַקעגן דער מיטווינטערדיקער חנא „ראָזשדיעסטווא", און די ברודיק־פאַרפרוירענע, אָפּגעדעקטע געגנט קוקט שוין אין משך פון גאַנצע גרויע טעג צו יענער מרה־שחורה־דיק פאַרטונקלטער זײט, וווהין ס'בלאָזט מיט שטאַרקייט דער סמאַלענ־דיקער ווינט. דאָס שטעטל וואַרט פונדאָרטן אויף אַ נײעם אומגליקלעך־פאַרוואָגלטן שנײ און הערט, ווי גוואַלדיק און טרויעריק ס'רוישן שוין וועגן דעם די אַרומיקע אָפּגעפאַלענע און שטאַרק־נאַגנדיקע בוימער:

„ער מוז דאָך ענדלעך אויסברעכן, אָט דער נײער שנײ. ער מוז"...

ערגעץ־ווו, אין פאַרשידענע שטאָט־ווינקלען, האָבן זיך וואַרעם־אָנגעטאָנע קינדער אין חדר אַרײַן פון מיטאָג אײנציקווײז אומגעקערט, זײ זענען געגאַנגען פאַמעלעך און פויל, זיך אַלע מאָל מיט די פּלײצעס צום ווינט אָפּגעשטעלט און זיך פאַרקלערט:

„זי וועט קומען, די בלינדע נאַכט... אינגיכן וועט זי שוין געוויס קומען".

און פונדאָרטן, מיטן וועג, וואָס פירט אַהער פון דער מרה־שחורהדיק־פאַרטונקלטער פעלדער־זײט, איז שוין אַלע מאָל אַ נײער דורכפאָרנדיק־פרעמדער שליטן אָנגעקומען, געפירט עמעצן אויף יום־טוב, אַ לײכט־געקלײדטן און שטאַרק־פאַרפרוירענעם טעלעגראַפיסט, וועלכער איז נאָך גאַנצפרי מיטן באַן אין די היגע מקומות אָנגעקומען. די פור האָט זיך געשליטלט מיט אים אַלץ ווײטער און ווײטער אַקעגן דעם ברענענדיקן ווינט און אים אָן לשון גוטע הבטחות צוגעזאָגט:

„אָט באַלד, אָט באַלד: אַ שטאַרק־וואַרעם און שטאַרק־באַלויכטן שטיבל, אַ היים... אַ פרײנטלעכער שמײכל פון פויערים־טאַטע־מאַמע מיט אַ לאַנגער און פינצטערער דאָרף־נאַכט — אַ יום־טוב".

אַ היימישער ייד, אַ גאַוהניק, אַ יורד און אַ לײדיקגייער, איז צו איר פֿאַמעלעך און איינגעהויקערט אַהער צוגעגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט פֿאַרלייגטע הענט אין די אַרבל, זיך מיט אַ זיפֿץ אין דער ווייט פֿאַרקוקט און פֿאַמעלעך אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיין יונגער טאָכטער, מירלס אַ געוועזענער חברטע, וואָס לערנט שוין דאָס דריטע יאָר אין פּאַריז:

„שרייבט זי אים פֿון דאָרטן, אַז זי וועט אַזוי גיך אַהיים נישט קומען, די טאָכטער זיינע... ביז זי וועט נישט ענדיקן, וועט זי אַהיים נישט קומען".

דער ייד האָט זיך פֿאַרקוקט אויפֿן וועג, וואָס פֿירט אין יענעם היפּשן און ווייטלעכן דאָרף מיט דער צוקער־פֿאַבריק, ווו דער תּמיד־פֿריילעכער און תּמיד־באַשעפֿטיקטער נחום טאַראַבײ פֿירט אַ פּריציש־נגידישע שטוב, און נאָך מער פֿאַמעלעך גענומען דערציילן וועגן דעם, וואָס אָט דעם נחום טאַראַבײס קינדער זענען זיך שוין אַהין אין דאָרף אויף חגא צונויפֿגעפֿאָרן:

„איז שוין איצט דאָרטן אין דאָרף דער קלענערער זון זיינער, דער פּאָליטעכניק, פֿאַראַן, און דאָס יינגל, דער רעאַליסט... און נאָך איינער אַ יונגער פּאָליטעכניק... דעם זונס, זאָגט מען, אַ חבר".

אַזאַ בענקשאַפֿט האָט זיך שוין אינם געפֿאַלענעם יידנס קול געהערט, און גערעדט האָט ער שוין מיט אַזאַ ווייכקייט וועגן אָט די צוויי פּאָליטעכניקעס, וואָס אין דאָרף, גלייך ביידע וואָלטן זיי געווען נישט אַנדערש, ווי די חתנים פֿון זיין ציטערדיקער טאָכטער, וואָס לערנט זיך שוין דאָס דריטע יאָר אין פּאַריז. און ווען אים איז שוין צולעצט שטיין דאָ נמאס געוואָרן, און אַוועקגעגאַנגען איז ער ערגעץ ווייטער וועגן אָט דעם זעלבן דערציילן, איז זי, מירל, נאָך לאַנג דאָ ביי דער שטוב געשטאַנען און האָט געטראַכט וועגן זיך און וועגן די טעג, וואָס גייען אַוועק:

„וואָכעדיק ציט זיך דאָ איר לעבן... וואָכעדיק איז עס ביז אָט דער מיטווינטערדיקער חגא געווען און וואָכעדיק וועט זיך עס ציען אַלץ ווייטער און ווייטער".

ווייט, ווייט, קעגנאיבער דעם האָריזאָנט האָט זיך שוין געמאָלט דער פֿרעמדער דאָרף מיט דער צוקער־פֿאַבריק, און דאָס האַרץ האָט

געגאַנגען און מאַכטלאָז שטיל געצויגן צו יענע צוויי פריש־פּנימדיקע און יונגע פּאָליטעכניקעס, וואָס שפּאַצירן איצט דאָרטן געוויס, נאָך אַ לאַנגן בייטאָגעדיקן שלאָף. ס׳האָט זיך אויך געמאָלט די גרויסע שטאָט, פונוואַנען זיי זענען ערשט נעכטן אַראָפּגעקומען. און ס׳האָט זיך געקלערט:

„עפּעס אַן אַרבעט האָבן זיי אין יענער גרויסער שטאָט ביז אָט דער גוישער חגא פאַרענדיקט... און צו אַ נייער וועלן זיי, קומענדיק צוריק אַהין, זיך ווידער נעמען גרייטן".

„און זי, מירל, וואָס האָט זי ביז אָט דער מיטווינטערדיקער חגא אָפּגעטאָן?"

אין קרייז־שטאָט איז זי געווען און זיך דאָרטן עטלעכע טעג אַרומגעשלעפּט מיט אַ וווּקסיקן, נגידישן בחור, וואָס מ׳רופט אים שמואליק זיידענאָווסקי; דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט שוין וועגן דעם — און גאָרנישט וועט פון דעם נישט ווערן.

ס׳ווערט איר נמאס אינדרויסן צו שטיין, גייט זי אַריין צוריק אין שטוב, לייגט זיך אַוועק ביי זיך אין חדר אויפן בעט און טראַכט וועגן אָט דעם בחור אַזוי גלייכגילטיק און קאַלט:

אַ וווּקסיקער און יונגער בחור אין אַ הויך־ביבערן היטל און אין אַ נייעם טמוירענעם טולופ, וואָס באַדאַרף אַ חתן ווערן און האָט אַ יונגן פאָטער מיט געשעפטן אויף אַ האַלבן מיליאָן. דרייט ער זיך אַרום אויף דער פּראָווינציאַליש־רוישיקער גאַס פון קרייז־שטאָט, שטעלט זיך אָפּ, באַגעגענענדיק זיך מיט זיין געוועזענעם העברעישן לערער, און דערציילט אים ווייך און ליגנעריש־ערנסט, ווי שטאַרק ס׳געפעלן אים די ווערק פון איינעם אַ יידישן שריפטשטעלער, און ווי גוט ס׳זינגען די גרויס־שטעטיקע חזנים:

„ער מיטן העברעישן לערער האָבןביידע מתיקותדיקע קולות און האָבן אַמאָל צוזאַמען חזנים נאָכגעזונגען".

רייכע יידן, סוחרים, וואָס האָבן נאָך אַמאָל זיין פאָטער געקענט, קוקן אויף אים פונם קעגנאיבערדיקן בערזשע־טראָטואַר, זיי פאַרגעסן אַ ווייל אָן זייערע מסחרים, האָבן אין זינען דעם היפּשן נדן, וואָס זיי וועלן זייערע דערוואַקסענע מיידלעך געבן, און שמועסן וועגן אים, שמואליקן, און וועגן זיין פאָטער, וואָס זיי קענען אים נאָך פון אַמאָל:

„מ׳זאָגט: אַ גאַנץ פיינער בחור, אָט דער שמואליק זיידענאָווסקי״.

נאָר ער, שמואליק אַליין, האָט זיך מיט איר, מירל הורוויץ, באַקאַנט און וויל וועגן קיין אַנדערע שידוכים נישט רעדן.

און פאַרוואָס געפעלט זי אים טאַקע אַזוי שטאַרק, אָט דעם יונגן און רייכן בחור?

איצט שליטלט ער זיך שוין געוויס ערגעץ ווייט, ווייט, צום שטילן עק פאָרשטאָט, וואָס ביי דער וויטער גובערניע־שטאָט, שליטלט זיך איינער אַליין אויף דער אייגענער פור, וואָס מ׳האָט נאָך אים צו דער באַן אַרויסגעשיקט, בענקט נאָך איר, מירלען, און קלערט וועגן דעם, וואָס באַלד וועלן זיך ביי אים דערפרעגן נייגעריקע פאָטער־און־מוטער:

„ווי זשע געפעלט דיר מירל הורוויץ?״

„און בכלל: זעט זי עפעס שיין אויס, אָט די מירל הורוויץ?״

זי קלערט לאַנג וועגן אים און וועגן פיל אַנדערע יונגעלייט, וואָס זי קען, געדענקט דעם ווייטלעכן דאָרף מיט טאַראַבייס שטוב, ווו זי האָט קינדווייז, צוזאַמען מיט איר פאָטער, אַ זומערדיקן גאָס־רעגן איבערגעוואַרט, און טראַכט וועגן דעם זון זיינעם, דעם פּאָלי־טעכניק, און זיין חבר, דעם גאַסט. פּלוצים ווערט זי אויפגערעגט און בלאַס, דאָס האַרץ הייבט אָן ביי איר צו קלאַפּן, און געדענקען גע־דענקט זי שוין נתן העלערן, אָט דעם חנעוודיקן און יונגן בחור, דעם פאַרשוין מיטן פרישן און לענגלעכן פנים און מיט די קוים־קוים שפּראָצנדיקע וואָנצעס, וועלכער האָט די רעאַלשול געענדיקט און האָט צוויי מאָל דעם קאָנקורס נישט אויסגעהאַלטן. צוריק מיט אַ יאָר האָט ער צוליב איר אַ גאַנצן פרילינג דאָ אין שטעטל פאַרבראַכט און האָט דערוועקט ליבע־געפילן ביי מיידלעך, וואָס ער האָט מיט זיי קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

אין די שטילע פרילינג־אָוונטן איז זי געזעסן מיט אים אויפן היפּשן בערגל, וואָס אַרויס דעם שטאָטישן דאָרף, געהאַלטן דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און אומעטיק געהערט, ווי ער חזרט איבער דאָס זעלבע, וואָס ער האָט שוין איבערגעחזרט נעכטן און אייערנעכטן:

„וועט זי זיך מיט איר חתן, וועלוול בורנעס, פונאַנדערגיין, און ער וועט דעם פּאָליטעכניקום ענדיקן, וועט אַן אינזשעניר אין

אַ ווייטערדיקער פאַבריק ווערן און וועט דאָרטן מיט איר, מירלען, אינאיינעם אין אַ פאַרוואַקסן שטיבל וווינען".

נאָר איינמאָל אין שפּעטן פרילינג-בין-השמשות האָט זיך איר, מירלען, אַזוי קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער חתונה מיט העלערן ליגט זי נאָך דער פאַרנאַכטיקער טיי אויפן דיוואַן, וואָס אין יענעם פאַרוואַקסן פאַבריק-שטיבל, ליגט דאָרטן איינע אַליין און טראַכט גלייכגילטיק און אָן אַ שום ווילן אין האַרצן:

„ער... נתן... ער האָט זיך שוין אַזויפיל מאָל פון דער פאַבריק אַהיים אויף נאַכטלעגער אומגעקערט... געוויס וועט ער היינט אויך אַהיים קומען".

און נאָך אין יענעם זעלבן בין-השמשות האָט זי העלערן איבערן שטעטל געזוכט, אים צולעצט געפונען און אים געזאָגט:

„ס'וועט פון דעם גאָרנישט נישט זיין, און ער, העלער... ער מעג נאָך היינט פון שטעטל אַוועקפאָרן".

אַ גאַנצן זומער איז ער שוין נאָכדעם אין צוקער-פאַבריק ביי זיינעם אַ פעטער געווען, אַרומגעשפּאַצירט דאָרטן איבערן דאָרף מיט נחום טאַראַבייס קינדער, געוואָלט האָבן אַ נקמה אָן איר, מירלען, און דערפאַר דערציילט:

„אַבישט, איז ער דער ערשטער, מיט וועמען מירל האָט זיך געקושט?"

טאַראַבייס ווייב מיט דעם מיידל זענען דענסטמאָל וועגן דעם געוואָר געוואָרן, און דאָ, אין שטעטל, האָט עס עמעץ איבער אַלע הייזער צעפּויקט.

שבת פאַרנאַכט האָט זי איינמאָל, נישט ווייט פון דער אַקושערקעס שאַצס וווינונג, דריי שפּאַצירנדיקע שניידער-יונגען באַגעגנט, זי האָט זיי דעם וועג אָפּגעטראָטן און געהערט, ווי זיי ווערטלען זיך מיט מיאוסע ווערטער וועגן איר און וועגן נתן העלער:

„נאָר איינער, האָט עמעץ פון זיי וועגן דעם חתן אירן געזאָגט, בעסער איין פראָצענט אין אַ גוט געשעפט, איידער אַלע הונדערט אין אַ שלעכטן".

און אויפן צווייטן טאָג, וואָלקנדיק און קיל איז דענסטמאָל איינ-דרויסן געווען, און זי איז דענסטמאָל געפאָרן מיטן חתן אירן אין

קרייז־שטאָט נישט דערפאַר, וואָס זי האָט אַהין באַדאַרפט, נאָר גלאַט אַזוי, עמעצן אויף צו להכעיס. עמעצן אויף צו להכעיס האָט זי גע־הייסן דעם אָנטרייבער אַראָפּקערן אינם דאָרף מיט דער צוקער־פאַבריק, ווו נתן העלער האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט, עמעצן אויף צו להכעיס זיך דאָרטן פאַר נחום טאַראַבייס שטוב אָפּגעשטעלט און אַריינגעשיקט אַהין דעם אָנטרייבער פון וועלוולס וועגן אַ בורקע אָנטלייען:

„זיי זענען אין אַזעלכע לייכטע קליידער פונדערהיים אַרויס־געפאָרן, האָט זי דאָרטן געהייסן דעם אָנטרייבער זאָגן, זי האָט מורא, אַז וועלוול זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן".

---

געחלומט האָט זיך איר שוין נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט נחום טאַראַבייס דאָרפישע שטוב מיטן פרעמדן פּאָליטעכניק, דעם גאַסט, וואָס וועגן אים האָט דער שכן, דער יורד, נעכטן דערציילט. ערגעץ איז זי מיט אָט דעם פּאָליטעכניק אין דער בלאַסער חשכות אַרויף דעם נאַקעטן באַרג, וואָס אַרויס דעם דאָרף, געגאַנגען, געשמייכלט צו אים און געהערט, ווי ער זאָגט:

„זי, מירל, האָט שוין אַמאָל אַ חתן געהאַט; ער האָט אים דאָ געזען, ס'איז אַ נאַרישן טראָפּ אַ חתן זי האָט שוין אַמאָל געהאַט".

און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי נישט געדענקט, ס'איז אַ פּנים ער האָט, אָט דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט. זי איז איינגעשלאָפן צוריק מיט אַ מטושטשדיק נאָגנדיקער בענקשאַפט אין האַרצן און מיט געדריקטע הענט צו דער ברוסט, זיך ווידער אַמאָל אויפגעכאַפּט מיט אַן אָנדענק פון אַ נייעם מטושטשדיקן חלום, ווו דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט, איז שוין מיטן פּנים שטאַרק ענלעך צו נתן העלערן געווען, און שוין נישט געוווּסט, נאָך וועמען פון זיי דאָס האַרץ בענקט.

נאָכדעם איז איינמאָל אַזאַ שיינער ביי־באַשנייטער טאָג געווען, די זון האָט צוליב דעם גוישן יום־טוב גובר געווען דעם פראָסט, און פון די שניי־ווייסע דעכער האָבן טראָפּנס נאָך טראָפּנס געטריפט און די בענקשאַפט אין האַרצן פאַרשטאַרקט. מיט רויטע גאַרטלען אויף די לאַנגע ווייסע פעלצן זענען די דאָרף־שיקסעס אין מאַרק געשטאַנען, געקנאַקט פריילעך יאָדערן און געלאַכט פון די דאָרף־שקצים, וואָס האָבן

פאַר זייערע אויגן אין אַ חברשן געשלעג געשפּילט. און דאָרטן, ביי דער איינציקער היפשער באַקאַליי־קראָם, וואָס אין אָנהייב מאַרק, איז די גאַנצע צייט טאַראַבייס אויסגעפּוצטע פור געשטאַנען און געוואַרט אויף זיינע קינדער, וואָס האָבן זיך אינווייניק, אין קראָם, געפונען און האָבן דאָרטן מיט גרויס אַפּעטיט דעם גאַנצן שאָקאָלאַד אויפגעגעסן.

עמעצנס אַ ווייב איז אַהער פון דער קראָם אָנגעקומען, געטראָגן אַ קלומעק מעל צוגעדריקט צום בויך און דאָ, נישט ווייט פון ר׳ גדליה הורוויצעס שטוב, דערציילט:

„זיי זענען אַזעלכע שיינע יינגלעך, טאַראַבייס קינדער, און דאָס מיידל זיינס... דאָס מיידל איז אויך אַ גאַנץ פיינע״.

דאָס דינסטמיידל האָט זיך אַהער מיט דער גרויסער פלאַש קעראָסין אומגעקערט, זיך אָפּגעשטעלט לעבן מירלען אויף די טרעפּלעך פון גאַניק און איבערגעגעבן דאָס, וואָס זי האָט דאָרטן געזען און געהערט.

„האָט, הייסט עס, דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט, צום קרעמער געזאָגט: ביי אייך אין שטעטל איז פאַראַן אַ ,באַרישניע׳ מירל הורוויץ, וואָס האָט ליב מילך־שאָקאָלאַד, מוזט איר דאָך צוליב איר אָט דעם שאָקאָלאַד האַלטן״.

דאָס דינסטמיידל איז אין שטוב אַריינגעגאַנגען און דאָרטן געשווינט אָן דעם, וואָס זי האָט געהערט און געזען, פאַרגעסן. און זי, מירל, איז נאָך לאַנג אויף די טרעפּלעך פון גאַניק געשטאַנען און די אויגן פון דער קלייט מיט דער אויסגעפּוצטער פור נישט געקענט אָפּרייסן. טאַראַבייס קינדער זענען צולעצט פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט דאָס שטעטל באַטראַכטן און שטאַרק הנאה געהאַט פונם יינגל, דעם רעאַליסט, וואָס האָט אינמיטן מאַרק אַ קליינע ציג געכאַפּט. דער רעאַליסט האָט די ציג געדרייט פאַרן עק און, פרעגנדיק ביי איר דעם טייטש פון „סגל מם״, זי געצווונגען ענטפערן מיט אַ געציקלטן ווייטיק־געשריי:

„מ—מ—מ—מע—ע—ע—ע״...

אָט האָבן זיי זיך ענדלעך אויף דעם שליטן אַרויפגעזעצט, לאָזן זיך פאָרן אַהיים פאַרביי ר׳ גדליה הורוויצעס שטוב און קוקן אַלע,

אַחוץ דאָס מיידל, אַהער צו מירלען. טאַראַבייס זון זאָגט עפּעס אויפן אויער דעם חבר זיינעם, דעם פּאָליטעכניק, וועלכער האָט נאָך גאָר אַ פּריש, אויסגעלאַסן קלוג פּנים. דער לעצטער דרייט שוין דערפאַר אַהער פאַרבייפאָרנדיק דעם קאָפּ, שמייכלט צופיל מערקזאַם, און קוקט שוין אַריין אין מירלס פּנים מיט די זעלבע נייגעריקע פּרעסער־אויגן, וואָס מיט זיי קוקט מען אַריין אין פּנים פון אַן איינזאַם־בלאָנזשענדיקער, גרויסשטעטיקער נאַכטמיידל:

„אָט דאָס איז זי?"

ס'איז קלאָר:

מ'האָט אים נאָר־וואָס די מעשה וועגן איר און וועגן העלערן איבערגעגעבן:

און נאָך:

אומריינע געדאַנקען האָט שוין קוקנדיק אויף איר, אָט דער פּאָליטעכניק, וואָס מיטן אויסגעלאַסן שמייכלדיקן פּנים.

און איבער עפּעס פילט זיך נאָך צו זיין אויסגעלאַסענעם קוק אַ שטילע און תאווהדיקע אויפרייצונג, אַן אויסגעמישטע מיט יצר־הרע־געדאַנקען און מיט אַ טיפער אינווייניקסטער געפאַלנקייט. די תאווהדיקע אויפרייצונג ווערט פאַרשווונדן צוזאַמען מיט דער אָפּלויפנדער פּור; נאָר די געפאַלנקייט בלייבט, פאַרשטאַרקט זיך און גייט איבער אין אַן אינווייניקסטער חרטה־פּוסטקייט. דערפילט זי מיטאַמאָל, ווי קליין און געפאַלן זי זעט איצט אויס אין די אייגענע אויגן, און ווייל פון זיך אָט דאָס געפיל פאַרטרייבן, דערמאָנט זיך איבער עפּעס אָנם פאָרשטאָט פון ווייטן כרך און אָן אים, שמואליק זיידענאָווסקין אַליין, שטייט דאָ נאָך לאַנג אַן איינזאַמע ביי דער שטוב און טראַכט:

„יעדנפאַלס האָט אָט דער שמואליק זיידענאָווסקי אַן אייראָפּעיש פּנים, און צו באַווייזן זיך מיט אים צווישן מענטשן איז שוין כלל נישט קיין בזיון... יעדנפאַלס האָבן דאָרטן אין קרייז־שטאָט אַלע אויף אים געקוקט"...

## VI

קלאַנגען האָבן זיך אין שטעטל וועגן וועלוול בורנעסן געטראָגן:

ער טוט אַזאַ גוטן שידוך, וועלוול; ער נעמט, זאָגט מען, אַ שיין מיידל, אַ ברונעטין, וואָס האָט אין קרייז־שטאָט די גימנאַזיע געענדיקט, און האָט נישט־לאַנג עמעצן וועגן אים געזאָגט:

„נישקשה, ער איז אַ גאַנץ אָנשטענדיקער יונגערמאַן, וועלוול בורנעס; ער שטייט ביי איר געוויס העכער פון אַלע אירע דיפּלאָמירטע באַקאַנטע, און קיין חיסרון איז שוין ביי איר כּלל נישט, וואָס די ערשטע כּלה זיינע האָט אים נישט געוואָלט".

מירל האָט זיך אין יענער צייט זעלטן ווען אויף דער גאַס באַוויזן, און קיינער האָט נישט געוווּסט, וועגן וואָס זי טראַכט, איינמאָל האָט זי נאָר דער אַקושערקע שאַץ וועגן דעם געזאָגט:

„מעגלעך, אַז דאָס מיידל, וואָס האָט די גימנאַזיע געענדיקט, איז שוין גאָרנישט אַזאַ נאַר"...

און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אַקושערקע איז שטאַרק אומצופרידן מיט אָט דעם שמועס געווען און איר די רייד איבער־געהאַקט, האָט זי נאָך צוגעגעבן:

„נאָר יעדנפאַלס... יעדנפאַלס פילט זי דערין אַ באַליידיקונג און אַ פאַרדראָס און וויל נישט, אַז וועלוול זאָל אַ חתן ווערן".

נאָכדעם איז איינמאָל אויפן שטעטל אַזאַ פוסטער און מרה־שחורהדיק־פּראָסטיקער דאָנערשטאָג געקומען, און אויף קבצנישע הייזער איז דאָ און דאָרטן געלעגן אַזאַ שווערער און וואָכעדיקער פּרנסה־עול.

„שבת מאַכן, אַ? טאַקע ווידער שבת מאַכן?"

יידן לײדיקגייערס זענען ביי די מאַרק־קלייטן געשטאַנען און געשמועסט וועגן דער פריילעכער סעודה, וואָס וועט אינאָוונט ביי טאַראַבייען אין דאָרף פאָרקומען:

„וואָס זשע? ס'גייט אים עפּעס אָפּ טאַראַבייען?"

און אַהין, צו יענעם עק שטאָט, וואָס האָט מיט די גוייִשע הייזער געגרענעצט, איז מירל אַ וואַרעם־אָנגעטאָנע און אומעטיקע שוין אויף ר' גדליהס צעלויכטן שליטן און אויסגעדאַרטע פערד צו טאַראַבייען אויף אָט דעם אָוונט געפאָרן און געדריקטערהייט געהייסן דעם קליינעם שייגעץ, דעם אָנטרייבער, צו דער אַקושערקע שאַצס עק־דאָרפיש שטיבל פאַרקערעווען.

זי איז שטאַרק טריב געוואָרן פונם שליטל, וואָס זי האָט אויף

דער אַקושערקעס טיר געטראָפֿן, געשטאַנען דאָרטן אַ ווײַלע מיט אַ געפּאַלן געמיט, און איר צולעצט בײַ דער גױישער שכנה איבערגעלאָזט די אײַנלאַדונג, וואָס טאַראַבײַ האָט איר, דער אַקושערקע, צוגעשיקט, מיט אַ פּאָר צוגעשריבענע ווערטער:

„די אַקושערקע מוז איצט אַהין קומען נישט צוליב טאַראַבײַען, וועלכער רעקאָמענדירט זי צו די אַרומיקע פּריצים, נאָר צוליב איר מירלען".

זי איז דאָרטן געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך געשלאָגן מיט דער דעה:

„עפּעס אַ נאַרישע רײַזע מיט טאַראַבײַס אַ נאַרישן אָוונט. זי וואָלט געוויס גלײַכער געטאָן, ווען זי הײַסט איצט פֿאַרקערעווען און קערט זיך אום אַהיים".

און נאָכדעם איז זי שוין דעם גאַנצן פֿיר־און־צוואָנציק־ווערסטנ־דיקן וועג אַזוי אומעטיק און געפּאַלן געווען, געזען די אַרומיקע פּוסטע פֿעלדער, ווו נידעריק־פֿאַרוואָלקנטע און קאַלטע הימלען האָבן מיט אַ סוף־ווינטערדיקער מרה־שחורה אַראָפּגעקוקט, און געוואָרן בײַ זיך נאָך געפּאַלענער און קלענער פֿון דעם, וואָס ווײַט, ווײַט הינטער אירע פּלײצעס האָבן זיך אַהער שוין געשווינט מיטן וועג צו טאַראַבײַען געטראָגן איר געוועזענעם מחותנס צוויי פּריצישע פֿורן און האָבן זייער גלעקער־קלאַנג איבער דער פֿעלד־שטילקייט געוואָרפֿן. זי האָט גע־טראַכט:

„די אַקושערקע שאַץ... זי זאָל כאָטש אַהין קומען, די אַקושערקע שאַץ".

---

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זי אָט די צוויי געשווינט־לויפֿנדיקע פֿורן אָנגעיאָגט און זיך מיט איר אין רעכטער און לינקער זײַט אויסגעגלײַכט. מאָדנע מבטל געווען האָבן זײ מיט זייער שווײַגן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויף אָט די אויסגעפּוצטע פֿורן אין איר רעכטער און לינקער זײַט געשווינט געטראָגן. האָט זי שוין אויף זיי נאָר ווי פֿון אַ חלום אַרויסגעקוקט און האָט באַמערקט:

מיט אַ פֿאַרפֿרעמדט פּנים זיצט אויף אַן אויסגעפּוצטן שליטן

איר געוועזענער חתן, און פונם צווייטן שרייען איבער איר אַריבער זיינע וואַרעם־אָנגעטאָנע שוועסטער:

„וועלוול! דו האָסט מיטגענומען?"

שרייען איבער איר אַריבער רויק און באַשעפטיקט, ווי איבער אַ לעבנלאָזער זאַך, כאַפּן זיינעם אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַן ענטפער, און לאָזן זי געשווינט הינטער די פּלייצעס.

און ווען אָט די צוויי פורן האָבן זיך שוין ווייט, ווייט צום האָריזאָנט געטראָגן און דאָרטן קלענער ווערן אָנגעהויבן, האָט זי אָקאָרשט פון אָט דעם האַלב־דרימלענדיקן צושטאַנד ערוואַכט און האָט דערזען:

דער קליינער שייגעץ, דער אָנטרייבער, שטייט די גאַנצע צייט אויף די פיס, הערט נישט אויף צו שמייסן די אויסגעדאַרטע פערד, וואָס שפּרינגען שוין מיט די לעצטע כוחות און וויל, אַפּנים, די לאַנג־אַנטלאָפענע פורן דעריאָגן. זי האָט זיך געשווינט פונם איינגעזעסענעם אָרט אַ כאַפּ געגעבן און פאַרן אָנטרייבערס פּלייצעס אַ שלעפּ געטאָן:

„ס'אַר אַן אומגליקלעכער משוגענער ער איז! שוין לאַנג טרייבט ער אַזוי די אויסגעדאַרטע פערד?"

דער קליינער שייגעץ האָט זיך פאַרשעמט, אָפּגעשטעלט דאָס שטאַרק פאַרמאַטערטע פערד, אַראָפּגעקראָכן שעמעוודיקערהייט פונם שליטן, און אפשר אויף אַ גאַנצער האַלבער שעה גענומען לעבן איינעם פון זיי אַן איבערגעריסענעם פאַסטראָמעק צונויפבינדן.

און זי איז שוין אַזוי געפאַלן און אונטערטעניק דאָ אויפן שליטן געזעסן און אים מוסר געזאָגט:

„זי, מירל, וואָלט געוויס צופרידן געוועזן, ווען אָט די אומ־גליקלעכע פערד פגרן אויס ביידע אין איין נאַכט. נאָר כל זמן זיי זשיפּען נאָך אויף דער וועלט, באַדאַרף מען האָבן גאָט אין האַרצן און זיי נישט שלאָגן".

---

זי איז אָנגעקומען אין דאָרף תחילת נאַכט, ווען ליכט האָט מען שוין אין רייכע גוישע הייזער געהאַט אָנגעצונדן, און ווען פאַרשטאַרקט האָט זיך שוין פון רגע צו רגע די גלייכגילטיק־שטרענגע

מחשבה, וואָס מיט איר האָבן אָט די באַלוויטשענע הייזער אויף איר פּרעמדער פּור געקוקט:

„די היגע גויים זענען רויק און רייך, האָבן אָט די הייזער געוואָלט דערציילן, די היגע גויים האָבן לעבן זיך, אַחוץ דער ערד, נאָך אַ רייכע צוקער-פאַבריק, וואָס פון איר ציען זיי שפע דעם גאַנצן ווינטער".

אַ טונקלקייט פון ספק טאָג און ספק נאַכט איז שוין געלעגן אויפן לאַנגן געברוקירטן דאָרפוועג, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט אַ גאַנץ פעלד פון פויערשע דעכער אַלץ העכער און העכער אַרויף דעם פלאַכן באַרג געצויגן און זיך געענדיקט דאָרטן, ווו דער הויכער עק הימל איז שטאַרק רויט געווען, און ווו דער ריזנקוימען פון צוקער-פאַבריק האָט זיך, ווי אַ יום-טובדיקער אויסגעשריי-צייכן, אין אָט דער רויטקייט איינגעשטעקט. אומגעוויינלעך פאַמעלעך האָבן זיך אַהין די מידע פערד אַרויף דעם פאַרבויטן באַרג געשלעפּט און אַלעמאָל די קעפּ צו דער ערד געבויגן. און אַזאַ טרויעריקע, פרייטאָג-פאַרנאַכטיקע זאָרג האָבן שוין די אַרומיקע הייזער מיט זייער פרעמדן בליק דערוועקט, אַ זאָרג פון אַ פאַרשפעטיקטן ערב-שבתדיקן יידן, וואָס שלעפּט זיך נאָך מיט זיין פור אין דעם געהייליקטן בין-השמשות איבער דער טיפער בלאָטע, וואָס אויף די פעלדוועגן, שלעפּט זיך פאַמעלעך און געדענקט:

דאָרטן אינם שטאַרק באַלוויטשענעם בית-המדרש, וואָס אין זיין שטעטל, שאָקלען זיך שוין שבתדיק שעמערירנדיקע יידן, שאָקלען זיך אַלע צוזאַמען און זינגען נאָך דעם חזן:

„הודו לה' כי טו—ב, כי לעולם חס—ד—ו—ו".

---

מיט שטאַרק באַלוויטשענע ניימאָדישע פענצטער, איז נחום טאַראַבייס גרויסע שטוב אין דער בּרייט פונם עקסטן דאָרפישן געסל געשטאַנען און אָן לשון איבערגעגעבן אַ יאָציקע חקירה-פראַגע פון איר באַלעבאָס:

„כ'פאַרשטיי נישט: אַז גאָט העלפט, מ'פאַרדינט און מ'איז געזונט, פאַרוואָס זשע זאָל מען טאַקע נישט לעבן אַ גוטן טאָג אויף דער וועלט? פאַרוואָס זאָל מען זיין ערגער פון די פריצים?"

ציכטיק, ריין איז געווען דער פאָרנטיקער האַלב-קיילעכדיקער

הויף, ווּ איר מידע פוּר האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעשטעלט, דער אָפענער גאַניק, די הויכע ווייס־געפאַרבטע טיר מיטן ניקלנעם שילד־בלעטל.

און ווען זי האָט צולעצט אין אָט דער טיר אָנגעקלונגען, איז צו איר באַלד אין אַ שוואַרץ סורדעטל און אָן אַ היטל אַרויסגעלאָפן דער קליינוווּקסיקער, תמיד פריילעכער נחום טאַראַבײַ און זיך צו איר אויסגעבויגן מיט עלעגאַנטיש־צוזיפגענומענע פּיסלעך:

„יאַסנאָוועלמאָזשנאַ פּאַננאַ הורוויץ האָט פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע צוויי שעה".

און שלעפנדיק אַלעמאָל די ווייסע מאַנזשעטלעך פון־אונטער די אַרבל, האָט ער שוין נאָכדעם צו איר געפּלאַפּלט די גאַנצע צייט, בעת אינם שטאַרק באַלויכטענעם פּאָדערשטיבל האָט איר אַ פאַרפּוצט דינסט־מיידל זיך אויסטאָן געהאָלפן:

„אין דער איינלאַדונג שטייט בפירוש, אַז פיר אַזייגער וועלן שוין זיין אַלע געסט, און איצט זאָל זי זען: זיין טאַשן־זייגער גייט תמיד ריכטיק און האַלט איצט פּונקט זעקס. איז עס אַפילו פון מירלס זייט נישט איבעריק שיין, נאָר זי מעג זיין זיכער: ער איז איר מיט ר' גדליהן פון תמיד אָן אַ גוטער פריינט און וועט צו איר חופּה נישט פאַרשפּעטיקן אַפילו אויף קיין רגע".

זי האָט זיך צורעכט געמאַכט די האָר אַקעגן דעם היפּשן שפּיגל, וואָס אינם פאַרוואָרפענעם מיט קליידער פּאָדערשטיבל, געזען דאָרטן דאָס אייגענע פּנים מיטן דעקאָלטירטן האַלז און זיך גענויט שמייכלען צו טאַראַבײַען, וועלכער איז הינטער אירע פּלייצעס געשטאַנען:

„ער מעג איר גלויבן: זי איז נישט שולדיק"...

אָבער נאָך אינם ערשטן שטאַרק באַלויכטענעם חדר, ווּהין טאַראַבײַ האָט זי אונטער דער האַנט אַריינגעפירט, האָט זי שוין מיט־אַמאָל דערפילט די גאַנצע צוציענדיקע קראַפט, וואָס אין איר גראַציע־זער און איינגעצויגענער אינם קרעם־וואָלענעם קלייד פיגור. דאָס צו־פרידנדיקע האַרץ האָט אין איר מיטאַמאָל שיכור ווערן אָנגעהויבן.

„אייגנטלעך האָט זי קלוג געטאָן, וואָס זי איז איצט אַהער געקו־מען... אומגעווייגלעך קלוג"...

אויף אַ שטול פונם נידעריקן גאַרניטור איז זי אין עק צימער

אַקעגן טאַראַבייס פאַרביסן-קלוגער פּרוי געזעסן, געפּילט אויף זיך פּיל אָנגעווענדטע בליקן פון די געסט און שמייכלענדיק געענטפערט אויף די אָנפראַגן:

„יאָ... די מאַמע אירע איז אַ שטוב-זיצערין, פון תמיד אָן אַ שטוב-זיצערין".

פון צייט צו צייט האָט זי אַ קוק אין דער איבערגעפּולטער טיף פון חדר געכאַפּט און געזען:

קעפּ צו קעפּ בויגן זיך, קוקן צו איר אין אלכסון און שעפּטשען זיך דערביי אַדורך:

„ווער?... מירל הורוויץ?... פון וואָסער שטעטל?"

צווישן צוויי אַזעלכע אַריבערגעבויגענע קעפּ זענען אויף אַ קאַנאַפּע, וואָס ביי דער געשלאָסענער באַלקאָן-טיר, איר געוועזענעם התנס צוויי שוועסטער געזעסן און שוין געהאַט אַזעלכע אָנגעשטרענגטע מחותנתדיקע נעז, גלייך עמעצער האָט זיך מיט יעדער רגע געגרייט צוגיין צו זיי און זיי דערמאָנען:

„ער איז דאָך ערשט מיט צען יאָר צוריק אַ קבצן געווען, דער טאַטע זייערער".

איינער פון די געסט, אַ שווער-גופיקער פּאָליאַק מיט אַ שטאַרק פאַרגרעבט און אומגעגאָלט פּנים, איז שוין געווען שיכור-לוט, און דאָך געדענקט צו חנפען אונטער די אויגן דעם קלוגן טאַראַבייען, וואָס דורך אים האָט ער נישט לאַנג אין צוקער-פאַבריק אַ שטעלע געקראָגן. פאַלנדיק פון די פיס, האָט ער יעדן באַקאַנטן און אומבאַקאַנטן גאַסט אָפּגעשטעלט, נאָכדערציילט טאַראַבייס איינע און די זעלבע חכמה און איז דערביי שיער נישט צעגאַנגען געוואָרן פון געלעכטער און שיכורער התפעלות:

„אָט צע שעלמאַ, טען פאַן טאַראַביי... שעלמאַ"...

עמעצער פון די צוקער-פאַבריק-געסט, וואָס האָבן זיך פאַר די ליכט, וואָס אויפן גרינעם טישל, אין ווינט שטאַרק פאַרטיפט, האָט זיך געשווינט מיט די קאָרטן אין האַנט פון זיין שטול אַ הייב געטאָן און אויך אַזוי געשווינט אַריינגעשריגן צום יונגוואַרג, וואָס האָט זיך אין צווייטן חדר פאַרקליבן:

„שאַמפּאַניער־ווײַן שפּעטער!... שאַמפּאַניער פּונקט צוועלף אַזייגער בײַנאַכט".

און דאָ לעבן מירלען, איז נאָך אַלץ, ווי לעבן אַן אַלטן גוטן פּרינצעס אַ קינד, די נחמה טאַראַבײַ געזעסן, געקוקט אויף איר מיט די שוואַרצע ליגנערישע אייגעלעך, וואָס פאַר זיי האָט אַפילו מורא געהאַט דער קלוג־פּלאַפּלענדיקער טאַראַבײַ, און זיך געפּליישט צו ציען מיט איר ווײַטער דעם וועלטלעכן שמועס:

„טענהט זי דאָ אַנומלטן מיט גיטעלען, דער מאַמע אירער: איר פאָרט איינמאָל אין אַ יובל אין קרייז־שטאָט מיט דער באַן, פאָרט צווייטע קלאַס... און מיט וויפל, משטיינס געזאָגט, קאָסט צווייטע קלאַס טייערער? מיט זעכציק קאָפּיקעס?"

און נאָך:

„צוליב וואָס, אַשטייגער, נודעט מען זיך און מ'ווינט דאָרטן אין פּוסטן שטעטל? דאָ, אין דאָרף... ס'איז דאָ פאַראַן אַ צוקער־פאַבריק... ס'זענען דאָ פאַראַן מענטשן, וואָס מ'באַגעגנט זיך מיט זיי... ס'איז דאָ כאָטש פאַראַן געשעפט"...

ביים ענג־אַרומגעזעצטן טישל, וואָס אין דער איבערגעפּולטער טיף פון חדר, איז די גאַנצע צייט אַהער מיט די פּלייצעס איר געוועזענער חתן געזעסן און דאָרטן נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט די איבעריקע הענט. יעדעס מאָל, וואָס זי האָט דאָ בכיוון איר בת־יחידה־שרייענדיקן קול אויפגעהויבן, האָט ער זיך דאָרטן מיט אָט די הענט צופיל פון הינטן ביים קאָלנער געטאַפּט און צופיל אַריינגעקוקט אין פּנים יענעם ווּקסיקן און יונגן סוחר, וואָס האָט זיך אַלע מאָל פונם בענקל געהויבן און היציק מיט אַלע איברים געטענהט:

„שאַ! ער האָט זיך פאַראַיאָרן נישט געבעטן ביי ר' נחומען: ר' נחום, לאָמיר פאַרזייען וואָס מער בוראַקעס?"

אַביסל ווײַטער, ביים עק חדר זענען אין ווײַטע, טיף אויס־געשניטענע וועסטן אַפּאָר יונגעלייט פון צוקער־פאַבריק געשטאַנען, געוווסט די גאַנצע מעשה, וואָס האָט זיך מיט איר און מיט נתן העלערן פאָריקן זומער געטראָפן, געקוקט דערפאַר מיט שיכּורע יצר־הרע־אויגן אויף איר שמייכלדיקן פּנים און דעקאָלטירטן האַלז און זיך געשעפּטשעט וועגן איר מיט ניבול־פּה:

„איז אָט מיט וואָס פּאַר אַ שיינער נקבה, אַ?"

עמעצער האָט פון איר נחמה טאַראַבײַ אויף אַ סוד אַוועקגערופן, און אַליין איז זי געבליבן דאָ אויף דעם נידעריקן גאַרניטור־שטול זיצן, בעת די יונגעלייט פון צוקער־פאַבריק האָבן נאָך אַלץ אויף איר געקוקט. זי האָט אַ מאָדנע צעטראָגענעם בליק אויף דער אייגענער שלאַנק־וווקסיקער פיגור געוואָרפן און זיך געלאָזט גיין ערגעץ־אַהין, צום זייטיקן חדר, ווו מיט אַרונטערגענומענע הענט און מיט אַן אויס־געצויגענעם פוס פאָרויס איז אין אַ קורץ באַלעבאָסטע־פאַרטעכל גע־שטאַנען טאַראַבייס באַיאָרטע מיידל, טאַניע, געהאַלטן דעם קאָפּ עטוואָס אויף אַ זייט און געוואָלט מרמז זיין דערמיט, וואָס זי קוקט נישט צו קיינעם און קנאַקט זיך שטילערהייט מיט דער צונג:

„נישט געוואַרט האָט זי אויף אָט דער גאַנצער שמחה, און נישט קיין אָנטייל קלערט זי אין איר צו נעמען".

עמעצער האָט זי, מירלען, דאָ אינמיטן חדר ביים נאָמען אָנ־גערופן, האָט שוין ביי איר דאָס האַרץ אַ קלאַפּ געטאָן. נאָר געווען איז דאָס סך־הכל אַ פּשוט יונג און פרום ווייבל פון זייער שטעטל, אַ ווייבל מיט אַ שטערנטיכל אויפן קאָפּ, וואָס איז נאָך ביי איר טאַטן דעם שוחט אויף קעסט געזעסן און זיך דורכן מאַן מיט טאַראַבייען קרובים אָנגעקערט:

„וואָס האָט זי מירלען געוואָלט בעטן? מירעלע איז, דוכט זיך, אַהער געקומען מיט דער אייגענער פור, און זי, דאָס ווייבל, זי פילט זיך דאָ אַזוי שלעכט, אפשר וועט זי אינגיכן קענען מיט מירעלען אַהיים פאָרן?"

לעבן טאַניע טאַראַבײַ איז שוין דערווייל אַ וווקסיקער יונ־גערמאַן געשטאַנען, איר געוואָלט איינרעדן, אַז די גרויסע שטעט האָבן זיך זייער גרויסן ווערט, און לייטיש אויסגעהערט, ווי זי בלייבט ביי אירן:

„איז זי פאָריקן סוף־זומער געווען אין אַדעס און דאָרטן עקזאַמען אויף זעקס קלאַסן געהאַלטן... זי האָט זיך דאָרטן אַזוי שלעכט גע־פילט... זי איז קוים פון דאָרטן אַנטלאָפן".

פלוצים האָט זיך אַהער מיטאַמאָל פונם זייטיקן חדר דאָס יונג־וואַרג אַ לאָז געטאָן, זיך דאָ גענומען יאָגן טאַראַבייס קלענער ייִנגל,

דעם רעאַליסט, אים געפּאַקט און מיט קולות צוריק נאָך אים אין זייטיקן חדר אַריין:

„פאַרוואָס וויל ער נישט דעקלאַמירן? וואָס אַרט אים, אַז ער וועט עפּעס דעקלאַמירן?"

עמעצער איז צו איר צוגעגאַנגען און זיך פאַר איר אומבאַקאַנטערהייט אויפן רעאַליסט גענומען קלאָגן:

„ער האָט ערשט צוריק מיט אַ פאָר וואָכן אַזוי גוט דעקלאַמירט; אויף אַן אָוונט, וואָס אין כרך, האָט ער דעקלאַמירט".

און זי, מירל, זי האָט זיך שוין אַזוי שלעכט געפילט דערפאַר, וואָס אַהער אין זאַל האָבן זיך שוין איר געוועזענעם חתנס נאַרוואָס אָנגעקומענע טאַטע־מאַמע געהאַט אַריינגעשטעלט, זי איז געשטאַנען איינע אַליין מיט צוגעדריקטע פּלייצעס צו דער וואַנט, געהאַלטן עטוואָס אונטערגעהויבן דאָס מרה־שחורהדיקע פּנים און געזען:

ביים נאָענטן טישל מיטן פריש־אָוועקגעשטעלטן כּיבוד זיצט מיט נחמה טאַראַבײַ איר געוועזענע שטאַרק גראָבע מחותּנתטע, עטעמט שווער, ווי אַ פּאַריאָגטע און פעטע גאַנז, און קלאָגט זיך קרעכצנדיק אויף איר אַסטמע־פעלער:

„איז דאָס אַ ‚מוקאַ' דאָס לעבן... אַ ‚מוקאַ'".

און אַביסל ווייטער פון איר רעכטער האַנט שפּרינגט דער פריילעכער טאַראַבײַ אַקעגן איר געוועזענעם גרויסגופיקן מחותּן און וויל עטוואָס לוסטיקער מאַכן זיין ערנסטע, עם־הארציש אויסגעאיידלטע צורה:

„וואָס זשע זאָרגט מען זיך אַזוי, ר' אברהם־משה? מיט נדן־געלט האָבן זיי שוין, דאַנקען גאָט, די קינדער פאַרזאָרגט?... מען מאַכט זייַ חתונה און מ'בלייבט ‚דיד דאַ באַבאַ'".

אָט איז טאַראַבײַ אַוועקגעלאָפן אויף אַ ווײַלע אַרויסבאַגלייטן אַ חשובן גאַסט, און ער, דער שוואַרצער און אויסגעאיידלטער עם־הארץ, מיטן פּאַפּיראָס אין מויל, האָט געטאָן עטלעכע שפּאַן צו טאַראַבײַס קלענערן זון, דעם פּאָליטעכניק, און גענומען פאַר אים זיין אַן אייגן קלוג וואָרט איבערחזרן:

„ער האָט דאָ נאָר־וואָס אַ קשיה געפרעגט... דעם טאַטן זייַנעם האָט ער דאָ נאָר־וואָס אַ קשיה געפרעגט".

דער מיטל־וווּקסיקער פּאָליטעכניק מיטן קורצן, שטרענג־אַראָפּ־געלאָזטן שטערן און מיט די גאַוהדיק־אונטערגעקלעפּטע נאָזלעכער איז שוין אַזאַ שווייַגנדיקער לץ געווען; ער אַליין האָט סך־הכּל שטאַרק נישט געהאַלטן נישט פון די אייגענע טאַטע־מאַמע און נישט פון זייערע צונויפגערופענע געסט. און ער, דער אויסגעאיידלטער עם־הארץ, איז אים מיט זיין חקירה־קשיה אין פּנים געקראָכן:

„וואָס זשע איז אייגנטלעך דער חילוק צווישן קאַשפּערייווקער גראַף און צווישן וואַסילן, דעם לאָקיי זייַנעם?"

מירל האָט עטלעכע שפּאַן צום אָפּענעם און שטאַרק באַלויכטענעם עסצימער געטאָן, זיך דאָרטן געפּאַלענערהייט מיט אַ צוגעדריקטער באַק צו דער טיר אָפּגעשטעלט און האָט געזען:

פונסניי גרייט מען שוין דאָרטן דעם אומגעווייַנלעך לאַנגן טיש, און טעלער צו טעלער קלאַפּן שוין דאָרטן אַזוי אָפּט און אַזוי פרייַלעך און דערוועקן ביי עמעצן אַ פרישן אַפּעטיט. דאָס יונגוואַרג שפּאַנט דאָרטן טייַלווייַז אַרום און שטייט טייַלווייַז אין בינטלעך, און די אַקושערקע שאַץ איז שוין דאָרטן דאָ, שטייט מיט אַ פריש־פאַרביק פּנים פון קעלט אַקעגן דעם פּאָליטעכניק דעם גאַסט, רויכערט זייַנעם אַ פּאַפּיראָס און שמייכלט:

„זי קען זיי... אויסגעבונדן קען זי זיי, אָט די אויסגעלאַסענע פּאָליטעכניקעס, וואָס האָבן זיך ליב אַרום מיידלעך צו דרייען".

פּאַמעלעך און מאָדנע געפאַלן איז מירל צו דער אַקושערקע צוגעגאַנגען, זי אַרומגענומען און זיך צו איר מיטן גאַנצן גוף, ווי אַ קליין קינד, צוגעדריקט; ס'האָט ביי איר געציטערט דאָס קול:

„די אַקושערקע שאַץ שטעלט זיך פאָר, ווי זי איז איר איצט דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי איז איצט אַהער געקומען? זי, מירל, וועט איר שוין אַ צווייט מאָל וועגן אָט דער דאַנקבאַרקייט דער־ציילן".

---

מ'האָט געטרונקען וויין פון פאַרשידנאַרטיקע פאַרחתמעטע פלעשער, וואָס מ'האָט זיי פריער פּאַמעלעך אין די הענט גענומען און שמייכלדיק

געלייענט דאָס, וואָס איז אויף זייערע בלעטלעך און בלייערלעך אָנגע־שריבן געווען.

געטרונקען האָט מען די גאַנצע צייט, בשעתן עסן און נאָכדעם, ווען פונם אומגעוויינלעך לאַנגן, ווייס־פאַרשפּרייטן טיש האָט מען שוין די אויסגעליידיקטע טעלער אַראָפּגענומען, און טאַראַבייס געשוועסטער־קינד נוטע, אַ מאָדנע לאַנגער און געזונטער מוכר־תבואהניק, איז שוין געווען מבושם, רויט און פאַרשוויצט און האָט, שטעלנדיק צום טיש אַלעמאָל נייע פולע פלעשער, געוואַלדעוועט מיט אַן אומגעלומפּערט הויך קול און מיט אַ ניגון פון „אתה־הראית״:

„אַט דאָס שטעלט דער פעטער נחום פאַרן עלטערן זון, באָריסן, וואָס דינט אין לאָדזער באַנק און וועט, אי״ה, אינגיכן ווערן די־רעק—טאָר !״

„אַט דאָס שטעלט די מומע נחמקה פאַר דער עלטערער טאָכ־טער, טאַניען, וואָס האָט פאַר סוכּות אויסגעהאַלטן אויף זעקס קלאַסן״.

איבערן רויך פון די פיל אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן האָבן זיך געזעצט די לאָמפּן און פאַרטונקלט זייער שיין.

אַ שיכּורער דרייסיק־מיילערדיקער געמורמל איז שוין אויס־געמישטערהייט געהאָנגען אין דער לופט און קוים־קוים עמעצנס אַ געשריי מיט אַ קלאַנג פון אַן אָנגעשטויסענער פאַר פלעשער דורכגעלאָזט, און ער, דער גרויסגופיקער מוכר־תבואהניק מיט די לאַנגע פונאַנדערגע־לאָזענע הענט, האָט זיך נאָך אַלץ אויפן האַלז געריסן און געצוווּנגען ווערלטלעך־לייטישע מענטשן זייערע פנימער פאַרקרימען:

„אַט דאָס שטעלט דער פעטער פאַרן קלענערן זון, איסאַקן, וועל־כער ווערט, אי״ה, איבער צוויי יאָר אינזשינער״.

מיט מירלען האָט זיך בײַ אַט דעם רוישיקן מיש אַזאַ אומגעריכטער צופאַל געטראָפן:

דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט, מיטן שמייכלדיק־אויסגעלאָסענעם פּנים, וואָס האָט שוין לחלוטין נישט ניכטער אויסגעזען, האָט זיך וועגן איר מיט איינעם פון די יונגעלייט, וואָס אין די טיף־אויסגעשניטענע וועסטן, אַדורכגעיוונקען:

„מעג מען, הייסט עס, אָנהייבן, אַ ?״

ער האָט זיך מיט אַ שמייכל פון אַ דאָרף־שייגעץ צוגעזעצט צו איר אויפן נאָענטן ליידיקן בענקל, דענסטמאָל ווען זי האָט מיט איר ערנסט־טרויעריקן פנים גלייכגילטיק צו דער קעגנאיבערדיקער שורה מענטשן געקוקט. ער האָט געכאַפּט אין אַלכסון אַ נאַריש־אויסגעלאַסענעם בליק אויף איר דעקאָלטירטן האַלז און געטאָן אויך אַזאַ נאַריש־אויס־געלאַסענעם הוסט אין דער פויסט, וואָס ער האָט שמייכלדיקערהייט צום מויל צוגעטראָגן:

„אַ גאַנץ ווױלער בחור נתן העלער, אַ שיינער, אַ ? געוויס אַ שיינער".

עפּעס האָט ער דערציילט וועגן דעם, וואָס דער פוילער נתן העלער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס, וואָס זיי האָבן זיך צו־זאַמען געגרייט דערצו; וועגן דעם, וואָס נתן העלערס נישט־לאַנג געשטאָרבענע טאַטע־מאַמע האָבן אים נישט מער, ווי פינף־זעקס טויזנט רובל ירושה געלאָזט, און וועגן דעם, וואָס ער, דער לייכטזיניקער און שיינער בחור, דרייט זיך איצט אָן אַרבעט דאָרטן אין כּרך אַרום און וויל טאָן איינעם פון די ביידע שידוכים, וואָס מען רעדט אים:

„פופצן טויזנט רובל, דערציילט ער, וויל מען אים נדן געבן".

מירל האָט צו אים די גאַנצע צייט אַפילו איינמאָל איר פנים נישט אויסגעדרייט, זיך נישט הערנדיק געמאַכט און נאָך אַלץ מיט די ערנסט־טרויעריקע אויגן גלייכגילטיק צו דער קעגנאיבערדיקער שורה מענטשן געקוקט.

פּלוצים האָט זי דערפילט, ווי ער, דער האַלב־שיכּורער, רוקט זיך צו איר אונטערן טיש אַלץ נעענטער און נעענטער מיט זיין בענקל, לייגט דאָרטן פּאַמעלעך זיין פוס אויף אירן אַרויף און הייבט אים דאָרטן אויך אַזוי פּאַמעלעך אָן צו דריקן.

זי איז מיטאַמאָל פאַרטומלט און שטאַרק רויט געוואָרן און איז מיט אַ געשריי פונם אָרט אויפגעשפּרונגען:

„ניע סמיעט!"

אַ געפיל פון כּעס און באַליידיקונג האָט אין איר אַלץ אַזוי אויפ־גערעגט און צערעשט. אין איר פאַרטומלטן מוח האָבן זיך שוין נאָר שטיקלעך געדאַנקען געפּלאָנטערט, און דאָס האַרץ האָט נאָך אַלץ צופיל

געקלאַפּט און נאָך אַלץ צופֿיל הנאה געהאַט פֿון גרויסן עקל, וואָס מיט אים האָט זי צו אים צולעצט אַ געשריי געטאָן:

„דוראַק!"

מענטשן האָבן זיך אויף דעם געשריי געשווינט פֿונם טיש אַ הייב געטאָן. געשעפּטשעט האָט זיך, וואַרפֿנדיק אויף איר בליקן, דעם געוועזענעם חתנס משפּחה, און מיט עמעצן האָט זיך קעגנאיבער דעם טיש די איראָניש־שמייכלדיקע אַקושערקע רעדן געשטעלט. נאָר איר איז דאָס אַלץ אַזוי אַלץ איינס געווען און טראַכטן האָט זי וועגן דעם נישט געקענט.

מיט האַרט־צוגעדריקטע פּלייצעס צו דער וואַנט איז זי איינע אַליין אין עק ליידיקן זאַל געשטאַנען און זיך ביסלעכווייז אונטער־געגעבן דעם געפֿיל פֿון אייגענער געפֿאַלנקייט:

„נישט געווען כדאי... אָט דער גאַנצער נאַרישער אָוונט איז שוין אפשר נישט געווען כדאי".

וועגן עפּעס האָט זי זיך פֿאַרטראַכט, שטייענדיק מיט האַרט־צו־געדריקטע פּלייצעס צו דער וואַנט און אַראָפּקוקנדיק מיט טרויעריק־פֿאַרקלערטע אויגן אויף אַ וויַיטן געלן פֿלעק, וואָס אויף דער פּאָדלאָגע:

„נישט דער אָוונט איז דער עיקר..."

אָט פֿילט זי שוין פֿון אַזאַ צייט, ווי וואָכעדיק־פּוסט ס'גוססט איר בת־יחידהש לעבן. אַרומדרייענדיק זיך מיט ליפּקיסן, פֿילט זי עס און טראַכטנדיק שעהן־לאַנג וועגן יענעם נגידישן בחור, וואָס מען רופֿט אים שמואליק זיידענאָווסקי, פֿילט זי עס.

פֿונם עסצימער האָט זיך שוין דערווייל אַהער אין זאַל דער גאַנצער שיכורער טומל געהאַט איבערגעטראָגן. אויסגעטרונקענע ברואים מיט רויט־פֿאַרשוויצטע פּנימער האָבן דאָ שוין גערוישט אַלע צוזאַמען און עפּעס געוואָלט. באַלעגערנדיק די פּיאַנאָ, וואָס אינם קעגנ־איבערדיקן זאַל־ווינקל, האָבן זיי זיך איינער צום צווייטן געשטופּט און וועגן טאַניע טאַראַבײַ געשריגן:

„נישקשה!... נישקשה!..."

„ס'וועט איר נישט העלפֿן".

דער שיכורער טומל האָט זיך דאָרטן אַלץ נידעריקער און

בידעריקער צו דער ערד געזעצט און זיך צולעצט דערוואָרגן מיטן בעל־עגלהש־הייזעריקן קול פון טאַראַבייס געשוועסטער־קינד, דעם מוכר־תבואהניק:

„שאַט, שאַט! די באַרישניע טאַניע וועט עפּעס שפּילן לכּבוד די געסט“.

אין דער שטילקייט, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן, האָט זיך אַ וואַרטנדיקע פּויזע אַריינגעוואָרפן, און נאָך איר די ערשטע שטיל־באַנגנדיקע טענער פון בעטהאָווענס ערשטער סאָנאַטע, זיך אַריינגעוואָרפן שטיל און צנועהדיק־אָנגענעם, פאַרשעמטע פונם בדחנישן אויסרוף, וואָס איז פאַר זיי געקומען, און שמייכלענדיק וועגן דעם קינדעריש־נאַיוו צו יענע ווייכע באַס־אַקאָרדן, וואָס מיט זיי האָבן זיי זיך שוין פון אַזאַ לאַנגער צייט אַזוי גוט געקענט:

„ווי פילן זיי זיך, די באַס־אַקאָרדן? ס'ווערט זיי נישט עפּעס מאָדנע עקלדיק פון אָט די אַלע פאַרשוינען, וואָס הערן?“

קיינער האָט שוין נישט דערוועגט זיך אָט די באַנגנדיקע שטילקייט איבערצורייסן, און נאָר פונם קעגנאיבערדיקן ווינקל, וואָס ביי דער טיר, האָט זיך נאָך געהערט, ווי ס'קען זיך נישט איינשטילן דער באַיאָרטער שיכּורער פּאָליאַק, קריכט דאָרטן עמעצן אין פּנים אַריין, חנפענדיק אונטער די אויגן דעם קלוגן טאַראַבייען, און יוערט שיער נישט צעגאַנגען פון שיכּורער התפּעלות:

„אָט צע שעלמאַ, טען פּאַן טאַראַביי!... שעלמאַ!“

פּלוצים האָט זיך צווישן אָט דער שטילקייט געלאָזט הערן דאָס קול פון מירלס געוועזענער מחותנתטע:

„זע נאָר!? ווו זשע זענען זיי ערגעץ, ר' נחום?“

דאָרטן, אינמיטן זאַל איז אָט די גראָבע יידענע איינע אַליין גע־שטאַנען און שוין אַזוי צעשטרייט און באַשעפּטיקט טאַראַבייען מיט די אויגן געזוכט.

„זי באַדאַרף דאָך זיי אַזוי נויטיק האָבן, ר' נחומען“.

פון צווישן די פיל מענטשן, וואָס אַרום דער באַלאַגערטער פּיאַנאָ, איז צו איר אַרויסגעגאַנגען דער געוועזענער חתן און זי לייטיש אָן אַ זייט פון זאַל אָפּגעפירט:

„שאַ, קוק זי נאָר אָן!... וועסט זיי זען שפּעטער אַביסל, ר׳ נחומען״.

מירל האָט צולעצט דעם זאַל פאַרלאָזן און זיך אומעטיקערהייט דורך דעם נאָענטן פינצטערן חדר צום עסצימער געלאָזט גיין. עמעצן האָט זי דאָרטן באַדאַרפט געפינען:

„יאָ, די אַקושערקע שאַץ האָט זי דאָרטן באַדאַרפט געפינען״.

נאָר אַריינגעקומען אינם צווייטן פינצטערן חדר, האָט זי דאָרטן ביי דער טיר דעם געוועזענעם חתן מיט זיינע פאָטער־און־מוטער אַרום נחום טאַראַבייען דערזען און זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן צוריק. עפּעס האָט דאָרטן צו טאַראַבייען איר געוועזענער מחותּן געטענהט:

„אַז יענער גיט מיר די בכורה... אַז יענער זאָגט מיר: נאַט אייך דעם נדן און לייגט אים אַוועק, ווו איר ווילט״.

און דאָס ווייב זיינס האָט באַלד אָט די טענה מיט טרערן אין האַלז אונטערגעכאַפּט:

„זאָל ער איר לאַנג לעבן, ר׳ נחום, און זאָל דער נדן ליגן ביי אים... אַז זי וויל שוין מער נישט איינלייגן ביי פּריצים... אַז זי איז שוין איינמאָל געשטראָפט געוואָרן״.

מירל האָט זיך צוריק דורך דעם זאַל אין עסצימער געלאָזט גיין, געפונען דאָרטן די אַקושערקע אין אַ מאָדנע פריילעכן האַלב־שיכּורן צושטאַנד און איז געוואָרן שטאַרק אומצופרידן פונם וויין־ריח, וואָס האָט זיך פון איר מויל געטראָגן:

„וואָס זשע? די אַקושערקע שאַץ קלערט שוין גאָר קיינמאָל אַהיים נישט פאָרן?״

---

און זיי האָבן זיך אָנגעטאָן און זענען געפאָרן אַהיים. געזעסן ביידע אויף ר׳ גדליהס אַלטן שליטן און זיך מיט אַ רעגלמעסיקן טרייב גערוקט אין דער נאַכט אַריין, וואָס אַרויס דעם שלאָפנ־דיקן דאָרף.

שטיל און אידיאָטיש־צעקראָכן האָט, טרייבנדיק די פערד, גע־וויינט דער קליינער שייגעץ און זיך געקלאָגט אויף די געזונטע אויס־געפּוצטע קוטשערס, וואָס האָבן אים אין קיך און אין שטאַל איינער

צום צווייטן געוואָרפן און אים דערבײַ פון אַלע זייטן מיט די פינגער־קנעכלעך אין קאָפּ געקנאַקט.

צופּיל געלאַכט און געפלוידערט האָט דאָס מאָל די אויסגעטרונקענע אַקושערקע שאַץ.

מירל איז געזעסן לעבן איר מיט אַ שטאַרק געפאַלן געמיט. זי האָט געקוקט אין יענער זייט, ווו די צוקער־פאַבריק־לאַמטערנעס האָבן געדולדיק די געמויערטע ראַפינאַדן־אַמבאַרעס געהיט, און געפילט די פּוסטקייט פון די טעג, וואָס זענען אַוועק, מיט דער פּוסטקייט פון די, וואָס וועלן זיך פון מאָרגן אָן צו ציען אָנהייבן:

„איז שוין, הייסט עס, אַן עק?... צו אַלץ אַן עק?...

ווען זי איז צולעצט אין שטעטל צו זייער שטוב צוגעפאָרן, שטיל אין קיך־לאָדן אָנגעקלאַפּט, און אויך אַזוי שטיל אינווייניק אַרײַנגעקומען, האָט גיטעלע פון איר שלאָפצימער דערהערט, ווי זי גייט איבערן עסצימער אויף די שפּיץ־פינגער, און צו איר פון דאָרטן מיט אַ שטאַרק פאַרשלאָפן קול אַרויסגעשריגן:

„ס׳ליגט דאָרטן אויפן טיש אַ טעלעגראַם... פונם טאַטן אַ טעלעגראַם".

מירל איז צום טיש צוגעגאַנגען, דעם לאָמפּ אַרויפגעדרייט און די דעפּעש געעפנט:

„ער קומט, ר׳ גדליה... מאָרגן בייטאָג קומט ער".

און איבער עפּעס איז זי נישט אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר, זיך מיטן דעפּעש אין האַנט דאָ אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגעזעצט און זיך וועגן ר׳ גדליהן צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פאַרטראַכט:

„אָט האָט זי שוין נישט ליב אַפילו אים, דעם טאַטן אירן...

אַ גרויס רחמנות פילט זי נאָר צו זיין פאַרלאָזטן פעלער, וואָס דאָקטוירים הייסן פון תּמיד אָן קורירן אים, און צו זיינע אומגליקלעכע און פאַרדרייטע געשעפטן.

„ער האָט דאָך, זאָגט מען, שוין אַזויפיל אייגן און פונם שווער געירשנט געלט איבערגעפירט... מעגלעך, אַז עס שטייט אים איצט פאַר אַ ממשדיקער קראַך... נאָר זי, מירל... זי איז אַליין אומגליקלעך און טויג נישט צו קיין שום אַרבעט".

„זי קען אים מיט גאָרנישט נישט העלפן".

בלאָס זענען שוין געווען די לאָדן־שפּאַלטן, ווען זי האָט זיך סוף־כּל־סוף בײַ זיך אין חדר אויסגעטאָן און זיך אין בעט אַרײַנגעלייגט, ערגעץ ווייט, אין דער פרייטאָג־פאַרטאָגעדיקער אָנגעשטרענגטער שטילקייט, וואָס אינם שלאָפנדיקן שטעטל, האָבן שוין געקלונגען אברהם־משה בורנעסעס צוריקגעקומענע און אויסגעליידיקטע פורן און אַרום זיך אַ מחותּנים־שטימונג פון אויס־חתונה פאַרשפּרייט. און דאָ אין שטוב האָט זיך שוין גיטעלע איבער עפּעס בײַ זיך אין חדר אין אַזאַ פריען פאַרטאָג אָנגעטאָן און בײַם לאָמפּ, וואָס אין עסצימער, אַרומשפּאַנען גענומען.

ס'איז געווען מאָדנע:

אָט די באַיאָרטע, תּמיד שווײַגנדיקע און פאַרעקשנטע בריאה האָט דאָך שווײַגנדיקערהייט די גאַנצע צײַט איר צעטראָגענעם מאַן ליב געהאַט און נאָך אים געבענקט. איצט איז זי שוין, אַפּנים, שטאַרק אויפגערעגט פון זײַן קומען געווען, געהאַט אַ פאַרוואָגלטע נאַכט און מיט איר אַרומשפּאַנען געוואָלט פאַרקירצן די צײַט, וואָס איז נאָך ביז אָט דעם קומען זײַנעם געבליבן.

## VII

ר' גדליה הורוויץ איז דווקא דעם גאַנצן שבת אַזוי צופרידן געווען מיט זײַן היים. שבת־צונאַכטס האָט ער פריילעך אַריבערגעקוקט איבער די גילדענע ברילן צו היימישע יידן און געוועזענע שותּפים, וואָס זענען זיך זען געקומען, האָט זיי שוין אַפילו צעטראָגענערהייט אַ שפּיציק ווערטל געזאָגט:

„יאָ, אין אויסלאַנד האָט מען אים שוין נישט אַנדערש, ווי פאַר אַ בחור אָנגענומען... שידוכים האָט מען אים שוין דאָרטן אַפילו געוואָלט רעדן".

אַליין איז ער אין אויסלאַנד שטאַרק פונם לײַב אַראָפּ, באַקומען אַ פאַרשוואַרצט פּנים פון אַ ווייט אָפּגעשיידטן שכיב־מרע און געבראַכט מיט זיך פיל פלעשלעך רפואות, אַ קליינע ניקלנע מאַשינקע אויף צו לאָזן זיך אין מויל אַרײַן דאַמף מיט אַן אַנאַליז פון אַ געפערלעכער

און שטילער קרענק. די פלעשלעך זענען אין אַ לאַנגווייליקער שורה אויפן קאַבינעט־פענצטער געשטאַנען און שווייגנדיק דערמאָנט אָן דער גלייכגילטיקייט פון די אויסלענדישע פראָפעסאָרן:

„ווייס איך וואָס?... אַנישט, האָט ביי זיי אַ ממש אַ מענטש?"

און וועגן דעם אַנאַליז האָט דער אָרטיקער שטאַרק אָנגענומענער פעלדשער, דער שתקן, ערגעץ־ווו ביי זיינע געזונט־ווערנדיקע חלאים דערציילט:

„אָט, אַפנים, אַ ראַק ביי ר׳ גדליהן; וואָס זשע דען?"

יידן האָבן זיך טאַקע לעבן ר׳ גדליהן געפילט שלעכט און האָבן צופיל געשוויגן. זיי האָבן אויסגעשפיגן בגנבה אָן אַ זייט יעדעס מאָל, וואָס עמעץ האָט אָט די קרענק זיינע ביים נאָמען אָנגערופן און זיך געוווּנדערט:

„ער הייסט דאָך נאָך אַ יונגערמאַן, ר׳ גדליה; כ׳מיין באמת: ער האַלט דאָך נאָך פאַר חמישים".

און ער האָט זיך נאָך אַליין צו דעם נישט צוגעהערט. צעטראָגענערהייט האָט ער געוואָלט ווייטער די אומגליקלעכע געשעפטן פירן און עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד ביי זיך אין קאַבינעט מיטן קרוב זיינעם, דעם קאַסיר, די אַלטע און נייע ביכער אונטערגעפירט.

יעדעס מאָל, וואָס ער האָט דאָרטן שפּעט ביינאַכט די אַרבעט איבערגעריסן און איז צוזאַמען מיטן קאַסיר אינם באַלויכטענעם עסצימער אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געהאַט אַ שטאַרק פאַרטראָגן פנים מיט אַזעלכע צעטראָגענע נערוועז־רויטע אויגן, געשווינט געביטן איינעם אַ פינגער־קנעכל און זיך אַליין אַלעמאָל די געדאַנקען איבערגעריסן:

„נו, איז דאָך שלעכט... איז דאָך נישטאָ פון וואָס צו רעדן".

און נאָכדעם האָט ער זיך נאָך אומגעוויינלעך לאַנג מיט דער קריאת־שמע ביי זיך אין שלאָפצימער אַרומגעדרייט, נישט איינגעהערט, וואָס די אויסגעטאָגנע גיטעלע האָט צו אים פון איר בעט אַרויסגעטענהט און האָט אַלעמאָל ביי איר געשווינט און צעטראָגן איבערגעפרעגט:

„אַ? וואָס האָסטו געזאָגט?"

צופיל מאָל האָט שוין דענסטמאָל גיטעלע איר צירונג מיט די

בריליאַנטענע אויריננגלעך דערמאָנט, צופיל האָט זי שוין ר׳ גדליהן גע־וואָלט איינרעדן, אַז ס׳איז גלייך, זי זאָל מיט זיי אַ פּאָר טאָן צו איר רייכן פעטער, וואָס אין ווייטלעכן שטעטל, און צופיל גיפטיק האָט זי שוין אַקעגן דעם קרוב, דעם קאַסיר, געטענהט:

„אַז זי האָט אים אָבער געזאָגט... אַז זי האָט אָבער צו אים די גאַנצע צייט געשריגן: ער מאַכט אַ צו ברייטן באַלאַנס, מאַכט ער״.

---

ביסלעכווייז האָט דאָ ווידער דער אָנזעץ־מיש־מאַש אויפגעוואַכט און ווידער דערוועקט אין מירלען אַן עקל מיט אַ שנאה צו דער שטוב און צו די פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן אין איר געליאַרעמט. פון טאָג צו טאָג האָט זיך אין איר עפּעס אַ געדאַנק געשטאַרקט:

„דער אָנזעץ־מיש־מאַש... ער וועט שוין געוויס איינגיכן אַן עק נעמען״.

אַן אומגליק וועט, דוכט זיך, איבער דעם געשען מיט אַלע שטוב־מענטשן, מיט די יידן־נאמנים, וואָס אין קאַשפּעריוקער וועלדל און טערנאָוועער מיל, מיטן קאַסיר און אַפילו מיטן איבערגעוואַקסענעם מיידל, דער קעכין, וואָס דינט שוין ביי זיי דאָס אַכטע יאָר.

נאָר איר, מירלען אַליין, איז דאָס כמעט ווי אַלץ איינס און אין תוך...

אין תוך וועט איר דאָך פון דעם נישט ערגער און נישט בעסער ווערן.

גאַנצע שעהן איז זי מיט אָט דעם געדאַנק ביי זיך אין חדר געלעגן, געגאַנגען מיט אים זיצן צו דער אַקושערקע שאַץ און זיך מיט אים גיך פון דאָרטן צוריק אַהיים אומגעקערט, זיך נישט אומגעקוקט אויף די פיל וואַרטנדיקע בעלי־חובות און צוגעשיקטע בוררים, וואָס האָבן מיט זייערע פּאַפּיראָסן דעם עסצימער שטאַרק פאַררויכערט, אַריינגעקומען צו זיך אין חדר און דאָרטן ווידער וועגן דעם זעלבן געטראַכט:

„דער אָנזעץ־מיש־מאַש... ער וועט זיך שוין געוויס איינגיכן ענדיקן״.

אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פיל שלאָפלאָזע גסיסה־נעכט מיט אויפגערעגטע עצות־זוכערייען. קיינער, אַחוץ איר, האָט זיך

דענסטמאָל נישט אויסגעטאָן און וועגן רו נישט געטראַכט, האָט זי זיך אַלעמאָל אין איר פּינצטערן חדר אויפגעכאַפּט און געהערט, אַז אין שטוב שלאָפט מען נישט; אַז, אַחוץ דעם קאַסיר מיט אַברהמל דעם רבֿ, איז דאָרטן פאַראַן דער אָרטיקער פּריוואַט-אַדוואָקאַט; אַז מ׳סודעט זיך דאָרטן פּאָרזיכטיק און שעפּטשענדיק שטיל, כּדי ס׳זאָלן נישט דערהערן זי מיטן דינסטמיידל, וואָס שלאָפט אין קיך, און מ׳הערט דאָרטן דעם אַדוואָקאַטס עצות:

„דער עיקר איז איינצאָלן אינדערצייט די ,דאַטעס׳ פאַר קאַשפּעריוּוקער וואַלד און פאַר טערנאָווער מיל; וואָרים ווי באַלד אַלץ איז שוין איבערגעשריבן, הערט מען דער באַנקס סטראַשונקעס, ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי”.

מיד און קרענקלעך-גרינג האָט זי אינדערפינצטער איינגעדרימלט און אין חלום געזען פיל פרעמדע ליאַרעמדיקע מענטשן, וואָס פולן איבער די שטוב, זיך ווידער אַביסל צעשראָקן אויפגעכאַפּט און ווידער דערהערט, ווי דער אַדוואָקאַט גיט עצות:

„מוז דאָך גיטעלע אַלץ פון איר זייט אויפן קאַסירס נאָמען איבערשרייבן, וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? דער עיקר איז דאָ צו האָבן די דריטע האַנט”.

און נאָכאַמאָל האָט זי דאָ איינגעדרימלט און שוין אין אָנהייב גרינגן שלאָף געהערט, ווי גיטעלע מונטערט דאָרטן אַלעמאָל ר׳ גדליהן:

„גדליה, גיי שלאָפן, גדליה... דו טאָרסט נישט זיצן, גדליה”.

ר׳ גדליה האָט זי נישט געהערט און איז ווייטער ביזן ווייסן טאָג געזעסן. ער האָט שוין טאַקע דערפאַר אַזאַ שלעכט פּנים באַקומען, און די שפּיציקע נאָז האָט אונטער זיינע גאָלדענעברילן אויסגעזען בלאַס, ווי ביי אַ מת.

---

איינמאָל ביטאָג, אין דער וואָך, וואָס פאַר פּורים, איז דאָס געווען, איז ער מיט אַמאָל דער בלאַסער נאָז צו מירלען אין חדר אַריינגעקומען, זיך נישט ווייט פון איר בעט מיטן פּנים צום פענצטער אַוועקגעשטעלט און דאָרטן צעטראָגענערהייט גענומען אַרומטאַפּן די קליינקייטן, וואָס אויפן טול-באַצויגענעם טואַלעט-טישל.

ער האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן פאַר איר קלאָגן אויף גיטעלען מיטן קאַסיר:

„אינגאַנצן די צייט האָט ער זיך ביי זיי געבעטן אין זיינע בריוו: למען השם, רירט נישט אָן מירעלעס פינף טויזנט רובל... ווי ביי גזלנים האָט ער זיך ביי זיי געבעטן".

אָבער פונקט אין דער צייט, וואָס זי האָט צו אים איר פּנים אַביסל אויסגעדרייט און עפּעס געוואָלט ביי אים אַ פרעג טאָן, האָט אים די איינגעגעסן־פאַרעקשנטע גיטעלע פון עסצימער פיל מאָל צו רופן אָנגעהויבן:

„גדליה? קום נאָר אַהער, גדליה".

„גדליה? כ'האָב דיר עפּעס געוואָלט זאָגן, גדליה".

משוגע האָט מען געקענט ווערן פון אָט דעם קאַלטבלוטיק־איינגעשפּאַרטן רוף, איז ער ענדלעך אומצופרידן און אַביסל אויפגערעגט אַהין אַוועקגעגאַנגען און איבער עפּעס נאָך צוגעזאָגט איר, מירלען, וועלכע איז פון אינדערפרי אָן מיט קאָפּווייטיק און געהעכערטער טעמפּעראַטור אין בעט געלעגן:

„ער וועט נאָך צו איר אַריינקומען... אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט ער צו איר אַריינקומען".

אין שטוב האָט מען זיך יענעם טאָג געריכט אויף אַ נייעם קלאַפּ, אַן אומגליק, און דערפאַר בכיוון דאָס דינסטמיידל ערגעץ־וווהין אויף גאַנצע עטלעכע שעה אַוועקגעשיקט. אַ דערוואָרגענער שרעק־געוריי איז דאָרטן די גאַנצע צייט פאָרגעקומען, און דאָס אייגענע און געירשנטע זילבער, וואָס אין דער אַלטער גלעזערנער זאַל־שאַפּע, האָט מען ערגעץ אין איילנדיקער שרעק איבערגעטראָגן. און דער איינגעשפּאַרטער גיטעלען האָט שוין ר' גדליה ערלויבט צו איר רייכן עלטערפעטער, וואָס אין ווייטלעכן שטעטל אַ פאָר טאָן. אַלעמאָל האָט זיך אַהער דערהערט, ווי זי ברענגט דאָרטן ר' גדליהן אַרויס פון די כּלים און צווינגט אים, ער זאָל העכער, ווי געוויינלעך, זיין קול אויפהייבן:

„נו, נו... וואָס פּילדערט זי אַזוי?!... זי וועט נאָך פאָרן... פאָרן, מיטן קאַשפּעריוקער וואַלד־נאַמן וועט זי אַהין פאָרן".

נאָר איר, מירלען, איז שוין דענסטמאָל אַלץ, וואָס אַרום, אַזוי ווינציק אָנגעגאַנגען.

געשלעפערט האָט זי שוין דער צווייטער משונהדיקער היץ־דרימל און געחלומט האָט זיך איר, אַז ס׳איז שפּעט אינאָוונט, אַז אין עטצי־מער דערציילט ליפּקיס ליבקע דער רביצין, ווי ער איז דריי וואָכן כּסדר אויף טיפוס שלאָף געווען און ווי ער איז איצט אַריינגעקומען נישט צו מירלען, נאָר גלאַט צו איר, ליבקען; און אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס ער רעדט דאָרטן אַזוי, שטייט דאָ, נישט ווייט פונם בעט, איר געוועזענער חתן, וועלוול בורנעס, שטייט מיט אַ געפּאַלן געמיט און מיט גרויס דרך־ארץ, קוקט דערפאַר נישט צו איר, נאָר אַראָפּ צו דער פּאָדלאָגע און פאַרענטפערט זיך:

„ער איז נישט שולדיק, וואָס ער איז צו איר געקומען. זי באַ־דאַרף אים מוחל זיין... ער האָט די טעג מיטן מיידל דער ברונעטין חתונה און איז געקומען, גלאַט אַזוי איז ער געקומען".

ווען זי האָט צולעצט פון אָט דעם פאַרוואָגלטן דרימל זיך אויפ־געכאַפּט, האָבן שוין די שויבן ווי שוואַרצע טינט אויסגעזען. אַ שפּעטע ביינאַכט־שטימונג האָט געשוועבט אַרום דעם לאָמפּ, וואָס האָט אינם ווייטן חדר־ווינקל געברענט, און אין דער גאַנצער אויסגעשטאָרבן־פּוס־טער שטוב איז קיין לעבעדיקער נפש נישט געווען. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי דערהערט, ווי ווייט־ווייט אין פּאָדערשטיבל לויפט עמעץ געשווינט פון דרויסן אַריין, לויפט באַלד אויך אַזוי געשווינט מיט אַ פּראַל פון טיר צוריק אין דרויסן אַרויס און טוט דערביי אין גרויס איילעניש אַ געשריי:

„די שאַל!... גיטעלע האָט פאַרגעסן מיטצונעמען די גראָבע שאַל"...

דאָס האָט מען אָקאָרשט, אַפּנים, אַלע צוזאַמען אַרויסבאַגלייט גיטעלען צו איר פעטער, וואָס אין ווייטלעכן שטעטל; מ׳איז געשטאַנען אין הויף און געקוקט, ווי ביי דער שיין פונם אַרויסגעטראָגענעם לאָמפּ זעצט זי זיך צוזאַמען מיטן קאַשפּעריוּוקער וואַלד־נאַמן אויפן אייגענעם געשפּאַנטן שליטן.

מירל האָט שוין געדענקט:

אין שטוב איז עפּעס פאַרן טאָג פאָרגעקומען... זי, מירל, וויל

נישט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וועט מיט איר זיין מאָרגן... און אינדערפרי... אינדערפרי איז דאָ, דוכט זיך, עמעץ געזעסן און דערציילט:

„וועלוול בורנעס האָט איינגיכן חתונה מיט דעם מיידל די ברונע-טין... סאַרווערינס קלאַפּן שוין אַפילו דאָרטן, אַ סברה, מאַנדלען מיט צימרינג, און ערגעץ-וווהין קיין אויסלאַנד, זאָגט מען, פאָרט דאָס יונגע פּאָרל באַלד נאָך דער חתונה אַוועק".

„קיין אויסלאַנד?..."

ליגנדיק אין בעט, האָט זי געהאַט אַזעלכע גרויסע אָבלדיקע אויגן, גלייך זי וואָלט איצט זען די ווייטע פינצטערע נאַכט מיטן לאַנגן שנעלצוג, וואָס טראָגט דאָס יונגע פּאָרל ערגעץ-אַהין צו דער גרענעץ צו. זי האָט געקוקט אינם ברענענדיקן לאָמפּ און האָט געטראַכט:

„נישט שלעכט איז שוין, אפשר, זיך איצט אין צווייען אַזוי צווישן דער נאַכט-פינצטער קיין אויסלאַנד טראָגן... נאָר פאַר איר, מירלען, איז דאָס איצט אַזוי אוממעגלעך, און נישט דאָס איז דער עיקר... זי האָט וועגן דעם נישט וואָס צו קלערן. נישט גוט איז איר, און די פינף טויזנט רובל אירע... און דאָס ווייטערדיקע לעבן אירס, אַך!... זי וועט זיך שוין בעסער אַזוי אין אַ קנויל צוזאַמענציען און וועט שלאָפן, שלאָפן..."

און וויפל איז זי אַזוי אָפּגעשלאָפן!

דאָרטן אין עסצימער זענען אין משך פון דער נאַכט זעלטן ווען אָפּגעשטאָרבן די איינזאַמע טריט פון ר' גדליהס נערוועזן אַרומשפּאַנען. טיי האָט ער שוין דאָרטן אַפילו איינער אַליין פונם זודיקן סאַמאָוואַר אָפּגעטרונקען און די טיר פון איר חדר האָט ער צוליב עפּעס אַ פּאָר מאָל געפּרווט אַן עפן טאָן. און זי האָט דאָ נאָך אַלץ שלאָפנדיקער-הייט ערגעץ-ווו אין אַ פינצטערן עולם-התוהו אַרומגעשוועבט און אָנם וואַכנדיקן פיין פאַרגעסן. ערשט צו דער דריטער אַשמורה צו האָט זי דאָ, ליגנדיק אין בעט, אַ ציטער געטאָן, דערזען, ווי פּאַסן נאַכט, שמאָ-לע און קוים-קוים בלויע, קוקן דורך די לאָדן-שפּאַלטן אַהער אין חדר אַריין, און ווי ביי איר אויפן בעט זיצט ר' גדליה און פאַרענטפערט זיך:

„ער האָט זי אויפגעוועקט, האָט ער זי... ער האָט זיך עפּעס נישט געקענט איינהאַלטן און האָט זי אויפגעוועקט".

שטאַרק שלעכט איז אים געווען, און נישט געוווּסט האָט ער, ווי אַזוי וועגן דעם מיט מירלען צו רעדן, ער איז דאָ לאַנג אויפן בעט געזעסן און זיך ווידער גענומען אויף גיטעלען מיטן קאַסיר קלאָגן:

„אַז ער האָט זיך ביי זיי געבעטן, ווי ביי גזלנים: ער וויל נישט פאָרן קיין אויסלאַנד... אַז ער האָט נישט געטאָרט פונדערהיים אַוועקפאָרן..."

פּלוצים האָט זי צו אים איר פּנים אויסגעדרייט און ביי אים אַ פרעג געטאָן:

„טאַטע, וויפיל געלט איז דיר געבליבן?"

און געזען האָט זי באַלד, ווי ר' גדליה טוט אַ הייב מיט ביידע אַקסלען, הויקערט זיך איין מאָדנע, ווי אַ קליין קינד, וועלכן מ'וויל אַ קלאַפּ געבן, און הייבט אָן טענהן מיט די הענט:

„אַז גאָרנישט... אַ קאָפּיקע נישט".

„גאָרנישט?..."

גלאַט־אַזוי האָט זי עס ביי אים איבערגעפרעגט, און גלאַט־אַזוי האָט ביי איר דאָס האַרץ געשווינטער צו קלאַפּן אָנגעהויבן. פריער האָט זי עפּעס געוואָלט פאַרשטיין און נישט געקענט, און נאָכדעם האָט זי שוין גאָרנישט נישט געוואָלט, געקוקט אויף אים מיט אומבאַוועגלעכע, עטוואָס דערשטוינטע אויגן און נישט געוווּסט, צוליב וואָס ער זיצט נאָך לעבן איר אויפן בעט.

זי האָט דאָך שוין ביי אים מער נישט וואָס צו פרעגן... זי ווייסט דאָך שוין אַלץ. טראַכטן וועגן עפּעס האָט זי מורא געהאַט, און בויטיק, שטאַרק בויטיק איז פאַר איר געווען ווידער אַמאָל איינצושלאָפן. האָט זי זיך טאַקע באַלד נאָך ר' גדליהס אַוועקגיין מיטן פּנים צו דער וואַנט אויסגעדרייט, דעם קאָפּ מיט די פאַרמאַכטע אויגן טיפער אין קישן איינגעגראָבן, האַרט צו דער ברוסט די איבערגעפלאָכטענע הענט צוגעדריקט און זיך נתן העלערס פּנים אין זינען גענומען:

„אָט אַזוי... אַזוי... אָט ווערט זי צוריק אַנטשלאָפן".

---

אויפֿן צווייטן טאָג האָט זי זיך מיט אַ גרייטן און נישט קלאָרן פּלאַן פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט, געלעגן לאַנג אין בעט אין אַ האַלב-נעפּל-דיקן צושטאַנד און געוואָלט אָט דעם פּלאַן באַנעמען:

„אַמאָל האָט זי, דוכט זיך, געהאַט די מעגלעכקייט אָט די שטוב צו פֿאַרלאָזן... וואַרט... ס'אַר אַ מעגלעכקייט האָט זי אַמאָל געהאַט?"

ר' גדליה האָט זיך שוין מיטן טלית-און-תּפֿילין פֿון דער סאַדע-גערער קלויז געהאַט אומגעקערט און האָט זיך אָן גיטעלען שטאַרק איינזאַם אין דער פּוסטער שטוב דערפֿילט. ער האָט געטראָפֿן מירלען איינע אַליין אין חדר שטיין און דאָרטן ווידער צעטראָגענערהייט די קלייניקייטן, וואָס אויפֿן טואַלעט-טישל, גענומען אַרומטאַפּן.

ער האָט איר געזאָגט:

„דער ,סודעבנע'... מעגלעך, אַז דער ,סודעבנע' זאָל היינט אַהער אַריינקומען... מ'ווייסט נאָך נישט אויף געוויס, נאָר יעדנפֿאַלס... יעדנ-פֿאַלס באַדאַרף זי זיך נישט שרעקן".

„אָך, דער ,סודעבנע' ?... גוט".

שטיל און נישט אומקוקנדיק זיך צו אים האָט זי עס געענטפֿערט, און באַלד האָט זי אויף זיך דעם סאַק מיטן שוואַרצן שאַרף גענומען און איז פֿון שטוב אַוועקגעגאַנגען.

„וווּהין וועט זי איצט גיין ? אַלץ איינס".

דער עיקר איז, וואָס זי קען מער אין אָט דער שטוב נישט בלייבן, און עטלעכע טעג...

„עטלעכע טעג קען זי אָפּלעבן אַפֿילו ביי דער אַקושערקע שאַץ".

---

און זי האָט עטלעכע טעג אָפּגעלעבט אינצווייען מיט דער אַקו-שערקע שאַץ. געלעגן דאָרטן ס'רוב אין בעט אַן אומעטיקע מיט אַ פֿאַר-שטאַרקטן טרויער אין די בלויע אויגן, געקוקט מיט זיי ערגעץ-וווּהין, צו דער ערדענער פּאָדלאָגע און געשוויגן. און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן פֿון דער פּאָדלאָגע, האָט זי, ליגנדיק אין בעט, אָנגעהויבן רעדן צו דער אַקושערקע אויסגעצויגן און שטיל, ווי אַן אבל:

„דריי-און-צוואָנציק יאָר האָט זי אָפּגעלעבט דאָרטן אין שטוב".

נישט די שטוב טוט איר באַנג און נישט די יאָרן... וואָרים די יאָרן, וואָס האָט זי דען געקענט מיט זיי טאָן? און די שטוב...

„מענטשן, וואָס ווערן געבוירן אין אַזעלכע שטיבער, קענען נישט לאַכן, אָט ווי זי, מירל".

און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז די אַקושערקע האָט זיך געמוזט אין שטעטל צו אַ געווינערין אַראָפּכאַפּן און זיך דאָרטן אַ פּאָר שעה אָפּזאַמען. זי האָט געדענקט, אַז זי האָט געלאָזט מירלען, און האָט זיך געאײַלט אַהיים, און ווען זי איז געקומען צוריק, האָט זי געזען:

מיט איבערגעפלאָכטענע הענט אונטערן קאָפּ ליגט מירל אין בעט אויפן אייגענעם אָרט, ווו זי האָט זי געלאָזט. זי קוקט נאָך אַלץ ערגעץ־וווהין צום באַלקן און הייבט פּלוצים אָן צו רעדן שטיל וועגן דעם, וואָס זי האָט דאָ די גאַנצע צייט געטראַכט:

„אַזעלכע מענטשן ווי זי, מירל... אָדער זיי ווערן זינגעריננס אין די שאַנטאַנען, אָדער זיי נעמען זיך דאָס לעבן".

דער אַקושערקע איז פון אָט די ווערטער געוואָרן מאָדנע; זי האָט זיך באַלד באַלעבאַטעוועט אין שטוב גענומען און אָנגעהויבן צו־נויפזוכן די קליינע נאָז־טיכלעך:

„ווי קלערט מירל? ס'וואָלט, דוכט זיך, לחלוטין נישט איבעריק געווען, ווען זי, די אַקושערקע אַליין, נעמט זיי איצט, במחילה, אָט די טיכלעך איבערוואַשן".

נאָר מירל האָט זיך דערין נישט אײַנגעהערט און ווידער דאָס איריקע ווייטער געדעדט:

„קען זי אָבער פאַר די שאַנטאַן־הייזער נישט זינגען און נישט לאַכן".

און כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד...

דאָ האָט זי, ליגנדיק אין בעט, איר שלאַנקן און בויגיקן קערפּער אַזוי שטאַרק אַראָפּגעבויגן, אַז אין פּנים האָט זיך איר דאָס גאַנצע בלוט אַרײַנגעגאָסן, אַנטפּלעקט די הענט ביז צו די אַקסלען. זיי פּאַמעלעך פון אַלע זייטן באַטראַכט און זיי אויך אַזוי פּאַמעלעך גענומען גלעטן:

„אַזעלכע שיינע הענט... זיי טוען איר באַנג יעדעס מאָל, וואָס איר קומט אויס וועגן זעלבסטמאָרד צו טראַכטן".

דענסטמאָל האָט זיך די אַקושערקע פּלוצים דערמאָנט, אַז

זי האָט פאַרגעסן אין שטאָט אַ קעסטל סאַרדינען קויפן. זי האָט אַוועק־געוואָרפן די איינגעגעצטע טיכלעך און זיך נאָכאַמאָל געלאָזט אַהין לויפן:

„ס'אַר אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ זי האָט די לעצטע צייט באַקומען... מירל וועט דאָך ביי איר פּשוט פון הונגער אויסגיין".

לויפנדיק אַזוי איינמאָל אין שטאָט, האָט זי נישט פאַרגעסן זיך אויך אויף אַ רגע צום פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַנען אַריינצוכאַפּן און דאָרטן פון מירעלעס וועגן אַ נייעם, נאָר־וואָס אויסגעשריבענעם בוך נעמען. נאָר מירל האָט זיך שוין אַזוי גלייכגילטיק צו אָט דעם נייעם בוך באַצויגן, אויך אַזוי גלייכגילטיק אים אין די הענט גענומען און, ליגנדיק אין בעט, מאָנאָטאָניש די ערשטע צוויי פראַזן איבערגעלייענט, און באַלד האָט זי דעם בוך פון די הענט ווי אַ לא־יוצלח אַרויס־געלאָזן, ווידער מאָדנע אומעטיק צום פענצטער גענומען קוקן און אויך אַזוי אומעטיק צו רעדן אָנגעהויבן:

„אַלע האָבן זיי ליב אָנצוהייבן זייערע ביכער פון עמעצנס אַ טרויעריקן פרילינג און דערמיט יעדן די אייגענע יסורים פאַר־שטאַרקן".

און נאָך אַ פּויזע, אַ זיפץ, ווידער וועגן דעם זעלבן:

„ווען אויפן האַרצן איז גרינג, איז מען זיי דאָס מוחל און מ'לייענט זיי. נאָר ווען מ'געפינט זיך אין אַזאַ געדריקטער שטימונג, ווי אירע איצט, זעט שוין אין זיי אויס יעדע פראַזע, ווי אַן איינ־געגעסענע פליג, וואָס שטעלט זיך אַלעמאָל אויף דער נאָז און רייצט זיך: אָבער ס'איז דיר שלעכט... שלעכט... שלעכט".

נאָר אַמאָל אינאָווונט האָט זיך געמאַכט, אַז די אַקושערקע האָט גענומען דאָס קליינע און אוראַלטע Dicta Sapientium, וואָס אַן אַלטע פריצה אַ קאַטאָליקין האָט איר נישט לאַנג אַוועקגעשאָנקען, זיך מיט דעם לעבן מירלען אין בעט געזעצט, גענומען לעזן דעם ווי מיט טרערן אויסגעפלעקטן און שטאַרק פאַרגעלטן קאַפּיטל און איר איין פּסוק נאָכן צווייטן לויט דער איבערזעצונג פאַרטייטשט:

„Omnis felicitas mendacium est..."

ביידע מיידלעך זענען מיטאַמאָל ענלעך צו שבעה־זיבצערינס גע־וואָרן, און געדוכט האָט זיך שוין, אַז זיי לייענען איצט איינע פאַר

דער צווייטער דעם פסוק איוב און טרייסטן זיך: אַט זענען נאָך גרע־סערע צרות ערגעץ־ווו אויף דער וועלט פֿאַראַן.

און דאָך איז מחמת אַט דעם לעזן אַביסל הימלעכער דאַ אינם באַלויכטענעם הדר געוואָרן, און די געדריקטע שטימונג איז פֿונדאַנען אויף אַ ווײַלע פֿאַרשוווּנדן. די אַקושערקע שאַץ האָט זיך שוין אַפֿילו שמייכלדיקערהייט אַ פֿאַפּיראָס ביים קעסטל הילזן געמאַכט, זיך אים רויכערן צוריק אין בעט לעבן מירלען געזעצט און זיך אָן איר באַ־קאַנטן, דעם בעלעטריסט, דערמאָנט:

„האָט ער איר איינמאָל געזאָגט:

גליק קען מען שוין געפינען נאָר ביי קאָמיוואָיאַזשאָרן; ס׳וואָלט זייער פֿאַרדראָסיק געווען, נאָר ס׳איז דערביי אַ נחמה פֿאַראַן: זיי, די קאָמיוואָיאַזשאָרן, זענען שטענדיק מיט קאָרטן־שפּיל פֿאַרנומען און ווייסן וועגן דעם נישט”.

אוןביידע זענען זיי אַ ווײַלע שווייגנדיק געבליבן און אַזאַ נקמה געהאַט אָן אַט די קאָמיוואָיאַזשאָרן:

„זיי ווייסן כאָטש וועגן זייער גליק נישט”.

מירל האָט שוין אַפֿילו גאָכדעם אַ שמייכל געטאָן:

„עטאָ פֿאָראָשאָ”.

נאָר אייגנטלעך איז שוין אָט דער שמייכל אַזוי שוואַך און מאָדנע ביי איר אַרויס, צופֿיל ענלעך איז ער שוין געווען צו אַ קרים, וואָס קומט אַמאָל פֿאַר טרערן.

## VIII

אין שטאָט האָט מען דערווייל וועגן איר ווינען ביי דער אַקו־שערקע שאַץ צו רעדן נישט אויפֿגעהערט. ביי אברהם־משה בורנעס אין שטוב האָט מען צופֿיל דערפֿון הנאה געהאַט און פֿרייִלעך געלאָפֿן אַקעגן יעדן ניי־אַריינקומענדיקן גאַסט, וואָס האָט וועגן דעם עפּעס נייעס געקענט דערציילן:

„נו, וואָס הערט זיך? וואָס איז ער עפּעס נאָך געוואָר געוואָרן?”

ר׳ גדליה האָט זיך ביי זיך אין שטוב שיער נישט געעקט, און זיך וועגן דעם אַלעמאָל געהאַלטן עצות מיטן מקורב דעם קאַסיר:

„ער וועט אים זאָגן דעם אמת: ער וואָלט שוין געוואָלט דער־לעבן די שעה, ווען גיטעלע וועט צוריק אַהיים קומען; זי, גיטעלע, איז דערצו אַ מענטש און קען געפינען עפּעס אַן עצה... וואָס, נישט אַזוי?"

און אַרומגעלאָפן איז ער דערביי אין אַזאַ צעטראָגענער שרעק איבער דער שטוב, און גערוקט האָט ער דערביי אַהין און צוריק די גילדענע בריל איבער דער נאָז:

„ווער ווייסט? אפשר איז כדאי געבן גיטעלען אַ טעלעגראַם, זי זאָל וואָס גיכער אַהיים קומען?"

נאָר אינגיכן איז שוין אַזאַ שיינער און זונענדיקער אסתּר־תּענית געווען. די לופט האָט שוין אין אים מיט אַזאַ סוף־ווינטערדיקער וואַ־רעמקייט געשמעקט, און דער פראָסט איז שוין געווען אַזוי קליין און שוואַך, קוים געהאַלטן גאַנץ דעם שנייִקן בלאַנק־ווייסן איבערפלאַך, וואָס אויף די אַרומיקע פעלדער, און געשפּרונגען איבער אים אַקעגן דער זונענשיין מיט פיל זילבערנע און דימענטענע פונקען.

בייטאָג איז צו דער אַקושערקע שאַץ געקומען אַ פור פון אַ דאָר־פישער פריצה און איר אַ בריוו געבראַכט:

„מ׳וויל זיך מיט איר מישב זיין, און אויב זי איז נישט פאַר־נומען, בעט מען זי קומען".

שטילערהייט האָט די אַקושערקע געוואָלט ליידיק די פור צוריק אָפּשיקן און שוין אַפילו צוליב דעם אַ בריוו דער פריצה געהאַט אָנ־געשריבן. נאָר מירל האָט זיך פּלוצים וועגן דעם דערוווּסט און איז מיטאַמאָל שטרענג געוואָרן:

„ניין... די אַקושערקע וועט באַלד אַהין פאָרן".

און ווען די אַקושערקע האָט טענהן אָנגעהויבן, האָט זי נאָך אַ רוגזדיק־בלאַס פּנים באַקומען און זיך איבער עפּעס געשטעלט די אומרייניע גלעזער און שאַלן איבערוואַשן.

„אויב די אַקושערקע פאָרט נישט, טוט זי זיך באַלד אָן און גייט אַוועק פונדאַנען".

אַ רמז איז אין אָט דעם שטומען גלעזער־וואַשן געווען סיי דערויף, וואָס זי איז אַ בת־יחידה, סיי דערויף, וואָס זי קען וואָרט האַלטן און ערגעץ־וווּהין פונדאַנען אַוועקגיין; און חוץ דעם: ס׳איז

עפּעס גלאַט אַזוי געווען שטאַרק מאָדנע זי ביי אַט דער אַרבעט אָנצוקוקן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך שוין די אַקושערקע ערגעץ ווייט-ווייט אַרויס דעם שטעטל אַקעגן דער דרום-מעריבדיקער זון געשליטלט, און מירל איז שוין צוריק אומעטיק באַרויקט אויפֿן בעט געלעגן. זי האָט מאַנאַטאָניש שטיל געבעטן זיצן דעם נאָר-וואָס אַרייַנגעקומענעם פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַנען און אים אויך אַזוי שטיל אויף זיינע אָנפֿראַגן געענטפֿערט:

„יאָ, פֿריער, ווי איצאָונט, וועט די אַקושערקע אַהיים נישט קומען“.

דער פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַן איז, ווי תמיד, געווען נערוועז, ערנסט און שטרענג. ער האָט געקוקט מיט זיינע בולטע פֿאַרבלאָזע אויגן נישט צו איר, נאָר ערגעץ-וווהין אין אַ חדר-ווינקל, געטראַכט, אַפּנים, צום שלעכטן וועגן דער אַקושערקע און געשוויגן. אַ שווערע פּוסטקייט איז נאָך זיין אַוועקגיין דאָ אין חדר געבליבן. די שטילקייט האָט זיך געשטאַרקט, ס׳האָט זיך געהערט, ווי נאָענט קעגנאיבער דעם פֿענצטער לויפֿן אַרום צוויי שיקסלעך אין שטיוול, יאָגן זיך איינע נאָך דער צווייטער און לאַכן, יאָגן זיך און לאַכן.

מירל האָט זיך צולעצט אויפֿן בעט אויפֿגעזעצט, זיך פֿאַרטראַכט און זיך מידערהייט פֿאַרקוקט אויפֿן פּירעקיקן זונען-פֿלעק, וואָס האָט זיך פֿאַמעלעך געשפּילט אויף דער מיט פּאָדלאָגע.

פּלוצים האָט זי זיך גענומען אָנטאָן, פֿאַרשלאָסן דער אַקושערקעס האַלבע שטוב און איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן. ס׳איז געווען אַרום האַלבֿ פֿיר אַזייגער בייטאָג, און די זון האָט נאָך נאָענט פֿון דרום-מעריבדיקער זייט געשיינט, און דער קליינער פֿראָסט האָט נאָך אַקעגן איר שיינענדיקן ים מיט פֿיל זילבערנע און דימענטענע פֿונקען אַרומגעטאַנצט. און די היפּשע שיקסלעך, וואָס אין די שטיוול, זענען נאָך איינע דער צווייטער נאָכגעלאָפֿן. זיך געיאָגט און געלאַכט, געיאָגט און געלאַכט. מירל איז געגאַנגען לינקס און אַראָפּ, צום שטעטל צו. געגאַנגען פֿאַמעלעך און זיך פֿון צייט צו צייט אין די זייטן אומגעקוקט.

ס׳איז געווען אַזוי פֿריש און לעבעדיק. ערגעץ ווייט, אין אַ גרויסער רוישיקער שטאָט, האָט שוין געוויס אַ יונגע מוטער איר דריי-יאָריק

קינד צום ערשטן מאָל מיט דער ערציערין שפּאַצירן אַרויסגעשיקט, און דאָס קינד איז צוריק אַהיים געקומען אַן אַנטציקטס מיט פאַרביק-רויטע בעקלעך, מיט אַ פריש-שמייכלדיק פּנימל און מיט אַן איין-און-איינציק ניי-מאָדנעם וואָרט:

„מאַמאַ, וועסנאַ!.. וועסנאַ!״

און דאָ אין שטעטל זענען לעבן דער שול, וואָס איז אַביסל נידעריקער פון דער אַפּטייק, עלטערע און יונגערע פאַסטנדיקע יידן אין אַ קליין בינטל געשטאַנען; זיי האָבן געהאַט געדולד צו וואַרטן אויפן אסתר-תעניתדיקן „ויחל״ און זענען געווען אַנטציקט פון יינגלעך ווייסע-חברהניקעס, וואָס האָבן פאַר זייערע אויגן איינער אויפן צווייטן מיט שניי געוואָרפן.

די יידן האָבן זי דערזען און האָבן אויף אַ ווײַלע אָן די יינגלעך פאַרגעסן. זיי האָבן געוווּסט:

„זי, מירל הורוויץ, האָט דעם פאָטערס שטוב פאַרלאָזן און וווינט דאָרטן... ביי דער אַקושערקע שאַץ וווינט זי״.

און זי איז פּאַמעלעך און מיד געגאַנגען ווייטער אַראָפּ מיטן שטעטל. זי האָט פאַרהאַלטן אַביסל די טריט פאַר איר געוועזענעם מחותנס שטוב מיט די אויסגעווייניקסטע בלויע לאָדנס און האָט געזען:

פאַרן פאָרנטיקן גאַניק מיט דער פּאַראַד-טיר שטייט איר געוועזענעם חתנס פור, און פון דער הינטער-טיר, וואָס פירט אין קיך, פאַרטראָגט זיך אַהער אַלעמאָל אַ ריח פון פרישע צוקער-געבעקס מיט רעגלמעסיקע קלעפּ פון אַ פּאָר אומרויקע מעשענע שטייסלעך און דערמאָנען אָן אַ נאָענטער, לאַנג-דערוואַרטער חתונה:

„אַ שעמעוודיק-לייטישער איז דער חתן... און די כלה... זי איז אים ווערט... ווערט...״

און ס'איז געווען מאָדנע:

אין איר, מירלען, האָט דאָס אַלץ קיין בענקענדיקע געפילן נישט דערוועקט און נישט אַרויסגערופן קיין פּחד פאַרן קומענדיקן לעבן.

מיט אַ נעפּלדיקן און קאַלטן באַשלוס האָט זי זיך אַלץ נעענטער צום פאָטערס שטוב גערוקט. מיטן זעלבן קאַלט-בלוטיקן באַשלוס איז זי

אַריינגעקומען אַהין אין פּאָטערס שטוב. פּוסט און האַלב פינצטער איז דאָרטן אין די חדרים געווען, און קיינער האָט זיך דאָרטן נישט געפונען, ווער ס׳זאָל זי באַמערקן. איז זי, די שלאַנקע און אומעטיקע, געבליבן דאָרטן שטיין ביי דער טיר, און געדוכט האָט זיך איר שוין, אַז זי לעבט נישט ווי אַלע מענטשן, נאָר זי גייט איינע אַליין ביי דער זייט פון לעבן, אויפן עולם התוהו און פּלאָנטערט זיך דאָרטן פון קליינערהייט אין אַ לאַנגן פאַרוואָגלטן חלום, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף:

„אָט איז זי שוין, דוכט זיך, איצט צו עפּעס צוגעקומען און וועט עפּעס טאָן, און אפשר איז זי נאָך צו גאָרנישט נישט געקומען און וועט גאָרנישט נישט טאָן. איינע אַליין וועט זי נאָר ווייטער אַרומבלאָנזשען, ווי אַן אייביקער חלום פון תוהו ובוהו און וועט אין ערגעץ נישט אָנקומען״.

„און אָט שטייט זי ווידעראַמאָל אין אָט דער שטוב, ווו זי איז שוין אַזויפיל מאָל געשטאַנען, און גייט דאָ פאַמעלעך פון איין חדר אין צווייטן. ווי אַמאָל, הערשן איצט דאָ די חושכדיקע בין-השמשות, שטאַרקן זיך און גייען איבער אין נעפּל. נאָר אַמאָל זענען דאָ געווען מענטשן, און איצט איז דאָ קיינער נישטאָ. פון איין חדר אין צווייטן זענען אָפן די טירן; אַ שוואַרצע פוסטקייט זעט זיך ערטערווייז אין יענע ווינקלען, ווו ס׳זענען פון תמיד אָן געשטאַנען אייביקע זאַכן פונם אַלטן ווייכן מעבל. זי, מירלען, באַמערקט דאָ קיינער נישט. קיינער שטעלט זי נישט אָפּ און ווערט מיט איר קומען נישט פריילעכער. עפּעס איז דאָ שוין, דוכט זיך, שפּעט און נאָך אַלעמען. נאָר די מענטשן? וווהין זענען זיי פונדאַנען אַהינגעקומען, די מענטשן?״

פלוצים האָט זי אינם האַלב-פינצטערן קאַבינעט איינעם אַליין ר׳ גדליהן דערזען. דאָס צוזאַמענגעצויגענע האַרץ האָט צו אים אַ שטאַרקן ציי געטאָן, און אַליין האָט זי מיטאַמאָל אָן איר נעפּלדיקן באַשלוס פאַרגעסן. איינגעהויקערט און שטאַרק פאַרקלענערט איז ער דאָרטן געזעסן צו איר מיט די פּלייצעס, דער קאָפּ עטוואָס פאַרוואָרפן אַרונטער און דאָס מויל אָפן, ווי ביי אַ פיש, און אָנגעשטעלט אַקעגן דעם רפואה-דאַמף, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פונם אויסלענדישן ניקלנעם מאַשינדל. אין דער שפּעטער בין-השמשותדיקער לופט האָט דאָס

מאַשינדל אַקעגן אים מיט אַ קליינעם בלוי-גרינלעכן פלאָם געברענט, און מיט אָט דעם בלוי-גרינלעכן פלאָם איז זיין פּנים קוים-קוים באַלויכטן געווען, אויסגעזען נאַס און באַדעקט מיט פיל שווייסיקע דאַמף-טראָפּנס.

ער האָט געענדיקט דעם דאַמף לאָזן און דאָס מאַשינדל אויסגעלאָשן. דאָס נאַסע פּנים האָט ער זיך מיט דער פאַטשיילע פאַמעלעך אויסגעווישט, און זי האָט ער נאָך אַלץ הינטער זיך נישט דערשפּירט. נאָר זי איז שוין אַזוי צעבראָכן געווען. טרערן זענען איר געשטאַנען אין האַלז, און געגאַנגען איז זי שוין צו אים מיט פאַמעלעכע טריט און מיט אַ רחמנות צו אַ פאָטער, וועלכער איז מגולגל געוואָרן אין אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד.

„וואָס פון אים איז געוואָרן!?"

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין געשטאַנען מיט אים לעבן פענצטער. זי האָט אים דאָס פּנים געווישט, געקושט אין שטערן און געזען, ווי ער דרייט זיך פון איר אַלעמאָל מיט אַ שוואַכן כוח צום פענצטער אַוועק, ציטערט מיטן גאַנצן אײַנגעהויקערטן קערפּער און כליפּעט שטיל אין זיך, ווי מורא האָבנדיק, ער זאָל די סלונע פונם מויל נישט פאַרלירן:

„עפּ—עפּ—עפּ—עפּ—עפּ—פּפּ... פאַרוואָס קומט דאָס אים?... עפּ—עפּ—פּפּפּ... ביי די עלטערע יאָרן — עפּ—עפּ—עפּ..."

ער האָט זיך אַביסל באַרויקט, ווען דאָס דינסטמיידל איז פון גאַס געקומען און אַ לאָמפּ דאָ אין קאַבינעט און אין עסצימער אָנגעצונדן. דענסטמאָל איז מירל אין עסצימער אַרויסגעגאַנגען, באַגעגנט דאָרטן דעם קאַסיר און, קוקנדיק גלייך אין זיין פּנים, זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט:

„ווי קלערט ער: ווען מ'דעפּעשירט באַלד זיידענאָווסקין וואָלט נאָך דער קנסמאָל געקענט זיין הייַנטיקן שבת-צונאַכטס? יאָ? טאָ וועט זי אים בעטן, ער זאָל באַלד אָט די דעפּעש באַזאָרגן".

נאָר זאָל ער וואַרטן... עפּעס האָט זי אים, דוכט זיך, נאָך געוואָלט זאָגן און האָט פאַרגעסן... ניין, ניין... זי האָט זיך שוין דערמאָנט. ער מעג גיין די דעפּעש באַזאָרגן... זי האָט זיך שוין דערמאָנט... דער שליסל... דער שליסל פון דער אַקושערקעס פאַרשלאָסענער שטוב איז ביי איר געבליבן, זי מוז אים איצט אַליין גיין אָפּטראָגן"

אין אַנדערהאַלבן שעה אַרום, ווען זי האָט זיך צוריק אַהיים אומגעקערט, האָט זי שוין די שטוב שטאַרק באַלויכטן געטראָפן. ר׳ גדליה איז נאָך אין דער סאַדעגערער קלויז ביי דער מגילה געווען, און אין עסצימער, ביים ווייס־פאַרשפרייטן טיש מיט די ברענענדיקע ליכט, איז געשטאַנען די נאַר־וואָס אָנגעקומענע גיטעלע, געהאַט אַ פאַרפלאָמט און פולפאַרביק פנים. טראַכטנדיק אפשר נאָך וועגן דעם, מיט וואָס זי האָט זיך פון איר רייכן עלטער־פעטער אומגעקערט, האָט זי גע־הערט, ווי דער פרום־אַרומגעגאַרטלטער ייד לייענט פאַר איר די מגילה:

בימים ההם ומרדכי יושב בשער המלך.

מיט אַ ווינק האָט זי דאָ מירלען אָפּגעשטעלט, געוואָלט ביי איר עפּעס פרעגן, נאָר מורא געהאַט אויסצורעדן און איר אויפן באַשריבענעם שטיקל פּאַפּיר, וואָס אויפן טיש, אָנגעוויזן:

„נו — אָ... אַדרעס... נו... אַ קוק געבן, צי געשריבן טוב זיידע־באָוווסקיס אַדרעס".

און איבער עפּעס האָט מירל, איבערלעזנדיק דעם אַדרעס, איר גאָרנישט נישט געענטפערט. אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר און זיך דאָרטן אין דער פינצטער אין בעט געלייגט

ס׳איז געווען אַזוי נישט צום גלויבן:

אין שטאָט האָט נאָך נאָכדעם עמעצער געשוואָרן, אַז אין יענעם זעלבן אָוונט, ווען די אַקושערקע האָט זיך אַהיים אומגעקערט, האָט זי זיך באַגעגנט לעבן איר אויסגעלאָשענער שטוב מיט וועלוול בורנעסעס וואַרטנדיקער פור ער, וועלוול בורנעס אַליין, איז דאָרטן אינדרויסן אַקעגן דער לבנה געשטאַנען פּאַר איר אפשר צען מינוט אָן אַ היטל און פון אויפגערעגטקייט קוים־קוים געקענט עטלעכע ווערטער אויסרעדן:

„ער האָט געקלערט זען דאָ מירלען, האָט ער געזאָגט, ער האָט געוואָלט... איבערגעבן עפּעס, האָט ער איר געוואָלט... נאָר אייגנטלעך... די אַקושערקע שאַט באַדאַרף, אייגנטלעך, אויף אים קיין פאַריבל נישט האָבן".

---

אין צווי טאָג אַרום האָט זיך אַ פינף־און־דרייסיק־יאָריקער בחור אָפּגעשטעלט מיט זייז פור לעבן ר׳ גדליהס שטוב און זיך דער־פרעגט ביי אברהמל דעם רב, וועלכער איז אים פון דאָרטן אַקעגן אַרויסגעגאַנגען:

„אַט דאָ וווינט ר׳ גדליהס טאָכטער, מירל הורוויץ?"

דער רב האָט געקוקט מאָדנע אויף אים און אויף זיינע פעלד־וועבלש־גרויסע וואָנצעס, איז אים נאָכגעגאַנגען צוריק אין פאָדער־שטיבל אַריין און האָט געזען, ווי ער טוט דאָרטן אויס דעם טולופּ און דערוואַרעמט די נאָז מיט די וואָנצעס פון דער קעלט. דער רב האָט געמיינט, אַז דאָס איז זיידענאָווסקיס אַ ניי־צוגעשיקטער שליח, וואָס האָט אַ שייכות צום שידוך און צו די תנאים. און ער, דער פינף־און־דרייסיק־יאָריקער בחור, וואָס האָט נתן העלערן אַ פעטער אָנגעקערט און האָט אין צוקער־פאַבריק געדינט, איז שוין נאָכדעם לאַנג געזעסן מיט מירלען אין דעם שטילן זאַל און זי דאָרטן ביז פאַר־נאַכט אויפן גרויסשטאָטישן שטייגער געגנודעט. רוסיש האָט ער גערעדט שלעכט, ווי אַ דאַנטיסט, אַרויסגעזאָגט אַ „ס" אויפן אַרט פון אַ „ש" און האָט דערציילט, אַז דער „פּלעמיאַניק" זיינער, נתן העלער, פרעגט זיך נאָך אין יעדן בריוו אויף איר, מירלען:

„ער בעט אין יעדן בריוו, מ׳זאָל געוואָר ווערן, וואָס זי מאַכט".

דערפאַר, וואָס אָט דער באַיאָרטער בחור איז שוין קיין איבעריקער חכם נישט געווען; דערפאַר, וואָס קיין בר־דעת איז אויף אָט דעם גאַנצן קליינשטעטלדיק־נאַרישן וויזיט נישט פעיק געווען, איז איר, מירלען, שרעקלעך לאַנגווייליק געווען מיט אים דאָ אין זאַל צו זיצן, און געערגערט האָבן זי סיי זיינע מעשיות וועגן נתן העלערן, סיי די בליקן פון חשד, וואָס מיט זיי איז גיטעלע אַלעמאָל אַהער צו דער טיר צוגעגאַנגען. זי האָט זיך געהילט אין שאַל און געוואָלט, ער זאָל גיכער אַוועקגיין; און אַז ער איז צולעצט אַוועקגעגאַנגען, איז איר שוין געווען שטאַרק נמאס די שטוב, דער קנסמאָל, וואָס צו אים גרייט מען זיך, איר גאַנץ קינפטיק לעבן, מיט גיטעלעס פראַגעס:

„וואָס האָט געוואָלט, אָט דער יונגערמאַן?"

גיטעלען האָט זי געענטפערט עפּעס בייז און אויפגערעגט:

„זאָל זי געשווינט אַ רייטער אויפזעצן און אים נאָכשיקן פרעגן, וואָס האָט ער געוואָלט".

און אַליין איז זי אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער, זיך אויס־געטאָן און זיך תּחילת נאַכט געלייגט שלאָפן. צום קנסמאָל איז דאָך נאָך געבליבן עטלעכע טעג: עפּעס האָט נאָך ביז יענער צייט געקענט געשען, און זי איז נאָך לחלוטין נישט געווען מחויב צו טראַכטן וועגן אים, דעם נגידישן בחור, וואָס הייסט שמואליק זיידענאָווסקי, און וועגן דעם אומאָנגענעמען בייס, וואָס מיט איר וועט פאָרקומען.

פאַרן שלאָף האָט זי נאָך אומגעריכט וועגן העלערן אַ טראַכט געטאָן, און נאָכדעם האָט זיך איר שוין אַ גאַנצע נאַכט געחלומט זיין לענגלעך פּנים, וואָס מאַכט אים ענלעך צו אַ רומענער. ערגעץ איז ער איינער אַליין אַרום צען אַזייגער געגאַנגען דאָרטן, אינם פּרך, דער גובערניע־שטאָט, ווו ער געפינט זיך, געגאַנגען צו זיינעם אַ חבר, וואָס וווינט אין צווייטן עק שטאָט, און אין זינען געהאַט דעם גאַנצן וועג אָט דעם חברס וואַרעמען און באַלויכטענעם צימער.

זיצן וועט מען דאָרטן קענען לאַנג ביי אַ גלאָז טיי און דערציילן וועט מען דאָרטן קענען פאַרטראַכט און מיט גרויס בענקשאַפט:

„איז אַ שטעטעלע ערגעץ וויט, וויט פאַראַן, און אַ מיידל, וואָס הייסט מירל הורוויץ, לעבט דאָרטן אין אָט דעם וויטן שטעטעלע. האָט זי מיך אַמאָל ליב געהאַט, אָט די מירל הורוויץ... שטאַרק האָט זי מיך אַמאָל ליב געהאַט".

זיין פּנים האָט זיך שוין נאָכדעם געדענקט אין משך פון גאַנצן וויטערדיקן טאָג, זיך געדענקט מטושטשדיק און פאַרפינצטערט־ליב און געצויגן צו זיך די מחשבה מיטן האַרצן. נאָר אין שטוב האָט זיך שוין אַזוי שטאַרק דער נאָענטער קנסמאָל געפילט. און געהערט האָט זיך צו איר אין צימער, ווי מ׳רוקט אין די אַרומיקע חדרים די טישן, ווי עמעצער קלאָגט זיך און רעכנט אויס:

„וואָס מיינט איר? אויב די זיידענאָווסקיס וועלן קומען מער, ווי אינדרייען, וועט מען זיך טאַקע מוזן אַביסל מוטשען".

האָט זי מער נישט געוואָלט אין זינען האָבן נתן העלערס פּנים און זיך געפלייסט טראַכטן וועגן דעם, וואָס שמואליק זיידענאָווסקי האָט אַן אייראָפּעיִשן אויסזען:

„זי האָט שוין אַמאָל אַפּילו וועגן דעם געקלערט... אַרומגייענדיק מיט אים אין קרייז-שטאָט, האָט זי וועגן דעם געקלערט".

## IX

זיי זענען אָנגעקומען פרייטאָג בייטאָג, די מיטל-יאָריקע פּאָטער-און-מוטער, וואָס וווינען אינם שטילן עק פּאָרשטאָט פון ווייטן כּרך, מיטן עלטסטן קינד, דעם חתן, און געבראַכט האָבן זיי מיט זיך אַ ליי-טישן האַלב-אַרויסגעוויזענעם שמייכל פון אינווייניקסטער צופרידנקייט מיט אַ זיבן-יאָריק חתן-שוועסטערל, אַ „מיזינקע". דער שמייכל איז נאָכדעם אַזאַ פּאַרפּירערישער געוואָרן; ער האָט זיך דאָ באַוויזן אַפּילו אויף די פּנימער פון ווילד-פרעמדע שטאָט-יידן, זיי געמאַכט פאַר אַזעלכע גוטע, גוטע און זיי געצוווּנגען איינעם און דעם זעלבן שכל אויפטאָן:

„אַז זיי, די מחותּנים אַליין, האָבן זיך גאָר ליב... אַז זיי האָבן נאָך גאָר אַמאָל אין סאַדעגערע געטשומאַקעוועט און געפּעלן זיך נאָך עד היום איינער דעם צווייטן בעסער, ווי די חתן-כּלה".

און דאָס זיבן-יאָריקע מיידעלע האָט, ווי אַ גרויסע, צו אָפּט די קליידלעך געביטן און זיך צופּיל אויף דער מוטערס בענקל געדראַפּעט יעדעס מאָל, וואָס טאַטע-מאַמע האָבן דערציילט, ווי אַזוי זי האָט זיך אין וואַגאָן צווייטן קלאַס מיט אַן אַלטן גענעראַל אויסגעטענהט.

„די עלטערע, האָט די מחותּנתטע וועגן איר דערציילט, ענדיקט היינטיקס יאָר די גימנאַזיע; זי האָט קיין צייט נישט און באַדאַרף לערנען. און זי, די קלענסטע, האָט מען מיטגענומען; זאָל זי נאָך אַביסל הוליען".

און אַריינקוקנדיק דעם קינד אין פּנימל אַריין, האָט זי געפינקלט מיט די קליינע שוואַרצע אויגן אַזוי געשווינט, ווי אַ קורצזיכטיקער נאַכט-פויגל, געוואָרפן אַ מיאוסן חשד אויפן שוואַרצן פינטל, וואָס ביים קינדס נעזל, און האָט זי בשעת מעשה אויף איר הייזעריקלעכן קול געפרעגט:

„נו ווי געפעלט זי דיר עפּעס, די כּלה? האָסט זי שוין געזען?"

גיטעלע איז לייטיש־שווייגנדיק געזעסן אַקעגן איר און האָט זי אָנגעקוקט:

אַ הויכע, אַ דאַרע און עטוואָס מידע יידענע, האָט אַ מאַט־טונקל און לענגלעך באַלעבאָסטע־פּנים, אַ קליינעם, שטאַרק־טעמפּן מוח מיט אומגעוויינלעך גרויסע הענט און פיס. די היפּשע ירושה־שפּילקע, וואָס אויף איר שאַטענעם פּאַריק, איז, אַפּנים, אַ טייערע, אַ בריליאַנטענע, נאָר זי אַליין האָט נישט וועגן וואָס צו רעדן, שמייכלט דערפאַר צופיל פון איינווייניקסטער צופרידנקייט און הייבט אָן אַלעמאָל דערציילן גאָר, גאָר פון אָנהייב:

„נו, און אַז די טעלעגראַם איז אָנגעקומען פונקט פּורים צו דער סעודה... און אַן אַנדערהאַלבן מנינים יידן זענען שטענדיק ביי דער סעודה פאַראַן, האָט ער, יעקב־יוסל הייסט עס, מן הסתם באַלד אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: וויין! גראָבט אויס וויין! (ער האָט דעם וויין אין קעלער פאַרגראָבן נאָך דאָס יאָר, וואָס שמואליק איז געבאָרן געוואָרן) נו, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן...“

אַביסל ווייטער, ביים געעפנטן בוך, וואָס אויף דער קליינער ביכער־עטאַזשערע, איז דער שלאַנק־וווקסיקער פיר־און־צוואָנציק־יעריקער חתן מיטן מקורב דעם קאַסיר געשטאַנען. ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַרן קאַסירס צוויי מליצה־בריוולעך, וואָס זענען צו זיי אין שטוב אָנגעקומען, אים גערעכנט פאַר אַ משכיל און אים דערפאַר אויפן קול געלאָזט הערן, ווער ס'איז אַזוינס אחד־העם.

„איר פאַרשטייט? ער קען אייך אָפּשווייגן אַ גאַנץ יאָר, אחד־העם“.

ער האָט געהאַט נאָך גאָר אַ יונג בלאָנד־רויטלעך און פריש־אַרומגעשוירן בערדל. דאָס בערדל האָט, אויספּעלנדיק די אויערן, זיך מיט די שאַטענע קאָפּ־האָר צונויפגעגאָסן און זיך געצויגן אַרום פּנים, ווי אַ שטרענג־גלייכע רצועה. און דאָך איז ער שטאַרק ענלעך געווען צו זיין מיטל־וווקסיקן און געפּאַקט־קרעפּטיקן פאָטער, צו אָט דעם רירעוודיק־מונטערן מיטל־יאָריקן ברונעט, מיט דער היפּשער שטאַרק שוואַרצער און נישט־געריירטער באָרד און מיט די פרישע, ווי מיט לאַק אָפּגעשמירטע, שוואַרצע אויגן. אָט דער פריילעכער מחותן האָט אָפן און ברייט־האַרציק ר' גדליהן ביים טיי־טרינקען אַרומגענומען, זיך מיט

אים דערביי שיער נישט צעקושט און שוין אפשר דערפאַר אַזוי פּלוצים און אַזוי פריילעך מיט זיין זאַפטיקער ברוסט-שטים צו גיטעלען אַריבערגעשריגן:

„מחותּנתטע! איר וועט אָנקוקן, ס'אַראַ זעקס טאָרטן, אַ מתּנה, מיר האָבן אייך צו פירן געבראַכט".

מ'האָט זיך געגרייט גיין דאַווענען.

לעבן די מחותּנתטעס איז שוין דערווייל געזעסן ליבקע די רביצין מיט דער שוויגער אירער, איר גאַסט, אַ יידענע מיט אַ פּשוט פּנים, מיט יונג-אַרויסגעפּאַלענע פּאָדערשטע ציין און מיט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ. די יידענע האָט ניט געוווּסט, וווּהין די צעהאַקטע קיך-הענט אַהינצוטאָן, און האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן דעם גראָבן האַנט-פינגער, וואָס פון אים איז ביי איר שוין יאָרנלאַנג אַ זעקסטער אַ טויגנישט אויסגעוואַקסן. און דאָ לעבן מחותּן, האָט זיך שוין אַברהמל דער רב שמייכלדיק געדרייט אַ געקרייזלטע פּאה. ער האָט הנאה געהאַט, וואָס דער מחותּן טראָגט שבת אַ שוואַרץ-זיידענעם, עטוואָס פאַרקירצטן סור-דעט, און פון דעם, וואָס אויף דער וועלט זענען בכלל לייטיש-פרומע יידן פאַראַן, און האָט דערפאַר אויך אַזוי שעמעוודיק און שטיל אַ זיי-טיקע סברה אַרויסגעזאָגט:

„אין קלויז וועלן, מן הסתם, די מתפּללים וועלן, אַז ר' יעקב-יוסל זאָל זיי פאַרן עמוד אַ תּפילה שענקען... זיי געדענקען דאָך נאָך, מן הסתם, זיין ימים-נוראימדיק דאַווענען אין סאַדעגערע".

און דער וועלטלעכער מחותּן האָט, רויכערנדיק דעם לעצטן פריי-טיק-פאַרנאַכטיקן פּאַפּיראָס, כּלומרשט אַ שטרענג פּנים באַקומען:

„ווער? ער וועט דאַווענען פאַרן עמוד? חס וחלילה".

ער האָט געוואָלט, מ'זאָל אים בעטן.

פּלוצים האָבן זיך אַלע אין חדר מיטאַמאָל פון די ערטער אַ הייב געטאָן. דער מחותּן האָט אָנגעהויבן רב פאַרגעסן און זיך פונדערווייטנס געוווּנען וועלטלעכע נויגן אַקעגן מירלען, וועלכע האָט זיך אין אַ לאַנגן גרוי-זיידענעם קלייד צום ערשטן מאָל דאָ אין עסצימער באַוויזן. אירע בלויע אויגן האָבן צו די געקומענע מחותּנים געשמייכלט, און דאָס נאָר-וואָס אָפּגעוואַשן פּנים איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט-בלאַס און האָט אויסגעזען עטוואָס עלטער, ווי אין דער אמתן, דעם פרעמדן אויג

האָט זיך שוין טאַקע געדוכט, אַז זי איז נישט קיין תמימותדיק מיידל, נאָר עפּעס אַן אומגעוויינלעך ליידנשאַפטלעך ווייבל, וואָס לעבט שוין דריי-פיר יאָר מיטן מאַן, וואָס זי האָט אים שרעקלעך ליב און גיט זיך אים איבער מיט גרויס געטריישאַפט און אָן שום חשבון, אַז איבערדעם זעט שוין איר איידל פּנים אויס אַזוי מיד און אויסגעמאַטערט בלאַס, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט אים נאָר-וואָס לאַנג מיט שטאַרק קאַלטע וואַסער געפּרישט און אים אַלערליי סגולות געטאָן.

דער מחותן האָט זיך נישט איינגעהערט, וואָס זי האָט, שמייכלדיק מיט די אָפּגעפּרישטע בלויע אויגן, צו אים געזאָגט. ער האָט זיך צו ר׳ גדליהן האַלב-אויסגעדרייט:

„וואָס, דאַוונען גיין? יאָ, ער איז גרייט".

און ווען ער האָט זיך ווידער צו איר מיטן פּנים אומגעקערט, האָט זי שוין אָן אים געהאַט פאַרגעסן. זי איז געשטאַנען ביים פענצטער אַקעגן שמואליקן און צו אים מיט די זעלבע אָפּגעפּרישטע בלויע אויגן געשמייכלט:

„איז זי נאָכדעם, ווי ער איז פון קרייז-שטאָט אַוועקגעפאָרן, נאָך איינמאָל דאָרטן געווען און זיך איינע אַליין איבער די פּוסטע גאַסן אַרומגעדרייט. ווען איז דאָס געווען? אָט וועט זי זיך דערמאָנען, ווען דאָס איז געווען".

נאָר אַליין האָט זי שוין וועגן עפּעס אַנדערש געטראַכט און זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען, זיך פּלוצים נאָכאַמאָל צו זיך אין חדר אַריינגעכאַפּט און דאָרטן ווידער עפּעס געטאָן דעם בלאַסן פּנים, זיך פון דאָרטן צוריק אומגעקערט אין עסצימער און פאַרגעלייגט שמואליקן, וואָס איז צוליב איר דאַוונען נישט געגאַנגען:

„ער האָט נישט קיין חשק אָנטאָן דעם טכוירענעם טולופּ און זיך מיט איר אַביסל איבערן שטעטל דורכגיין?"

דאָ און דאָרטן האָט זיך שוין נאָכדעם אַ מיידל אין אַ שאַל לעבן דער הויז-טיר פון איר פאָטערס שטוב פאַרהאַלטן און געזען, ווי זיי שפּאַצירן ביידע איבערן שטעטל, פאַרלאָזן די פאָדערשטע גאַס און לאָזן זיך אַוועק צו די הינטערגעסלעך מיט די באַלויכטענע בתי-מדרשים, וווּ מ'איז מקבל שבת. אַרום און אַרום די בתי-מדרשים האָבן פענצטער

אויסגעקרימטע, מיט לײם אַרומגעשמירטע, די פּלעמלעך פון זייערע שבת-ליכט דער שפּעטער לופט באַוויזן. צוויי מיידלעך, כּלות, זענען דאָרטן צו זייער חברטע דער שכנה צוגאַסט געקומען, געשטאַנען אַלע דריי לעבן אַזאַ מין פענצטער און זיי, מירלען מיטן חתן, נאָכגעקוקט, געוואָלט זען שמואליקן אין פּנים און נישט געקענט. און אַ יונג ווייבל, וואָס איז צופעליק אינדרויסן געשטאַנען, האָט געזען, ווי מירל שטעלט זיך אָפּ מיטן חתן פאַר דער ליימיק-פאַרשמירטער טיר פון ליפּקיסעס שטוב און ווייזט אים אָן:

„אָט דאָ וווינט אירער גאָר אַ נאָענטער גוטער-פריינט; ער הייסט ליפּקיס און איז אַ סטודענט. נאָר ער איז זייער אַן אָרעמער און היינקט אַביסל אויף אַ פוס".

---

שבת אינדערפרי איז מען אין שטאָט געוואָר געוואָרן, אַז ר' גדליהס מחותן וועט דאַוונען פאַרן עמוד. צו מוסף איז שוין די אַסאַ-טענער קלויז געווען פול געפּאַקט מיט די באַלעבאַטים פון ביידע בתּי-מדרשים און פון דער גרויסער, בעל-מלאכהשער שול. הערנדיק, ווי ער, דער מחותן, פאַרענדיקט פּאַמעלעך איין מי-שברך און גייט אויך אַזוי פּאַמעלעך איבער צום צווייטן, איז מען אין די הינטערשטע שורות אויף די שפּיץ-פינגער געשטאַנען, אַרויסגעזען פון אַלמעמאָר-הויך נישט מער ווי דעם שפּיץ פון זיין גאָלדענער עטרה און געטראַכט וועגן אים, דעם גרויסשטעטיקן מיטל-יאָריקן גביר: דאָרטן אין מזרח-וואַנט איז דער זון זיינער, דער חתן, אין איין שורה מיט ר' גדליהן גע-שטאַנען, און ער אַליין האָט געהאַט אַ שטאַרקע, אָנגענעמע שטים און האָט געדאַוונט:

„ווי גאָר די גרויסע חזנים האָט ער געדאַוונט".

אין דער לופט, וואָס איבער די קעפּ, איז געהאָנגען די מידע מוספדיקע שטימונג. ס'האָבן געשוויצט אינדערהייך די געמויערטע ווענט פון קלויז, ס'האָט פון מזרח מיט אַ הייליקער שבתדיקער מידקייט אַראָפּגעקוקט דער פאַרהאָנגענער ארון-קודש, און פון דער אַלמעמאָר-הויך האָט נאָך אַלץ געשימערט דעם שמשס פּנים, און געקלאַפּט האָט ער פאַר יעדער תּפילה, כּדי די שטילקייט צו פאַרגרעסערן.

אַרויסגעגאַנגען פון קלויז איז מען שפּעט, אַרום איינס אַזייגער,

דערפילט די ניכטערע פאַרחלשטע הערצער און זיך געאײַלט אַהיים. און נאָכדעם האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געלעבט, ווי אין אַ שבת־דיקן חלום, געדענקט די מחותּנים מיטן חתן, וואָס געפינען זיך בײַ ר׳ גדליהן אין שטוב און דעם קנסמאָל, וואָס וועט דאָרטן אינאָוונט פאָרקומען.

וואָרעם־אָנגעטאָנע מיידלעך האָבן זיך טאַקע איבעריקס יום־טובדיק אין אָט דעם ווינטערדיקן שבת געפילט און האָבן צופיל אַרום־געשפּאַצירט אַרויף און אַראָפּ מיט דער לאַנגער גאַס, וואָס צו איר גייען אַרויס די פאָרנטיקע פענצטער פון ר׳ גדליהס שטוב. און נאָר דאָרטן, אין אָנהייב מאַרק איז מאָדנע אומעטיק און ווי פאַרלאָזן גע־שטאַנען מיט אירע בלויע לאָדנס די גרויסע שטוב פון מירלס גע־וועזענעם מחותּן אברהם־משה בורנעס. ס׳האָט זי געקרענקט יעדער פריילעכער ניגון, וואָס אַסאַטענער חסידים זינגען בײַ ר׳ גדליהן. קיינער איז אין איר נישט אַריינגעקומען, קיינער איז פון איר דעם גאַנצן שבת נישט אַרויסגעגאַנגען, און אַרויסגעקוקט האָט זי, ווי פון אונטער אַ שווערן חרם. וועלוול בורנעס אַליין, איז דאָרטן געוויס אויף אָט דעם שבת נישט געווען און געלעגן ערגעץ־ווו בײַ זיך אויפן פּאָלוועריק. נאָר אין שטאָט האָט מען דאָך שוין סײַ־ווי־סײַ געוווּסט, אַז ער גייט זיך פונאַנדער מיט זײַן צווייטער כּלה און אַז דאָס, וואָס ער אַליין דער־ציילט יעדן, אַז זײַן חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף שבת־נחמו, איז אויך נאָר לפּנים.

---

שבת־צונאַכטס איז ר׳ גדליה הורוויצעס שטוב געווען שטאַרק באַלויכטן און איבערגעפּולט מיט פיל אָרטיקע און פרעמד־שטעטלדיקע געסט גבירים.

ס׳האָבן אין פּאָדער־שטיבל פון אָט די געסט שטאַרק הנאה גע־האָט אייניקע פון ר׳ גדליהס שרעקלעך־פּאַראָרעמטע משולחים, געווען צופרידן, וואָס ר׳ גדליה האָט נאָך גוטע־פריינט, און שוין דערפאַר, נאָך יעדן ניי־אַריינקומענדיקן גביר, אַזוי פריילעך איינער צום צווייטן די האַנט נאָך אַ ציגאַר אויסגעשטרעקט:

„וואָס זאָגסטו אויף אָט דעם אָ?... אויך נישט קיין קבצן, אָ? גיב אַ ציגאַר“.

ס׳איז געווען ענג אַרום דעם גרויסן קיילעכדיקן טיש, וואָס האָט זיך דאָרטן ביז די פונאַנדערגעעפנטע טירן פון דעם באַלוויכטענעם זאַל געצויגן. אויבנאָן לעבן ביידע מחותּנים איז מיט אַ פריש פּנים פון קעלט געזעסן דער פריילעכער נחום טאַראַביי. ער איז נאָר-וואָס מיט זיין אייגענער פור אויף די תּנאים געקומען און זיך שוין נישט געשעמט אַליין דערציילן דעם מחותּן יעקב-יוסלען, אַז ער איז ר׳ גדליהן אַ דורש טוב, און איז דערפאַר געקומען אויף זיין טאָכטערס תּנאים, אַפילו אום שבת-צונאַכטס. ער איז אַהער געפאָרן ביז צען אַזייגער ביי נאַכט, געבלאָנזשעט אַפילו ערגעץ-ווו אין דער פינצטער, וואָס הינטער אַ שלאָפנדיק דאָרף, און איז פאָרט געקומען. איצט האָט ער שוין דאָ געלאַרעמט מיט זיין פריילעכן פּליעסק, מיט זיין קונציקן שפּרינג-אונטער און מיט זיין יאָציקער שאלה, וואָס מיט איר האָט ער אַלעמאָל דעם מאָדנעם אומעטיקן ר׳ גדליהן געמינטערט:

„וואָס זשע דען? ער פאַרשטייט נישט: ר׳ גדליה מאַכט תּנאים ביי אַ קינד, און ער, טאַראַביי, וועט דערביי נישט זיין?״

ר׳ גדליה איז פון בייטאָג אָן געווען שטאַרק אומעטיק און געפאַלן און נישט געוווּסט, וואָס מ׳רעדט צו אים. זיצנדיק לעבן דעם מחותּנס לינקער האַנט, האָט ער די גאַנצע צייט געשוויגן, געהאַט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ מיט יורדישע געדאַנקען און געוווּסט, אַז אָט די אַלע געסט זענען זיך שוין איצט אַהער צונויפגעפאָרן נישט צוליב אים, ר׳ גדליהן דעם אָנזעצער, נאָר צוליבן רייכן מחותּן יעקב-יוסלען, וואָס האָט ביי אַ האַלבן מיליאָן און קנאַקט אויפן גבירישן שטייגער; אַז ער, דער גאַווהדיקער און מונטערער מחותּן, ווייסט דערפון, און קוקט זיך דערפאַר צו אים נישט אום. און זיי, די געסט, האָבן דערפאַר אויף אים, ר׳ גדליהן, רחמנות און לאָזן אים אויך צורו.

ער האָט זיך שוין אַפילו אַביסל דערשראָקן פאַר גיטעלען, וועלכע איז צו אים פּלוצים נאָך זיינע שליסלעך צוגעגאַנגען. איינגעהויקערטערהייט האָט ער זיך אויף די פיס אויפגעשטעלט, נישט געוווּסט, ווו ער איז אין דער וועלט, און האָט לאַנג מיט טאַפּנדיקע הענט אַרומגעשאַרט פון איין קעשענע צו דער צווייטער.

מירל האָט דאָס געזען פונדערווייט. דאָס האַרץ האָט מיט גרויס רחמנות צו אים אַ צי געטאָן... איז זי צו אים צוגעגאַנגען.

„אָט זענען זיי דאָך, די שליסעלעך... ביי דיר אין אויבערשטן טאַש ליגן זיי".

זיין אומעטיקער אויסזען האָט זי צעבראָכן. פון תמיד אָן האָט זי געגלויבט, אַז ער, דער פאָטער אירער, איז אַ שטאַרקער און קען טאָן אַלץ, כּדי צו זיין שטאָלץ, נישט צו פאַרלירן זיך. און איצט האָט זי אים צום ערשטן מאָל דערזען אַן אומבאַהילפיקן מיט אַן אויסזען פון אַן אמתן פאַרלוירענעם יורד. אומעטיק און אונטערטעניק שטיל איז זי געזעסן לעבן גיטעלען מיט דער מחותּנתטע און געהערט, ווי אָט די קורצזיכטיקע יידענע ווייל נישט רעדן קיין לשון־הרע אויף זייער געשוועסטער־קינד אידאַ שפּאָליאַנסקי, וואָס וווינט אין איין גובערניע־שטאָט מיט איר און פעלשט דאָרטן אָנם מאַן. זי הייבט אָן דערציילן, אַז זי אַליין האָט איינמאָל אידען געזען אין טעאַטער מיט אַן אָפיציר און מיט אַ נאָכשלעפּנדיקן פּאָליטעכניק, נאָר פאַרכאַפּט זיך און וויל עס פאַרגלעטן:

„איז זי דאָך די באַרימטע פאַרשוין, אידאַ, און דער מאַן אירער אַבראַם איז געוויס אַ פיינער יונגערמאַן. ער האַנדלט, דוכט זיך, מיט דער אינטענדאַנטסטווע און איז חדשימווייז אינדערהיים נישטאָ. נאָר די שטוב זייערע... די שטוב, זאָגט מען, איז שוין אַ היינטיקע... גאָר, גאָר אַ פרייע".

אַרום די גרויסע געגרייטע טישן מיט די פיל ברענענדיקע ליכט האָבן זיך שוין די „געוואַשענע" געסט געהאַט צוריק אַוועקגעזעצט. זיי האָבן דאָרטן באַלד נאָך „המוציא" גענומען שמייכלען מיט די שבת־צו־נאָכטיקע פּנימער, טרינקען לחיים און ריידן, קלינגען מיט די קעלישקעס, ווידער טרינקען און ווידער רעדן. דער שמועס האָט זיך געטראָגן איינצייטיק פון זעכציק קייענדיקע און טרינקענדיקע מיילער, און דאָס אַלץ האָט דאָך נישט געשטערט, אַז זי, מירל, זאָל זיך, ווי פריער, איינזאַם פילן, אַז זי זאָל געדענקען די גרויסע גובערניע־שטאָט, ווו זי וועט מיט שמואליקן אין דריי צי אין פיר צימערן וווינען, און זאָל זיך פאָרשטעלן די גאַסן, וואָס דאָרטן איז זי שוין אַמאָל קינדווייז מיט ר' גדליהן געווען.

„ערגעץ וועלן זיי שוין דאָרטן אין אַ זומער־פאַרנאַכט אַזוי אײנצווייען גיין, גיין פּאַמעלעך און נישט האָבן וועגן וואָס צו רעדן.

זיך אומקערן אַהיים און דאָרטן ווידער נישט האָבן וועגן וואָס צו רעדן".

שטאַרק גוט אויפֿן האַרצן וועט שוין נישט זיין סיי פֿון אָט דעם פֿאַרנאַכטיקן שפּאַציר, סיי פֿונם אומקערן זיך אַהיים. נאָר זי, מירל הורוויץ...

„וואָס האָט זי שוין געקענט מיט זיך מאַכן?"

דער האַלב-שיכּורער גערויש איז געוואַקסן. פֿאַרשידענע אויס-געשרייען האָבן דערוואָרגן אַלעמאָל עמעצן אָן אַנדערנס אָנגעהויבענעם ניגון. און דער מונטערער מחותּן יעקב-יוסל האָט געטרונקען אַזוי פֿיל און מיט אַזאַ עקשנות, גלייך ער וואָלט וועלן פֿאַרטרינקען דעם גע-דאַנק, אַז ער האָט אַ שידוך געטאָן מיט אַ קבצן, וואָס האָט נישט-לאַנג אָנגעזעצט און פֿאַרמאָגט שוין נישט אַ פּרוטה. אַלעמאָל האָט ער דאָרטן מיט זיין קרעפּטיקער פֿויסט אויפֿן טיש געקלאַפּט, פֿלעשער זענען אומגעפֿאַלן און זיך צעגאָסן, דער הענגלאָמפּ האָט זיך געזעצט, און ער האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט, זיך אַפֿילו איינמאָל נישט אומגעקוקט צו ר' גדליהן און געשריגן צו אברהמל דעם רב:

„ר' אברהמל רב! איך הייס טרינקען!... גלייך מיט מיר הייס איך טרינקען".

מירל איז נאָך אַלץ געזעסן אין צווייטן עק חדר און האָט גע-שוויגן. מינוטנווייז האָט זיך געזוכט, אַז אָט דער גאַנצער גערויש קומט פֿאַר נישט צוליב איר, נאָר צוליב אַ צווייטער מירל, וואָס איז מיטן קנסמאָל שטאַרק צופֿרידן, און זי, די אמתע מירל, זעט דאָס אַלץ נאָר פֿונדערווייט און האָט דערצו קיין שייכות נישט. און ווען זי האָט פֿון אָט די מינוטן דערוואַכט, האָט זי שוין געגלויבט, אַז ס'איז נאָך אַ גרוי-סער ספֿק, צי זי וועט אַמאָל חתונה האָבן מיט אָט דעם שמואליקן, וואָס ער זיצט אויבנאָן און וואָס צו אים טרינקט מען לחיים; אַז דער-פֿאַר איז שוין נאַרעש סיי דאָס, וואָס מ'פֿרייט זיך מיטן קנסמאָל, ווי מיט עפּעס אַ וויכטיקער געשעעניש, סיי דאָס, וואָס זי האָט זיך איינ-געצויגן אין אָט דעם נייעם גרוי-זיידענעם קלייד און זיצט דאָ צווישן אָט דעם נאַרעשן עולם, ווי עפּעס אַ געשליירטע ליאַליע. און אָט האָט זי צוריק מיט עטלעכע שעה געזען אין שפּיגל, וואָס ביי איר אין חדר, די אייגענע אַנטפּלעקטע הענט מיטן לאַנגן ענג-איינגעצויגענעם גאַרסעט

און שטאַרק געוואָלט, אַז לעבן איר זאָל זיך געפינען יענער זעלבער נתן העלער, וואָס זי האָט אים שוין אַמאָל פון זיך משלח געווען. איז דאָך שוין אָט דער ווילן אויך נישט מער ווי אַ נאַרעשקייט געווען, וואָרים אָט דעם נתן העלערן האָט זי שוין אַמאָל געזאָגט:

„נו, גוט, זי וועט מיט אים חתונה האָבן. און וואָס וועט זי טאָן נאָכדעם?"

און זי, מירל הורוויץ, אַליין:

„זי איז שוין, דוכט זיך, אַ דערוואַקסענער מענטש, און שלעכט איז איר שוין, דוכט זיך, אויך, ווי גאָר, גאָר אַן ערנסטן מענטש, נאָר אַליין איז זי נאָך אַלץ אַ ‚דער-רוח-ווייסט-וואָס', און אין קאָפּ קריכן איר נאָך צייטנווייז אַזעלכע נאַרעשע געדאַנקען".

זי האָט זיך אינגאַנצן אויפגעכאַפּט איבערן שיכּורן טומל, וואָס איז שוין ביים קיילעכדיקן טיש פול געווען מיט ווילדע געשרייען, מיט חזנישע „מי שברכס" און איבערגעריסענע געזאַנגען. עמעצער האָט דאָרטן שוין צייט עטלעכע מינוטן מיט אַזאַ עקשנות איר נאָמען אַרויסגעשריגן.

דאָס האָט זיך איר האַלב-שיכּורער מחותן יעקב-יוסף וועגן עפּעס מיט נחום טאַראַביי פּאַרוועט, געקלאַפּט מיט אַ גלאָז אין טיש, עס צעבראָכן, געכאַפּט אַ צווייט גלאָז און ווידער געקלאַפּט:

„מירל!!! כ'הייס צוגיין אַהער, הייס איך, מירל!!!"

אַן עקלדיקן פּאַרדראָס האָט דאָס שרייען אין איר אַרויסגערופן. זי איז געשטאַנען אַהין מיט די פּלייצעס און זיך נישט אָפּגערופן. זי האָט געזען:

צווישן אַ בינטל ייִדן מיט אָנגעשטרענגטע אויערן שטייט שמואליק אין דער מיט פון חדר, זינגט פּאָר זיי אַ ימים-נוראימדיק שטיקל, האָט דערביי אַ נאַרעש פּנים און מאַכט מיט די הענט, ווי אַ חזן.

פריער האָט זיך איר שטאַרק געוואָלט, ער זאָל איצט דאָ אין שטוב נישט זיין, און זי זאָל אים נישט זען, נאָר באַלד האָט זיך אין איר די אומעטיקע גלייכגילטיקייט געשטאַרקט, און קיין ווילן איז שוין אין איר האַרצן נישט געווען. אַ ווײַלע האָט זי אויף אים פונדערווייטנס געקוקט און זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין:

„צוליב וואָס האָט זי אים באַדאַרפֿט, אָט דעם בחור?... און בכלל, וואָס וועט זי מיט אים טאָן אַלע אירע יאָרן?"

און פּלוצים האָט זי דאָס אָרט, וואָס אין עק עסצימער, פֿאַרלאָזן, אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר, זיך דאָרטן געשווינט אויסגעטאָן, זיך אויך אַזוי געשווינט אין בעט געלייגט און דעם לאָמפּ אויסגעלאָשן.

גיטעלע האָט שוין נאָכדעם אַ פּאָר מאָל צו איר אין טיר גע־קלאַפּט און זיך צולעצט אַהין אויפגערעגט אַריינגעריסן:

„ס'איז דאָך פּשוט אַ בזיון... ווער טוט עס אַזוי? ס'איז דאָך פּשוט נישט שיין".

און זי איז דאָרטן גלייכגילטיק אין בעט געלעגן און אַביסל ברוגזדיק אָפּגעענטפערט:

„ווער האָט דאָס איר געזאָגט, אַז ס'איז נישט שיין?"

זי האָט געוואָלט איינשלאָפן און נישט געקענט, אין שטוב איז נאָך אַזוי לאַנג דער שיכורער טומל געשטאַנען; טישן מיט בענק האָט מען דאָרטן אָקאָרשט פון עסצימער אַרויסגעטראָגן, און טאַנצן האָט מען דאָרטן פונסניי אָנגעהויבן, האָט זי זיך דאָ אין בעט לאַנג געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און איז געווען ברוגז אויף זיך אַליין:

„סיי־ווי־סיי וועט פון דעם גאָרנישט נישט זיין. צו קיין חתונה וועט דאָס נישט צוקומען, און זי, מירל... זי איז נישט מחויב צו טראַכטן וועגן אים, וועגן אָט דעם בחור, וואָס זינגט אין עסצימער אַ ימים־נוראימדיק שטיקל און מאַכט דערביי מיט די הענט, ווי אַ חזן".

X

די מחותּנים האָבן דאָ פֿאַרבראַכט נאָך איינע אַ שלאָפלאָזע נאַכט און זיך געסודעט אין זאַל מיט ר' גדליהן און מיט גיטעלען.

די נאַכט פון זונטאָג אויף מאָנטאָג איז דאָס געווען, און אין שטוב איז קיינער נישט געשלאָפן. אַרום פיר אַזייגער ביינאַכט האָט מען אויך מירלען אין זאַל אַריינגערופן. מ'האָט צו איר אַרויפגעקוקט

פון די נידעריקע שטולן, וואָס אויף זיי איז מען די גאַנצע צייט גע־זעסן, און די מחותנתטע האָט ביי איר געפרעגט:

„נו, ווי געפעלט עס איר, אָט דאָס, וואָס מ׳וויל אָפּשטעלן די חתונה אויף שבת נאָך שבועות?"

מירל איז געשטאַנען אַקעגן און האָט געשוויגן. ביז שבת נאָך שבועות, האָט זיך איר געדוכט, איז נאָך אַזוי ווייט; פיל מעשים קען מען ביז יענער צייט אָפּטאָן, כדי די חתונה צעשטערן. זי האָט גע־וואָלט, אַז די מחותנים מיט שמואליקן זאָלן צום גיכסטן פון שטוב אַוועקפאָרן און האָט געענטפערט:

„גוט, זאָל זיין שבת נאָך שבועות".

זי איז נאָכדעם אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן נעפּלדיקן און ברודיק־לעבלעכן פרימאָרגן, געשלאָפן די גאַנצע צייט, וואָס מ׳האָט נאָך די מחותנימס גאַנצפריענדיקן אַוועקפאָרן די ברודיק־פאַרלאָזטע שטוב גע־ראָמט, און נאָכדעם, ווען אין די חדרים איז שוין ווידער ציכטיק, ריין און שטיל געווען, און ר׳ גדליה מיטן קאַסיר זענען שוין געווען אַוועק־געפאָרן אין קרייז־שטאָט, וווהין ס׳האָט זיי מיט אַ דעפּעש אַרויסגערופן דעם קאַשפּערויוקער גראַפס אויסלענדישער איידעם.

די אויגן אירע האָבן זיך איינמאָל געהאַט אַקעגן דער פוסטער חדר־לופט אָן עפן געטאָן. זי האָט נישט געוואָלט געדענקען, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען, האָט זי זיי באַלד צוריק פאַרמאַכט און ווידער דרימלען אָנגעהויבן:

„סיי־ווי־סיי... און פון וואָס איז דאָ שוין פאַראַן צו קלערן?"

ס׳איז מער נישט:

„ווען זי קען, למשל, אַזוי אָפּשלאָפן אַלע אירע יאָרן און אָנם חשבון פון איר אייגענעם לעבן פאַרגעסן".

און אָט האָט זי, למשל, אַמאָל אַ מעשה געהערט:

אַ מעשה מיט אַן אויסגעדינטן, שטאַרק פאַרהאָרוועטן זעלנער, וואָס האָט זיך אינמיטן ווינטער צו זיינע קליינשטעטלדיקע עלטערן אומגעקערט, זיך דאָרטן באַלד שלאָפן געלייגט און איז אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן ווינטער. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אָקאָרשט אין די וואַרעמע טעג, וואָס פאַר פסח, און דערזען: ער ליגט אינדרויסן צווישן בעטגעוואַנט, וואָס מ׳האָט אַקעגן דער זון לופטערן אַרויסגעטראָגן;

ערגעץ נאָענט באַקט מען מצות, און אין שטוב וואַשט מען די פּענצטער און מ׳שאָבט די ווענט.

---

ווען זי האָט אַ צווייט מאָל די אויגן אָקעגן דער פוסטער חדר־לופט אַן עפן געטאָן, איז שוין געווען אַרום פיר אַזייגער בייטאָג. ס׳איז געווען שטיל אין די אַרומיקע חדרים, און געהערט האָט זיך ווי ווייט־ווייט לעבן דער קיך געגעצט אויפן קול די אויסגעשלאָפענע גיטעלע, ווי עמעץ דערציילט דאָרטן פאַר ליבקע די רביצין וועגן דעם גוטן איינדרוק, וואָס די מחותנים האָבן געלאָזט דאָ אין שטעטל, און נאָכדעם פאַררעדט מען זיך אַלע צוזאַמען און מ׳שמועסט וועגן דעם אומגעריכטן יום־טוב, וואָס קומט איצט פאָר ביי דער אַקושערקע שאַץ אויפן דאָרף:

„איר באַקאַנטער, דער העברעישער פּאָעט, פאַרבּרענגט שוין דאָרטן ביי איר דעם צווייטן טאָג; די פאַראַיאָריקע לערערין פּאָליע קומט צוליב דעם אַזוי פרי אויף פסח פון איר קאָנדיציע, און דער אָרטיקער העברעישער לערער שאַבאַד איז שוין צוויי מאָל געגאַנגען אַהין זיך מיט דער אַקושערקעס גאַסט באַקענען און אים ביידע מאָל אינדערהיים נישט געטראָפן".

אַלץ, פונם קנסמאָל ביז די חתונה אָפּשטעלן מיט די מחותנימס גאַנצפריענדיקן אַוועקפאָרן, איז שוין געווען אַזוי ווייט אינם עבר, וואָס הינטער די פּלייצעס. נישט צו גלויבן איז געווען, אַז אָפּגעטאָן האָט זיך עס אָקאָרשט היינט גאַנצפרי, ס׳האָט זיך געמאָלט, ווי דער צוג מיט די מחותנים און מיט שמואליקן טראָגן זיך שוין ווייט, ווייט איבער יענע הימלעכע סטאַנציעס, וואָס גיבן שוין איבער שטומע גרוסן פון דער ווייטער גובערניע־שטאָט. און מאָדנע איז אויסגעקומען, וואָס זי איז באמת פאַר אים, שמואליקן, אַ כלה געוואָרן, וואָס אין גאַנצן שטעטל ווייסט מען וועגן דעם און וואָס די מחותנים וועלן שבת ביי זיך אינדערהיים אַ קידוש מאַכן, און איר נאָמען וועט מען דאָרטן ביי לחיים־טרינקען דערמאָנען.

אויפהייבנדיק זיך פון בעט, האָט זי געדענקט, אַז זי באַדאַרף עפּעס טאָן: אַ בריוו באַדאַרף זי צו שמואליקן אין גובערניע־שטאָט אָנשרייבן און צו וויסן באַדאַרף זי אים געבן, אַז פונם קנסמאָל וועט

גאָרנישט נישט ווערן, נאָר אַליין איז זי געווען אַזוי רויק, און אַזאַ אָנגענעמע פוילקייט האָט זי אין זיך דערפילט איבערן גערדאַנק, וואָס שמואליק איז דאָ אין שטוב שוין מער נישטאָ. זי האָט זיך באַלד גע- נעצנדיק צוריק אין בעט אַריינגעלייגט און זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס דער עיקר שלעכטיקייט איז שוין פאַרביי און וואָס אויף מבטל זיין די תנאים איז נאָך געבליבן גענוג צייט.

„ביז שבת נאָך שבועות איז איר דערויף נאָך צייט געבליבן".

---

אינאָוונט איז גיטעלע צו איר אין חדר אַריינגעקומען און איר אַ בריוו אויסגעשטרעקט:

„ס'איז אָנגעקומען אויף איר, מירעלעס נאָמען, מיט דער פּאָסט איז עס אָנגעקומען".

דער בריוו איז געווען פון נתן העלערן און אָנגעהויבן האָט ער זיך מיט די ווערטער, וואָס מיט זיי, דוכט זיך, האָבן שוין אַזויפיל בריוו זיך אָנגעהויבן:

„הייסט עס, אַז זי איז שוין אַ כּלה, מירל".

דער בריוו איז איר נמאס געוואָרן נאָך פון די ערשטע ווער- טער, האָט זי אים לעבן זיך אַוועקגעלייגט, אים נאָכאַמאָל גע- פּרוּווט לעזן:

„אויף אים, העלערן, האָט מען איר דאָך אַזויפיל רכילות אָנ- געפּירט".

נאָר קיין געדולד נישט געהאַט, אים ווידער אַוועקגעלייגט און אים שוין טאַקע אַזוי לעזן נישט געענדיקט.

דער בריוו איז שוין נאָכדעם די גאַנצע צייט געלעגן פונאַנדער- געעפנט אויפן בענקל, וואָס לעבן איר בעט, און ווען זי איז איינמאָל אַהער פונדרויסן אַריינגעקומען, האָט זי דערזען:

גיטעלע טוט זיך מיטאַמאָל אַ רוק פון איר בעט און גייט גע- שווינט פון חדר אַרויס, און דער בריוו... ער ליגט נישט ווי פריער אויפן בענקל, נאָר אַביסל ווייטער אויף דער פּאָדלאָגע. זי וואָלט, דוכט זיך, געמעגט געווען שווערן, אַז די נייגעריקע גיטעלע האָט דעם בריוו געליינט.

---

גיטעלע האָט זיך שוין טאַקע נאָכדעם וועגן דעם צופיל געסודעט מיט ר׳ גדליהן, וועלכער איז איינמאָל ביינאַכט אַהיים געקומען.

„אַז זי האָט אים אַליין געלייענט, דעם בריוו, אַז ער שרייבט איר פאָרט ,דו׳, שרייבט ער איר״.

ר׳ גדליה האָט זיך צו דעם נישט געוואָלט צוהערן און איז אויף איר, גיטעלען, ברוגז געווען:

„ער ווייסט, וואָס זי דולט אים דאָרטן דעם קאָפּ, דולט זי אים... וואָס איר קאָן זיך דאָרטן אויסווייזן!״

אַזוי פאַרנומען און באַשעפטיקט איז ער שוין געווען מיטן פּלאַן, וואָס עס האָט אים אויפגעגעבן דעם גראַפּס אויסלענדישער איידעם, וועלכער איז אַהער אַראָפּגעקומען און האָט קאַשפּעריוקע ביי דער באַנק אויסגעקויפט:

„סך-הכל אַכטטויזנט רובל נעמט ער צו אים, ר׳ גדליהן, פאַר אַ שותף צום גרויסן וואַלד, מאַכט אים פאַרן באַלעבאָס און רעכנט אים אויפן פּרייז, וואָס עס גיבן די סוחרים פון קרייז-שטאָט. ער, ר׳ גדליה, קען אפשר דורכדעם געראַטעוועט ווערן, קען ער...״

און גיטעלע האָט אים נאָך אַלץ צורו נישט געלאָזט:

„ער מיינט, אַפּנים, אַז ער איז שוין מיט איר פאַרטיק, מיט דער טאָכטער מיט זיינער?... אָט זאָל ער זען: זי זאָגט, זי וועט נישט פאָרן אין קרייז-שטאָט זיך נייען די חתונה-קליידער. בשום אופן, זאָגט זי, וועט זי אַהין נישט פאָרן״.

---

אַ שבת, וואָס פאַר שבת-הגדול, האָט געבלאָזן אַ קליין פאַר-פּסחדיק ווינטל.

געטריקנט און גרוי געוואָרן זענען די שניי-הויפנס, וואָס האָבן דאָ און דאָרטן פון צווישן דער בלאָטע אַרויסגעשטעקט, און ס׳איז נישט קלאָר געווען, וועמענס יום-טוב צוליב עס קלינגט פאַר זון-זעצן-זיך אין קלויסטער.

ביים גאַניק פון איר פאָטערס שטוב איז שעהן-לאַנג געשטאַנען אַברהם-משה בורנעסעס מיידל, די שטוב-זיצערין, געשטאַנען איינגעהילט אין דער מוטערס שוואַרצער שאַל און געקוקט, ווי ס׳גייען גויים פונם דאָרף, וואָס אין איין עק שטאָט, צום קלויסטער, וואָס אין צווייטן. די

גויים גייען פּאַמעלעך, האַלטן זיך האַרט לעבן די יידישע הייזער, וואָס אין דער לאַנגער גאַס, זוכן סטעזשקעס און ווילן אַרויס טרוקן.

און אַרום-און-אַרום מערט זיך שוין דערוויייל אַזוי שטאַרק די פּוסטקייט פונם קומענדיקן זומער. דער פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַן קאָן זיך קיין אָרט אין דער פּוסטער אַפּטייק נישט געפינען און לאָזט זיך גיין איבערן שטעטל, שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ און וויל זיך צוריק אומקערן. ער באַגעגנט צולעצט אברהם-משה בורנעסעס מיידל, לאָזט זיך מיט איר גיין אויף דער פּריש-איינגעטרעטענער סטעזשקע, צו די גוייִשע הייזער, קוקט נישט צו איר, און רעדט דאָך אַזוי ערנסט, ווי ממש פּאַר אַ בר-דעת.

„ליפּקיס, זאָגט ער מיט רשעות, איז שוין דאָ נישטאָ; ער איז סוף-כל-סוף קליגער געוואָרן און האָט זיך דאָרטן אין כּרך געשמאַק צו זיינע לימודים גענומען. און מירל הורוויץ... מירל זיצט שוין די צווייטע וואָך אין קרייז-שטאָט און נייט זיך דאָרטן חתונה-קליידער.

קאַק עטאָ סמעשנאָ".

אברהם-משה בורנעסעס מיידל פילט שוין זיך לעבן אים שלעכט און האָט אים נישט וואָס צו ענטפערן. זי ווייסט, זי אַליין קרימט זיך הינטער זיינע פּלייצעס מיט דער נאָז, און אויף דער גאַנצער שטאָט זאָגט מען, אַז ער האָט ליב די אַקושערקע, וואָס ביי איר פאַרברענגט איצט שוין דאָרטן עטלעכע טעג איר באַקאַנטער, דער העברעיִשער פּאָעט.

און ער קוקט נאָך אַלץ מיט נערוועזע אויגן ערגעץ-אַהין פאַר זיך און רעדט ווייטער דאָס זייניקע.

„וועמען, מיינט מירל, נאַרט זי: זיך, צי די שטאָט?"

פּלוצים דערזען זיי אַ וווּקסיקן און ברייט-פּלייציקן בחור, וואָס שפּאַנט אַהער פון דער זייט, פון די גוייִשע הייזער. זיי בלייבן שטיין און קוקן אויף אים פונדערווייטנס:

ער זעט אויס, ווי אַ יונגער פאַרמעגלעכער דאָקטאָר, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג דעם אוניווערסיטעט געענדיקט און פאַרנעמט זיך נאָך נישט מיט פּראַקטיק.

ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז ער, דער אַקושערקעס גאַסט, און ס'איז אוממעגלעך צו טרעפן, וווּהין ער גייט איצט.

מירל הורוויץ איז שוין דאָך די צווייטע וואָך אינדערהיים נישטאָ. און אין אָנהייב שטאָט, וואָס אַהינצו דערנענט ער זיך, איז דאָך קיינער נישטאָ, אַחוץ דעם קליינעם בינטל יידן, וואָס וואַרטן אינדרויסן אויף דער שבת-הגדולדיקער מנחה. ער קוקט צו די יידן פונדערווייטן. די יידן קוקן צו אים אָקעגן, אַלע שווייגן, נאָר ווען ער גייט איבער, באַקומען די יידן שמייכלענדיקע פּנימער, קוקן אים נאָך אין די פּלייצעס און שמועסן זיך וועגן אים אַדורך:

„וואָס, זאָגסטו, שרייבט ער?"

„ביכלעך?"

„נו, מהיכא-תיתי, פאַרוואָס דען נישט? זאָל ער שרייבן".

## XI

איז שוין געווען לחלוטין אַ טרוקענער, עטוואָס קילער טאָג, ווען מירל האָט זיך איינמאָל פאַר זון-זעצן-זיך צוריק פון קרייז-שטאָט אומגעקערט און געטראָפן אין די חדרים אַ פאַרפּסחדיקן גערודער. דאָס מעבל איז דורכאויס געווען אָפּגערוקט פון אָרט, אָנגעוואָרפן און איבער-געדעקט מיט ווייסע ליילעכער. גיטעלע האָט זיך פונאַנדערגעצאָלט מיטן אַלטן פאַרבער, וואָס האָט די באַלקנס אָפּגעווייסט און מיט די צוויי גוייעס, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג די פענצטער מיט די טירן געזייפט. זי האָט אָט די גוייעס אָנגעזאָגט קומען אויף מאָרגן אויך. און אין שטוב איז שוין דערווייל בייעס געווען:

ר' גדליה האָט זיך נאָך גאַנצפרי געהאַט אומגעקערט פון גובערניע-שטאָט, ווו אים האָט זיך איינגעגעבן צו ווערן אַ שותּף מיטן גראַפּס איידעם אינם גרויסן קאַשפּעריוזקער וואַלד. גיטעלען האָט ער שוין אין משך פון טאָג עטלעכע מאָל וועגן אָט דעם נייעם גליקלעכן געשעפט דערציילט. און איצט האָט ער זיך שוין מחמת דעם מייחד געווען מיטן קאַסיר ביי זיך אינם צוגעראָמטן קאַבינעט. דער קאַסיר איז דאָרטן פאַר-טראַכט ביים טיש געזעסן, און ער האָט זיך לעבן אים אַרומגעדרייט אין די פוטערנע שיך, זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט מיט די פּלייצעס צו דער נישט-געהייצטער הרובע און פון דאָרטן צו אים, דעם קאַסיר זיינעם, איבער די גילדענע ברילן אַריבערגעקוקט:

„וואָס, ניין? מ׳קען רעכענען, אַז דער ריווח פון וואַלד זאָל באַ־טרעפן אַ גאַנצן גביר״.

און נאָך:

„ער שפּילט זיך מיטן מאַטעריאַל, וואָס מ׳קען אַרויסשלעפּן פון די מיטלסטע דריי הונדערט דעסיאַטין!״

דערפאַר, וואָס ר׳ גדליהן האָט זיך איצט איינגעגעבן די שטוב צו באַרויקן און זיינע געשעפטן צו פאַרריכטן; דערפאַר, וואָס ער איז איצט שוין מיט די געשעפטן שטאַרק פאַרטאָן געווען און האָט וועגן קיין אַנדער זאַך נישט געקלערט, האָט זיך איר, מירלען, מיטאַמאָל צו דוכטן אָנגעהויבן, אַז קיינער באַדאַרף עס איצט שוין דאָ אין שטוב נישט, אָט דאָס, וואָס זי איז אַ כּלה געוואָרן און ליידט דערפון, אַז אַלע קלערן שוין וועגן דעם אַזוי ווינציק, פונקט ווי ווינציק ס׳האָט וועגן דעם צוריק מיט עטלעכע וואָכן געקלערט זי אַליין, און דערפאַר זעגנען איבעריק די חתונה־קליידער, וואָס זי האָט זיך איצט אין קרייז־שטאָט אָנגענומען, דאָס, וואָס זי איז אַהין געפאָרן, מיט דעם, וואָס זי איז דאָרטן גאַנצע אַכט טאָג אָפּגעזעסן:

„זי האָט זי נישט באַדאַרפט, אָט די ,געמאַכטע׳ נסיעה אין קרייז־שטאָט; זי האָט פון אָנהויב אָן באַדאַרפט זאָגן, אַז דער קנסמאָל איז געווען אַ נאַרעשער, און אַז קיין חתונה וועט קיינמאָל נישט זיין״.

דער קאַסיר איז שוין אין קאַבינעט נישט געווען, און אַ לאָמפּ האָט שוין דאָרטן געברענט. ר׳ גדליה איז דאָרטן איינער אַליין ביים טיש געזעסן און האָט אין דער שטיל די חשבונות פון זיין נייעם וואַלד גערעכנט. און זי האָט נאָך אַלץ אַרומגעשפּאַנט ביי זיך אין חדר און זיך געפילט דאָרטן עטוואָס פרעמד נאָך די אַכט טעג, וואָס זי איז נישט געווען אינדערהיים. זי האָט זיך דאָרטן נישט געקענט צורירן נישט צום בעט און נישט צום טישל און האָט געדענקט, וואָס זי וועט באַלד טאָן:

„אַהין, צו ר׳ גדליהן אין קאַבינעט, וועט זי אַריינגיין און וועט אים זאָגן: ס׳באַדאַרף דאָס איצט שוין געוויס קיינער נישט האָבן אָט דעם נאַרעשן קנסמאָל. די חתונה וועט דאָך סיי־ווי־סיי קיינמאָל נישט זיין, טאָ זאָל נעמען דערצו אַן עק״.

זי האָט וועגן דעם געטראַכט לאַנג, אַרומדרייענדיק זיך ביי זיך אין חדר און זיך צולעצט געלאָזט גיין צו ר׳ גדליהן אין קאַבינעט. ס׳זענען שוין אַפילו ביי איר די ערשטע ווערטער צוגעגרייט געווען:

„איך באַדאַרף מיט דיר וועגן עפּעס רעדן".

נאָר דאָרטן, ביי ר׳ גדליהן אין קאַבינעט, איז מיט איר עפּעס געשען, און שווער איז איר מיטאַמאָל געוואָרן ווייטער אַ וואָרט אַרויס־צולאָזן. ר׳ גדליה האָט זיך אין אָנהויב צו איר נישט אומגעקוקט, געוואָרפן אומגעניט אויפן „שטשאָט" און דערצו איבערגעחזרט די ציפער אויפן קול. און ווען ער האָט צולעצט אָט די אַרבעט איבערגעריסן און צו איר דאָס פּנים אויסגעדרייט, האָט זיך איר מיטאַמאָל אַ וואָרף געטאָן די רויקייט, וואָס האָט זיך צו אים פּאַר די לעצטע עטלעכע טעג אומגעקערט. איצט איז אָט די רויקייט זיינע שוין אָנגעהאָנגען נאָר אָן איר. נישט מער ווי אייניקע מינוטן האָט עס נאָך געקענט גע־דויערן. געננג איז געווען, אַז זי זאָל נאָר אַ פּאָר ווערטער אויסרעדן, און ער זאָל זיך ווידער דערפילן אומגליקלעך און זאָל בלייבן זיצן, ווי אַן אָבל, וואָס עס איז אויף אים אַ מפּלה געקומען.

אַ ווייל איז זי דאָרטן אַקעגן אים געשטאַנען און אויף אים גע־קוקט. און נאָכדעם האָט זי, נישט ענטפערנדיק אויף זיין שאלה, דעם קאַבינעט פאַרלאָזן און זיך אומגעקערט אין די אויפגערודערטע חדרים. זי האָט עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט, געווען אויף עמעצן ברוגז און זיך אַליין געטרייסט:

„סיי־ווי־סיי וועט די חתונה קיינמאָל נישט זיין. ס׳וועט שוין געוויס איינגיכן נעמען צו די תּנאים אַן עק".

---

אינאָוונט איז זי געזעסן צווישן די היימישע געסט, וואָס ביי דער אַקושערקע שאַץ אינם באַלויכטענעם שטיבל, און זיך דאָרטן צום ערשטן מאָל עלנט און פרעמד דערפילט.

אַחוץ דער לערערין פּאָליע מיט דער אַקושערקע שאַץ, זענען דאָרטן אויך געווען דער ציגיינערש־שוואַרצער העברעישער לערער אייזיק שאַבאַד מיט דער טאָכטער פונם אָרטיקן גאַווהדיקן יורד אסתּר פּינקל,

אַ ווּוקסיק מיידל מיט אַ לענגלעך און אומעטיק פּנים, וואָס לערנט שוין דאָס דריטע יאָר אין פּאַריז.

דער באַוויבטער לערער האָט שוין לאַנג מיט קיינעם, אַחוץ זיינע קליינע תּלמידים, קיין עסקים נישט געהאַט, און מיד איז ער געווען נאָכן טאָג אַרבעט. ער האָט ווי געדרימלט שטיל אין אַ זייט און האָט צום דריטן מאָל געוואַרט אויף דער אַקושערקעס גאַסט, דעם העברעישן פּאָעט, וועלכער איז נאָך פּאַרנאַכט פון שטוב אַוועק און האָט שוין אינגיכן באַדאַרפט צוריקקומען.

די מיידלעך האָבן אים נישט באַמערקט. אַלע דריי זיינען זיי אומעטיק געזעסן לעבן מירלען אויף דער סאָפקע, וואָס לעבן דער נישט געהייצטער הרובע. און אַלע האָבן זיי זי, מירלען, ווי איגנאָרירט. באַליידיקן זי האָט קיינער פון זיי נישט געוואָלט, נאָר צו רעדן מיט איר האָבן זיי שוין אויך נישט געהאַט וועגן וואָס.

אסתּר פּינקל האָט דערציילט וועגן דער פּראָפעסיע, וואָס דער פּאַריזער אוניווערסיטעט וועט איר געבן אין אַכט חדשים אַרום:

„בכלל קען זי האָפן: דאָס לעבן וועט זי שוין ווי-נישט-איז דורכשטופּן, און גליק... וועגן איבעריקע גליקן געווינט מען זיך אָפּ אין פּאַריז צו טראַכטן”.

אסתּר פּינקלס לעצטע ווערטער האָבן, דוכט זיך, געהאַט עפּעס אַ שייכות צו מירלען. קיינער האָט עס אויף געוויס נישט געוווּסט, נאָר אין דער שטילקייט, וואָס דורכאויס אַרום דעם ברענענדיקן לאָמפּ, האָט זיך שוין געדענקט עפּעס אַן אומעטיקע און שטילע מעשה; אַ מעשה מיט אַ פּאָר צוויי-וואָכעדיקן שבת-פּאַרנאַכט, ווען ביי ר' גדליהן אין שטוב זענען די מחותּנים מיטן חתן געווען, און ניגונים האָבן דאָרטן די אָפּאַטעגער חסידים ביים בין-השמשותדיקן שלוש-סעודות געזונגען. אין איין שורה האָבן דענסטמאָל די דריי מיידלעך אַרומגע-שפּאַצירט אַקעגן דער מערבדיקער הימל-שרפה, וואָס אַרויס דעם שטעטל. יעדע פון זיי האָט געדריקט אַ בענקענדיקער טרויער, און צו אַ באַשלוס זענען זיי דענסטמאָל וועגן מירלען געקומען:

„אַ מיידל. וואָס קען זיך איצט געפינען אין דער בין-השמשות-דיקער שטוב, ווו חסידים זינגען אַרום איר חתן, וואָס זי האָט אים

דערקענט דורך אַ שדכן... וועגן וועמען איז שוין דאָ, בעצם, פאַראַן צו טראַכטן?"

ערשט אַרום ניין אַזייגער אין אָוונט האָט זיך אַהער אומגעקערט דער אַקושערקעס גאַסט, דער העברעיִשער פּאָעט, הערץ. ער איז אין זיין טונקל-בלויען אנצוג געזעסן אויבנאָן און געקוקט אַראָפּ צו דעם גלאָז טיי. ס'האָט צוזאַמען מיט זיין פּנים געשמייכלט דער גרינער אָפּגלאַנץ, וואָס אין זיינע קליינע טיף-אַריינגעגראָבענע אויגן, און דערציילט האָט אָט דער שמייכל וועגן זיך אַליין:

„בין איך, הייסט עס, דווקא אַ קלוגער און גלויב אַזוי ווינציק אין סענטימענטאַליטעט און אַפילו אין אייגענעם טאַלאַנט. נאָר איצט זעט איר מיך גראָד, בשעת איך האָב געטאָן אַ נאַרעשקייט: פאָרנדיק קיין אויסלאַנד בין איך אַראָפּגעקומען צוגאַסט צו אַ גאַנץ פּשוט מיידל, וואָס אינטערעסירט מיך אפשר נאָך ווינציקער, ווי אייך".

די שטילקייט, וואָס אין חדר, איז מחמת זיין קומען געוואָרן שווער און דריקנדיק. די מיידלעך האָבן געשוויגן און דערפאַר אויס-געזען ערנסטער און לייטישער, ווי אין דער וואָר. און אסתּר פינקל איז שוין אויף די פיס געשטאַנען, זיך אָנגעטאָן און זיך געלאָזט גיין אַהיים. איר האָט נעכטן די אַקושערקע פאַרציילט, אַז הערץ האַלט שטאַרק נישט פון קורסיסטקעס, איז זי איצט ביים אַוועקגיין ברוגז געווען און האָט געדענקט:

זי אַליין קען דאָך שוין אויך אין פּאַריז עמעצן וועמען פון די יידישע און רוסישע פּאָעטן, קיינער פון יענע האַלט זיך נישט אַזוי גאַוודיק, ווי אָט דער וווּקסיקער פאַרשוין, וואָס מיט די קורצע און ליכטיקע קאָפּ-האָר.

דער העברעיִשער לערער איז שוין דערווייל צופיל וואַכנדיק און באַריידעוודיק געווען. ער האָט געהאַלטן אין דער מיט פון אַ וויכטיקן שמועס און האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין:

„פאַרוואָס זאָל זיך הערץ באַציען אַזוי קאַלט צו די אייגענע שירים, וואָס אין פאַרשידענע כרעסטאָמאַטיעס?"

הערץ האָט זיך לחלוטין צו זיינע רייד נישט צוגעהערט. ס'איז דערפאַר אויף אים, דעם לערער, אַ רחמנות געווען. נאָר ער האָט

עס נישט געפֿילט און געטענהט, אַז דאָס, וואָס ער דערציילט, איז אַ פֿאַקט:

„ער קען מאָרגן ברענגען אַהער צען־פֿופֿצן תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך, וואָס דעקלאַמירן אויסווייניק הערצס שיר עם עלות השחר".

הערץ האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש אין זיין גאַנצער הויכער וווּקס און האָט גענומען אַרומשפּאַנען איבערן חדר. דער גרינער אָפּ־גלאַנץ האָט שוין מער אין זיינע אויגן נישט געשמייכלט. ער האָט איצט געוואָלט עפּעס טאָן און נישט געקענט איבער שאַבאַדן מיט מירלען, וואָס אינטערעסירן אים נישט. ער האָט גענומען שעפּטשען דער אַקו־שערקע אויפֿן אויער און זי געבעטן, זי זאָל אים באַפֿרייען פֿון שאַבאַדן, וועלכער נודעט אים. דענסטמאָל איז מיט מירלען עפּעס געשען. עפּעס האָט זי פֿאַרדראָסן, האָט זי זיך מיטאַמאָל פֿון אָרט אויפֿגעהויבן און האָט דעם לערער שאַבאַד די רייד איבערגעשלאָגן:

„שאַבאַד איז נישט קיין בעלן צוזאַמען מיט איר באַלד אַהיים גיין?"

---

און אויסגעקומען איז דאָך סוף־כּל־סוף, אַז באַגלייט האָט זי אַהיים נישט דער לערער שאַבאַד, נאָר דער אַקושערקעס גאַסט הערץ, וועל־כער האָט נישט געהאַט וועגן וואָס מיט איר צו רעדן. אין דער פֿינצ־טערער לופֿט, וואָס אַרויס דעם פֿאַרפּסחדיקן שטעטל, איז געווען קיל און שטיל, און געקלונגען האָבן דערפֿאַר צופֿיל אין די אויערן די לעצטע ווערטער, וואָס מיט זיי האָט שאַבאַד זיך צו איר, מירלען, געווענדט:

„אָט דער חתן אירער... דער חתן, זאָגט מען, קען גאַנץ גוט העבֿרעיִש".

די פֿינצטער האָט געמעקט די לאַנגע איינגעטרעטענע סטעזשקע מיט מירלס בויגיקער פֿיגור, וואָס צו איר האָט זיך הערץ אַלעמאָל אומגעקוקט; אַ פֿיגור פֿון אַ פֿאַרמעגלעך מיידל אַ כּלה, וואָס איז ענג איינגעצויגן אינם שוואַרצן האַרבסט־רעקל, שווייגט, קוקט נישט צו אים און טראָגט מיט זיך דעם סוד פֿון איר אומבאַקאַנטן בת־יחידישן לעבן.

ער האָט צולעצט געפֿרעגט:

„בײַ איר באַדאַרף, דוכט זיך, זײַן אינגיכן חתונה?"

דענסטמאָל האָט זיך אין מירלען געשטאַרקט די אָנגעקליבענע געפאַלנקייט, און אויך אַזעלכע געפאַלענע געדאַנקען האָבן איר אָנגעהויבן אין קאָפּ צו קומען:

„די חתונה... מ'ווייסט נאָך נישט... ס'איז נאָך בכלל אַ ספק..."

זי האָט אָט די ווערטער נישט געוואָלט זאָגן, און זיך צו אים נישט אומגעקוקט. נאָר ער האָט אַ צווייטן מאָל זײַן שאלה איבערגעחזרט. האָט זיך אין איר מיטאַמאָל עפּעס אָנגעצונדן, און זי האָט געזאָגט עטוואָס אויפגערעגט און שווער:

„זי וויל אים עפּעס בעטן... ער קען איר געוויס טאָן אָט די קלײנע טובה און נאָך אַביסל שווײַגן; ס'איז שוין נישט ווײַט צו די ערשטע שטאָט־הײַזער, און זי וועט שוין באַלד קײן מורא נישט האָבן אַלײן צו גײן".

איצט איז אים שוין געוואָרן עפּעס נײַגעריק אין איר, און דער גרינגער אָפּגלאַנץ האָט שוין ווידער אין זײַנע אויגן געשמײכלט. ער האָט זי באַגלײט ווײַטער פון די ערשטע שטאָט־הײַזער, צוגעקומען גלײַך מיט איר ביזן גאַניק פון איר פאָטערס שטוב. נאָר זי האָט זיך שוין מער צו אים נישט אומגעקוקט. זי איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די אָפענע טירן פון פאָטערס גאַניק און אים נישט געזאָגט קײן „גוטע נאַכט".

---

אויף מאָרגן בײַטאָג האָט זיך מירל אומגעקערט פונם צווײטן שטאָט־ווינקל, וואָס בײַ דער פּאָסט, און האָט דאָרטן אײנעם אַלײן הערצן באַגעגנט. זײַן פּנים האָט זיך איר איצט שוין געדוכט באַקאַנט פון לאַנג. ער איז דאָרטן געשטאַנען בײַ דער זײַט פון וועג, געקוקט אויף אַן אָרעמער שטוב, ווו מ'האָט מצות געבאַקן, און זיך לאַנג צוגעהערט צו איר אינווײניקסטן טומל.

אַז ער האָט דערזען מירלען, האָבן בײַ אים די אויגן צו שמײכלען אָנגעהויבן. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

„ער האָט נעכטן אינאָוונט ווען איר געטראַכט און פיל מיט דער אַקושערקע גערעדט — אים געפעלט, וואָס זי האָט אים נעכטן געהײסן שווײַגן".

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען אַקעגן אים און האָט אים אָנגעקוקט: ער האָט מיט זײַנע ווערטער געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן, וואָס ווייסט שוין געוויס עפּעס מער פֿון אַן אַנדערן וועגן מענטשן און וועגן לעבן. יעדנפֿאַלס קלערט ער אַליין אַזוי און שרײַבט וועגן דעם ביכער. נאָר מיט איר, דעם כּלה־מיידל, וואָס ער האָט דאָ אין שטעטל באַגעגנט, קלערט ער אַפֿילו נישט וועגן דעם צו רעדן. דע־ריבער ווערטלט ער זיך שוין נאָר אויבערפֿלעכלעך און גרינג. ער דערפֿילט, ווי ס'ווירקן אויף אים אירע בלויע אויגן מיט זייער טרויער, טוט ער דערפֿאַר אַ שמייכל און חזרט נאָכאַמאָל איבער:

„ער מיינט עס ערנסט: אים געפֿעלט, וואָס זי האָט אים נעכטן געהייסן שווײַגן".

שפּאַנענדיק פּאַמעלעך אין איין שורה מיט אים, האָט זי גע־דענקט, אַז דאָס גייען איצט אַראָפּ צום מאַרק צו, ער, הערץ, וועמענס שירים מ'חזרט מיט די תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך אויף אויסווייניק, און זי, מירל הורוויץ, שמואליק זיידענאָווסקיס כּלה, וואָס אויף איר האָט שאַבאַד דער לערער נעכטן אינאָוונט פֿאַר הערצן אין די אויגן אָנ־געוויזן:

„אָט איז דער חתן אירער... דער חתן, זאָגט מען, קען גאַנץ גוט העברעיש".

זי האָט נישט געוואָלט, ער זאָל זיך פֿילן העכער פֿון איר, און גערעגערט האָט זי, וואָס ער דערמאָנט נאָכאַמאָל זײַן נעכטיקע שאלה און רעדט נאָך אַלץ מיטן פֿריערדיקן ווערטלדיקן טאָן. אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן און געהערט, ווי ער פֿאַרענטפֿערט זיך:

„ער האָט דאָך נעכטן מיט זײַן שאלה גאָרנישט געמיינט"...

און פּלוצים האָט זי אים די רייד איבערגעשלאָגן און גענומען דערציילן וועגן דעם, וואָס דאָ אין שטעטל איז פֿאַראַן איינער אַ פּראָ־וויזאָר סאַפּיאַן.

„ער האָט ליב שיינע ליטעראַטור, אָט דער סאַפּיאַן; ער האָט אויך געלייענט זײַן, הערצס, מעשהלע וועגן דער ,טויטער שטאָט' און האָט געזאָגט: דאָס בילד מיט דער ליאַלקע, האָט ער געזאָגט, איז צו אויבערפֿלעכלעך און צו גראָב און קיין פּאָעזיע איז דערין נישטאָ".

זיי זענען שוין געשטאַנען גאָר נאָענט ביים גאַניק פון ר׳ גדליהס שטוב. הערץ האָט זיך געשווינט אויף איר אומגעקוקט. זיין פנים איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן און שעמעוודיק צו שמייכלען אָנגעהויבן.

„הערט!״ האָט ער מיטן פריערדיקן שמייכל זיך ווערטלען גע־וואָלט אָנהייבן.

נאָר זי האָט אים שוין איר האַנט געהאַט אויסגעשטרעקט. זי האָט זיך מער צו אים נישט אומגעקוקט און איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּלעך פון איר פאָטערס גאַניק.

---

אַ שייגעצל פון דאָרף האָט איר נאָכדעם געבראַכט אַ צעטעלע, ווו ס׳זענען געווען אונטערגעשריבן די אַקושערקע מיט הערצן. מ׳האָט זי געבעטן, זי זאָל קומען אויף טיי. זי האָט דאָס שייגעצל אָפּגעשיקט אָן שום ענטפער און איז אַליין דעם גאַנצן טאָג געבליבן אינדערהיים, פאַרנאַכט האָט זי זיך אומגעקערט פון דער אָרטיקער צעלניק־קלייט, ווו זי האָט נישט געפונען דאָס מין סחורה, וואָס זי האָט באַדאַרפט. זי איז געגאַנגען איינע אַליין און האָט געזען, ווי ווייט, ווייט איבער די גווישע הייזער רויטלט זיך אַ גאַנצע זייט פון הימל, און ווי מיטן וועג, וואָס ציט זיך פון אונטער אָט דער רויטקייט אין שטעטל אַריין, קומען אָן די אַקושערקע מיט הערצן. זי האָט נישט געוואָלט וועגן זיי טראַכטן. איז זי נאָכדעם לאַנג געלעגן ביי זיך אין חדר און אין זינען געהאַט זיך מיט די תּנאים, וואָס זי באַדאַרף מבטל זיין:

„ווי אַרום וואָלט זי, למשל, נאָך ביז פּסח געקענט צו אָט די תּנאים אַן עק מאַכן?״

צו איר אין חדר איז דאָך אין אַ ווײַלע אַרום די אַקושערקע אַריינ־געקומען און געפרעגט:

„מירל איז נישט אַ בעלן צו גיין אַביסל שפּאַצירן?״

די אַקושערקע האָט צופיל געשמייכלט, צי דערפאַר, וואָס אין דרויסן האָט אויף איר הערץ געוואַרט, צי דערפאַר, וואָס ער האָט איר דאָרטן געטאָן אין טויט אַריין, זי זאָל אַריינגיין און זאָל רופן מירלען. זי האָט זיך דאָ נאָך אין אַ נאַרעשער לאַגע דערפילט דערפאַר, וואָס מירל האָט געענטפערט קאַלט, אַז זי וויל נישט גיין, זיך אויף

אַ ווײַלע דאָ פֿאַרהאַלטן און געגומען פּלאַפּלען וועגן זיך און וועגן הערצן, וועלכער האָט זיך בײַטאָג פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט און האָט שמייכלענדיק וועגן איר, מירלען, געזאָגט:

„ער בענקט נאָך איר... וויאַזוי רופֿט מען זי? נאָך דער ,קליינ־שטעטלדיקער טראַגעדיע׳ בענקט ער".

מירל איז געווען עטוואָס בלאַס; זי האָט ווי דערשטוינט אויף דער אַקושערקע געקוקט און איר גאָרנישט נישט געזאָגט, נאָר נאָכ־דעם, ווען די אַקושערקע איז שוין דאָ נישט געווען, האָט זי נאָך לאַנג געדענקט אים, דעם העבּרעישן פּאָעט הערצן, און געקלונגען האָט נאָך אַלץ אין די אויערן דאָס וואָרט, וואָס ער האָט וועגן איר געזאָגט:

„אַ קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע".

זי האָט נישט געוווּסט, אין וואָס שטעקט די באַליידיקונג מיטן פֿאַרדראָס, וואָס זי פֿילט: צי אין דעם, וואָס פֿאַר אים, הערצן, האָט כּלומרשט נישט געפּאַסט איר נאָמען צו געדענקען, צי אינם וואָרט גופֿא, וואָס ער האָט וועגן איר געזאָגט:

„אַ קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע".

זי האָט געטראַכט, אַז ער מיטן וואָרט זײַנעם גייען זי נישט אָן, זיך געוואָלט דערמיט גרינגער מאַכן און באַשלאָסן וועגן אים, הערצן:

„סײַ־ווי־סײַ איז די גאַנצע מעשה אַ נאַרעשע. און זי, מירל... זי האָט עפּעס אַנדערש אין זינען און וועט שוין געוויס מער זײַן פּנים נישט אָנקוקן".

---

האָט זיך אָבער הערץ אויף מאָרגן צופֿיל איבערן שטעטל געדרייט און איז עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פֿאַרבײַ ר׳ גדליה הורוויצעס גאַניק. מירל האָט געזען דורכן פֿענצטער, ווי פֿאַרבײַגייענ־דיק דרייט ער אַלעמאָל דעם קאָפּ אַהער צו דער שטוב. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען צוליב וואָס ער טוט עס. איינמאָל האָט זי אַפֿילו מיט די אַקסלען אַ צי געטאָן און זיך געוווּנדערט:

„וואָס ער וויל?"

פֿאַרנאַכט האָט זי זיך דאָך אין שאַל אײַנגעהילט און איז אויפֿן

גאַניק אַרויסגעגאַנגען, גלאַט־אַזוי האָט זי עס געטאָן. און ער האָט זי פונדערווייט דערזען און איז מיט אַן ערנסט פּנים צום גאַניק צוגעגאַנגען:

„איצט מוז ער מיט איר אַ פּאָר ווערטער רעדן. נישט מער ווי אַ פּאָר ווערטער. זי קען זיך אָנטאָן און מיט אים אַביסל גיין?"

זי האָט געפילט, אַז עס איז נאַרעש, אָט דאָס, וואָס זי גיט נאָך, גייט אַריין אין שטוב, טוט זיך אָן און לאָזט זיך מיט אים גיין איבערן שטעטל.

„יעדנפאַלס האָט דאָס געפּאַסט פאַר אַ זיבעצן־יאָריק מיידעלע, נישט פאַר איר, מירלען, וואָס האָט עפּעס אַנדערש אין זינען".

אַ ווײַלע זענען זיי אַזוי איבערן שטעטל געגאַנגען, געשוויגן און איינער צום צווייטן נישט געקוקט. און אויסגעקומען איז דאָך אַזוי, אַז זי, מירל, האָט די ערשטע צו ריידן אָנגעהויבן. זי האָט צו אים איר אויפגערעגט פּנים אויסגעדרייט.

„אַ קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע, דוכט זיך, אַזוי האָט ער וועגן איר נעכטן געזאָגט?"

הערץ איז שעמעוודיק רויט געוואָרן, און אין זיינע אויגן האָט ווידער דער גרינער אָפּגלאַנץ צו שמייכלען אָנגעהויבן. אין זיין קול האָט זיך שוין נאָכאַמאָל געהערט דער נעכטיקער ווערטלדיקער טאָן:

„באַדאַרף דאָך מירל וויסן, וואָס ער האָט מיט דעם געמיינט..."

מירל איז בלאַס געוואָרן און האָט אויף אים אַ קוק געטאָן: ניין. אָט דער מענטש איז געווען פאַרסמט מיט די ווערטלעך פון דער אַקושערקע און פון איר אַלטער באָבען. האַלטן האָט מען אים באַדאַרפט שטייף אין די הענט, אַנדערש האָט ער געקענט די גאַנצע צייט לצנות מאַכן פון זיך, כּדי כאָטש איין רגע לצנות מאַכן פון יענעם.

„ער, הערץ אַליין... ער איז דאָך אויך נישט מער ווי אַ קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע".

זי האָט מער נישט געוואָלט הערן, וואָס ער זאָגט, און אים איבערגעשלאָגן:

„הערץ! ווי רופט מען אייך? איר זענט נישט אַ בעלן זיך באַקענען מיט אייער קריטיקער?"

און נישט אומקוקנדיק זיך מער צו אים, האָט זי גענומען רופן דעם פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן, וואָס זי האָט אים פונדערווייטנס דערזען.

---

זונטאָג בייטאָג, אַ טאָג פאַר ערב־פּסח, איז מירל איבער דעם ערב־יום־טובדיקן גערודער אויף לאַנג פון שטוב אַוועקגעגאַנגען און האָט עטלעכע שעה אַרומגעשפּאַצירט ערגעץ ווייט אַרויס דעם שטעטל. פאַר־נאַכט, ווען זי האָט זיך אַהיים אומגעקערט, האָט מען איר אין שטוב דערציילט:

הערץ איז אין אַ משך פון צוויי שעה ביי איר אין חדר געזעסן און האָט אויף איר געוואַרט.

אויפן טואַלעט־טישל איז געלעגן זיינס אַ צעטל:

„ער פאָרט היינט אַוועק. אַ שאָדן, וואָס ער האָט זי נישט געטראָפן און זיך אויף איר נישט געקענט דערוואַרטן. אויב ער וועט נאָכאַמאָל אַהער אין שטעטל קומען, וועט דאָס זיין אויסשליסלעך צוליב איר, מירלען".

פון אונטן איז געווען אָנגעצייכנט זיין אַדרעס.

ער האָט, הייסט עס, אַפילו אָט דאָס צעטעלע שוין אויך פאַרענ־דיקט מיט אַ ווערטל — מיט אַ ווערטל, וואָס האָט צוויי פּנימער און קען אַמאָל איבערגיין אין אַן אמת.

„אויב ער וועט נאָכאַמאָל אַהער אין שטעטל קומען, וועט דאָס זיין אויסשליסלעך צוליב איר, מירלען".

נישט קלערנדיק מער וועגן דעם, וואָס זי טוט, האָט זי זיך צוריק אָנגעטאָן, אַוועקגעגאַנגען צו דער אַקושערקע שאַץ און זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר, וואָס איז פון דרויסן געווען גע־שלאָסן.

„איז ער שוין, הייסט עס, אַוועקגעפאָרן, הערץ?"

און נאָכדעם איז זי אין דער פינצטער פון תחילת נאַכט איינע אַליין צוריק אַהיים געגאַנגען און האָט שוין געפילט די פּוסטקייט פון די טעג, וואָס וועלן זיך ווידער אַמאָל צו ציען אָנהייבן:

„איז ער שוין, הייסט עס, אַוועקגעפאָרן, הערץ".

און נאָכדעם איז שוין דאָ אין שטעטל נישט געווען מער, מיט

וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, און די נאַכט פון בדיקת־חמץ האָט זיך געדרוקט אויף די טונקל־באַלויכטענע הייזער. און געדענקט האָט זיך ער, הערץ, וואָס טראָגט זיך שוין מיטן צוג ערגעץ וווהין צו דער גרענעץ צו:

„אָט, ווען ער זאָל זיך נאָך דאָ געפינען... ווען זי באַגעגנט אים, למשל, איצט אומקערנדיק זיך אַהיים..."

אינגאַנצן גוט וואָלט איר דערפון געוויס נישט געוואָרן, אָבער דער אומעט וואָלט שוין אפשר אויך נישט געווען אַזוי גרויס. ער, הערץ, האָט געוויס געהאַט ביד זי צו פאַרשטיין און איר דערמיט עט־וואָס גרינגער מאַכן. נאָר אים איז דאָס לחלוטין נישט געגאַנגען אין לעבן, און געזאָגט האָט ער וועגן איר אַ ווערטל:

„אַ קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע, האָט ער וועגן איר געזאָגט".

אינגאַנצן די מעשה איז שוין אפשר קינדעריש, נאָר דאָך פאַר־דריסט: ער האָט זי געקענט פאַרשטיין, נאָר ער האָט נישט געוואָלט און האָט זיך געווערטלט —

„באַדאַרף זי דאָך וויסן, וואָס ער האָט מיט דעם געמיינט"...

אַ ווײַלע איז זי בײַ זיך אין פינצטערן חדר געלעגן און האָט וועגן דעם געטראַכט. צולעצט האָט זי זיך אויפגעהויבן, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך געזעצט צו אים אַ בריוו אָנשרײַבן:

„די קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע האָט פיינט מענטשן, וואָס ווערטלען זיך. וואַרפט אָט די ווערטלעך אויף אַ ווײַלע אַוועק און הערט אויס: בײַ מיר באַדאַרף זיין חתונה אין אַכט וואָכן אַרום".

אין שטוב איז געווען שטיל און קיל, דערפאַר וואָס מ'האָט אַ גאַנצן טאָג די פענצטער געהאַלטן אָפן, און אינדרויסן האָט גע־הירזשעט לעבן אַ קלייט עמעצנס אַ צוגעבונדענער רייט־פערד. אין אייניקע פון די אַרומיקע, אויף פסח צוגעקליבענע חדרים איז געווען פינצטער, כדי קיינער זאָל אין זיי קיין חמץ נישט פאַרטראָגן. ס'האָט זיך געהערט, ווי מיט אַ ליכט אין האַנט שפּאַנט איבער זיי אַרום ר' גדליה און איז בודק חמץ, האַלט נאָך דער ברכה און ער רעדט צו גיטעלען אויף לשון־קודש עפּעס וועגן אַ פעלדערוויש און וועגן ברעק־לעך. ערגעץ ווייט אין עסצימער האָט זיך צוליב עפּעס געהייצט אין

דער הרובע, און געהערט האָט זיך אַהער, ווי ס'קלאַפּט דאָרטן דאָס אינגוויייניקסטע טשוגונענע טירל, רירט זיך איבערן פּלאַם און ציט זיך געשווינט אַהין און צוריק:

„פּאַכ — פּאַכ — פּאַכ... פּאַכ — פּאַכ — פּאַכ... פּאַכ — פּאַכ — פּאַכ..."

מירל האָט זיך פֿאַרטראַכט, האַלטנדיק די פּען אין האַנט און זיך פֿאַרקוקט אין פּלאַם פֿון לאָמפּ.

„מעגלעך, אַז איר וועט שוין קיין כּוח נישט בלייבן אָט די חתונה נישט צו דערלאָזן".

קיין כּוח וועט איר נישט בלייבן, נישט דערפֿאַר וואָס זי באַדאַרף אָט די חתונה, און נישט דערפֿאַר, וואָס עמעצער אַן אַנדערער באַדאַרף זי, נאָר דערפֿאַר, וואָס איר איז שוין אַלץ איינס, און זי פֿילט שוין אַ שטאַרקן עקל יעדעס מאָל, וואָס זי טראַכט מבֿטל זיין אָט די צווייטע תּנאָים אירע.

און דאָך, פֿון צייט צו צייט פֿילט זי נאָך אַזאַ שטאַרקע בענק־שאַפֿט נאָך ליבע, ליגט זי דאָ ביי זיך אויפֿן בעט און טראַכט:

„מענטשן לעבן דערוויל, דענסטמאָל ווען זי ליגט דאָ איינע אַליין אָן אַ זייט. זי זעט פֿונדערווייט, ווי זיי לעבן".

זיי ווייסן שוין, דוכט זיך, פֿון אַזאַ לאַנגער צייט, אַז ליבע איז נישט דער עיקר. יעדערער פֿאַר זיך ווייסט דאָס, און זאָגן נישט אויס. און דאָך, דער עיקר אַליין, ווו איז ער? אפֿשר איז פּאָרט פֿאַראַן אַזאַ ווינקל אין לעבן, ווו מ'קען וועגן אים אַ פּאָר ווערטער הערן?

ווען זי האָט שרייבן געענדיקט, איז שוין געוועזן אַרום צען אַזייגער אין אָוונט. זי האָט דעם אָנגעשריבענעם בריוו אין די הענט גענומען, אים נאָכאַמאָל איבערגעלייענט, זיך אַ פּאָר מאָל איבערן חדר אַדורכגעגאַנגען, זיך נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט ביים טיש, ווידער גענומען דעם בריוו אין די הענט און אים פֿאַרטראַכטערהייט צעריסן אויף פֿיל קליינע שטיקלעך:

„ס'אַר אַ נאַרישער בריוו! און בכּלל, וואָס קער זי זיך אָן מיט הערצן, זי זאָל אים בריוו שרייבן?"

צעטראָגענערהייט האָט זי דערזען אויפֿן טואַלעט־טישל די עטלעכע בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען פֿון שמואליקן, ווען זי איז אינדערהיים נישט געווען. פֿיר שטיק זענען זיי געווען. און אַלע — געפּאַקטע און

אויף איר נאָמען געשריבענע, זי האָט איינעם פון זיי געעפנט און געזען:

ער איז געשריבן די ערשטע האַלב העברעיש, די צווייטע האַלב יידיש, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אהובת נפשי" און ענדיקט זיך מיט צוויי ליידיקע געפינטלטע שורות.

זי האָט די בריוו פאַרחתמעטערהייט דאָ אויפן טואַלעט־טישל גע־לאָזט און זיך געלאָזט אין עסצימער גיין. דאָרטן האָט זי געטראָפן דעם קאַסיר ביים טיש זיצן און אים געזאָגט פאַר ר' גדליהן און גיטעלען אין די אויגן:

„וואָס האָט זי אים געוואָלט בעטן? דאָ זענען איר עטלעכע בריוו פון שמואליקן אָנגעקומען, זאָל ער אַזוי גוט זיין און שמואליקן ענט־פערן: זי, מירל, האָט נישט ליב קיין בריוו צו שרייבן, און בכלל... זי בעט אים בכלל, ער זאָל איר מער אַזויפיל פּאַקעטן נישט שיקן".

## XII

אויף די אַנדערע טעג פסח איז אַראָפּגעקומען שמואליק.

אַראָפּגעקומען איז ער פּלוצים, כמעט ווי אומגעבעטן, געגאַנגען מיט ר' גדליהן דאַוונען אין דער סאַדעגערער קלויז און זיך שוין גע־פילט אין שטוב היימיש און גוט, ווי אַ נייער איידעם, וואָס עסט דעם ערשטן חודש קעסט.

אין שטעטל האָט מען אים פאַר אַ שיינעם געהאַלטן. יום־טובדיקע ווייבער האָבן וועגן אים געשמועסט:

„ער איז דאָך אַזאַ גוטער.. ער האָט פּשוט קיין גאַל נישט".

און מירל האָט געטראַכט, אַז ער דערוועקט שוין אין איר נישט אַפילו קיין יצר־הרע־געפילן, און געקוקט האָט זי שוין אויף אים גלייכ־גילטיק און גלאַט אַזוי. זיין היפּש פּנים איז איצט געווען באַקאַנטער און געלער, ווי פריער, דאָס קליינע, צאַרטע און גלייך אַרומגעשוירענע בערדל — רויטער, די וואָנצעס — שיטערער און לענגער, און די פּולבלעכע נאָז — מיאוסער דערמיט, וואָס זי צעשפּרייט זיך נאַריש ביי די נאָז־לעכער, און מיטן קוים־קוים מערקזאַמען שמאָר, וואָס איז איר, דער נאָז, אויף אייביק פון די קינדער־יאָרן פאַרבליבן.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער רעדט שלעכט רוסיש און וויל דווקא אויף דער שפּראַך מיט דער אַקושערקע שאַץ רעדן; אַז ער האַלט פון שלאָפן בייטאָג און האָט ליב צו דערציילן לאַנגע, אומאינטערעסאַנטע וועלט־מעשיות, וואָס פון זיי באַשלאָגט גיך דעם צווייטן מיט אַ קאַלטן שווייס.

איינמאָל האָט ער אין זאַל אַזאַ מין לאַנגע מעשה דאָס צווייטע מאָל דער אַקושערקע דערציילט. פּלוצים האָט ער באַמערקט אויף איר פּנים עפּעס אַ באַהאַלטענעם איבערפלי־שמייכל, פאַרפלאָנטערט זיך און נישט געוווסט, מיט וואָס די מעשה צו ענדיקן. מירל איז דאָרטן ביי דער זייט געזעסן און האָט געפילט אַן עקל צו אים, צו זיין איבערפלעכלעכער נשמה און צו דער לאַנגער אומאינטערעסאַנטער מעשה, וואָס ער דערציילט זי שוין דאָס צווייטע מאָל, זי האָט נישט געוואָלט וועגן דעם טראַכטן און זיך אָנגעהויבן דערפרעגן ביי דער אַקושערקע וועגן הערצן:

„ווי קלערט די אַקושערקע: ער וועט שוין טאַקע אַהער מער נישט אַראָפּקומען, הערץ?"

נאָר שמואליק האָט די ליטעראַריש־באַקאַנטע פאַמיליע דערהערט און זיך אין שמועס אַריינגעמישט:

„יאָ, ער האָט געלייענט זיינע ביכער; ער קען אַפילו זיינעם אַ געשוועסטער־קינד, אַן אַפּיקורס אַ רבֿ".

מירל איז פון זיין אַריינמישן זיך געוואָרן אונטערגעצונדן. ס׳האָט זיך געוואָלט אים זאָגן, אַז ער דערציילט אַ ליגן; אַז ער פאַרשטייט נישט דאָס, וואָס ער האָט געלייענט. אָבער זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן, אָפּגעטראָטן מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס צום פענצטער און איז דאָרטן געשטאַנען, ביז זי האָט זיך באַרויקט.

זי האָט געטראַכט:

„וועלוול בורנעס — ער איז געוויס מער פאַרגרעבט פון אים, שמואליקן, נאָר דאָך... קיין עקל רופט ער יעדנפאַלס נישט אַרויס".

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען שמואליק האָט זיך איר איינמאָל איבערן שטעטל נאָכגעשלעפּט, האָט זי דערזען פאַר אברהם־משה בורנעסעס שטוב וועלוולס וואַרטנדיקע פור. זי האָט זיך צוגעשטעלט און, נישט קוקנדיק צו שמואליקן, געזאָגט:

„ער איז איצט דאָ אין שטעטל, דער געוועזענער חתן אירער? ווען ער האָט נישט אַזעלכע נמאסע טאַטע-מאַמע, וואָלט זי איצט מיט גרויס פאַרגעניגן צו אים אַריינגעגאַנגען".

און ס׳איז געווען אַזוי פאַרדראָסיק.

אים, שמואליקן, האָט עס לחלוטין נישט אָנגערירט — אַזאַ וואַסערדיקער איז ער שוין געווען, און אַזאַ איבערפלאַך-קאַלטע נשמה איז שוין אין אים געזעסן. געבנדיק אַ קליינעם שמאָר מיט דער נאָז, האָט ער באַלד ווייטער גענומען דערציילן, וויאַזוי זיי, ער מיט מירלען, וועלן וווינען נישט צוזאַמען מיטן פאָטער אין דער גרויסער אַלטער שטוב, זיי וועלן וווינען אינם קליינעם, נישט-לאַנג אויסגעמויערטן פליגל, וואָס שטייט אין עק סאָד און גייט אַרויס מיט די פאָרנטיקע פענצטער צו דער שטילער גאַס פון פאָרשטאָט.

רעדנדיק האָט ער זיך שוין געפילט מיט איר שטאַרק היימיש און זי אונטער דער האַנט אָנגענומען. נאָר זי האָט, נישט קוקנדיק צו אים, זיך באַפרייט, זיך עטוואָס אָפגערוקט און באַקומען אַ שטרענג פנים.

„זי האָט פיינט, אַז מ׳האַלט זי אונטער דער האַנט... פון תמיד אָן האָט זי עס פיינט, און האָט אים שוין עטלעכע מאָל וועגן דעם געזאָגט".

זי האָט געשוויגן דעם גאַנצן וועג און צו אים נישט געקוקט.

אינדערהיים האָט זי זיך דערמאָנט, אַז שמואליק וועט שוין געוויס אינגיכן אַוועקפאָרן, און האָט דערפילט, ווי ס׳ווערט איר מיטאַמאָל גרינגער אין מוח און אין האַרצן. זי איז נאָכדעם געשטאַנען אין דער תחילת-נאַכטיקער פינצטער, וואָס ביי איר אין חדר, געקוקט אינם טונקעלן פענצטער און געטראַכט וועגן דעם:

„ר׳ גדליה וועט שוין אויך געוויס אויף גאַנצע וואָכן אינם נייעם קאַשפעריוקער וואַלד אַוועקפאָרן".

אין שטוב אַריין וועט זיך צוריק די פאַרפסחדיקע שטילקייט אומקערן; און זי, מירל...

„זי וועט דאָ שוין ווידער קענען בלייבן איינע אַליין... יעדנפאַלס באָטש איינע אַליין".

---

ס׳איז שוין געווען ממש אַ הייסער זומערדיקער פרימאָרגן, און אַ צעגליטע מזרחדיקע זון האָט פון כאור אָן אַקעגן די פּאַרנטיקע אָפענע פענצטער געשווינדלט, הייס געמאַכט די שויבן מיט די שאַלאָוואניעס און געשפּילט מיט איר שיין אויף די פּאָדלאָגעס און אויף די ווענט.

ביי ר׳ גדליהן אין שטוב איז מען דענסטמאָל פריער ווי אַלעמאָל אויפגעשטאַנען און געגרייט שמואליקן אין וועג. צו מירלען אין פינצטערן חדר האָט זיך געהערט, ווי אין עסצימער טרינקט מען טיי מיט מילך, ווי גיטעלע פרעגט דאָרטן ביי שמואליקן, וווהין זי זאָל אים דאָס פוטער־געבעקס אַריינלייגן, ווי ס׳קומט אַהין אַריין פאַרן דאַוונען אברהמל דער רב און זאָגט וועגן שמואליקן אויפן קול:

„אַפילו, אַז ער וועט אַרויספאָרן צוועלף אַזייגער, וועט ער דאָך אויך צום צוג אָנקומען״.

אין הויף האָט מען געוואַשן די בריטשקע, פאַרוואָרפן די פערד האָבער און באַשטעלט אַ געדונגענעם בעל־עגלה, וואָס מיט אים האָט ר׳ גדליה באַלד נאָך שמואליקן געזאָלט אין קאַשפעריוזקער וואַלד אַוועקפאָרן.

ווען מירל איז אויפגעשטאַנען, איז שוין געווען שפּעט, אַרום צען אַזייגער. אַ גאַנצע האַלבע זייט שטוב איז שוין מיטן קורצן פּאַרנטיקן שאָטן פאַרכאַפּט געווען, אַ ווינטל, אַ קוים־קוים בלאָזנדיקער, האָט אַהין דורך די אָפענע פענצטער אַריינגעדרונגען און שוואַך מיט די לאַנגע פאַרהאַנגען גערודערט.

מירל האָט אָפּגעטרונקען טיי אין עסצימער ביים טיש, ווו ס׳זענען געזעסן ר׳ גדליה מיט אברהמל דעם רב. שמואליק האָט זיך דאָרטן לאַנג אין די תפילין אַרומגעדרייט. ער האָט געדענקט, אַז אין משך פון די לעצטע צוויי טעג האָט מירל צו אים קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, זיך געפילט שלעכט און באַליידיקט, געקוקט, ווי זיינע פיס שפּאַנען איבער דער פּאָדלאָגע. סך־הכל איינמאָל האָט ער אין אַלכסון צו איר די אויגן אויסגעדרייט און האָט געזען: זי קוקט נישט צו אים, נאָר צום בכבודיקן מעכאַניק, דעם דייטש, און הערט, ווי ר׳ גדליה זאָגט צום קאַסיר:

„דרינגט ער אַז די זעג-מאַשין איז גלייכער אַוועקצושטעלן ביים קליינעם יאַר, דאָרטן... נאָך דעם זעקס-און-אַכציקסטן דעסיאַטין".

---

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין אָן די תּפילין צו איר אין חדר אַרײַנגעקומען און זי דאָרטן געטראָפן אײנע אַליין ביים אָפענעם פענצטער.

זי איז געשטאַנען צו אים מיט די פּלײצעס און זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט באַלד באַקומען אַ פולן מוח מיט פוסטקייט. זיין פּנים איז געוואָרן געלער פון רגע צו רגע. ער האָט אויף עפּעס געוואַרט.

פלוצים האָט זיך מירל צו אים אויסגעדרייט און האָט גענומען פאַר אַ בײַשפּיל די לעצטע צוויי טעג:

„אַט אַזעלכע טעג קען ער האָבן פון איר פיל, פיל... ער וועט זיך פילן מיט איר אומגליקלעך אַלע זײַנע יאָרן".

און וואָס נאָך? זי, מירל, האָט אים נישט ליב און קען מיט אים נישט חתונה האָבן... זי פאַרשטייט בכלל נישט, נאָך וואָס באַדאַרף ער זי. ער קען נאָך געוויס טאָן מיט זיך אַ גוטן שידוך. זי ווייסט נישט קלאָר, וואָס פאַר אַ פרוי ער וויל. נאָר אָט זענען, למשל, דאָ אין שטעטל בורנעסעס צוויי מיידלעך פאַראַן:

„ווּעמען פון זיי ער וואָלט נישט נעמען, וואָלט אים שוין געוויס בעסער געווען, ווי מיט איר, מירלען".

ווען זי האָט זיך נאָך אַ היפּשער פויזע נאָכאַמאָל צו אים אויסגעדרייט, זענען שוין ביי אים אין די אויגן געשטאַנען טרערן. צוויי טראָפּנס זענען פּאַמעלעך פון זיי אַרויסגערונען און זיך פּאַמעלעך אַיבער דער נאָז געשלעפּט און די נאָז האָט זיי דערפילט און געענטפערט אויף זייער נאָסן קריכן מיט אַ שטילן שמאָר אַרויף.

מירלען איז מיטאַמאָל גרינג און פריי געוואָרן, און אַ מחשבה איז ביי איר געשווינט וועגן זיין וויינען אַדורכגעלאָפן:

„הייסט עס, אַז ער האָט שוין ביי זיך געפועלט..."

זי האָט אויף זיך באַלד דעם שוואַרצן שאַרף אַרויפגעוואָרפן, זיך געלאָזט אַוועקגיין און פון דער טיר צום לעצטן מאָל אויף אים אַ קוק געטאָן:

„הייסט עס, אַז זיי גייען זיך פונאַנדער... זי ווינשט אים אַלץ בעסטע און וויל אים צום לעצט בעטן איין זאַך: זאָל ער דאָ אין שטוב קיין רעש נישט אָנמאַכן און זיך ביזן סוף פירן אַזוי, גלײַך ער איז נאָך איר חתן. קיינעם, בעט זי אים, זאָל ער איצט דאָ אין שטוב וועגן דעם נישט זאָגן. אירע פּאָטער און מוטער באַדאַרפן עס געוואָר ווערן שפּעטער, ווען ער, שמואליק, וועט שוין דאָ נישט זיין... זי אַליין האַלט אים געוויס פאַר אַ לײַטישן מענטש און גלויבט, אַז ער וועט עס פון אירעט־וועגן טאָן".

אומבאַמערקט פאַר אַלע שטוב־מענטשן האָט זי זיך דורך דער הינטערשטער קיך־טיר אינדרויסן אַרויסגערוקט און איז אַוועקגעגאַנגען צו דער אַקושערקע שאַץ.

זי האָט דאָרטן מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט, די צייט פון פאָרן צום צוג זאָל איבערגיין. געלעגן ביי דער אַקושערקע אין בעט און געטראַכט:

„איז שוין, הייסט עס, אַן עק... זי איז סוף־כּל־סוף פּטור געוואָרן פון אים, שמואליקן, און פון די תּנאָים, וואָס האָבן זי צו אים צוגעבונדן".

## XIII

ווען מירל האָט זיך פון דער אַקושערקע אַהיים אומגעקערט, איז שוין געווען אַרום דריי אַזייגער בייטאָג. קורצע טונקעלע שאָטנס זענען דורכאויס לעבן די הייזער געלעגן און האָבן צוזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל געצויגן די לאַנגווײַליקייט פונם נודנעם און הייסן טאָג.

אַרום און אַרום ר׳ גדליה הורוויצעס שטוב איז געווען אַזוי שטיל און רויק. אַ חזיר האָט געדרימלט הינטער איר אינם בלאָטיקן גרוב, וווהין מ׳האָט דאָס קיך־וואַסער געגאָסן, און די טיר פון פאָרנטיקן גאַניק איז געווען געשלאָסן פון אינווייניק, ווי אום שבת. מ׳איז דאָרטן, אַפּנים, געשלאָפן בייטאָג.

מירל איז אַרײַנגעקומען אין הויף און האָט זיך אַרומגעקוקט. די בריטשקע, וואָס שטייט תּמיד אונטערן קליינעם שוץ־דעכל, איז שוין דאָרטן נישטאָ, די שטאַל איז אויך געשלאָסן און ליידיק.

„הייסט עס, אַז די פּור האָט טאַקע שמואליקן צו דער באַן אָפּ־געפירט, ר׳ גדליה איז שוין אויך אין קאַשפּעריוּוקער וואַלד אַוועקגע־פאָרן, און קיינער איז אין שטוב, אַחוץ גיטעלען, נישטאָ. איר, מירלען, ווילט זיך שוין איצט אַזוי אַהין, אין אַט דער שטילער שטוב, ווו ס׳איז קיינער נישטאָ״.

אין דער קיל, וואָס ביי איר אין חדר, וועט זי לאַנג ליגן אויף איין אָרט, און וועט דאָרטן אינדערשטיל טראַכטן וועגן זיך און וועגן דעם, וואָס זי איז שוין צוריק פריי, און אין איר לעבן קען נאָך עפּעס געשען.

אָבער נאָך אין עסצימער האָט זי שוין איר טעות באַמערקט און מיטאַמאָל פאַרגעסן, וואָס זי האָט פריער מיט אַ רגע געטראַכט.

די שטוב איז געווען פול מיט סודות און מיט איבערגעשראָקענעם טומל, וואָס מ׳האָט פאַרבאָרגן פון דער שטאָט און פון די מענטשן, וואָס זענען געוווינט אַהער אַריינצוקומען.

מ׳האָט זי גערופן אין דעם פאַרמאַכטן זאַל, ווו מ׳איז געזעסן אַרום דעם פאַרוויינטן און דערשלאָגענעם שמואליקן און אים צופיל געבעטן, ער זאָל אויסטרינקען זיין קאַלט גלאָז טיי. איבעררעדן האָט מען דאָרטן מיט איר געוואָלט פאַר שמואליקן אין די אויגן, און אַ פּאָר לייטישע שאלות זענען שוין פאַר איר אָנגעגרייט געווען. נאָר זי האָט אַהין נישט געוואָלט גיין. זי האָט זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין חדר, זיך דאָרטן געפילט שטאַרק געדריקט און שלעכט און גע־טראַכט:

„אייגנטלעך איז זי, מירל, געווען אַזוי נאַריש און קינדעריש־נאַיוו... ווי האָט זי אַפילו געקאָנט קלערן, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן אַזוי גיך און אַזוי גרינג?...״

מ׳האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן עצות אין דעם פאַרמאַכטן זאַל, פונוואַנען שמואליק איז זעלטן אַרויסגעגאַנגען.

אברהמל דעם רב האָט מען אין מיט די עצות אַריינגעמישט, דעם קאַסיר האָט מען פון שטוב נישט אַרויסגעלאָזט, און אַרויסגערופן האָט מען מיט אַ דעפּעש יענעם גוטן־פריינט פון זיידענאָוואָסקיס הויז־געזינט, וועלכער איז אַהער פאָריקן ווינטער צוגעשיקט געוואָרן.

אין אָוונט איז ר׳ גדליה צו מירלען אין חדר אַריינגעקומען און האָט בײַ איר געפרעגט:

„וואָס וויל זי? זי קען זאָגן, וואָס זי וויל?"

מירל האָט געהאַט אַן ערנסט פּנים. זי האָט געענטפערט ברוגז און קאַלט:

„זי וויל גאָרנישט... זי וויל, מ׳זאָל זי לאָזן צורו".

ר׳ גדליה האָט זיך אומגעקערט צו דער טיר, וואָס פירט אין זאַל אַריין, און האָט געזאָגט וועגן שמואליקן שטיל, גלייך ער וואָלט מורא האָבן, עמעצער זאָל אונטערהערן:

„יענער וויל אַרויסרופן אַהער די עלטערן זיינע... ס׳איז פּשוט אַ בזיון פאַר דער שטאָט".

און נאָך:

„אפשר מיינט זי, אַז די געשעפטן זיינע האָבן שוין גליקלעך צו גיין אָנגעהויבן? אפשר קלערט זי, אַז די פּופציק פּראָצענט, וואָס ער האָט אין קאַספּעריוקער וואַלד, וועלן אים קלעקן מער, ווי אויף אויסצוצאָלן די חובות און אָפּצולעבן מיט גרויס חשבון אַ פּאָר שטילע יאָר?"

ער איז דאָ אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט געטראַכט וועגן זיינע לעצטע ווערטער.

ער זאָגט איר נאָכאַמאָל: זיי, ער מיט גיטעלען, נעמען פון זיך אַראָפּ די אחריות... זאָל זי טאָן, ווי זי פאַרשטייט.

ס׳איז געוועזן קלאָר: זיי, די פאָטער-און-מוטער אירע, האָבן שוין געטאָן צוליב איר אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט. איצט מאַכן זיי זי באַלעבאָס אויף זיך אַליין און זאָגן:

„טו, וואָס דו ווילסט".

איר איז נאָך ר׳ גדליהס אַוועקגיין געוואָרן נאָך שווערער, ווי פריער, און שרעקן האָט זי אָנגעהויבן איר קומענדיקע איינ־זאַמקייט:

„זיי, ר׳ גדליה מיט גיטעלען, וועלן זיין די עדות פון אָט דעם אומענדלעכן עלענטן לעבן; זיי וועלן וועגן דעם קיינמאָל נישט רעדן, נאָר זיי וועלן טראַכטן: נו, וואָס קענען זיי העלפן?"

ביינאַכט האָבן זיך איר געחלומט די ברוגזע פּנימער פון שמואליקס

עלטערן, וואָס האָבן זיך דאָ אין שטוב שעהן־לאַנג אין איין פּאַקן גע־האַלטן און צו קיינעם נישט געוואָלט אַ וואָרט אויסרעדן. פּלוצים איז זי מיטן טאָגליכט אויסגעוואַקסן לעבן פענצטער און האָט דערזען זייער אייגענע אָפּפּאָרנדיקע פור. אויבנאָן זענען דאָרטן געזעסן אברהם־משה בורנעס מיטן ווייב, און צווישן זיי איז שמואליק געווען איינגעהויקערט אינדרייען, שמואליקס קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן, זיינע אַקסלען האָבן געציטערט פון איינגעהאַלטענעם כליפּען, און זיי, אברהם־משה בורנעס מיטן ווייב, האָבן ביידע געשטאָרכעט דעם קליינעם שייגעץ, דעם אָנ־טרייבער, און אים געאיילט, ער זאָל טרייבן וואָס געשווינטער צו דער באַן.

ווען זי האָט זיך גאַנצפרי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט זי קודם כל אַ טראַכט געטאָן, אַז שמואליקס עלטערן זענען נאָך דאָ אין שטוב נישטאָ. דער דריקנדיקער קאָשמאַר האָט איר נאָכלאָזן אָנגעהויבן, איז זי געלעגן אין בעט, געקלערט, אַז ס'איז נאָך געבליבן צייט אויף צו כאַפּן צוריק, און זי, מירל... זי קאָן זיך נאָך באַטראַכטן און באַשליסן ביי זיך חתונה האָבן מיט שמואליקן נישט אויף אייביק, נאָר אויף דער־וויל, ביז אַ צייט.

---

מירל איז צוריק שלום געוואָרן מיט איר חתן, און די חתונה איז נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף שבת נאָך שבועות.

מ'האָט געשמועסט וועגן די שפּאָגל־נייע צוויי תנאים, וואָס מירל האָט פונסניי מיטן חתן אויסגענומען:

„לעבן מיט איר, ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב, זאָל ער זיך נישט ריכטן. און זי, מירל...

זי מעג אַוועקגיין אויף אייביק פון אים און פון זיין שטוב אין יעדער צייט, וואָס איר וועט זיך פאַרוועלן".

וועגן וואָס איז דאָ שוין געווען שייך צו קלערן?

שמואליק זיידענאָווסקי האָט געוויס נאָך איצט אויך געקאָנט דעם גליקלעכסטן שידוך טאָן. אויב ער האָט ביי זיך געפועלט לעבן מיט מירלען אייביק, ווי אום יום־כפור, איז דאָס שוין נאָר געווען דערפאַר, וואָס זי איז אים שוין אפשר נישט ווינציקער ווי וועלוול בורנעסן איינגעבאַקן אין האַרצן געווען. אָבער די מעשה, די מעשה

אַליין איז דאָך שטאַרק אינטערעסאַנט און טשיקאַווע געוואָרן, און כדאי איז פונסניי געווען צו באַלעגערן טיר און פענצטער און צו זען, ווי אָט דאָס פּאָרל שפּאַצירט איבער דער לאַנגער גאַס — אַ פּאָרל, וואָס ווערט לעבן נישט ווי מאַן און ווייב, נאָר עפּעס משונה און אַנדערש, ווי קיין פּאָר־פאָלק האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג דאָ אין שטעטל נישט געלעבט.

שמואליק האָט שוין איצט איבער עפּעס אַלעמען אויסגעזען, ווי אַ הייליקער מאַנצביל. פאַר באַקאַנטע האָט ער נאָך, ווי פריער, דער־ציילט לאַנגע נודנע מעשיות, נאָר זיין קול איז שוין געווען שטיל, ווי ביי אַ יורד, דאָס פּנים אומעטיק, און געדוכט האָט זיך, אַז ער פאַסט. מענטשן האָבן געפילט צו אים אַ רחמנות און האָבן באַקלאָגט זיין מזל:

„מאָלט אייך: ס'איז אַז אָך־און־וויי צו אים אויך... ער איז נעבעך אויך גוט אַריינגעפאַלן".

און מירל האָט זיך נאָך שפּאַצירנדיק איבערן שטעטל אַזוי שטרענג מיט אים געפירט, ער האָט שוין אַפילו נישט דערוועגט זיך זי אונטער דער האַנט אָנצונעמען.

אינמיטן דער גאַס האָט זי איינמאָל אפשר אויף אַ האַלבער שעה צייט אָן אים פאַרגעסן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט רעדן מיט ברכה דער שוסטערין, וואָס ביי איר האָט זי אַמאָל זעקס חדשים צייט געזויגן

„יאָ, האָט זי צו דער ברכהן גאַנץ ערנסט געזאָגט, אייער שטוב פאַלט איין, איר מוזט זי געוויס נאָך היינטיקן זומער איבערבויען".

אַרום־און־אַרום זענען לייט אויף זייערע גאַנקעס געשטאַנען און האָבן געגאַפט:

„גוואַלד געשריגן: אָט דאָס טוט מען, בשעת מ'גייט שפּאַצירן מיט אַ חתן?"

און זי האָט נאָך געהייסן, ברכהס מאַן זאָל קומען שמואליקן אַ מאָס אויף אַ פּאָר שיך אַראָפּנעמען, און האָט אָט דער שוסטערין נאָכגעשריגן אויפן קול:

„נישקשה, אייער מאַן איז אַ גוטער בעל־מלאכה, ער נייט געוויס נישט ערגער פון די שוסטערס, וואָס אין די גרויסע שטעט".

שמואליק איז נאָכדעם אויף גאַנצע אַכט טעג דאָ אין שטוב פאַר־בליבן. ער האָט געהאַט אַ דערשלאָגענעם אויסזען און אָפּגעלייגט זיין נסיעה פון טאָג אויף טאָג.

ווען ער איז אַהיים אַוועקגעפאָרן, האָט זיך דאָ אין שטוב שוין שטאַרק די נאָענטע חתונה געפילט, און אין קיך האָט שוין אַ קיילעכ־דיקן מעת־לעת אין אויוון געברענט. מער פון אַ האַלב טוץ ווייבער האָבן דאָרטן געשווינט מיט די נאַסע פאַרקאַטשעטע הענט געררודערט, געשיילט מאַנדלען, געקלאַפּט אייער, געשטויסן צימרינג — און אַלץ אונ־טער דער השגחה פון אַ פרעמדער הייזעריקער סאַרווערין, אַ יידענע אין בלויע ברילן, וואָס האָט גערעדט ווינציק, ווי אַ גוט־יידישע אַלמנה, און געטאָן געשווינט, ווי פאַר צען.

ר׳ גדליה איז, ווי פריער, גאַנצע וואָכן אָפּגעווען אין קאַשפּע־ריוווקער וואַלד.

אין שטוב האָט שוין דערווייל געבאַלעבאַטעוועט גיטעלעס פרעמד־שטעטלדיקע אָרעמע קרובה, און די פאַרנטיקע חדרים זענען שוין פול געווען מיט דער היפשער קאָמפּאַניע ווייבערשע שניידערס, וועלכע זענען מיט מירלס האַלב־אויפגענייטע קליידער פון קרייז־שטאָט אַראָפּגעקומען און האָבן זיי דאָ אין שטוב פאַרענדיקט.

אין שטאָט גלויבט מען נאָך אַלץ נישט, אַז מירל האָט באמת חתונה, און אַ שמועס מאַכט מען נאָך וועגן דעם ביי אברהם־משה בור־נעסן אין עסצימער:

„וואַרט און האָט בטחון, זי וועט נאָך איה״ש זיידענאָווסקין אויך די תנאים אָפּשיקן״.

צו ר׳ גדליהן אין שטוב קומען שוין פון אַ צייט נישט אַריין נישט די אַקושערקע שאַץ און נישט דער פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן.ביידע שפּאַצירן זיי אַלע טאָג אַראָפּ דעם שטעטל, ווערן אַלץ מער פאַרפרעמדט צו מירלען און געפינען שוין אין איר קיין אינטערעס נישט.

„און מיט וועמען זאָלן זיי זיך טאַקע דאָ אינטערעסירן? זיי האָבן קיינמאָל קיין חתונה־מיידל נישט געזען?״

און מירל אַליין ווייסט שוין, אַפּנים, אויך, אַז זי איז די לעצטע צייט שטאַרק אַראָפּגעפאַלן; ווייסט עס, בשעת זי שטייט אַ גאַנצן ביי־טאָג אינם שטילן, מיט וועש פאַרוואַלגערטן חדר; ווייסט עס, בשעת זי לייגט אָט די וועש צונויף און בויגט זיך דערמיט אינם אָפּענעם נדן־קאַסטן. אַרום און אַרום איר גייט זיך רעגלמעסיק פאָרויס די ערב־חתונהדיקע אַרבעט, און אינמיטן דער שטילקייט, וואָס אין די קילע חדרים, הערט זיך פון צייט צו צייט דער הייזעריקער קלאַנג פון דער גרויסער שניידערשער שער. ס׳פּרוווט אָט די שטילקייט אויפרודערן איינער פון די בחורים־אַרבעטער, וואָס זיצט אָנגעבויגן איבער זיין ניי־מאַשין און דרייט זי אונטן געשווינט מיט אַ פוס. אומגעריכט פאַר אַלע־מען טוט ער פלוצים אַ זינג מיטן גאַנצן קול:

אוי, מיין געליבטע!
אין אַ וויטן וועג
פאָר איך אַוועק.

און נאָכדעם הערט זיך שוין נאָר דאָס איינזאַמע קלאַפּן פון דער געשווינט־שטעפּנדיקער מאַשין, הערט זיך לאַנג, הייזעריק און בייז און ווערט צולעצט פאַרשוויגן. אינם קעגנאיבערדיקן ווינקל גרייט זיך שוין שטעפּן אַ צווייטע מאַשין. און דורכן אָפענעם פענצטער דרינגט דערוויל אַריין דאָס לעבלעכע שטאָט־ווינטל, בלאָזט פאַמעלעך אויף אַ פאָרהאַנג הויך, הויך ביז צום באַלקן און באַווייזט, אַז אינם סוף־אַפּרילדיקן דרויסן זעגען די הימלען עטוואָס פאַרטונקלט, און אַז ווייט, ווייט, אין די גוישע סעדלעך בליען שוין צייט עטלעכע טעג די בוימער.

מירלען רופט מען אין זאַל אַריין אַ קלייד מעסטן. אַ שטיק צען שניידער־יונגען פאַרגעסן דאָרטן מיטאַמאָל אָן זייערע אויפגעהויבענע נאָדלען, גלאָצן אויס די אידיאָטישע אויגן און קוקן אויף אירע נאַקעטע פּלייצעס און הענט. און זי שטייט אינם ניי־פאַרסטריגעטן קלייד אַקעגן גרויסן שפּיגל און געדענקט:

„אָט איז זי, מירל, עפּעס געוועזן און האָט עפּעס שטאַרק נישט געוואָלט... און איצט איז זי גאָרנישט און געפאַלן, און ווייסט לחלוטין נישט, וואָס מיט איר וועט זיין ווייטער, און מעסטן מעסט זי זיי נאָך אַליין, אומשטיינס געזאָגט, אָט די חתונה־קליידער אירע“.

פלוצים ווערט זי אויפגערעגט און בייז און שטופּט אָפּ פון זיך דעם שניידער, וואָס בעט זי שטיין גלייך.

„וואָס וועט ער איר דערציילן מעשיות, דער שניידער? אַז די גאַנצע פּלייצע קנייטשט זיך, און דאָס גאַנצע קלייד איז באַגראָבן אין דער ערד".

---

און איינמאָל בייטאָג איז זיך אַזוי אויף ר׳ גדליה הורוויצעס גאַניק געשטאַנען איינע פון די קרייז־שטעטיקע מיידלעך שניידערינס און האָט דאָרטן אינדרויסן געפּרעסט אַ נײַ זיידן קלייד. דאָס מיידל האָט דאָרטן אַלעמאָל גענומען דעם הייסן אייזן אין האַנט, געשפּריצט אונטער דאָס וואַסער פון מויל און געהערט, ווי אין שטוב כאַפּט אויס איין מאַשין ביי דער צווייטער דאָס שטעפּן. ווייט, ווייט אַרום דער מזרחדיקער שטאָט־בריק זענען פּאַמעלעך איינער נאָכן צווייטן אָפּ־געשטאָרבן די רעגלמעסיקע קלעפּ פונם שמידישן האַמער, און אין שטעטל איז געוווען שטיל. פּלוצים האָט זיך פון יענעם זײַבן עק־שטאָט געלאָזט הערן דאָס קלינגען פון אַ פּאָר פרעמד־שטעטלדיקע גלעקער, און אַן אומבאַקאַנטע בעל־עגלהשע פור האָט זיך אַהער אַלץ נענטער און נענטער גענומען רוקן. אַ פרעמדער וווקסיקער בחור איז אויבנאָן אויף אָט דער פור געזעסן און האָט פאַרבייפאָרנדיק נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון ר׳ גדליה הורוויצעס שטוב, דאָס מיידל האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן קלייד, וואָס זי פּרעסט, באַגלייט די פור מיט די אויגן ביז צו די ערשטע גוישע סעדלעך און זיך באַרויקט:

„מסתמא אַ פרעמדער... מסתמא נאָר אַדורכגעפאָרן".

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז עמעצער גאַנץ רויק אַהער אין שטוב אַרייַנגעקומען און דערציילט שטיל, ווי אָן לונג און לעבער:

„צו דער אַקושערקע, זאָגט מען, איז ווידער אַמאָל געקומען דער פאַרפּסחדיקער גאַסט".

מעסטנדיק אַ נײַ קלייד, איז דענסטמאָל מירל געשטאַנען אַקעגן שפּיגל מיט נאַקעטע אַקסלען און מיט אַ הייס פלאַמענדיק פּנים.

„ווער? האָט זי מיטאַמאָל באַקומען ברייט־פונאַנדערגעעפנטע דערשטוינטע אויגן, ווער, זאָגט מען, איז געקומען?"

און נאָך איידער מ׳האָט איר געענטפערט, האָט זי שוין לחלוטין

געהאַט פאַרגעסן אָנם עלטסטן שניידער, וואָס איז לעבן איר אויף דער קני געשטאַנען און זי פון אַלע זייטן אַרומגעשפּילעט מיט שפּילקעס. זי האָט געשווינט פון זיך דאָס נישט־דערמאָסטענע קלייד אַראָפּגעריסן און זיך געכאַפּט צוריק צום וואָכעדיקן קאַפּטל.

דער שניידער איז געוואָרן אויסער זיך, אויסגעדרייט דאָס פּנים צו די צוויי אַרבעטער, וואָס זענען צוליב אָט דעם קלייד אָן אַרבעט געבליבן, און האָט אָנגעהויבן ווישן דעם שווייסיקן שטערן.

„מאָלט אייך, מירעלעס קאַפּריזן... ער קען זיי שוין פון גאַנץ לאַנג. נאָר איצט איז ער געווען זיכער, אַז מ'וועט דינסטאָג אין אָוונט די אַרבעט ענדיקן און מ'וועט פרייטאָג גאַנצפרי קענען אַהיים פאָרן".

נאָר ביי מירלען האָבן שוין געציטערט די ליפּן, בעת די פינגער האָבן אויף זיך געשווינט דאָס קעלנערל פון קאָפּטל פאַרקנעפּלט:

„וואָס וויל ער פון איר, דער שניידער? זי ווייסט לחלוטין נישט, וואָס ער וויל".

זי איז געשווינט פון זאַל אַרויס און אין גרויס אומגעדולד גענומען אויף עמעצן וואַרטן. יעדעס מאָל, וואָס די דרויסן־טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן, איז זי פון איר חדר אין עסצימער אַריינגעלאָפן און אויפגערעגטערהייט געשיקט דאָס דינסטמיידל אַ קוק טאָן אין פאָדערשטיבל:

„אַנו, ווער? ווער איז אַהין אַריינגעגאַנגען?"

---

און פאַרנאַכט איז שוין ביי איר די שטימונג געווען אַזוי געפאַלן און דאָס פּנים אומעטיק און מיד.

קיינער איז צו איר אַהער נישט געקומען.

איינע אַליין איז זי געזעסן אויף די טרעפּלעך פון גאַניק, זיך געהילט אינם זומערדיקן שאַל און געקוקט, ווי די פאַרגייענדיקע זון רויטלט נאָך דאָ און דאָרטן די שפּיצן פון די שטרויענע דעכער. ערגעץ־ווו האָט אין אָוונט אַ וואַך, וואָס פאַר אַ „בן־זכר", באַדאַרפט פאַרקומען. האָט מען אַהין געטראָגן פון מאַרק אַ פערטל־עמערדיקן שטאָף ווייַן. דער ווייַן האָט זיך געכליאַפּעט אין דער גרויסער פלאַש, געשימערט אַקעגן דער פאַרגייענדיקער זון און אויסגעזען צופיל לויטער און רויט.

ס'האָט זיך געמאָלט די שטוב, ווו אָט די וואָך וועט אין אָוונט פאָר־קומען; ס'האָבן זיך געמאָלט די געגרייטע טישן, די יידן מיט די באַ־שיינטע פּנימער, וואָס וועלן אַרום זיי זיצן און וועלן לחיים טרינקען. און ווייט, ווייט אַרויס דעם שטאָטישן דאָרף האָט זיך געמאָלט אַ צווייטע גויישע האַלבע שטוב, וואָס וועט היינט ביז שפּעט אינדערנאַכט זיין באַלויכטן, זיצן וועלן דאָרטן די אַקושערקע מיט הערצן, זיצן וועט דאָרטן אויך דער פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן. און אַלע וועלן זיי, רע־דנדיק וועגן פאַרשידענע ענינים, וויסן, וואָס עס איז געשטאַנען אינם בריוו, וועלכן זי, מירל, האָט באַלד נאָך פּסח אַוועקגעשיקט. נאָר יעדער באַזונדער וועט וועגן דעם קיין וואָרט נישט דערמאָנען און יעדער באַזונדער וועט געדענקען ערגעץ־ווו ביי זיך אין מוח:

„וועגן וואָס איז דאָ שייך צו רעדן?... אַ נאַרישע מעשה מיט אַ בריוו... גאָר, גאָר אַ נאַרישע מעשה מיט מירלס אַ בריוו...״

---

אויף מאָרגן גאַנצפרי האָט די אַקושערקע געכאַפּט אַ פרעמד פערד און וועגל, געפלויגן מיט דעם איבערן שטעטל און אַליין אָנ־געטריבן.

ווייבער האָבן דאָס געזען מיט זון־אויפגאַנג, בשעת זיי האָבן זייערע בהמות אין טשערעדע געטריבן.

מ'איז געוואָר געוואָרן:

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געשיכּורט אין דעם אַקושערקעס עק־זאָרפּישן שטיבל. געטרונקען האָבן דאָרטן פיל: הערץ, די אַקושערקע אַליין, דער באַלעבאָסטעס זון, דער אויסגעדינטער סאָלדאַט און נאָך עפּעס אַ לערער פון נאָענטן שטעטל, אַן אָפּגעפליקטער אַכט־און־דרייסיק־יאָריקער פאַרשוין אין אַ בלוי העמדל, וואָס האָט שוין אַמאָל גע־האַט סמיכות אויף רבנות מיט אַ שוחטס אַ טאָכטער פאַר אַ ווייב און איז איצט פאַרליבט אין אַ פאַרמעגלעכן קרעמערס אַ מיידל, וואָס איז נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט אַלט.

אויסגעטרונקען, איז דאָרטן הערץ שטאַרק ברוגז געוואָרן, וואָס מ'מאַכט מיט אים אַ שמועס וועגן מירלען, און האָט וועגן איר געזאָגט האַלב אויף לצנות, האַלב אויף דער אמת:

„ער פאַרשטייט נישט, וואָס מ'וויל, זי איז טאַקע נישט מער ווי

אַן איבערגאַנג־פּונקט, און זיין וועט פון איר גאָרנישט. אָבער אַ מיידל איז זי דאָך".

ביי טאָג האָט מען וועגן דעם גערעדט ביי ר׳ גדליה הורוויצן אין שטוב. עמעצער האָט אויסגעמאָלט, ס׳אַרא פּנים די אַקושערקע האָט געהאַט, בשעת דאָס פערד און וועגל איז מיט איר איבערן שטעטל גע־פלויגן. אַ צווייטער האָט פון חוזק וועגן געפרעגט:

„כ׳בעט אייך: וויפל איז זי אַלט, די אַקושערקע?"

מירל האָט עס געהערט, זוכנדיק עפּעס אונטער די בערג וועש און קליידער, וואָס אַרום איר. זי האָט אויף אַ רגע צו זוכן אויפגע־הערט און אָנגעשטעלט די אויגן אויף דעם, וואָס דערציילט.

פאַרנאַכט האָט זי זיך אין גאַס מיט דער אַקושערקע באַגעגנט.ביידע מיידלעך האָבן זיך אַ ווײַלע געקוקט אין די פּנימער, נישט געהאַט, וועגן וואָס צו רעדן, און געפילט, אַז זיי האָבן איינע די צווייטע פיינט.

מירל האָט געזאָגט:

„זי האָט געהערט, הערץ איז געקומען".

און די אַקושערקע האָט געשמייכלט שלעכט, ווי אַ שניידערס אַ טאָכטער, בשעת זי איז זיך אָן עמעצן נוקם.

„יאָ, האָט זי געזאָגט, נאָך זונטאָג איז ער געקומען".

אַ פּויזע.

„לאַנג וועט ער דאָ פאַרברענגען?"

„עטלעכע טעג".

אַ צווייטע פּויזע.

„די אַקושערקע ווייסט נישט, פאַרוואָס הערץ האָט איר, מירלען, אויפן בריוו נישט געענטפערט?"

דענסטמאָל איז דער אַקושערקעס שמייכל מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ שטעכנדיקער, און דאָס געלעכטער אַזאַ נאַרישס און גיפטיקס, גלייך מירל וואָלט ביי איר עפּעס געוואָלט צונעמען און קען נישט.

„זי פאַרשטייט נישט, וואָס מירל ,וויאַזשעט׳ זיך צו הערצן, יענעם ליגט געוויס מער נישט אין זינען, נאָר זי, מירל, מיט אירע בריוולעך".

און מירל איז אַקעגן איר געשטאַנען און האָט איר אין פּנים געקוקט.

אַהיים איז זי שוין געגאַנגען גיכער ווי אַלעמאָל, און האָט עס נישט באַמערקט. אין פּאָדערשטוב האָט צו איר עפּעס געזאָגט דער עלטסטער שניידער, און זי האָט נישט געהערט; געלעגן נאָכדעם לאַנג ביי זיך אין חדר און האָט עס נישט געדענקט.

פּלוצים האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, געשווינט פאַרקנעפּלט אויף זיך דאָס זומערדיקע איבערשט, זיך נישט אומגעקוקט צום עלטסטן שניידער, וואָס האָט זי ווידער געוואָלט אָפּשטעלן, און האָט פלינק אַוועקגעשפּאַנט אַרויף צו דער אַקושערקע שאַצס עק-דאָרפּיש שטיבל.

ווען זי האָט זיך פון דאָרטן צוריק אַהיים אומגעקערט, איז שוין געוועזן אַרום צען אַזייגער אין אָוונט. מיט אַ פלאַמענדיק פּנים איז זי אַריין צו זיך אין חדר, געבליבן שטיין, געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען און זיך געגומען דערפרעגן ביי דעם נייטאָרין-מיידל:

„דאָס מיידל געדענקט נישט, וואָס פאַר אַן אַרבעט זי, מירל, האָט היינט בייטאָג געהאַט צו טאָן?"

און באַלד איז זי אַוועק אינם עקסטן היפשן חדר מיט די טונ-קעלע לאָמפּן, וווּ ס'האָבן נאָכן טאָג אַרבעט געדרימלט זיצנדיק די אָנגעהאָרוועטע שניידער. זי האָט זיך דאָרטן געהייסן געבן מעסטן יענץ נישט-פאַרענדיקט קלייד, וואָס מ'האָט עס איבער איר נאָך בייטאָג אַוועקגעלייגט, און איז געוואָרן שטאַרק אומצופרידן מיטן שניידער דעם באַלעבאָס, וועלכער האָט געוואָלט אויף מאָרגן איינער אַליין אין קרייז-שטאָט אָפּפאָרן. דאָס פּנים אירס האָט שטאַרק געפלאַמט, בשעת זי האָט אויף זיך אַקעגן שפּיגל דעם גאָרסעט צורעכט-געמאַכט, און זי האָט געטענהט:

„קומענדיקן מאָנטאָג פאָרט מען אַרויס אויף דער חתונה, זי וועט זיך אַפילו מיטן צונויפלייגן די קליידער אויף קיינעם, אַחוץ דעם עלטסטן שניידער, נישט פאַרלאָזן".

איר האָט זיך געוואָלט, אַז אַרום איר אין שטוב זאָל ווערן וואָס מער טאַרעראַם; זי איז געלאָפן צו ר' גדליהן אין קאַבינעט, אים אַהער געבראַכט און אים געצווונגען, ער זאָל דאָ אויפן אָרט אירע ווערטער פאַר די שניידער איבערחזרן:

„אויב די שניידער וועלן נעמען אַרבעטן ביינאַכט, וועט מען זיי אַביסל שכירות מוסיף זיין".

נאָר אינגיכן איז שוין געקומען אַזאַ שיינער טאָג פרייטאָג, וואָס דעמאָלט האָבן די שניידערשע מאַשינען דאָ שוין מער נישט געקלאַפּט. די גאַרדינען זענען דאָ שוין אויף אַלע פענצטער געהאַנגען. און די שטוב האָט מען צום לעצטן מאָל אין גרויס איילעניש גענומען צו-קלויבן.

ערב-שבת-פאָרשפּיל איז דאָס געווען.

אַרום דריי אַזייגער בייטאָג שטייען זיך אַזוי לעבן ר׳ גדליהס שטוב די צוויי גרויסע גוישע פורן, וואָס צו זיי בינדן די שניידער אין איילעניש זייערע מאַשינען מיט די פּאָר נאַרישע מאַנעקענען. און דער צעטראָגענער ר׳ גדליה אַליין קומט בשעת מעשה אָן פונם גרויסן קאַשפּעריוקער וואַלד און שמייכלט פריילעך צום שטעטל. אַראָפּקריכנ-דיק פון זיין פור, עפנט ער ברייט דעם טייסטער און באַווייזט די שניידער דאָ, אויף די פריש-אָפּגעוואַשענע גאַניק-טרעפּלעך, אַז ער איז נאָך אין שטאַנד גביריש פאַר זיין טאָכטערס התונה-קליידער צו באַצאָלן. פון גליק שימערט ביי אים דאָס פּנים, און לאָזנדיק זיך אויף דער נישט-אויסגעשפּאַנטער פור אין מרחץ אַריין פאָרן, פאַרגעסט ער דאָך נישט זיך אָפּצושטעלן לעבן אַברהמל דעם רב און אים אויך מיט זיך מיטנעמען.

אין מאַרק זענען געשטאַנען יידן, געקוקט, ווי די שניידער וואַרפן זיך געשווינט אַריין אין די גרויסע וועגן, געזען, ווי זיי שמייסן געש-מאַק אַוועק מיטן וועג אין קרייז-שטאָט, און זיך וועגן זיי גוטמוטיק אַדורכגעשמייכלט:

„זיי וועלן אַריינשמייסן אין שבת, די שניידער".

„אויף אַ פּאָר שעה וועלן זיי געוויס אין שבת אַריינשמייסן".

און נאָכדעם איז שוין געווען אַזוי שטיל אין שטעטל און אין ר׳ גדליהס צוגעקליבענער שטוב.

ס׳זענען דאָרטן אויף די פענצטער געהאָנגען די ראָזע גאַרדינען, ס׳זענען געלעגן אויסגעשפּרייט די סאַמעטענע סטעזשקעס און האָבן אַרויסגערופן אַ בענקשאַפט נאָך פרעמד גליק.

ליגט זיך אַזוי אַ סטעזשקע אין זאַל אויף דער ריינער פּאָדלאָגע,

ליגט מיט איר גאַנצער אויסגעצויגענער לענג און איז זיך מתקנא אין אַ צווייטער סטעזשקע, וואָס ליגט ערגעץ ווייט אין אַ צווייטער התונה־דיק צוגעקליבענער שטוב.

„די כלה איז אין יענער שטוב גליקלעך, קלערט דוכט זיך אָט די סטעזשקע".

טוט זיך קוים, קוים אַ ריר דער לאַנגער פאָרהאַנג, וואָס אויפן פענצטער, און וויל, דוכט זיך, אומעטיק צוגעבן:

„זי האָט ליב דעם חתן, יענע כלה".

און מירל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַקעגן קליינעם שפּיגעלע, וואָס ביי איר אין חדר, און זיך אָנגעטאָן פשוט, ווי אויף אַלע שבת.

ס'איז געווען שטיל אין די אַרומיקע חדרים; ס'האָט זיך געפילט אַ בענקשאַפט נאָכן בת־יחידישן לעבן, וואָס גוססט, און ס'האָט זיך נישט געוואָלט טראַכטן וועגן שמואליקן, וואָס גרייט זיך אינם פאָר־שטאָט פונם וויטן כרך צו דער זעלבער חתונה, וואָס זי, סיי־ווי־סיי איז דאָך אָט די גאַנצע חתונה שוין מער נישט געווען, ווי אויף קאַ־טאָוועס, ביז אַ צייט און אויף דערוויל. מער ווי אַן אַנדערש מאָל איז זי דעריין געווען איבערצייגט איצט ערב־שבת־פאָרשפּיל, זיך געפילט וואָכעדיק, ווי אין די טעג פון גאַנץ יאָר און זיך שוין אַפילו, ווי אין אַ פשוטן פרייטאָג, געלאָזט גיין עפּעס קויפן אין אַפּטייק.

גייענדיק אַהין איינע אַליין מיט דער גאַס, וואָס אַרויף דעם שטעטל, האָט זי געדענקט, אַז זי איז עלנט און איז דאָך עפּעס ווי פאַרעקשנט אין אָט דער עלנטקייט, און באַדאַרף איצט נישט קיינעם, קיינעם; אַז פון צייט צו צייט קלערט זי נאָך, אַז אין איר לעבן פעלט אַן „עיקר", און סך־הכל מיט איין מינוט שפּעטער גלויבט זי שוין נישט סיי אין זיך, סיי אין אָט דעם „עיקר", קוקט זיך אַרום און זעט, אַז קיינער גלויבט נישט.

און פלוצים איז זי רויט געוואָרן און זיך דערמאַנט, אַז אָט די זעלבע ווערטער האָט זי געשריבן אינם בריוו, וואָס אויף אים האָט הערץ נישט געענטפערט. אַרויפשפּרינגענדיק אויף די טרעפּלעך פון אַפּ־טייק, איז זי שוין געווען אַזוי אין כעס אויף זיך אַליין.

„עפּעס אַ מין נאַרישער בריוו... און בכלל ווער האָט אים באַדאַרפט, אָט דעם בריוו?״

און אין אַ ווײַלע אַרום, ווען זי איז צוריק פון אַפּטייק אַרויסגעגאַנגען, איז שוין די ווײַטע און רויטע זון געהאָנגען אין מערב-ווערטיקאַל, ווי אַ גרויסע פײַערדיק-גאָלדענע מטבע, און אין אָנהייב ערב-שבתדיקן שטעטל איז איינער אַליין געשטאַנען הערץ. פון זײַנע קליינע אַרײַנגעגראָבענע אויגן האָט ווי שטענדיק אַרויסגעשמייכלט דער גרינער אָפּגלאַנץ, און אַליין האָט ער אײַנגעבויגענערהייט געקוקט אויף די יידן, וואָס זענען שוין צוריק פון מרחץ געקומען, שטייען דאָ און דאָרטן לעבן זייערע פונאַנדערגעעפנטע טירן און גרייטן זיך גיין צו קבלת-שבת. הערצס פּנים איז אינגאַנצן געווען אײַנגעטונקט אין דער שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון; ער האָט אויסגעזען אַ גאָלדענער. ער האָט דערזען מירלען. געטאָן צו איר עטלעכע שפּאַן און איר אָנגעוויזן אויפן שטעטל:

„זאָל זי אַ קוק טאָן. ממש אַ שבתדיקער הימל; שבתדיק זעען אויס אויפן מערבדיקן באַרג אַפילו די אַרומיקע גרינע פעלדער״.

מירל האָט מעכאַניש אַ קוק געטאָן צום באַרג און האָט דאָרטן גאָרנישט געזען, אַחוץ דעם מידן גוי, וואָס דערשלעפּט זיך צו נאַכט פון פעלד. אַ היפּשער צעאַקערטער פּאַס האָט זיך דאָרטן שוין געצויגן איבערן גאַנצן רעליעף פון גרינעם באַרג און אים אַרומגענומען, ווי מיט אַ ברייטן שוואַרצן גאַרטל. זי האָט נאָך נישט געוווּסט, צי הערצס ווערטער האָבן אַן איראָנישן זין, צי ניין. און האָט געקוקט אויף אים מיט דערשראָקן-דערשטוינטע אויגן:

„בכלל ווייסט זי נישט, וואָס ער וויל פון איר, אָט דער פּאַרשוין, און קען אים מיטן שכל נישט תּופס זײַן״.

און בײַ אים האָבן די אויגן נאָך איראָנישער צו שמייכלען אָנגעהויבן. ער האָט זי באַטראַכט, ווי אַ קלוגיטשקער, און געפרעגט האָט ער שוין בײַ איר, אַפּנים, גלאַט אַזוי, פון חוזק וועגן:

„זי האָט אַמאָל געטראַכט וועגן יידן?״

אין מירלען האָט געזאָדן עפּעס טיף, אינווייניק. זי איז געווען בלאַס פון אויפרעגונג, נישט געקוקט צו אים, געהאַלטן האַרט צונויפגעדריקט די ליפּן און געעטעמט שווער און צו אָפט.

„ווער האָט נאָך אים געשיקט?״

איבער עפּעס האָט זיך איצט געדענקט דאָס צעטעלע, וואָס ער האָט פאַרן ערשטן אַוועקפאָרן ביי איר אין חדר געלאָזט. „אויב ער וועט נאָך אַמאָל קומען אַהער אין שטעטל, וועט דאָס זיין אויסשליסלעך צוליב איר, מירלען״. און באַליידיקט האָט דערפאַר שטאַרק און טיף אָט די איצטיקע משונהדיק-קאַלטע און דערווייטערטע באַציונג זיינע מיטן רעדן אויף איר אונטער די אויגן ערגעץ דאָרטן ביי דער אַקו־שערקע אין שטוב. ניין, עפּעס איז שוין אין יענעם צעטעלע געווען ערגערס, ווי אַ ווערטל.

ער האָט זיך געלאָזט זי באַגלייטן אַראָפּ מיטן שטעטל און געזאָגט:

„ער האָט דאָ צוריק מיט עטלעכע טעג איר פאָטער געזען...״

נאָר זי האָט אים באַלד די רייד איבערגעהאַקט:

„פאַראַן מענטשן, וואָס מוזן באַליידיקן מיט יעדן וואָרט, וואָס זיי רעדן אַרויס. די איינציקע גוטע זאַך, וואָס זיי קענען טאָן, איז שווייגן... און זי, מירל, זי האָט אים שוין איינמאָל געבעטן וועגן דעם״.

און נישט אומקוקנדיק זיך מער צו אים, דעם פאַרשעמטן, האָט זי זיך געשטעלט רעדן מיט דער אַקעגן-געקומענער יידענע, וואָס איר האָט ר׳ גדליה ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג אַריינגעשיקט דעם לעצטן חוב מיטן פּראָצענט און האָט פאַרגעסן ביי איר די קוויטלעך אָפּצונעמען. ביי דער יידענע האָט געשימערט דאָס שמייכלדיקע גוטע פּנים, וואָס אונטערן ליכטיק-זיידענעם שבתדיקן טיכל, און געאירצט האָט זי ר׳ גדליהן אונטער די אויגן:

„אַנישט קען מען דען אָפּשאַצן זייער האַרץ, ר׳ גדליהס? אַנישט האָט זי נישט געזאָגט פריער, אַז זיי וועלן, חלילה, נישט אָנרירן יענעמס און וועלן נישט שולדיק בלייבן קיינעם אַ קאָפּיקע?״

און הערץ איז דאָ נאָך געשטאַנען און זי נאָך נאָכדעם אַראָפּ ביז צו דער שטוב באַגלייט.

„הערט, האָט ער, שמייכלענדיק מיט זיין רויט-שעמעוודיק פּנים, געוואָלט פאַרפירן מיט איר אַ ווערטלעכן שמועס, ער קען מיידלעך, וואָס ווערן צוציענד, פּונקט מיט איין מאָמענט פריער, איידער זיי האָבן חתונה...״

זי האָט נישט געוואָלט הערן און אים די האַנט אויסגעשטרעקט.

„זאָל ער איר מוחל זיין, זי באַדאַרף אַריינגיין אין שטוב".

צוליב עפּעס האָט ער נאָך געזאָגט:

„ער האָט געמיינט, אַז זי איז איצט פריי; די אַקושערקע וועט ערשט שפּעט אין אָוונט אַהיים קומען... ער האָט אַרויס די סעדלעך פון דאָרף אַ זעלטן שיין אָרט באַמערקט".

און זי האָט אים דאָ איינעם אַליין געלאָזט, אַריין אין שטוב צו זיך אין חדר. דאָרטן האָט זי אָקאָרשט אין אַ ווייַלע אַרום דער־פילט, אַז ס'ציט צוריק צו אים, אַז זי וויל נאָכאַמאָל זען אים, וועל־כער האָט זיך איינער אַליין צו דער אַקושערקעס וווינונג אומגעקערט, און האָט מיט אים וואָס צו רעדן. צווישן די פיל געדאַנקען, וואָס ביי איר אין מוח, זענען אַרויפגעשווומען איינציקע און זיך אַלעמאָל איבערגעחזרט:

„מאָנטאָג פאָרט זי אַרויס אויף דער חתונה... הערץ איז דאָרטן איינער אַליין לעבן דער שטוב, ווו ס'איז איצט נישטאָ די אַקושערקע".

און אַליין איז זי נאָכדעם אינדרויסן אויפן גאַניק געשטאַנען, געשטאַנען לאַנג, ביז ס'איז שוין איינגאַנצן פינצטער געוואָרן, ביז יידן האָבן אָנגעהויבן צו גיין פון דאַוונען, און ר' גדליה איז אַהער אין זיין זיידענער קאַפּאָטע מיט אַ פרייַלעך און שימערנדיק פּנים אויף די טרעפּלעך אַרויפגעקומען און האָט איבערגעחזרט צוויי מאָל:

„גוט שבת, גוט שבת".

---

זונטאָג פאַרמיטאָג האָט זיך הערץ ווידער אין שטעטל אַרומ־געדרייט און איז סוף־כל־סוף איינער אַליין אַריינגעקומען צו ר' גדליה הורוויצן אין שטוב.

ס'איז געווען מאָדנע:

אין עסצימער ביים טיש זענען דאָרטן דענסטמאָל געזעסן מער פון אַ האַלבן מנין היימישע יידן, גוטע־פריינט, און אברהמל דער רב איז דאָרטן אויך געווען און האָט געטרונקען צו ר' גדליהן לחיים:

„השי"ת זאָל העלפן, מ'זאָל אַרויספאָרן בשלום און מ'זאָל קומען בשלום".

„לחיים! גאָט זאָל געבן אין אַ שעה טובה ומוצלחת".

פון די אַרומיקע חדרים האָט זיך געהערט, ווי מ'פּאַקט קערב און מ'פאַרקלאַפּט קעסטלעך, און ווי גיטעלעס פרעמד-שטעטלדיקע קרובה קלינגט מיט די שליסעלעך און שרייט צו עמעצן אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער:

„קומט מאָרגן צוועלף אַזייגער; האַלב איינס וועלן מיר שוין זיין אַרויסגעפאָרן".

פּלוצים האָט זיך געעפנט די טיר, און אַריינגעשטעלט האָט זיך איינער אַליין הערץ. אַ געזונטער און וווקסיקער בחור, וואָס קיינער פון די יידן קען אים נישט און וואָס פרעגט זיך נאָך אויף מירלען.

די יידן האָבן אים אָנגעקוקט; אָנגעקוקט האָט אים אויך ר' גדליה, פאַרריסן די שפּיציקע נאָז מיט די גילדענעברילן און געקלערט וועגן אים, ווי וועגן עפּעס אַ קלעזמער-יונג, וואָס איז געקומען אַהער אין שטעטל אַ חתונה באַשטעלן, און איז איצט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן נישט אין יענער שטוב, ווהין ער האָט באַדאַרפט.

און הערץ האָט נאָך נאָכדעם גענומען שמייכלען צו מירלען, וואָס האָט אין זאַל אַריין זיין קול דערהערט און האָט זיך אָן איבער-געשראָקענע ביי דער טיר באַוויזן.

אַקעגן אַ האַלבע שעה האָבן זיי גערעדט דאָרטן, קעגנאיבער דער געשלאָסענער טיר פון זאַל. ווען זיי זענען ביידע צוריק פון זאַל אַרויס, האָט ביי מירלען פון אויפרעגונג געברענט דאָס פּנים. זי האָט צו אים נישט געקוקט, און ער איז רויק געגאַנגען פאַר איר און האָט געשמייכלט צו זיך אַליין.

אויף די טרעפּלעך פון גאַניק האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דורכגעלאָזט אַ פּאָר יידן, וואָס האָבן זיך שוין מיט ר' גדליהן געהאַט אָפּגעזעגנט.

מירל האָט געקוקט צום זומערדיק-בלויען הימל, וואָס איבערן שטעטל, זי האָט געזאָגט קאַלט און אים, הערצן, אויף צו-להכעיס:

„זי איז אַזוי צופרידן, וואָס די לעצטע טעג זענען שיינע און לויטערע; דער טאָג פון איר חופּה וועט שוין געוויס אויך זיין אַ שיינער".

און ער האָט נאָר אַ מער מערקזאַמען שמייכל געטאָן, געגעבן

צו איר אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זיך פאַמעלעך אַוועקגעלאָזט צוריק, צו עק-דאָרפישע שטיבלעך.

---

און אין שטאָט האָט מען נאָך דערציילט, אַז מאָנטאָג, אַ פּאָר שעה פאַרן אַרויספאָרן, איז מירל איינע אַליין אַרום-און-אַרום דעם שטעטל צו דער אַקושערקע שאַץ אַוועק, נישט געטראָפן דאָרטן קיינעם און איז געוואָר געוואָרן ביי דער גויע, דער באַלעבאָסטע:

„הערץ איז נעכטן אין אָוונט קיין אויסלאַנד אַוועקגעפאָרן און וועט שוין מער צוריק נישט קומען".

פון בורנעסעס הויז זענען נאָך גאַנצפרי די פאָטער און מוטער אין קרייז-שטאָט געוועז אַוועקגעפאָרן.

ביי טאָג, ווען ר' גדליהס שטוב איז שוין געווען פּוסט און גע-שלאָסן, איז עמעצער אַהער צו בורנעסעס קינדער געקומען און האָט פאַרזיכערט, אַז די אָרטיקע שניידער, וואָס מ'האָט זיי מירלס קליידער נישט געגעבן נייען, האָבן וועגן הערצן און מירלען אַן אַנאָנימען בריוו צו שמואליקס פאָטער און מוטער אָנגעשריבן, און אַז דער בריוו וועט אַהין אָנקומען פונקט דעם „פריילעכן שבת".

אין אברהם-משה בורנעסעס עפּצימער איז שוין דענסטמאָל געווען איבעריק פריילעך ביי טיי-טרינקען, און די פּאָטאָגראַפטשיכע, די רוי-זענבוימיכע, איז דאָרטן מיט איר גיטאַרע געזעסן, און די קליינע קינ-דער האָבן צופיל אין די אַרומיקע חדרים געפילדערט. מ'האָט צולעצט געלאָזט אָט די קליינע קינדער לויפן אַפריער און מ'איז אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן איבערן שטעטל די לופט האָט זיך געדוכט פרייער, דאָרטן ביי ר' גדליהן אין שטוב איז שוין קיינער נישט געווען.

אָבער דורכגייענדיק פאַרביי אָט דער געשלאָסענער שטוב, איז אַלעמען מיטאַמאָל געוואָרן עפּעס מאָדנע אומעטיק פון אירע אויסווייניק-געשלאָסענע לאָדנס און פון איר אינווייניקסטער פּוסטקייט. אַן אָנ-געפּעלצטער גוי, אַ סטרוזש, איז דאָרטן געזעסן אויף די טרעפּלעך פון גאַניק אין מיטן העלן טאָג און געהיט איר פאַרנטיקע געשלאָסענע טיר. און זי, די שטוב אַליין, האָט אָן לשון עפּעס דערציילט וועגן די אַוועקגעפאָרענע און וועגן דעם היפשן און ווייטן וואָקזאַל, ווו ס'וועט מאָרגן פאָרקומען מירלס חופה.

ס׳האָט זיך געמאָלט דעם פאַרבייגייענדיקן מענטשישן מוח:

דאָרטן, אינם ווייטן געברוקירטן שטעטעלע, וואָס איבערן רעלסן־שנור, ציט זיך איצט דער זעלבער שטילער זומערדיקער בייטאָג, וואַס דאָ; קלעזמער שפּילן דאָרטן צום אָנבייסן, וואָס ביי חתנס צד, און מירל גרייט זיך אַהין גיין און ־יוט זיך אָן אינם נייעם זיידענעם קלייד, וואָס מיטן שלעפּ.

ווען עמעצער פון די שפּאַצירנדיקע האָט פאַרגעלייגט זיך אומ־קערן און בעסער גיין צו די דעמבענע ווערדלעך, האָבן זיך שוין אַלע אַהין געלאָזט פויל, אָן אַ שום ווילן. פלוצים האָט בורנעסעס קלענער מיידל דערזען פונווייטנס די פור, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס לעבן זייער פּאַראַד־גאַניק אָפּגעשטעלט. יי האָט קיין שכל נישט געהאַט און האָט אויסגעשריגן אויפן קול:

„זע נאָר, ווערוועלס פור!... ווערוול איז געקומען!"

אַלע שפּאַצירנדע האָבן דאָך שוין געוווּסט, פאַרוואָס ווערוול איז אין די לעצטע אַנדערהאַלבן חדשים אַפילו איינמאָל אַהער אין שטעטל נישט געקומען.

דאָס עלטערע מיידל האָט זיך באַלד איינע אַליין געשווינט אַהין אַוועקגעלאָזט, אַריינגעקומען אין עסצימער און דערזען:

ווערוול שטייט דאָרטן איינער אַליין אין זיין ליכטיקן פאַר־כאַלאַט, שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, קוקט אַראָפּ צו זיין אויסגעצויגענעם פינגער און שאַרט מיט אים דאָס וואַסער, וואָס איז פון נאָך טיי־טרינקען אויף דער טיש־קלעיאָנקע פאַרבליבן.

טראַכטנדיק וועגן אים און וועגן מירלען, האָט דאָס מיידל נאַריש אויסגעשריגן:

„זע נאָר — ווערוול!..."

זי האָט זיך מיט אים געוואָלט דערפרייען. נאָר ער האָט איר גאָרנישט נישט געענטפערט און דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נישט אויפ־געהויבן.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. די שוועסטער האָט זיך געפילט שלעכט. זי איז צו איינעם פון די פענצטער צוגעגאַנגען, פאַרהויבן דעם פאָרהאַנג, און האָט לאַנג און אומעטיק אַרויסגעקוקט אינדרויסן. צולעצט האָט זי נאָכאַמאָל צו אים איר פּנים אויסגעדרייט:

„װעלװל, האָט זי געפֿרעגט, דו װעסט דאָ נעכטיקן?"

דענסטמאָל האָט ער אָקאָרשט אױפֿגעהערט מיטן פֿינגער דאָס װאַסער צו שאַרן, באַהאַלטן בײדע הענט אין די זײטן־קעשענעס פֿון פּאַר־כאַלאַט און, נישט קוקנדיק צו איר, איבערגעפֿרעגט:

„אַ?... װאָס?... נײן, ער פֿאָרט צוריק אַהײם".

און באַלד איז ער צוריק פֿון שטוב אַרױסגעגאַנגען און זיך אױפֿגעזעצט אױף דער פֿור.

די שפּאַצירנדע קאָמפּאַניע האָט געהערט, װי ער זאָגט דעם אָנ־טרײבער:

„צוריק אַהײם... אױפֿן פֿאָלװאַריק".

און נאָכדעם איז מען שױן דאָ גלאַט אַזױ געשטאַנען און גע־קוקט:

די פֿערד מיט דער גרינגער רעסאָרן־בריטשקע טראָגן זיך גע־שװינט צוריק צװישן די לעצטע הײזער פֿון שטאָט, און װעלװל זיצט דאָרטן עטװאָס אײנגעבױגן אױבנאָן, זיצט מיט די פּלײצעס אַהער און קוקט זיך אַפֿילו אײנמאָל נישט אום.

# באָך אַלעמען

## צווייטער באַנד

(טייל III — IV)

## I

„שמואליק, גיי דיר אַוועק!"

שמואליק שטייט איבער איר מיט אַ האַלב־אָפן מויל, לאַכט אונטער און רייניקט זיך די ציין פון נאָכן עסן. אין דרויסן וואַרט שוין אויף אים די אייגענע געשפּאַנטע פור, וואָס וועט אים אין משך פון גאַנצע דריי שעה אין פּאָטערס גוראַלניע אַריין אָפּפירן.

ער טרעט סוף־כל־סוף אָפּ פון דער קאַנאַפּע, וואָס מירל ליגט אויף איר, שפּייט אויס באַשעפּטיקט ביי דער טיר, טשמאָקעט עפּעס אַרויס פון צווישן די ציין און זאָגט איר אַ ליגן:

„פרייטאָג, מירעלע, פרייטאָג".

פרייטאָג וועט ער פאַרפרי פון גוראַלניע קומען. ער וועט זיין אין שטאָט און וועט פרעגן, פאַרוואָס מ'שיקט נישט צו דעם גרויסן שטיי־זייגער.

זיין ליגן איז אַן איבעריקער, אינטערעסירט זי נישט און רופט אַרויס אין איר אַן עקל. זי וויל אויף אים נישט קוקן. זיין גאַנצע אָפּ־געלאָזענע פיגור, דאָס רויטלעכע בערדל, וואָס ער האָט שוין צוויי וואָכן צייט נישט אַרומגעשוירן, דערמאָנט איר, אַז צוריק מיט אַ חודש צייט האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן אָן שום ליידנשאַפט און ווילן; אַז ער, שמואליק, האָט שוין באַקומען פון איר אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט, און איז דערפאַר געוואָרן רויקער, אָפּגעלאָזענער און נמאסער. אָט איז נעכטן אַ טאָג שבת געווען, און אין די ווייסע אַרבל איז ער דעם גאַנצן בייטאָג אָפּגעשלאָפן אויף דער נידעריקער קאַנאַפּע, וואָס אין קליינעם פיר־עקיקן קאַבינעט. איינער פון זיין מוטערס יונגע קרובים האָט אים דאָרטן פאַר זון־זעצן געוועקט און געקיצלט, האָט ער זיך אין אַ קנויל צוזאַמענגעצויגן און זיך ביים יונגן קרוב אָפּגעבעטן:

„נישט... קיצל נישט... כ'בין דאָך שוין אַן אַלטער ייד".

און זי, מירל, האָט געמיינט, אַז זי האָט חתונה אויף קאַטאָוועס, און האָט מיט אים כּלהוויז אַ תּנאַי אויסגענומען:

„לעבן מיט איר ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב זאָל ער זיך גאָרנישט רעכטן".

און פיל כּלהמיידלעך, וואָס ווייסן נישט, וואָס זיי ווילן, האָבן, ווי זי, געמיינט, אַז זיי האָבן חתונה אויף קאַטאָוועס, אויף דערווייל, און האָבן מיט זייערע נישט געראָטענע חתנים דעם זעלבן תּנאַי אויסגענומען.

ס'דערהערט זיך סוף־כּל־סוף דער גערויש פון שמואליקס אָפּפאָרנדיקער בריטשקע, און ס'ווערט עטוואָס גרינגער, וואָס ער פאָרט אַוועק אויף אַ גאַנצער וואָך, און נאָכדעם איז שוין אַזוי טרויעריק און שטיל אין אַלע פיר ניי־אויסגעמעבלטע חדרים, און ס'הערט זיך, ווי אין קיך צעוואַשט מען אויף גיך דאָס געפעס. טעלער צו טעלער פאַלן דאָרטן צו מיט אַ וויינענדיק טויבן קלאַנג, גלייך ס'טוען זיי ווי די קלעפּ, וואָס זיי כאַפּן.

גלאַט אַזוי גייט זי אַרויס צו איר גרויסן האַלב אויסגעגראָבענעם, האַלב פאַרטריקנטן גאָרטן, שטעלט זיך אָפּ און קוקט:

אַלץ איז שוין דאָרטן געל, פאַרטריקנט און שמעקט מיט שפּעטן זומער, אָפּגעפליקטע וויינשלבוימער ציען זיך פון איר קליינעם פליגל ביז צו דעם שווערס גרויסן וויס־אָפּגעקאַלכטן הויז און סודען זיך וועגן מרה־שחורהדיקע הימלען און קילן אַנהייב־אלול. און פון דאָרטן, פונם ווייטן סאַד־ווינקל, וווהין ס'גייט אַרויס די גלעזערנע וועראַנדע פון שווערס שטוב, שטעקט די שוויגער אַרויס דעם קאָפּ דורך אַן אָפּגערוקט פענצטער און שרייט:

„מירעלע! דעם האַלבן פונט טיי... האָסט געליגן אַ האַלב פונט טיי, פאַרוואָס האָסטו נישט אין זינען אָפּצושיקן?"

נישט אין האַלבן פונט טיי גייט איר, דער שטאַרק רייכער יידענע, נאָר ס'פאַרדריסט זי, און זי וויל זי אויסלערנען:

„אַ ווייבל באַדאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל געדענקען: אַז מ'אַנטלייט, מוז מען אין זינען האָבן אָפּצוגעבן".

מירל ענטפערט נישט. די שוויגער איז איר מיאוס. זי דרייט זיך

אַוועק צום פּאַסאַד פון איר פליגל און זעצט זיך דאָרטן צו אויף די טרעפּלעך פון גאַניק.

אַן אויסגערוטער איזוואָזטשיק אויף איין פערד רוקט זיך פון דאַנען פּאַמעלעך צו דער לאַנגער קייטנבריק, צו דער פּילגאַסיקער גובערניע־שטאָט און צו איר האַלבן מיליאָן באַשעפטיקטע מענטשן, וואָס ברומען דאָרטן אַ קיילעכדיקן מעת־לעת דעם גערויש פון זייער וואָכעדיקן טומל. און זי זיצט און קוקט דעם איזוואָזטשיק נאָך:

„וואָס וואָלט זי, אַשטייגער, איצט געקענט נעמען טאָן?"

ווייט, ווייט אויפן געברוקירטן וועג, קעגנאיבער דעם צווייטן פּוסטן פּאָרשטאָט־עק רוישט נאָך עמעצנס אַ לויפנדיקע פור. ס׳דוכט זיך: נישט קיין רעדער קלאַפּן דאָרטן, נאָר אַ טרוקענער בת־קול האַלט זיך דאָרטן אין איין חזרן:

„מאָרגן וועט דאָס זעלבע פּאָרקומען... איבערמאָרגן וועט דאָס זעלבע פּאָרקומען".

און אַקעגן קלעטערט אַן אַלטער האָן אויפן שטיינערנעם, ערטער־וויז אָפּגעפּאַלענעם פּאַרקן פון פּוסטן קלויסטער־הויף און עפנט זיין פּיסק:

„קו—קו—רי—קו—ו".

און שאַ, שטיל. אויסגעשטאָרבן מיט אַ תשובה־געדאַנק אַלע גע־מיינע און פיינערע הייזער, וואָס אין זאַמדיקן עק פּאָרשטאָט. ס׳זעט זיך שוין קיין מענטש נישט אַרום, און ס׳געדענקט זיך אַ מעשה פון אָנהייב זומער, פון צוריק מיט צוויי חדשים:

געוועזן דאָ ר׳ גדליה מיט גיטעלען; פאַרבראַכט ביים שווער אין שטוב דעם רוישיקן „פריילעכן שבת", זיך געפּילט שלעכט און עלנט, דערפאַר וואָס זיי האָבן אַ שידוך געטאָן מיט רייכערע פון זיך, און האָבן נישט, מיט וואָס זיך אויסצושטעלן, און זיך אַלע ווילע איינער דעם צווייטן אויף סודות אָן אַ זייט אָפּגערופן. געזעסן נאָכדעם, ווי פרעמדע, צווישן די פיל רייכע שטאָט־געסט, וואָס זענען אויף דער מלוה־מלכה געקומען אַהער, אין איר מיט שמואליקס ביי אויסגעמעבלטן פליגל; און אַוועקגעפּאָרן זענען זיי פון דאַנען שטיל, מיט אַ פאַרבאָרגן געפיל פון אַ פּאָר דערוויטערטע קרובים־יורדים.

איצט זענען זיי שוין אַזוי ווייט פון דאַנען מיט זייער געפּאַלנקייט,

מיט זייער גאַנצן פוסטן שטעטעלע און מיטן גאַניק, וואָס ביי אים איז די טיר תמיד געשלאָסן. דערמאָנט מען זיך אָן זיי, דוכט זיך נישט אַנדערש, נאָר זיי שלאָפן דאָרטן בייטאָג, און אין די אַרומיקע חדרים איז שטיל, און די ווענט לאַנגווייליקן זיך דאָרטן און טראַכטן: „שוין חתונה געמאַכט מירעלען, שוין חתונה געמאַכט".

איצט האָט זי זיך שוין אָפּגעגעבן שמואליקן, און גיין גייט זי שוין אָפּט צו איר היגער געשוועסטערקינד, אידאַ שפּאָליאַנסקי, דער ווייבלעך־אויסגעלאַסענער שטאָט־פּאַרשוין, וואָס איז שטאַרק רייך און וואָס פעלשט אָנם אַוועקגעפאָרענעם מאַן. און אין סאַמע צענטער פון דער גובערניע־שטאָט האָט זי, מירל, שוין פילמאָל זיך אַרומגעדרייט און באַגעגנט האָט זי זיך שוין דאָרטן מיט נתן העלער, וואָס וויל דאָ אין כּרך אַ קאָפּיקע־צייטונג אַרויסגעבן. שפּעט אין אָוונט האָט זי זיך איינמאָל פון אידאַן אַהיים אומגעקערט, דורכגעגאַנגען די צענטראַל־גאַס און האָט דאָרטן אים, נתנען, צום ערשטן מאָל אין די פּלייצעס דערזען. אין אַ נייעם און ברייטן האַרבסט־מאַנטל איז ער געשטאַנען אויף אַ פוסטן ראָג, לעבן אַ הויכן עלעקטרישן לאַמטערן, וואָס האָט שוין ביים אויס־לעשן געהאַלטן, און האָט גערעדט מיט אַ לייטישן באַיאָרטן קריסט וועגן זיין לאַנג־פּאַרטראַכטער קאָפּיקע־בלעטל:

„פּאָנימאַיעטע, אָבער דער ערשטער נומער מוז דאָך ערשיינען נישט שפּעטער פונם פופצענטן".

זי איז געווען צעטומלט און האָט נישט געדענקט, ווען זי האָט גאָר נאָענט לעבן זיך דערזען אים, זיין לענגלעך מאַט־טונקל און פריש פנים מיט די פריש־געגאָלטע באַקן און וואָנצעס, וואָס האָבן אויסגעזען שטאַרק שוואַרץ, ווי ביי אַ רומענער.

„סוף־כּל־סוף, האָט ער שטייענדיק אַקעגן איר אין אויפרעגונג גע־זאָגט, זיי האָבן זיך, סוף־כּל־סוף, נאָכאַמאָל באַגעגנט".

ביי איר האָט דאָס האַרץ געפּרווט טאָן עטלעכע גיכע אָפּגעע־ריסענע קלעפּ. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז דווקא געווען נאַריש און האָט דערוועקט אין איר אַ געדאַנק:

„ער איז נאָך אַלץ נישט קליגער געוואָרן, נתן".

נאָר אַרום־און־אַרום אים האָט שוין די לופט געשמעקט מיט די פּאַרצוויי־יאָריקע פרילינגס־אָוונטן, וואָס ביי איר אין שטעטל, מיטן

פֿייכטן גראָז פֿונם גרינעם בערגל, וואָס אויף אים זענען זיי אַרום די גוייִשע הייזער ביז שפּעט אינדערנאַכט געזעסן

ביינאַכט האָט זיך איר געחלומט, אַז זי איז ייִנגער מיט צוויי יאָר, און אַז זי האָט אים ליב, נתנען. און נאָכדעם האָט זי שוין אַלע גאַנצפֿרי געצויגן צום רוישיקן שטאָט־צענטער און ווייטער, צו יענער שטילער, פֿאַרוואָקסענער גאַס, ווו נתן האָט אויף איר אין אָנהייב אָוונט באַדאַרפֿט וואַרטן.

ביטאָג האָט זיך שוין געדענקט, אַז ס׳איז נאַריש אָט דאָס, וואָס זי ציט צו אים. זי איז געזעסן אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניק, געקוקט אויפֿן פּוסטן עק־פֿאָרשטאָט און געטראַכט, אַז זי אַליין איז שוין אַמאָל העכער פֿון אָט דעם געפֿיל געשטאַנען און האָט אַליין אָט דעם נתנען פֿון זיך משלח געווען; דענסטמאָל האָט זי עפּעס געוואָלט, און איצט איז דאָס לעבן אירס פּוסט, און שמואליקן האָט זי זיך שוין אָפּגעגעבן, און אויף אייביק האָט זי זיך שוין אָפּגעריסן פֿון ר׳ גדליהן מיט גיטעלען.

און פֿאַרנאַכט איז אויפֿן האַרצן נאָך אומעטיקער געוואָרן. און דער מוח מיט די געפֿילן זענען שוין געווען ווי פֿאַרנעפּלט פֿונם איבערגעלעבטן טאָג, און געדענקט האָט זיך, אַז מענטשן זענען ערגעץ גליקלעך. ליגקס, אין עק אייזערנעם פּאַרקן, וואָס רינגלט אַרום דעם שווערס שטוב, האָט דענסטמאָל כּמעט שטענדיק אין איין צייט אַ קלאַפּ געטאָן דאָס אַווטאָמאַטישע טירל, און אַרויסגעגאַנגען איז פֿון דאָרטן פֿאַרפּוצטערהייט שמואליקס קלענערע שוועסטער ריקל, אַ וווּקסיק ניינצן־יאָריק מיידל, וואָס האָט אָקאָרשט פֿאָריקן זומער די גימנאַזיע געענדיקט, זעט אויס עלטער, ווי אויפֿן אמת, פֿאַרשפּרייט אַרום זיך אַ געפֿיל צי פֿון מידקייט, צי פֿון גלייכגילטיקייט, און איז אינגאַנצן מיטן גרויסן הוט און מיטן פּאַרקעם, וואָס זענען ביידע אַביסל אָנגערוקט אויף אַ זייט, ווי געמאַכט געוואָרן נאָכן גרויס־שטאָטישן פֿאַסאָן. לעבן מירלען שטעלט זי זיך אָפּ שווער, ווי אַן ענג־איינגעשפּאַנטע אין איר לאַנגן גאָרסעט מיטן נייעם גרויס־שטאָטישן אנצוג, און דערציילט, אַז זי גייט איצט פֿאָרן מיטן טראַמוויי אין שטאָט:

„מירל באַדאַרף דאָרטן גאָרנישט האָבן?“

מירל האָט געקוקט אויף איר פֿון אונטן אַרויף און האָט זי באַטראַכט:

אַ וווקסיקע, אַ שלאַנקע, האָט אַ מאַט־טונקל פּנים מיט אויך אַזעלכע מאַט־טונקעלע אויגן, שווייגט ס׳רוב און וויל נישט הערן וועגן די שידוכים, וואָס מ׳רעדט איר. ס׳דוכט זיך, אַז זי רעדט קיינמאָל נישט קיין קלוגע זאַכן נאָר דערפאַר, וואָס זי איז צופיל מיד. נאָר אינאמתן איז גאָר ביי איר דער קאָפּ, ווי ביי איר מוטער, צופיל טעמפּ, און ס׳ווערן אין אים זעלטן וועגן מחשבות געבוירן. און אַ חשד איז דאָך פאַראַן, אַז אָט דאָס מיידל איז אין שטאָט עפּעס געוואָר געוואָרן וועגן איר, מירלען, און וועגן העלערן און וועט עס היינט־מאָרגן ביי דער שוויגער אין שטוב דערציילן.

איבער אָט דעם לעצטן געדאַנק טוט ביי מירלען אַ קלאַפּ דאָס האַרץ און ווערט באַלד ווי פאַרשטאַרבן. צום אָנהייב קוקט זי, ווי ריקל דערוויטערט זיך און ווערט פאַרשוווּנדן, און נאָכדעם גייט זי אַריין אין שטוב און טוט זיך לאַנג אָן ביי זיך אין שלאָפצימער. זי גייט אַוועק צו יענער זייט פאָרשטאָט, ווו ס׳קלינגט אַלעמאָל אַ ניי־אָנגעקומענער טראַמוויי־וואַגאָן, זעצט זיך אין אים אַריין, בשעת ער איז שוין באַלויכטן, און טראָגט זיך אין אים איבער דער לאַנגער אייזערנער בריק, וואָס פירט אין שטאָט אַריין.

ס׳איז אַ שטילער פינצטערער און שטאַרק־אויסגעשטערנטער אלול־אָוונט, און די לבנה איז אויפן הימל נישטאָ. פון אונטן, איבערן ברייטן אויבערפלאַך פונם מעכטיק־פליסנדיקן טייך, גליטשן זיך דאָ און דאָרטן אויסגערוטע, שוואַך־באַלויכטענע שיפן. זיי שטעלן זיך אָפּ, גיבן אַ פייף, רוקן זיך צוריק און גיבן אָפּ אַ שטומען געריס פון די מענטשן, וואָס זענען אין זיי נאָך ביי־טאָג אַהער אין גובערניע־שטאָט אָנגעקומען:

„עט, עט, עט!... זיי האָבן זיך שוין אויסגעשלאָפן, אָט די מענטשן, און מוזן שוין איצט אַוודאי זיין אין טעאַטער, אין קלוב, צי אין די שטאָט־סעדער".

און אַקעגן פינקלט דער שטאַרק־באַלויכטענער בערגיקער ברעג, מינעט מיט זיינע מיליאָנען געדיכטע און שיטערע פייערן און וואַרפט אָפּ אַהער דעם געוויש פון זיין תחילת־נאַכטיקן טומל. ער הערט זיך אַהער יעדעס מאָל, וואָס דער וואַגאָן שטעלט זיך אָפּ, אָט דער טומל — ער איז ענלעך צום קוואָקען פון צען־טויזנטער טייך־זשאַבעס און

דערמאָנט אָן דער ווייטער און שטילער גאַס, ווו ס׳וואַרט שוין ערגעץ ער, נתן העלער.

---

דער פרי־באַלויכטענער טראַמוויי־וואַגאָן איז שוין שטענדיק געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זיצן לייטיש אויף זייערע ערטער און שווייגן. יעדערער פון זיי האָט מיט זיין שווייגן געוואָלט מרמז זיין, אַז ער באַמערקט נישט דעם צווייטן, און יעדער פון זיי איז דאָך אויסגעקומען קאָמיש און האָט נישט מער ווי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ קאַפּריזער בריאה, וואָס איז נאַר־וואָס אויף דער לינקער זייט פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

זי, מירל, האָט בעצם אָט די אַלע ברואים באַדאַרפט אויף כפרות, גאָר ערגעץ־ווו, הינטער אירע פּלייצעס האָבן זיך שוין שטענדיק געפונען אַ פּאָר אָנגעזעענע פּאָרשטאָט־באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך איינער צום צווייטן אַ בויג געטאָן און זיך וועגן איר, מירלען, דורכגעשעפּטשעט:

„יעקב־יוסל זיידענאָווסקיס שנור?"

זיי האָבן געהערט ביי זיך אינדערהיים, אַז זיידענאָווסקיס שנור איז עפּעס אַזעלכע, וואָס צו איר גלוסטן שטאַרק יונגעלייט האָבן זיי זי איצט געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן און האָבן דערביי געהאַט אַ געוויסן טעם·

„עפּעס אַ וועלט זאָגט; ס׳איז כדאי צו וויסן דעם געשמאַק פון אַ וועלט".

האָט זיך אויך איינמאָל געמאַכט, אַז אַן אָפיציר, וואָס איז אַקעגן מיט זיין פרוי געזעסן, האָט זיך אויף איר גאַנץ לאַנג פאַרקוקט, זיך, אַפּנים, דערמאָנט אָן זיין ערשטער ליבע און שוין צו גלויבן אָנגעהויבן, אַז ער האָט בטעות מיט זיין ווייב חתונה געהאַט. מירל האָט אינסטינקטיוו דערפילט זיין בליק אין געעפנט אויף אים די היפּשע אומעטיקע אויגן, טיפע און בלויע אויגן, וואָס קוקן פון אונטער די שוואַרצע וויעס פון זייער שטענדיקן טרויער אַרויס און דערציילן, וויאַזוי דאָס אייגענע לעבן האָט זיך נישט איינגעגעבן. ביידע, דער אָפיציר און מירל, זענען רויט געוואָרן, און זי האָט נאָך דערצו דערפילט דעם האַרטן גאָרסעט, וואָס ליגט שטייף אַרום אירע זייטן, זיך

פון אָרט אויפגעהויבן און געגאַנגען זיך אַוועקשטעלן אויפן קליינעם גאַניק פון וואַגאָן.

ווען זי איז סוף־כל־סוף אַראָפּגעגאַנגען אויפן אָנהייב פון דער ברייטער און שטאַרק־רוישיקער צענטראַל־גאַס, האָבן דאָרטן די עלעקטרישע לאַמטערנעס שוין אומעטום געפינקלט מיט זייערע היפשע בלאַנקווייסע פייערן, זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שיין פון די בלאַסע בין־השמשות און געלויכטן צוזאַמען, ווי אום יום־טוב. ווייט, ווייט אין דער טיפעניש פון דער שנור־גלייכער גאַס איז אָט דער יום־טוב פאָרגעקומען. ער האָט אויסגעזען פון דאָרטן, ווי אַ חופה מיט ליכט, וואָס רוקט זיך אַהער און קומט אָן פון ערגעץ אַ פאַרכישופטער רוישיקער מלוכה, און געדוכט האָט זיך, אַז מ׳קלאַפּט דאָרטן שטאַרק אין פיל גרויסע אומגעלומפּערט־ברומענדיקע פויקן.

אַקעגן, אויפן רעכטן ברייטן טראָטואַר האָבן זיך באַגעגנט פאַרפוצטע בחורים, וואָס קוקן פרויען אין די פנימער אַריין, רייך געקליידטע ווייבלעך, וואָס גאַרן צו פעלשן אָן זייערע מאַנען און ווייסן נישט וויאַזוי, און גאַנצע מחנות פון פריצייטיקע סטודענטן מיט קורסיסטקעס, וואָס זענען תמיד אויס צעטראָגן און, געפינענדיק זיך אויף איין גאַס, מיינען זיי, אַז זיי פאַרשפּעטיקן עפּעס אויף דער צווייטער.

אָט האַקט זיך דער טראָטואַר איבער מיט דער שטילער גאַס, וואָס מיטן לאַנגן בולוואַר אינדערמיט. דאָרטן וווינט איר געשוועסטערקינד אידאַ שפּאָליאַנסקי. נאָר זי גייט גלייך ווייטער. אַקעגן גייען נאָך אַלץ פיל מענטשן, יום־טובדיקע, שוואַרץ געקליידטע, אַלע זענען זיי איר פרעמד. נאָר אָט הייבט זיך שוין אָן די גאַס איינצושטילן, מענטשן באַגעגענען זיך שוין ווינציק, און זי גייט שוין לינקס אויף דער צווייטער שטילער, פאַרוואָקסענער גאַס. די דריטע גאַס איז שוין אַ שטילערע, אַ מער פאַרוואָקסענע, און אויף דער פערטער — ברענען שוין נאָר פשוטע האַלב־טונקעלע לאַמטערנעס, און לעבן איינער פון זיי וואַרט שוין אויף איר פון לאַנג נתן העלער און לאָזט זיך אין אומגעדולד איר אַקעגן.

ער האָט געמיינט, אַז זי וועט שוין נישט קומען, און איז דאָ שיער פון זינען נישט אַראָפּ. איצט האָט ער מורא, אַז ס׳איז איר קיל,

און איז צופרידן, וואָס זי לאָזט, ער זאָל זיין ברייטן האַרבסט־מאַנטל אויף זייערע ביידנס פּלייצעס אַרויפוואַרפן. ס׳ציטערט שוין ביי אים אַפילו די רעכטע האַנט, וואָס מיט איר נעמט ער אַרום אונטער אָט דעם האַרבסט־מאַנטל די טאַליע פון איר, שמואליק זיידענאָווסקיס יונגן ווייבל. די האָר אירע, זאָגט ער, שמעקן נישט מיט פּערפומען — נאָר מיט זייער אייגענעם ריח. און זי איז אינגאַנצן, די בת־יחידה און מפונקת —

ער געדענקט זי דאָך נאָך פון איר קליינעם שטעטל.

און זי שווייגט און געדענקט, אַז ס׳איז שוין נישט אויף לאַנג, אָט דאָס, וואָס ס׳ציט זי צו אים, און זי דרייט זיך מיט אים אַרום.

זי קוקט אויף די צוויי פאַרמעגלעכע מיידלעך, וואָס קומען אָן אַקעגן. ביידע זענען זיי, אַפּנים, גרויסשטעטיק־געבוירענע און ווייסן, וואָס אַ שיינער בחור באַטייט; די מיידלעך קוקן אויף העלערן און שמייכלען, גייען אָפּ עטלעכע שפּאַן, דרייען די קעפּ אַהינטער און שמייכלען ווידער. און זי הערט שוין נישט, וואָס העלער פּלאַפּלט וועגן זיך און וועגן זיין קאָפּיקע־צייטונג, און טראַכט, אַז ס׳איז נישט פאַר איר אָט דאָס אַרומדרייען זיך מיט העלערן:

פאַר זיי, פאַר אָט די צוויי גרויסשטעטיק־געבוירענע מיידלעך, איז דאָס אפשר אַ זאַך, נאָר פאַר איר, מירל הורוויץ...

זי האָט שוין אַליין אַמאָל אָט דעם נתנען פון זיך משלח געווען.

און עפּעס אַנדערש פעלט איר; מיידלוויז האָט זי שוין אַפילו אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס איר פעלט, נאָר איצט איז זי פאַרטומלט געוואָרן אין אָט דער טומלדיקער גובערניע־שטאָט, ווו זי האָט זיך נישט לאַנג באַזעצט, און ער וועט זיך שוין באַלד פעלן, אָט דער טומל...

געוויס וועט ער זיך שוין אינגיכן פעלן.

## II

פון טאָג צו טאָג האָט ער זיך מער געלאָזט דערקענען.

ער, דער פאַרצוויי־יאָריקער נתן העלער, איז נאָך אַלץ געווען

גרינג אויף דער דעה און האָט מיט זיין פּוסטקייט, ווי אַלעמאָל, דער־מאָנט אָן אַן אַרויסגעטריבענעם, גרויסשטעטיקן גימנאַזיסט.

מירלען איז אַזוי ווינציק אָנגעגאַנגען זיין פּלאַפּלעריי מיט דעם, וואָס ער איז צוריק מיט פיר חדשים אַ חתן געוואָרן דאָ אין שטאָט פאַר אַ רייך און קראַנק מיידל — אַ יתומה, און וויל איצט דעם שידוך אָפּלאָזן.

נאָר איינמאָל אינאָוונט האָט ער גלייך אָנגעהויבן פּאָדערן, זי זאָל זיך גטן מיט שמואליקן און זאָל חתונה האָבן מיט אים, נתן העלער, וואָס וועט מאַכן גליקלעכע געשעפטן אין זיין קאָפּיקע־צייטונג, און וואָס פאַר אים האָט מען דאָ אין גובערניע־שטאָט דרך־ארץ.

איר איז דאָס געווען מיאוס, און ער האָט געהאַט צו איר טענות, פאַרוואָס זי הערט נישט, וואָס ער רעדט, און טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש:

„ביי קיינעם אין די אויגן זעט ער דאָך נישט אויס אַזוי קליין און נאַריש, ווי ביי איר, מירלען".

זי האָט אים דערויף גאָרנישט נישט געענטפערט; זי האָט נאָר אויף אים אַ מאָדנעם קוק געטאָן און האָט אויפגעהערט צו קומען צו אים פאַרנאַכט אויף דער שטילער פאַרוואָקסענער גאַס.

---

פון דענסטמאָל אָן האָט זי זיך שוין ווידער גאַנצע טעג גענודעט אויף די טרעפּלעך פון איר געמויערטן גאַניק און געדענקט, אַז זי האָט זיך די לעצטע צייט אַראָפּגעלאָזן און טאָר עס מער אויף ווייטער נישט דערלאָזן:

„מיידלוויז איז זי דאָך שוין געווען געשטאַנען אויף אַ דרך און האָט מיט שמואליקן חתונה געהאַט נאָר אויף דערווייל, ביז אַ צייט".

זי האָט באַדאַרפט עפּעס טאָן, כּדי צו באַפרייען זיך פון איר איצטיקער לאַגע, און האָט נישט געוווּסט וואָס.

ס'איז געווען קלאָגעדיק אויפן האַרצן.

טעג האָבן זיך נאָך דערצו אויך געצויגן אַזעלכע פאַרחושכטע, אַלוידיקע, אומעטיקע; פאַרוואָלקנטע הימלען האָבן פון נאָכמיטאָג אָן שטום אַראָפּגעקוקט צום פּוסטן און זאַמדיקן עק־פאַרשטאָט, און

געוועקט האָבן צו עפּעס די פֿאַרבייגייענדיקע מענטשן מיט די רעגלמעסיקע פֿאַרנאַכטיקע קלעפּ פֿון דער שוויגערס אייזערן פֿאַרקןטירל:

„וואָרט... מען מוז זיך פּאַמעלעך פֿונאַנדערקלויבן און באַטראַכטן: וואָס דאַרף טאָן ווייטער אַ מיידל, וואָס איז געוואָקסן אַ בתיחידה ביי ר׳ גדליה הורוויץ, און האָט שוין עפּעס געהאַט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, און האָט שוין חתונה געהאַט נאָר אויף קאַטאָוועס, אויף דערוויילט".

פֿון העלערן איז איר איינמאָל אום שבת אָנגעקומען אַ בריוו, אַז ער האָט זי ליב, און זיין לעבן איז אים אָן איר פּוסט; אַז זיין כּלה, וואָס איז שוין וועגן דעם געוואָר געוואָרן, איז נאָך דינסטאָג אָן זיין וויסן אַוועקגעפֿאָרן צו איר ברודער קיין לאָדז און זיך געהייסן רעדן שידוכים; אַז היינט איז שבת, און אין דער צייט, וואָס ביי איר, מירלען, אינדערהיים וועט זיין דער מאַן, און געסט וועלן זיצן ביי זיי און פֿאַרברענגען, וועט ער זיך, ווי אַלע פֿאַרנאַכט, איינער אַליין אַרומדרייען אויף דער שטילער גאַס, און די היים זיינע וועט אים זיין נמאס, און ער וועט זיך עקן פֿון גרויס מאַטערניש און וועט טראַכטן:

„אפֿשר... אפֿשר וועט זי פֿאָרט צו אים אַ צי טאָן, און זי וועט קומען?"

דער בריוו האָט זיך געוואַלגערט לעבן איר אַ נישט־דערלייענטער, און אַליין איז זי געלעגן אויף דער קאַנאַפּע מיטן פּנים אַרויף און געהאַלטן די הענט אונטערן קאָפּ.

דאָס גאַנצע באַגעגעניש מיט העלערן — אַ בחור, וואָס האָט נישט קיין עלטערן און קיין שוועסטער און ברידער און וואַלגערט זיך שוין דאָס צווייטע יאָר ערגעץ אין אַ געדונגענעם צימער, וואָס אין שטאָטצענטער — האָט זיך איר איצט שוין געדוכט אַזוי איבעריק נודנע און נאַריש. ס׳האָט זיך געמאָלט, ווי ער לאַנגווייליקט זיך איצט דאָרטן אויף דער ווייטער און שטילער גאַס, לעבן דעם איינציקן שבתדיקגעשלאָסענעם יידישן קלייטל; ווי ס׳איז אים דאָרטן פּוסט אויף דער נשמה, און ס׳איז אים נמאס זיין געדונגענער חדר, וווּ ער קען שוין לאַנג נישט איינזיצן. און ס׳איז שוין געווען אַזאַ חידוש אויף זיך אַליין:

„זי, מירל הורוויץ... נאָך וואָס האָט זי זיי באַדאַרפט, אָט די געגג, וואָס זי איז צו אים טאָג-ביי-טאָג אין שטאָט אַריין גע-גאַנגען?"

---

און יענעם שבת איז שמואליק ווידער אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן בייטאָג מיט די ווייסע אַרבל אין זיין קליינעם קאַבינעט, און ווידער האָט אים דאָרטן פאַר זון-זעצן געוועקט און געקיצלט איינער פון זיין מוטערס יונגע קרובים:

„שמואליק!... עפן די אויגן... ס'ברענט די גוראַלניע, שמואליק!"

מירל האָט זיי נישט געקענט פאַרליידן, אָט די יונגע שמייכלדיקע קרובים, און האָט צו זיי קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. דורכ-גייענדיק פאַרביי דער אָפענער קאַבינעט-טיר, האָט זי אַהין אַפילו קיין קוק נישט געטאָן. נאָר שמואליק איז שוין דאָרטן געלעגן אויף דער קאַנאַפּע מיט אָפענע אויגן. ער האָט זיך געצויגן מיט זיין גאַנצן פאַרשלאָפענעם גוף און צו איר ווייך און גוטהאַרציק געשמייכלט:

„מירעלע, וועסט גיין צום טאַטן, מירעלע?"

זי האָט גלייך אַריבערגעשפאַנט אין עסצימער אַריין און זיך צו אים נישט אומגעקוקט. מיט אַ פּאָר שבתים צוריק האָט זי אים אויף אָט דער פראַגע געענטפערט: „ער וועט טרעפן אַהין אָן איר". ער איז נישט קליין געווען אָט דעם ענטפער צו געדענקען און איר מער דעם קאָפּ נישט דולן.

שפּעטער, ווען שמואליק האָט שוין מיטן פאָטער צו דער שבת-דיקער מנחה געהאַט אַוועקגעשפּאַנט, האָט זיך פּלוצים צו איר אין עסצימער דערהערט אַ שאַרפער קלונג פונם נייעם פאַראַד-גלעקל, עמעצנס אַ געשווינטער שפּרונג אַריין מיט אויך אַזעלכע געשווינטע אָנפראַגן וועגן שמואליקן:

„נישטאָ? ווען קומט ער? אַוועקגעגאַנגען אויף שלש-סעודות צום פאָטער?"

געווען איז דאָס שמואליקס שוועסטערקינד מאָנטשיק דער גרויסער. ער איז לכבוד שבת געווען אָנגעטאָן אין אַ שפּאָגל-נייעם גרויען אַנצוג מיט אויך אַזעלכע שפּאָגל-נייע געלאַקירטע שיך. און איינגאַנצן מיט זיין סוחריש-צעטראָגן פּנים און גרויסשטעטיק-רירעוודיקן גוף, האָט

ער זיך געריסן צוריק אין טומלדיקן פרך-צענטער אַריין, פונוואַנען ער איז נאָר-וואָס אַראָפּגעקומען, גלייך ס׳וואָלטן אים דאָרטן פאָרגעשטאַנען נישט קיין שווינדלערישע פאַרדינסטן, נאָר גאָר עפּעס אַ נייע און וויכטיקע נאַכט-עבירה. ס׳האָבן שוין אַפילו ביי אים מער ווי תּמיד געגלאַנצט די צעטראָגן-גרויסע, שוואַרצע אויגן. און דאָך איז ער דאָ אַ היפּשע ווײַלע אָן אַ היטל לעבן מירלען געזעסן, זיך באַצויגן צו איר, ווי צו אַ ניי-צוגעקומענער קרובה, מיט וועמען ער וויל היימיש ווערן, און האָט לאַנג דערציילט וועגן זיך מיט שמואליקן, וועגן דעם ליטווישן מלמד, ביי וועמען זיי האָבן קינדווייז ביים פעטער יוסלען אין שטוב געלערנט, און וועגן די טייבעלעך, וואָס זיי פלעגן דענסטמאָל האָדעווען אין אָט דעם פליגל, ווו ס׳וווינען איצט מירל מיט שמואליקן.

און איינמאָל האָבן זיי דאָ שוין צען פּאָר טייבעלעך מיטאַמאָל געהאַט. האָבן זיי גענומען פון איין פּאָר אַן „ער" און פון דער צווייטער פּאָר אַ „זי", זיי פאַרשלאָסן אין אָט דעם קליינעם חדר, וואָס איז איצט שמואליקס קאַבינעט, און האָבן געוואָלט זען, וואָס דערפון וועט אַרויס. מירל קען דאָס גלויבן!? אַזעלכע שנעקן!? ער, מאָנטשיק, איז נאָך דענסטמאָל קיין צען יאָר נישט אַלט געווען.

ס׳איז געווען צו דערקענען, אַז דער איינפאַל, פאַרשפאַרן אין איין חדר אַ פרעמדן „ער" מיט אַ פרעמדער „זי", איז געווען זיינער, מאָנטשיקס — ער האָט פאָרגעגעבן, און שמואליק האָט אויסגעפירט. ס׳האָט שוין טאַקע דערפאַר פון אים געשמעקט מיט פיל אָפּגעטאָנע גרויסשטעטיקע עבירות. נאָר ס׳האָט אויסגעזען, אַז פיל עבירות שטייען אים נאָך פאָר, דעריבער איז ער נאָך אַזאַ קרעפּטיקער, אַזאַ ריר־עוודיקער און אַזאַ צעטראָגענער.

מירל האָט כמעט נישט געהערט, וואָס ער האָט דערציילט. ליגנדיק אויף דער קאַנאַפּע, האָט זי געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן און האָט געדענקט, אַז זינט זי לעבט, האָט זי נאָך, דוכט זיך, עפּעס אַזאַ מין פאַרשוין נישט געזען. איינמאָל, אין די ערשטע טעג פון איר אָנקומען, האָט ער זי, מירלען, אין שטאָט אויף דער סאַמע רוישנדיקער גאַס באַגעגנט און זי דאָרטן עטלעכע קוואַרטאַלן באַגלייט. האָט זי געזען, אַז ער האָט פיל, פיל קריסטלעכע און יידישע באַקאַנטע,

אַז ער איז כּמעט מיט זיי אַלעמען אויף „דו", און אַז צו אייניקע פון זיי שרייט ער אויפן קול:

„קום אַריין צו מיר היינט אינאָוונט, איך באַדאַרף דיך האָבן".

„זיי עלף אַזייגער אינדערהיים, דו הערסט? פּונקט עלף".

און ביי דער שוויגער אין שטוב האָט מען פון אָט דעם צע־טראָגענעם בחור געהאַלטן אַן עולם ומלואה. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך צו זיי פון שטאָט אַראָפּגעכאַפּט, האָט מען אים אַרומגעשטעלט און באַשאָטן מיט שאלות:

„מאָנטשיק, פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען שבת?"

„מאָנטשיק, די מומע פּערל האָט דיר צוגעשיקט פון וואַרשע אַ מתּנה, האָסט געזען?"

„מאָנטשיק, דו וועסט פאָרן מיט אונז זונטאָג אין גוראַלניע?"

אַלע זיידענאָווסקיס האָבן אים מחמת עפּעס איבעריק ליב געהאַט, און אַלע האָבן זיי נישט געדענקט, אַז זיי האָבן שוין פילמאָל דער־ציילט וועגן אים יעדן ניי־צוגעקומענעם משפּחה־מענטשן, און האָבן פונסניי אַלע מיטאַמאָל דערציילט, אַז ער איז אַ קלוגער, אַ דורכגע־טריבענער, אַז אַ קאָפּ האָט ער פון קינדווייז אָן אַ זעלטענעם, און אַז קענען קען ער אַסך, אַסך, כאָטש ער האָט נאָך ביי אַכצן יאָר די נישט דערענדיקטע קאָמערץ־שול אַוועקגעוואָרפן און האָט מיט זיין קלוג קעפּל פאַרדרייט עפּעס אַ מאָדנע גליקלעכע סוחרישע אַרטעל, ווו ער איז נאָך עד היום באַלעבאָס. איצט האָט ער שוין אין כּרך אַ נאָמען, אַ קרעדיט מיט אַ גרויס באַקאַנטשאַפט, און מענטשן קומען צו אים אָפט פרעגן סוחרישע עצות. ווען ס'לאָזן זיך אים דאָ אויס דיבורים, און אַוועקצוגיין איז ער שוין גרייט, און דאָס היטל האַלט ער שוין אין האַנט, דערמאָנט ער זיך פּלוצים אָן איינעם פון אָט די עצה־פרעגערס און פאַרהאַלט זיך נאָך אַ ווייַלע:

„איז צו אים אָט דאָ איצטיקע וואָך געקומען פרעגן אַן עצה איינער אַ יונגערמאַן און האָט געזאָגט, אַז ער איז מירלס אַ באַקאַנטער, אַ שיינער איז ער, אָט דער יונגערמאַן, גאָר, גאָר אַ שיינער; אַביסל ענלעך צו אַ רומענער. וואַרט, ווי איז די פאַמיליע זיינע?... העל... העל... העלער, העלער. ער וויל דאָ אַרויסגעבן אַ רוסיש קאָפּיקע־בלעטל און

האָט דערויף סך־הכל דריי טויזנט רובל. עט!... ס׳וועט נישט גיין, ס׳איז קיין געשעפט נישט".

ביי מירלען האָט נאָר צום אָנהייב אַ קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ און איז באַלד געוואָרן ווי פאַרשטאַרבן:

אָט דער מאָנטשיק האָט די לעצטע מעשה געקענט דערציילן גלאַט אַזוי, צופעליק. נאָר ס׳האָט אויך געקענט זיין אין דעם עפּעס אַ מיין... פון דער שוויגער האָט מען אים, למשל, געקענט אונ־טערשיקן.

אַ היפּשע ווײַלע נאָך מאָנטשיקס אַוועקגיין איז זי נאָך קאַלט און רויק אויף איר אָרט געלעגן. ס׳איז איר שוין אַפילו געווען אַ חידוש אויף זיך אַליין. נאָר פּלוצים האָט זי אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס ער, העלער, גייט אַרום צווישן איר מאַנס קרובים און רעדט וועגן איר, מירלען. זי האָט מער נישט געוואָלט וועגן אים טראַכטן און זיך גע־שווינט ווי מיט כעס גענומען אָנטאָן, כדי צו גיין אויף יענער שטילער גאַס, וווּ ער וואַרט אויף איר:

„ניין... ס׳מוז דאָך אַמאָל נעמען אַן עק; איר עקלט שוין פון דער גאַנצער מעשה. זאָל ער אויפהערן אויף איר, מירלען, האָפענונגען צו האָבן".

---

נתן העלער האָט, ווי תמיד, געוואַרט אויף איר לעבן דער גע־שלאָסענער פּאָסט־אָפּטיילונג, וואָס אויף דער שטילער גאַס, געטראַכט, אַז זי וועט שוין נישט קומען, און זיך געעקט. אַלע ווײַלע האָט ער גע־קנייטשט מיט די אויגן און זיך אײַנגעקוקט אין יענעם ווײַטן עק־גאַס, פונוואַנען די נידעריקע און ווײַטע זון האָט נאָך אַהער געבאַקט, גע־צונדן די פאַרגעלטע בלעטער, וואָס אויף די אַרומיקע בוימער, מיט די דעכער פון די נאָענטע הייזער. צײַטנווײַז איז פונדאָרטן געגאַנגען אַ מענטש אַ באַלויכטענער מיט דער רויטלעך פאַרגעלטער זונענשיין, אַ גילדענער — נישט מירל איז דאָס געווען. ווען ער האָט זי סוף־כל־סוף פונדאָרטן אָנקומען דערזען, האָט ער זי שוין נישט אינגאַנצן דערקענט און נישט געגלויבט, אַז דאָס איז זי. ער האָט געדענקט, אַז ער באַדאַרף איר עפּעס דערציילן וועגן זיך, וועגן די טעג, וואָס ער האָט איבער־געלעבט, וועגן דעם, וואָס ווײַטער קען זיך מער מיט אים אַזוי נישט

ציען. ס'האָט געצויגן צו איר שלאַנקער פיגור און צו איר פּנים; ס'האָט זיך געוואָלט וויינען.

נאָר צוקומענדיק צו איר, האָט ער דערזען, אַז איר פּנים איז אומעטיק־שטרענג און פאַרפרעמדט, און האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן, וואָס ער האָט איר זאָגן געוואָלט. אַ ווײַלע זענען זיי אַזוי אָן לשון איינער אַקעגן צווייטן געשטאַנען. מירל האָט געקוקט אויף אים, דענסטמאָל ווען זיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן. זי האָט גאָרנישט נישט געזאָגט. ער האָט געהערט: זי האָט אַ לאַנגן און שטילן אָטעם געטאָן און זיך פּאַמעלעך געלאָזט שפּאַנען. ער האָט אויך עפּעס ווי אַ זיפץ געטאָן און זיך פּאַמעלעך געלאָזט נאָך איר. איצט איז שוין געווען קלאָר, אַז זי איז צו אים געקומען דאָס לעצטע מאָל. ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף. ווען ער וואָלט געוועז אָנהייבן רעדן, וואָלטן אפשר ביי אים די ציין געווען געקלאַפּט. ער האָט געקוקט נישט צו איר, נאָר אַקעגן, צו דער געשלאָסענער פּאָסט. דער דאַך איז אויף איר נאָך מיט דער לעצטער זונענשיין באַלויכטן געווען; אין איינעם אַ פענצטער איז דאָרטן אַ שויב געווען אויסגעזעצט; זי איז געווען פון אינווייניק פאַרשטעלט מיט אַ בלוי פּאַפּיר, דאָ האָט ער אָקאָרשט נאָכאַמאָל אויף מירלען אַ קוק געטאָן און האָט באַמערקט, אַז זי איז פאַר די לעצטע טעג שטאַרק פון פּנים אַראָפּ, און אונטער די אויגן איז ביי איר שוואַרץ; אַז געווען איז זי געוויס די גאַנצע צייט פאַרשפּאַרט ביי זיך אין שטוב און געליטן האָט זי דאָרטן פון געדאַנקען, וואָס האָבן צו אים, העלערן, קיין שייכות נישט. ס'האָט אים פאַרדראָסן, האָט ער געזאָגט:

„וואָס זשע דען? ער איז דאָך ביי איר גאָרנישט...״

מירל האָט נישט געענטפערט.

זיי האָבן פאַרקערעוועט לינקס און זענען געגאַנגען אַראָפּ באַרג מיט דער ברייטער און פאַרקרימטער גאַס, ווו די געברוקירטע שטיינער זענען געווען גרעסער, ווי אומעטום, איבער די וואַסערן, וואָס רינען איבער זיי אין די יערלעכע רעגנצייטן. און נאָכדעם האָבן זיי דער־גרייכט דעם עק פון אָט דער פאַרקרימטער גאַס, וואָס איז אויך געווען דער עק פון שטאָט; און נאָכדעם זענען זיי ביידע געזעסן דאָרטן אין עק אויפן בענקל, וואָס אַקעגן דער לאַנגער איינגאָרנדיקער און גרויס־

פענצטער־דיקער גיס־פאַבריק. די ווייטע מערב־זון האָט איר רויט אונ־טערגאַנג־פייער אין די פענצטער פון אָט דער עלעקטריש־באַלויכטענער גיס־פאַבריק אָפּגעשפּיגלט, און רעכטס האָבן זיך שוין אין אָט דער רויט־קייט געטוקט די הויכע, גרינע בערג מיט די ליים־גריבער, וואָס לאָזן נישט, די שטאָט זאָל זיך ווייטער בויען. אַ געפּענטעט פערד האָט זיך דאָרטן אויפן באַרג לעבן דער אַלט־פּאַרלאָזטער ווינט־מיל אויפן פאַררויטלטן גראָז געפּאַשעט, און אַ שייגעצל אין ווייסע לייוונטענע פּלו־דערלעך איז דאָרטן אין עק געשטאַנען און אויף דער שטאָט אַראָפּגע־קוקט. פּלוצים האָט נתן דערפילט, אַז ער ווערט אויפגעריעגטער פון רגע צו רגע, און אַז ער הייבט אָן צו רעדן, נאָך איידער דער מוח ווייסט, וואָס פאַר אַ ווערטער ס׳וועלן ביי אים פון מויל אַרויסגיין:

„ער ווייסט... איין זאַך ווייסט ער. ער וויל, אייגנטלעך, ביי איר פרעגן..."

מירל האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט און נישט געוווסט, וואָס ער וויל.

ער האָט נאָך אַלץ דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען אָנכאַפּן נישט געקענט. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז מירל קוקט אויף אים, ווי אויף אַן אידיאָט, וואָס פּלאַפּלט. איז ער נאָכמער אויפגעריעגט געוואָרן, און פאַרדראָסן האָט אים אויף איר אַזוי שטאַרק — דער פאַרדראָס האָט אים געהאָלפן, ער זאָל מיטאַמאָל ביי זיך שטאַרק ווערן און זאָל מיט־אַמאָל, אומגערעכט פאַר זיך אַליין, אַרויסזאָגן דאָס, וואָס ער וויל.

„אָט וואָס ער וויל וויסן: מירל האָט אים ליב? זי קען דאָך דאָס נישט אָפּלייקענען. פרעגט ער ביי איר איין זאַך: פאַרוואָס וויל זי זיך נישט גטן מיט איר מאַן און חתונה האָבן מיט אים, העלערן?"

מירל האָט אים אויסגעהערט, אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און גענומען אַראָפּקוקן צו די פאַסקעלעך, וואָס זי האָט מיטן שירם־שטעקל אויף דער ערד אויסגעדרייט:

„נו, און נאָכדעם, נאָך דער חתונה..."

„נאָכדעם?"

נתן העלער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט מיט דעם:

„נאָכדעם... נאָכדעם וועלן זיי אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד... בכלל נאָכדעם..."

מירל האָט ווידער מיט די אַקסלען אַ קנייטש געטאָן און זיך פון בענקל אויפגעהויבן.

העלער האָט עפּעס געוואָלט אויפווייזן, נאָר זי האָט עס גע-ווּוסט אַפּריער. ס'איז איר געווען נמאס צו הערן, האָט זי אים קאַלט-בלוטיק אָפּגעשטעלט:

„זי האָט פיינט אַסך צו רעדן".

נאָר העלער איז שוין געווען אויסער זיך:

„נו, ווי זשע לעבט זי, למשל, שוין פיר חדשים צייט מיט איר נאַרישן מאַן? אין שטאָט לאַכט מען פון אים... אים אין די אויגן לאַכט מען פון אים..."

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס מירל האָט צו אים איר פּנים אויסגעדרייט. ער האָט געזען: נאָך מער פאַרפרעמדט, ווי פריער, איז אָט דאָס פּנים געווען; ער האָט אויף אים אומעטיק געקוקט, און ווי אַ ציטער איז, דוכט זיך, איבער אים דורכגעגאַנגען.

זי האָט געזאָגט:

„עטלעכע מאָל האָט זי אים געבעטן, ער זאָל נישט רעדן וועגן איר מאַן און זאָל איר צורו לאָזן... דער מאַן איז אַ גוטער... ער טוט, על כל פּנים, קיינעם קיין שלעכטס נישט".

ס'האָט זי פאַרדראָסן אויף זיך; ס'האָט זיך געדוכט, אַז פיל, פיל ווייבלעך, האָבן שוין די זעלבע ווערטער וועגן זייערע נאַרישע מאַנען געזאָגט צו יענע יונגעלייט, מיט וועמען זיי דרייען זיך אַרום אויף די שטילע גאַסן.

„יעדנפאַלס איז ער, העלער, נישט ווערט, מ'זאָל איבער אים די מיינונג וועגן איר מאַן בייטן".

זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אָט די לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט צו אים מיט כּעס פאַרן אַוועקגיין געזאָגט. זי האָט זיך מער צו אים נישט אומגעקוקט און זיך געפּלייסט אָן אים פאַרגעסן. גייענדיק מיט רעגלמעסיקע גיכע טריט, האָט זי געהאַט אַ געוויינלעך אומעטיק פּנים, געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך די אויפרעגונג און שטאַרקן אין זיך די געדאַנקען:

„האָט זי שוין, הייסט עס, מיט אים, מיט העלערן, פאַרענדיקט. און איצט... וואַרט... עפּעס מיט נאָך עמעצן האָט זי, דוכט זיך, באַדאַרפט

פאַרענדיקן... יאָ, מיט זיי, מיט די זיידענאָווסקיס, מוז זי שוין איינ-גיכן אַן עק מאַכן".

זי באַדאַרף איצט אַהיים קומען און זיך באַלד פאַר אָט דער אַרבעט נעמען.

III

ס'איז געווען שפעט אינאָונט, ווען זי האָט זיך נאָך עטלעכע שעה אַרומדרייען צוריק אַהיים אומגעקערט און איז אין עק-פאָרשטאָט צו איר שטיבל צוגעקומען. פון די אויסגעלאָשענע פענצטער האָט אויף איר מיטאַמאָל פוסטקייט אַ בלאָז געטאָן, און קיין חשק איז שוין נישט געבליבן דעם שלאָפנדיקן דינסטמיידל אָנצוקלינגען און אין די פינצ-טערע חדרים אַריינצוקומען. פון קעגנאיבער דעם פינצטערן סאָד האָבן אַרויסגעקוקט די שבתצונאַכטיק-באַלויכטענע פענצטער פון שווערס גרוי-סער שטוב. מ'האָט באַדאַרפט אַהין אַריינגיין; מ'האָט דאָרטן באַדאַרפט נאָכאַמאָל עפעס זען, כדי צו איבערצייגן זיך נאָכאַמאָל דערין, וואָס זי טראַכט:

„ס'איז פאַר איר קיין געשעפט נישט, אָט דאָס, וואָס זי איז נאָך ביז היינט נישט אַוועק פון זיידענאָווסקיס שטוב".

און זי איז אַהין סוף-כל-סוף אַריינגעגאַנגען, געזעסן דאָרטן לאַנג אין עסצימער און זיך געוואונדערט, נישט אויסטועגדיק פון זיך דאָס גאַס-קאָפּטל און נישט אויסרעדנדיק צו קיינעם אַ וואָרט.

ווי אַלעמאָל, האָבן זיך אַהין אויף דעם שבת-צונאַכטס כמעט די גאַנצע משפחה קרובים צוזאַמענגעקליבן. זיי זענען געזעסן אויף די אַלטע און נייע בענקלעך, וואָס אַרום דעם לאַנגן פאַרשפרייטן טיש און לעבן גרויסן „בופעט"; געשטאַנען בינטלעכווייז לעבן גלעזערנעם הויך-אָוועקגעשטעלטן ירושה-שאַפקעלע, אָדער זיך געוואַלגערט אויף דער גרוי-סער און ברייטער קאַנאַפּע, וואָס איבער איר איז נידעריק געהאָנגען דאָס איינציקע אויסגעניייטע בילד.

פון קליין ביז גרויס האָבן קרובים שמואליקן ליב געהאַט, אים געהאַלטן פאַר אַן אומגעוויינטלעך גוטן און ווייכהאַרציקן, זיך גע-שפילט מיט אים, ווי מיט אַ קליין געראָטן קינד. אַלע האָבן זיי גע-

וווסט, אַז מירל איז אַ שיינע, אַ פיינע, נאָר אַלע זענען זיי פון איר נישט איינגאַנצן צופרידן געווען, און זיך געהאַלטן פון איר עטוואָס ווייט, תמיד גערעדט צווישן זיך, אַז מירל איז נישט די, וואָס אויף איר האָבן זיי מיט שמואליקן די לעצטע עטלעכע יאָר געוואַרט, און נישט געקאָנט פאַרגעסן אָן אַן אָרטיק שטאַרק רייך מיידל — איטע מורייניס, וואָס פגרט נאָך עד היום נאָך שמואליקן אַוועק.

„אַ משל, אַז דער אַלטער מורייניס אַליין האָט אָקאָרשט אָט דאָ אַנומלטן געזאָגט: שמואליקן האָט ער בדעה געהאַט אויסצוציילן צוואַנציק טויזנט רובל".

געווען איז איצט אויך צווישן די קרובים די עטוואָס פאַרפרעמדטע געוועזענע קורסיסטין, מרים, אַ וווקסיקע, אַ שיינע און גרויסגופיקע, מיט אַן עבר פון אַ געזעצט קלוגער רעוואָלוציאָנערין; אָקאָרשט צוריק מיט אַנדערהאַלבן יאָר האָט זי חתונה געהאַט פאַרן פאַרטיי-חבר, אינזשענער ליובאָשיץ, געהאַט מיט אים אַ קינד, אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם ערשטן קימפּעט פעט ווערן, צופיל שמייכלען און נאָכאַמאָל גיין צום פעטער יעקב-יוסלען אין שטוב. זי האָט אויך, ווי אַלע קרובים, געזאָגט, אַז זי איז צו שמואליקן פון תמיד אָן נישט גלייכגילטיק, צופיל האַרציק צו אים געשמייכלט און געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן איינעם פון זיינע גוטהאַרציקע קוריאָזן:

„טרעפט זי זיך מיט שמואליקן פאַר אַ וואָכן דריי אויפן גרויסן וואָקזאַל און באַקאָנט אים דאָרט מיט זייער קרוב נאָום קלוגער. נאָום איז געפאָרן פון כאַרקאָוו, ווו ער האָט אָקאָרשט היינטיקס יאָר אויף דאָקטאָר געענדיקט"...

דער קוריאָז איז באַשטאַנען דערין, וואָס שמואליק איז נאַיִוו, ווי אַ קינד, און האָט אַ גוט האַרץ. דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים באַקאָנט מיט אָט דעם יונגן דאָקטאָר דעם קרוב, וועמען ער האָט, זינט ער לעבט, אַפילו איין מאָל נישט געזען, און ער איז מיטאַמאָל געוואָרן צו אים היימיש און איז צו אים נישט אויף קאַטאָוועס צוגעשטאַנען:

„נאָום, קומט אַראָפּ צו מיר אויף שבת, נו, נאָום! שטעמפּלט אָפּ דעם בילעט, נאָום".

פונם באַלעבאָס' קאַבינעט, מיטן באַלעבאָס' אַ פּאַפּיראָס אין מויל,

איז אַרויסגעגאַנגען אַ מיטל־יאָריקער ייִד, אַ שדכן, אַ הויכער, אַ האַלב־פרומער, אין אַ צו ברייטן סורדוט, מיט אַ שמאָל־לענגלעך בערדל און שבתדיק־צופרידן פּנים, און מיט אַ טבע פאָרצושטעלן זיך מער אידיאָטיש, ווי ער איז אינאמתן. ער האָט ביים גרויסן טיש געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער פונם שמועס, וואָס מ׳האָט דאָרטן געפירט, און זיך באַלד געגומען שווערן אויפן קול:

„וואָס? קורסיסטקעס? זאָל ער אַזוי אַ גוט יאָר האָבן אויסגעבעטן, ווי זיי פּגרן שיער נישט כּלות צו ווערן. צום אָנהייב מאַכן זיי דערפון כּלומרשט אַן אָנשטעל און מאַכן חוזק, נאָר אַז זיי זעען עפּעס אויף דער אמת, באַקומען זיי חשק און הערן אויף צו לאַכן... ווי ער איז אַ ייִד".

אַקעגן שמואליקס שוועסטער, ריקלען, זענען אָט די שמועסן געגאַנגען. דאָרטן אויבנאָן ביים טיש, איז די שוויגער מיטן שאַל אויף די אַקסלען געזעסן און האָט נאַריש געפינקלט מיט די אויגן. פריער אַביסל, פאַר מירלס אָנקומען, האָט זי זיך געקלאָגט פאַר דער געוועזענער קורסיסטין מרימען אויפן אויער:

„אָבער די זאַך אַליין איז דאָך אַ חידוש... זי גייט אַלע טאָג אין שטאָט אַריין, מירל, פאַרוואָס זאָל זי אַמאָל נישט רופן מיט זיך שמואליקן?"

איצט האָט זי שוין דערציילט אַ באַיאָרטער ייִדענע וועגן די צוויי קורסיסטינס, וואָס האָבן זיך אין שטאָט ביים פעטער עזריאל־מאירס טאָכטער אַ חדר אָפּגעדונגען:

„דערציילט זי, דעם פעטער עזריאל־מאירס טאָכטער, אַז אָפט קומט צו אָט די קורסיסטקעס שפּעט אינאָוונט אַ סטודענט און בלייבט ביי זיי נעכטיקן".

און אַביסל ווייטער, אין דער מיט פון גרויסן חדר, איז געשטאַנען דעם באַלעבאָס׳ ייִנגסטער ברודער, שלום זיידענאָווסקי, אַ תּמיד אומצופרידענער, מאַט־טונקעלער יונגערמאַן, מיט אַן אויסזען פון אַ באַיאָרטן ישיבה־בחור, וואָס האָט זיך נאָר וואָס די פּאות מיטן סורדוט אונטערגעקירצט. ער איז דאָרטן געשטאַנען איינער אַליין, געקוקט אויפן גאַנצן עולם פאַרזיכטיק און געדולדיק, ווי פון אַ זייט, און האָט דערביי גאַווהדיק געשוויגן. אַליין איז ער נישט לאַנג, נאָכן טויט פון זיינע פאַנאַטישע

עלטערן, געבליבן נישט מער, ווי אַ האַלב־אַפּיקורסישער פּאַרגיפטיקטער משכיל, חתונה געהאַט צוליב נדן מיט אַן איבערגעוואַקסן דאַר־גופיק מיידל, וואָס ער האָט זי דריי יאָר צייט נישט געוואָלט, זיך באַזעצט מיט איר אינם נאָענטן שטעטל, ווו ס׳וווינט אַ גוטער־ייד, און האָט דאָרטן געמוזט אַ סקלאַד פון ברעטער עפענען. פילט ער איצט צו געלט אַ טיפע שנאה מיט אַ געירשעטער קרעמעריש־קרענקלעכער ליבע, גלויבט נישט, אַז עמעצער איז אין דעם פאַך בעסער פון אים, און טראָגט דערפאַר אַרום אין זיך אַן אומגעוויינלעך־שלעכטע מיינונג וועגן דער גאַנצער יידישער יוגנט:

„אַז ביי אונז קאָנען נישט זיין קיין געזונטע טיפּן“...

צו מירלען האָט ער זיך פון אָנהייב אָן באַצויגן שלעכט און פיינטלעך, גלייך ער וואָלט איר בשום אופן נישט קאָנען מוחל זיין, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט זיין ברודערס נאַרישן שמואליקן. ער האָט דעם גאַנצן אָוונט צו איר נישט געקוקט, געפילט, ווי ס׳רעגט אים דאָך אויף איר שיין אומעטיק פּנים מיט די פאַרזאָרגטע בלויע אויגן, צוגעגאַנגען צולעצט צום יונגן ליובאַשיץ דעם סטודענט, וואָס איז נישט ווייט פון מירלען געזעסן, און אים דערציילט מיט אַזאַ טאָן, גלייך ס׳וואָלט זיך האַנדלען וועגן אַ צופאַל, וועלכער איז נאָר וואָס פאַר זיינע אויגן אויף איינער פון די רוישיקע שטאָט־גאַסן געשען:

„יאָ... גייען זיי ביי אונז קליינערהייט אַרום, אָט די יונגלייט, און טראַכטן: איך וועל זיין אַ בן־מלך... ס׳וואַרט ערגעץ אויף מיר אַ בת־מלכה“...

ס׳איז אָנגעקומען פון שטאָט מאָנטשיק. אָנגעקומען אַ פאַר־שפעטיקטער, אַ צעטראָגענער מיט אַן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס איז אַהער אַראָפּגעפאַלן פון יענער וועלט. נאָר־וואָס זיך ביי אים עפּעס גאָר אַ לויענדיק געשעפטל פון אונטער די הענט אַרויסגעגליטשט, איז ביי אים דער קאָפּ נאָך אין שטאָט געווען און האָט געזוכט עצות, וויאַזוי אָט דאָס געשעפטל מציל צו זיין, און די אויגן האָבן אויסגעגלאָצטערהייט אין לאָמפּ אַריינגעקוקט. ער האָט טאַקע צום אָנהייב נישט באַמערקט, ווי הינטער זיינע פּלייצעס שטיקן זיך און שטופּן זיך איינע צו דער צווייטער די יונגע קרובות, ווי ס׳טוט אים פון דאָרטן אַלעמאָל אַן אַנדערע אַ שטילן שלעפּ פאַרן רעקל, און ווי עמעצער רוקט אים

מאַראַנצן-שאָלעכץ הינטערן קאָלנער. ווען ער האָט זיך סוף-כּל-סוף אומגעקוקט, האָבן זיי שוין אַלע אויפן קול פון אים געלאַכט, און נאָר די געוועזענע קורסיסטין מרים ליובאַשיץ האָט זיך געפּלייסט האָבן אַן ערנסט פּנים און האָט געטריבן קאַטאָוועס:

„פּע, מאָנטשיק!... שוין אפשר אַ האַלבע שעה, זינט איך פרעג ביי דיר עפּעס... וואָס הייסט, דו ענטפערסט נישט?"

דענסטמאָל האָט זיך מאָנטשיק אָקאָרשט דערמאָנט, אַז ער איז הונגעריק, און זיך אָנגעהויבן וווּנדערן:

„וואַרט, קיין טיי האָט ער פאַרנאַכט געוויס נישט געטרונקען. אָבער מיטאָג?... וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה? ער קאָן זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, צי ער האָט היינט געגעסן מיטאָג, צי ניין".

מ'האָט פון אים ווידער געלאַכט און אים עסן געגעבן. האָט ער געכאַפּט אַ פּאָר ביס שטייענדיק, זיך ווידער אַמאָל פאַרטראַכט, גענומען פון שאָל אין דער האַנט דאָס גלאָז טיי און איז מיט דעם אַוועק שפּאַ-צירן איבערן חדר.

אויבנאָן ביים טיש האָט מען נאָך אַלץ גערעדט וועגן „קור-סיסטקעס". עמעצער האָט אונטערגעהערט, ווי ציביש די צוויי קור-סיסטינס, וואָס קוואַרטירן ביים פעטער עזריאל-מאירס טאָכטער, האָבן צווישן זיך גערעדט, נאָכדעם ווי דער סטודענט, וואָס נעכטיקט ביי זיי, איז איינמאָל גאַנצפרי פון זיי אַוועקגעגאַנגען. די שוויגער האָט זיך פאַרקרימט און הילכיק אויסגעשפּיגן, און ביי די מאַנסבילן האָבן זיך דערפון די תאוותדיקע געפילן צעפלאַקערט, און נישט קיין שיינע מעשיות האָט מען איינער דעם צווייטן אָנגעהויבן דערציילן. עמעצער האָט אָפּגערופן שמואליקן אָן אַזייט און זיך גענומען מיט אים סודען וועגן אַ קליינוווּקסיק, שטאַרק-ליידנשאַפטלעך ווייבעלע, אַ קורסיסטיק, וואָס האָט אין קורסק אַ מאַן אַ וואָיאַזשאָר געלאָזט און איז שוין דאָ אין שטאָט פון עמעצן טראָגעדיק געוואָרן. ביי שמואליקן האָט זיך פון אָט דעם סוד דאָס פּנים צעברענט, און פאַרגעסן האָט ער אָן די מענטשן, וואָס פּילן אָן דעם גרויסן עסצימער; ס'האָט זיך געהערט, ווי ער פרעגט דאָרטן אויפן קול:

„טאַקע דאָ? אין שטאָט?"

נאָר אין פינצטערן קאָרידאָר, וואָס צווישן קאַבינעט און עסצימער,

האָט זיך שוין דערווייל געלאָזט הערן די קלינגענדיקע ברוסט-שטים פונם מיטל-יאָריקן און קרעפטיקן באַלעבאָס, דעם ברונעט:

„הייס באַלד שפּאַנען די פור, ברוך! דו האָסט נאָך צום צוג אַ שעה מיט אַ פערטל".

אין חדר איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. ווען אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן זיין לעבעדיקע פיגור, האָבן שוין אַלע צו אים מיט דרך-ארץ געקוקט, געזען, ווי ער לייגט דאָרטן מאַנטשיקן זיין האַנט אויפן אַקסל אַרויף און טוט צו אים שמייכלדיק אַ ווונק:

„טראַסקעסט, אַ?"

קיינער האָט נישט געוווסט, צי אָט דאָס וואָרט „טראַסקעסט" איז געזאָגט געוואָרן אויף דער אמת, צי אויף לצנות. די אויגן האָבן ביי אים ווי שטענדיק געגלאַנצט, גלייך ער האָט זיי נאָר וואָס מיט לאַק אָפּגעשמירט, און זיין גאַנצע פיגור האָט ווי איבערגעחזרט אָן לשון דאָס, וואָס אַלע האָבן שוין לאַנג וועגן אים געוווסט, און וואָס ער אַליין האָט וועגן זיך קיינמאָל נישט געזאָגט:

„ביי אַ האַלבן מיליאָן געלט... אַ? אַ נאָמען אויף דער גאַנצער סביבה... און אַליין עפּעס אויך נישט אַבי ווער... עפּעס פון די זיידענאָוווסקיס!"

מירל האָט אויף אים געקוקט פון קעגנאיבער דעם טיש, ווו זי איז נאָך אַלץ אָנגעטאָנערהייט געזעסן. אָט דער ייד, וואָס האָט זיך ווערטלען ליב געהאַט, געפּאָרן עד היום אויף יום-כפור קיין סאַדיגערע און צו יעדן לאַנגן שלש-סעודות נישט אַנדערש, ווי אַ גאַנצן מנין באַדאַרפט, האָט אין אירע אויגן צייטנווייז אויסגעזען ווי אַ פּשוטער איבערגעטאָנער זשוליק. ס'איז רעכט געווען צו גלויבן, אַז, נישט קוקנדיק אויף זיין יידיש פּירעכץ, בלייבט ער אָפּט אונטערוועגנס אומגעטריי זיין אייגן ווייב און טוט אָפּ גאָר מיאוסע מעשים; אַנדערש האָט מען נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער ברעכט צייטנווייז אַזוי פּלוצים זיין שטאָלצע, עקשנותדיקע נאַטור און ווערט אָפּט פּחדנותדיק ווייך אַפילו צו זיינע אייגענע קליינע קינדער.

אָט האָט ער צולעצט זי, די ערשטע שנור זיינע, דערזען, צו-געגאַנגען מיט אַ שמייכל און מיט העוויות און זיך גענומען ווערטלען

מיט אַזאַ טאָן, גלייך נאָר ער אַליין ווייסט בסודי־סודות, אַז זי איז פּאַר זיין זון לחלוטין קיין ווייב נישט:

„אַ... מירעלע... ווי גייט עס עפּעס אין באַלעבאַטישקייט?"

אַלע האָבן אַהער געקוקט, געשוויגן און געשמייכלט, און נאָר די געוועזענע קורסיסטין — מרים ליובאשיץ, וואָס האָט זיך בכיוון הינטער עמעצנס פּלייצעס באַהאַלטן, האָט פון דאָרטן שטיל געענטפערט פאַר מירלען מיט אַ ווערטל, וואָס קיינער האָט נישט איינגעהערט, און האָט געוואָלט דערמיט דעם פעטער יעקב־יוסלס אויפמערקזאַמקייט צו זיך צוציען.

מ'האָט געלאַכט פונם שווערס לצנותדיק־קלוגע איינפאַלן:

„זאָל זיך מירל אויסמאָלן: די קעכין האָט זי פלוצים אַוועקגעוואָרפן, און קיין אַנדערע קאָן זי נישט קריגן".

„ס'קאָן דאָך אַמאָל געמאָלט זיין אַ ,זאַבאַסטאָווקע' פון קעכינס, למשל".

ס'האָט נישט געלאַכט נאָר דעם שווערס גאווהדיקער און שטאַרק שלעכטער ברודער — שלום זיידענאָווסקי, אַ שטרענג־אָנגעבלאָזענער, מיט אַ שלעכטער מיינונג ביי זיך אין קאָפּ וועגן דעם, וואָס אָט דער גאַנצער עולם איז אייגנטלעך נישט אין שטאַנד צו פאַרשטיין נישט אים, דעם בויערדיקן קאָפּ, נישט די סיבה פון זיין שנאה צו מענטשן, איז ער ביי דער זייט אָפּגעזונדערט פון אַלע געשטאַנען און האָט געשוויגן. דער קאָפּ איז ביי אים געשטאַנען אַביסל אָן אַ זייט, די רעכטע האַנט איז געווען פאַררוקט צווישן די קנעפּלעך פון זיין פאַרשפּיליעטן סורדוט, און די דורכדרינגענדיקע אויגן האָבן די גאַנצע צייט געקוקט אויף מירלען שלעכט און ווי פון אויבן אַראָפּ. צווישן דעם גאַנצן אַרומיקן עולם האָט דאָך נאָר ער אַליין גערעכנט זיין עלטערן ברודער פאַר אַ פשוטן האָנאָרניק און נאַרישן כבוד־זוכער, נאָר געוווסט, אַז קיינער חוץ אים וועט עס דאָ נישט פאַרשטיין, און דערפאַר נישט געוואָלט וועגן דעם רעדן. ער האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אונטערגעהויבן די ברייטע גלאַנצנדיקע געמבע, וואָס אויף איר איז זעלטן־זעלטן אַ האָר געוואקסן, זיך גאווהדיק געלאָזט שפּאַנען איבערן חדר און שוין קיין וואָרט נישט געענטפערט אַפילו דער געוועזענער קורסיסטין מרימען, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קמצן און איז

שוין צו אים זינט עטלעכע מינוט צייט מיט איר נודנער שאלה צו־געשטאַנען:

„שלום, אויף ווען בעטסטו, זאָל מען פאָרן צו דיר צוגאַסט?"

דער שווער איז שוין דאָ אין חדר נישט געווען. דער עולם האָט זיך שוין צוריק געפירט צופיל פריילעך און פריי, און מירל איז נאָך אַלץ אָנגעטאָנערהייט ביים טיש געזעסן. פּלוצים האָט זי אויף זיך ווידער אַמאָל באַמערקט שלום זיידענאָווסקיס בליק און איז אומגערעכט פאַר זיך אַליין פון אָרט אויפגעשפּרונגען.

זי האָט זיך דאָ אין שטוב מיט קיינעם נישט געזעגנט, זיך איינע אַליין געלאָזט אַהיים גיין, און זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן:

„ניין, אָט דעם ישיבה־בחור וועט זי סוף־כּל־סוף אַמאָל מוזן זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער טיפּש, אָדער עפּעס אַנדערש אין דעם זעלבן זין".

און דאָס האַרץ האָט גענאָגט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט זיך נאָכדעם ביי זיך אין צימער אויסגעטאָן און אין בעט זיך געלייגט:

„אָט רירן זי שוין אָן שלום זיידענאָווסקיס בליקן... און דער עיקר..."

דער עיקר איז, וואָס זי אַליין פילט אַלע טאָג, אַז מען באַדאַרף עפּעס צו טאָן, און ווייסט נישט, וואָס און וויאַזוי צו טאָן. אַלע טאָג טראַכט זי, אַז זי וועט עס וויסן מאָרגן, נאָר מאָרגן פאַלט זי ווידער, דער־פאַר וואָס זי געפינט זיך אונטער איין דאַך מיט שמואליקן און איז זיין ווייב. סוף־כּל־סוף מוז זי דאָך פון אָט דעם גאַנצן לעבן עפּעס אַן אויסגאַנג געפינען.

ס'איז מער נישט —

„פאַראַן אַנדערע מענטשן, וואָס זוכן אויך יאָרן־לאַנג אָט דעם זעלבן אויסגאַנג, און אַז זיי געפינען אים נישט, נעמען זיי זיך סוף־כּל־סוף דאָס לעבן און לאָזן איבער האַלב־נאַרישע, האַלב־קלוגע בריוולעך".

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען זי האָט שוואַך איינצושלאָפן אָנגעהויבן. אין שטוב איז געווען שטאַרק פינצטער־

און שטיל. ערגעץ אין קיך, וואָס איבערן קאָרידאָר, האָט פון געשמאַקן שלאָף הילכיק געשנאָרכט דאָס נישט־אויסגעטאָנע דינסטמיידל, און די קאַץ האָט דאָרטן איבער דער פּאָדלאָגע מיט אַ שטיקל צוקער געקלאַפּט און דערמיט געוווירקט, אַז זי, מירל, זאָל זיך אין שלאָף פאַרגעסן נישט קאָנען, און אַז אין איר דרימלענדיקן מוח זאָל זיך נאָך אַלץ איבער־חזרן דער סוף פונם לעצטן געדאַנק:

„און אַז זיי געפינען אים נישט, נעמען זיי זיך סוף־כּל־סוף דאָס לעבן און לאָזן איבער האַלב־נאַרישע, האַלב־קלוגע בריוולעך".

זי האָט נישט געדענקט, וויפל צייט האָט זיך אָט דער פאַר־וואָגלטער דרימל געצויגן.

פּלוצים האָט זי פון שלאָף דערפילט, ווי צו אירע נאַקעטע פּלייצעס רירט מען זיך צו מיט אַ קאַלטער האַנט. זי האָט געגעבן אַ ציטער מיטן גאַנצן גוף און געעפנט די אויגן.

אין חדר איז געווען צופיל ליכטיק פונם אַריינגעטראָגענעם קאַבינעט־לאָמפּ און לעבן בעט איז אין אונטערשטע וועש געשטאַנען שמואליק, געשטאַנען איינגעבויגן, געציטערט און געשמייכלט — ער איז געווען אויפגערעגט פון די מעשהלעך, וואָס ער האָט זיך אַ גאַנצן אָוונט וועגן דעם קורסקער טראַגעדיקן ווייבעלע אָנגעהערט.

אַ ווײַלע האָט מירל אויף אים געקוקט מיט שרעק:

„וואָס באַדאַרפסטו דאָ, שמואליק?"

און באַלד איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, צוליב וואָס ער שטייט דאָ לעבן איר בעט, און אין די אויגן אירע האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן אַ פייער פון עקשנות און פאַרדראָס:

„שמואליק, נעם באַלד אַ קישן און גיי לייג זיך אין קאַבינעט".

אַ פּויזע.

„דו הערסט, וואָס מ'זאָגט דיר, שמואליק?"

שמואליק שטייט נאָך אַלץ אַ האַלב־נאַקעטער און איינגעבויגענער, ציטערט, שמייכלט נאַריש און רירט זיך נישט פון אָרט. נאָר מירלס האַנט האַלט שוין פאַר דער גאַלקע מיטן עלעקטרישן קנעפל און קלינגט אָן אַן אויפהער צו דעם שנאָרכנדיקן דינסטמיידל, וואָס אין קיך. ס'דוכט זיך, אַז דאָס קלינגענדיקע גלעקל וועט באַלד די שטוב צע־טראָגן, און ס'הערט זיך שוין, ווי דאָס דינסטמיידל שלעפּט אַהער

אירע באָרוועסע פיס איבער דער פּאָדלאָגע. דעמאָלט נעמט שמואליק גאַריש־שעמעוודיק אַ קישן אין די הענט און גייט אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. דאָס דינסטמיידל טראָגט פונדאַנען אַרויס דעם לאָמפּ און לעשט אים אויס, און אין שטוב ווערט ווידער פינצטער און פּוסט. ס׳דוכט זיך, עמעצער וויינט איינגעהאַלטן שטיל און פון טיפן, טיפן האַרצן. נאָר ווען מ׳זעצט זיך אויפן געלעגער און מ׳שטרענגט אָן די אויערן, הערט מען נאָר, ווי די קאַץ קוליעט דאָס שטיקל צוקער איבער דער פּאָדלאָגע און ווי דאָס דינסטמיידל אָטעמט און שנאָרכעט.

## IV

אויף מאָרגן איז מירל אויפגעשטאַנען שפּעט, אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי.

אין קיך האָט שוין געשווינט דאָס האַקמעסער געקלאַפּט, און אין הויף האָט מען שוין אויסגעשפּאַנט די צוריקגעקומענע פור, וואָס האָט שמואליקן נאָך מיטן טאָג־ליכט אין גוראַלניע אַריין אָפּגעפירט. דעם שווערס מיוחס — דער פורמאַן, האָט דאָרטן לאַנג לעבן דער צוריק־געקומענער בריטשקע געגוואַלדעוועט, געשריגן אויף שמואליקס קליינעם ברודערל, וואָס פּלאָנטערט זיך צווישן די פערדס פיס, און אויף דער שוויגערס שיקסע, וואָס גיסט דאָס קיך־וואַסער אינמיטן צוגערוימטן הויף. די שוויגער אַליין איז דאָרט אויך געשטאַנען, זיך געוווּנדערט, וואָס שמואליק איז דאָס מאָל אַזוי פרי אין גוראַלניע אַוועקגעפאָרן, און האָט ביים שרייענדיקן פורמאַן אויף אַ בריוו נאָכגעפרעגט. אין אַ ווײַלע אַרום, ווען מירל איז דעם הויף אַדורכגעגאַנגען, איז שוין דאָרטן קיינער נישט געווען. אַ שטילקייט פון וואָך האָט געררוט דורכאויס אַרום די געשלאָסענע שטאַלן, און דער פורמאַן איז שוין אויך ערגעץ אין קיך געזעסן, און נאָר אין מיטן צוגערוימטן הויף איז נאָך צוליב עפּעס די אויסגעשפּאַנטע רעסאָרן־בריטשקע מיט איר אַרייַנגעשטעלטן דישל געשטאַנען און אָן לשון דערמאָנט אָן אים, דעם אַוועקגעפאָרענעם שמואליקן:

„האָט ער נעכטן ביינאַכט אין די אונטערשטע וועש לאַנג פון

איר בעט נישט געוואָלט אָפּטרעטן... שעמט ער זיך איצט איר אין די אויגן צו קוקן, און וועט זיך דעריבער אַזוי גיך פון גוראַלניע נישט אומקערן".

זי איז באַלד אַוועקגעגאַנגען צוריק אין עסצימער, זיך איינגעהילט אין שאַל און זיך אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגעלייגט. ס'איז געווען אַזוי שווער און עקלדיק אויף דער נשמה, גלייך מ'וואָלט נעמען דאָס האַרץ און עס איינגאַנצן אין עפּעס ברודיקס איינטונקען. און פון אונטער די דרויסנדיקע פאַרוואָלקנטע הימלען האָט אַריינגעקוקט דער נייער ווינטער זונטאָג און האָט דאָ דורכאויס זיין איינציקע לאַנגווייליקע מחשבה געשפּרייט:

„אַ נייע וואָך... אַ ווייסטע וואָך, אַ פּוסטע וואָך".

פון שלעכט-אָפּגעשלאָפענער, אויפגערעגטער נאַכט האָט מיט שווערקייט געבראָכן דער הינטערשטער האַלבער קאָפּ, וואָס צום האַלז און נאַקן. די געפילן זענען געווען מטושטשדיק און שוואַך, ווי אין אָנהייב פון אַ טיפוס-קרענק, די אויגן האָבן זיך פון זיך אַליין געקלעבט, און אין איינדרימלענדיק-פאַרנעפּלטן געוויסן האָבן זיך געפּלאָנטערט געדאַנקען וועגן די קלעפּ פון האַקמעסער, וואָס הערן זיך פון קיך, וועגן דעם אייגענעם פאַרלוירענעם לעבן, וועגן דעם טעמפּן ווייטיק, וואָס אין הינטערשטן האַלבן קאָפּ, און וועגן דעם, וואָס דאָ אויף דער קאַנאַפּע וועט זי ליגן לאַנג, לאַנג:

„זי וועט דאָ דרימלען אַ גאַנצן טאָג".

---

און זי האָט געדרימלט דאָ, אויף דער קאַנאַפּע ליגנדיק, זיך אויפגעכאַפּט און באַמערקט דעם געגרייטן טיש; געפּרוווט צוגיין און עפּעס עסן, נאָר נישט געקאָנט, זיך צוריק געלייגט און ווידער געדרימלט, געעפנט די אויגן אָקאָרשט נאָענט צו בין-השמשות און האָט דערזען:

דער רוח האָט אָנגעטראָגן אַ דורכפאָרנדיקן יונגנמאַן, אַ חזן, אַ הויכן און דאַרן פאַרשוין אין אַ קורץ-אָפּגעטראָגן סורדוטל מיט אַ ברודיקן פאַפּירענעם קראַגן און מיט אַ קאַמערטאָן אין טאַש. ער רעדט מיט אַ פאָנפענדיקן קול און דערפרעגט זיך אויף שמואליקן, ווי אויף אַ חשובן שול-באַלעבאָס:

„הכלל, די מאַדאַם ווייסט נישט, ווען דער הער וועלן קומען?"
„פּאָנימאַיעטע־לי, הכלל אויף שבת וועלן דער הער אויך נישט קומען?"

זי איז, דוכט זיך, כלל נישט געווען מחויב צו נודען זיך לעבן אים, צו פּילן, ווי דער ריח, וואָס ער פאַרשפּרייט אַרום זיך, איז ענלעך צום ריח פון צעפוילטע געזאַלצענע פיש, און צו ענטפערן אים אַלעמאָל דאָס זעלבע, וואָס זי האָט שוין געענטפערט פריער:

„כ'ווייס נישט"
„ניין".
„כ'ווייס נישט".

פריער האָט זי אים אין די אויגן געפּרוּווט דאָס חדר לופטערן און אַלע פענצטער געעפנט, זי האָט געמיינט, אַז ס'וועט העלפן. נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ פון אָרט נישט גערירט. האָט זי אים צולעצט איינעם אַליין דאָ אין חדר געלאָזט, אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן און זיך דאַרטן אויף די טרעפּלעך פון גאַניק אַוועקגעזעצט.

---

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זיך אָנגערוקט דער טונקעלער פאַרנאַכט און געשפּרייט שטילקייט אַרום די געצייַלטע הייזער, וואָס אין זאַמדיקן עק פאַרשטאָט. ס'איז שוין קיין מענטש נישט אַדורכגעגאַנגען, און די לופט האָט זיך אין ערגעץ קיין ריר נישט געטאָן. ערגעץ ווייט לעבן דער שאָפּע מיט די סטערטעס שטרוי, וואָס קעגנאיבער דעם גרויסן קלויסטער־הויף, האָט זיך געדרייט אַ דרעשמאַשין און דערדראָשן צו נאַכט־צו דעם גלחס אויסגעטריקנטע תבואות. און לינקס, פון צווישן דעם שווערס בוימער, וואָס פון דאָרטן האָט פריער אַביסל אַ גאַנצע מחנה קרובים שלום זיידענאָווסקין אין וועג אַרויסגעבאַגלייט, האָט זיך דער־הערט, ווי די שוויגער שמייסט איינעם פון אירע קליינע קינדער־יינגלעך, ווי דאָס קינד רייסט זיך און שרייט, און ווי שמייסנדיק, הערט די שוויגער נישט אויף צו חזרן אויף איר הייזעריקלעכן און נאַרישן קול:

„אויף אַ מאַמען טאָר מען אַזוי נישט זאָגן... אויף אַ מאַמען טאָר מען אַזוי נישט זאָגן... אויף אַ מאַמען טאָר מען נישט".

הערנדיק דאָס געשריי פונם וויינענדיקן קינד, האָט זיך געמאָלט,

ווי די שוויגער האַלט אים דאָרט אַריבערגעבויגן איבער די קני און בויגט די קורצזיכטיקע אויגן גאָר נאָענט צום אָרט, וווהין זי שמייסט. ס'האָט זיך געטראַכט וועגן דעם, וואָס אָט די נאַרישע און לאַנגע יידענע האָט קיין שכל נישט, ווייסט נישט, ווי אַזוי אַרום קינדער צו גיין, און מאַכט פון זיי אַ תל; וועגן דעם, וואָס ערשט צוריק מיט אַ יאָר פופצן-זעכצן האָט זי, פונקט ווי איצט, געשמיסן שמואליקן, דעם איצטיקן מאַן אירן, און האָט צו אים, פונקט ווי איצט, געשריגן:

„אַ מאַמען טאָר מען אַזוי נישט זאָגן... אַ מאַמען טאָר מען אַזוי נישט זאָגן..."

און דערפאַר, וואָס ס'איז איצט שוין קיין ספק נישט, אַז שמואליק וואָלט בעצם באַדאַרפט האָבן אַ ווייב, וואָס זאָל אים זיינע קינדער, פונקט ווי זיין מאַמע, שמייסן, איז פון איר מיטאַמאָל עפּעס אַ שווערע משא אַראָפּ, און דאָס גרינגע האַרץ האָט מיטאַמאָל די האַלב-פאַרגעסענע האָפענונג דערפילט:

„וואַרט!... קיין זאַך בינדט זי דאָך נישט צו צו אים, צו שמואליקן. און נישט צו אָט דער שטוב, און זי, מירל... זי קאָן דאָך אָט די שטוב פאַרלאָזן אין יעדער צייט, וואָס זי וויל".

סך-הכל איינעם אַ פּלאַן באַדאַרף זי געפינען.

ס'האָט זיך געדענקט אַ מעשה, וואָס האָט זיך צוריק מיט עטלעכע יאָר ביי זיי אין קרייז-שטאָט פאַרלאָפן:

אַ שווייגנדיק און פאַרעקשנט ווייבל, אַ שנור ביי אַ רייכער פאַמיליע דיזשור, הייבט זיך אויף אין איינעם אַ פרימאָרגן פונם איינגעזעסענעם אָרט, זאָגט פאַרן אַוועקגיין קיין וואָרט נישט דעם מאַן און די שווער-און-שוויגער און קומט מער אַהיים נישט צו גיין.

אין שטאָט ווערט מען וועגן דעם געוואָר, און אין באַלעבאַטישע הייזער ווערטלט מען זיך:

„נישקשה, זי ויעט זיך אומקערן... זי וועט, איה"ש, זיין אַ גאַסט אויף שבת".

אָבער דאָס ווייבל קערט זיך נישט אום, און קיינער ווייסט עד היום נישט, ווו איר געביין איז אַהינגעקומען... קיינער ווייסט נישט...

אָבער איר, מירלען, איר איז דאָס איצט אַזוי נויטיק צו וויסן... אָט וועט זי אויסרעכענען:

„ווּהין האָט, למשל, אָט דאָס ווייבל געקאָנט אַהינקומען".

---

שמואליק איז נאָך אַלץ אין גוראַלניע געזעסן און קיין מינדסטע ידיעה פון זיך נישט צוגעשיקט. ער האָט זיך געגרייט גיין פון דאָרטן מיט דער פאַרפּסחדיקער פּאַרטיע אָקסן קיין וואַרשע. אין שטאָט אַריין איז צוליב דעם געקומען דער נאמן פון אָקסן-שטאַל, ר' בונים — אַ קליינוווּקסיק פאַרשמאַלצעוועט און געפּאַקט יידל מיט אַ שטאַרק-רויטן האַלז-און-נאַקן, וואָס האָט אום זומער אַ לאַנגן קאַפּטן געטראָגן און האָט געהאַט אַ טבע נישט צו פאַרגעסן, וואָס דער באַלעבאָס זאָגט אָן. ער האָט געבראַכט אַהער צום פאַרריכטן עטלעכע אַלטע שטאַל-לאַמטערנעס, געקויפט פיל נייע קורצע שטריק מיט עטלעכע פּוד שטיינערנע זאַלץ, כּדי די אָקסן זאָלן האָבן אויפן וועג, וואָס צו לעקן. ער איז אויך אַריינגעקומען אַהער אין שטוב. אַריינברענגענדיק מיט זיך דעם ריח פון דער גוראַלניע-בראַהע, געטראָפן מירלען איינע אַליין אויף דער קאַנאַפּע ליגן און איר דאָ זיין שליחות איבערגעגעבן:

„דער יונגער באַלעבאָס האָבן געזאָגט... מ'זאָל געבן די פאַר-פּסחדיקע קאָנטע, האָבן זיי געזאָגט".

מירל האָט אים אויסגעהערט, זיך אַפילו פון אָרט נישט גערירט און אים אין קיך אַריין אָפּגעשיקט.

דאָס דינסטמיידל האָט, אַפּנים, געמיינט, אַז ס'רעדט זיך וועגן עפּעס אַ פאַרפּסחדיקער כּלי, און האָט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן אויסגעגלאָצט:

„פונוואַנען זאָל זי וויסן, אַז זי האָט נאָך דאָ פּאַר פּסח נישט געדינט?... זאָל ער אַ פרעג געבן אין הויף ביים פורמאַן טעאָדאָרן".

דאָס יידל האָט זיך אַזוי לאַנג אין הויף אַרומגעדרייט, ביז מ'האָט אים פון דאָרטן סוף-כּל-סוף צוריק צום אַלטן באַלעבאָס אין שטוב אַריינגערופן און זיך ביי אים דערפרעגט:

„וואָס זשע? זי האָט נאָך אַלץ נישט געגעבן די קאָנטע, די יונגע באַלעבאָסטע?"

די שוויגער אַליין איז אַהער סוף-כּל-סוף מיטן שאַל אויף די אַקסלען אַריינגעקומען, זיך אין קאַבינעט אויף דער שאַפע אַזוי לאַנג

צווישן די ביכער געפּאַרקעט, ביז זי האָט צווישן זיי איינעם אַ בוך געפונען, אַרייַנגעקוקט אין אים מיט אירע אייגענע קורצזיכטיקע אויגן און איבערגעלייענט די ערשטע שורה מיט אַ קול פון אַ יידענע, וואָס לייענט אין טייטש־חומש:

„קאָנטע מְשוּרִים שנקנו חודש שבט, אָדר וניסן".

„באַט" האָט זי צום יידן בכיוון אויפן קול געזאָגט, זיך געלאָזט אַוועקגיין און זיך צו מירלען נישט אומגעקערט; זי איז געווען אויסער זיך, אַרייַנגעקומען צו זיך אַהיים מיט גרויס תּרעומות און גענומען וואַרפן אויפגערעגטע בליקן צו איר מאַן אין קאַבינעט, ווו ער איז מיט געשעפטס־מענטשן געווען פאַרנומען. זי האָט זיך איינגעהאַלטן פון צו רעדן אינם משך פון גאַנצן מיטאָג, אָפּגעוואַרט, ביז ער, יעקב־יוסל, איז אַוועקגעגאַנגען רוען אין שלאָפצימער, זיך דאָרטן לעבן אים בײַם בעט אַוועקגעזעצט און זיך מיט אים אָנגעהויבן שעפּטשען אַזוי שטיל, גלייך עמעצער וואָלט זי פאַרן האַלז ווערגן:

„פאַרשטייסט? כ'מיין, וואָס איז זי שמואליקן פאַר אַ ווייב, משטיינס געזאָגט?"

„יאָ, און אינגאַנצן דאָס פירעכץ אירס... און דאָס גיין, משטיינס געזאָגט, צו דער שיינער שוועסטערקינד... און דאָס, וואָס איך באַדאַרף איר די שטוב פירן און אין זינען האָבן, אַז מ'באַדאַרף בײַ איר די באַלקנס איבערפאַרבן... וואָס הייסט? אַפילו די הינער שיק איך איר דאָך שעכטן".

דער קרעפּטיקער ברונעט, דער באַלעבאָס, וואָס האָט גנביש־קלוגע אויגן געהאַט, איז געלעגן מיט די ווייסע אַרבל אין בעט, גע־רויכערט שווייגנדיק זיין פּאַפּיראָס און אַלעמאָל געוואָרפן אַזעלכע גנבישע אויגן צו דער טיר, גלייך ער וואָלט מורא האָבן, אַז עמעצער הערט זיך אונטער. ער האָט איר דערויף גאָרנישט געענטפערט. שוין לאַנג, אַפּנים, געפּועלט בײַ זיך, אַז שמואליק האָט שלעכט אָנגעטראָפן, און געוואָלט וואָס גיכער אויפהערן וועגן דעם צו רעדן. און זי, די קורצ־זיכטיקע יידענע, האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן, געפּינטלט פיל מיט די וויעס און איז שעפּטשענדיק שטיל צו אַ באַשלוס געקומען:

„נאָר גאָרנישט... ווען זי טרעפט אָן אויף אַנדערע מענטשן, פאַר־שטייט מען דאָך שוין, וואָס ס'וואָלט געווען. האָט זי דאָך אָנגעטראָפן

אויף אונז... און שמואליק איז אויך אַ שטילע טויב... איז גאָרנישט... אָפּגעווישט די ליפּן און שאַ! שטיל... ווי נישט געזען".

---

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די שוויגער אַהער אַריינגעקומען צו-זאַמען מיט אַ פּאָר געדונגענע בעלי-מלאכות, פאַרבערס; זי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מירלען, וואָס איז אויף דער קאַנאַפּע געלעגן, געגאַנגען מיט די בעלי-מלאכות פון איין חדר אין צווייטן און זיי די באַלקנס אָנגעוויזן:

„זעט איר? פריער באַדאַרף מען איבערפאַרבן דעם באַלקן אין קאַבינעט, און דאָס מעבל פון דאָרטן אין עסצימער אַרויסטראָגן, און נאָכדעם וועט מען דעם עסצימער אין קאַבינעט איבערטראָגן און מ'וועט זיך דאָרטן צום באַלקן נעמען".

די שוויגער איז, נישט אומקוקנדיק זיך, אַוועקגעגאַנגען, און די בעלי-מלאכות האָבן באַלד דאָס קאַבינעט-מעבל אַהער, אין עסצימער, אי-בערגעטראָגן און זיך באַלד צו דער אַרבעט גענומען.

אין שטוב האָט באַלד אָנגעהויבן שמעקן מיט אייל-פאַרב, מיט אַ געשמירעכץ פון אָכרע און ענגלישער סאַזשע. די אומאָרדנונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די פאַרוואַלגערטע חדרים האָט מען שוין נישט צוגעראָמט, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט, און די פאַרבער האָבן זיך נאָך אַלץ געטאָן זייערס און געמאָלט פּאַמעלעך איין באַלקן נאָכן צווייטן.

זיי זענען נאָך כּלל קיין זקנים נישט געווען, אָט די צוויי יידן-פאַרבער. אויסגעבייטע העמדער האָבן זיי נאָך אונטער די איינגעשמיר-טע רעקלעך געטראָגן, און מיידלעך האָט נאָך ערגעץ נאָך זיי און נאָך זייער מאָלעריי דער רוח אַוועקגעכאַפּט. שטייען זיי זיךביידע גאַנצע טעג אויף די הויכע צוגעריכטע שטעלן, ווירען פּאַמעלעך מיט די ווירע-לעך, שמירן צו מיט די פּענזלעך, האָבן דערפון הנאה און פייפן זיך דערביי צו אַן אומעטיקן בעל-מלאכהשן ניגון.

און אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז צוליב אַ נויטיק שטיקל געצייג איז איינעם פון זיי אויסגעקומען דעם צווייטן חדר אַדורכגיין און דאָרטן עפּעס באַמערקן. ער איז אַריינגעקומען צוריק אַביסל אַן אויפ-

גערעגטער, זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער אַחוץ זיין חבר איז דאָ נישטאָ, און האָט געפרעגט ביי אים אויפן וווּנק:

„נישט קיין מיאוס באַלעבאָסטעלע, אַ?"

ער האָט זי שוין טאַקע אין זינען געהאַט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך דאָ מיט זיין חבר אויף דער הויכער שטעל אָוועקגעזעצט, פאַררויכערט מיט אים די פּאַפּיראָסן און אים איינע פון זיינע ייִנגלשע מעשיות אָנגעהויבן דערציילן:

„איז דאָס געווען... צוריק מיט אַ יאָר אַכט איז דאָס געווען... געאַרבעט האָבן מיר דענסטמאָל אין קאַזיאָנעם דאָרף קלאָקע, און אַ יונג שנורעלע איז דאָרטן ביים באַלעבאָס געווען אַ רירעווודיקע, אַ דורכגעטריבענע".

און מירל איז דענסטמאָל געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, וואָס אין צווייטן פאַרוואַלגערטן חדר, אינם ברייטן דעקאָלטירטן שטוב-כאַלאַט, וואָס מיט די גלחישע אַרבל, זיך געהילט אינם דינעם שאַל און געזען פאַר זיך די פאַרשידענע ערטער, וווּהין זי קאָן, פאַרלאָזנדיק אָט די שטוב, אַוועקפאָרן:

„סיי-ווי-סיי: ערגער ווי דאָ קאָן איר שוין נישט אין ערגעץ זיין".

אַרום און אַרום איר זענען געשטאַנען די בעטן, ביידע גאַרדעראָב-שאַפעס, וואָס מיט די שפּיגל-טירן, די ווייכע שטולן פון זאַל מיטן היפּשן וואַש-קאַסטן, וואָס פון אים נעמט מען שוין גאַנצע טעג נישט אַראָפּ די נאַסע פאַדלאָגע-שמאַטע. אַלץ האָט דאָ אויסגעזען, ווי אין אַ מאָדנעם ערב-פּסח, וואָס קומט פאַר אין מיטן חודש אלול. די אַרומיקע לופט איז נאָך פון נאָכמיטאָג אָן געווען פאַרפינצטערט און טונקל, דער מוח מיט די געדאַנקען פאַרנעפּלט און פאַרטראָגן, און געדוכט האָט זיך שוין, אַז דער הייַנטיקער טאָג קומט פאַר נישט איצט, נאָר מיט פינף, זעקס יאָר צוריק.

אַ מעשה מיט אַ בוך איז נאָך צו אָט דעם אַלץ צוגעקומען, אַ מעשה מיט הערצס אַ ניי צוגעשיקטן העברעישן בוך, וואָס שמעקט מיט ניי פּאַפּיר, מיט פרישן דרוקער-פאַרב און מיט פרעמדן בחור.

דער ברייטוטרעגער האָט עס איינמאָל צווישן דער איבעריקער קאָרעספּאָנדענץ געבראַכט צו דער שוויגער אין שטוב. האָט מען זיך

אַלע אַרום דעם אַרומגעשטעלט און מורא געהאַט דערפֿאַר, ווי פֿאַר עפּעס לעבעדיקס. עמעץ האָט עפּעס באַמערקט אין דער פּעסטער מע־נערשער האַנטשריפֿט, וואָס אויפֿן אַדרעס:

„וואַרט... אויפֿן אַדרעס שטייט דאָך בכּיוון שמואליקס נאָמען נישט דערמאָנט".

און נאָך:

„וואָס זשע דען? מ׳האָט פֿריִער נישט געוווּסט, אַז אַזוינע, ווי מירל, מוז תּמיד האָבן אַ בחור נאָך פֿון מיידלווייז?"

דאָס בוך איז דאָ אַ היפּשע ווײַלע אויפֿן טיש געלעגן און האָט אַלעמען אויסגעזוּכט, ווי אַ לעבעדיקע אונטערגעוואָרפֿענע עבירה־פּרוכט. ס׳האָט דערמאָנט אָן מירלס און נאָך עמעצנס אַ בשותּפֿותדיקער זינד, און מ׳האָט נישט געוווּסט, וואָס דערמיט צו טאָן:

„זאָל מען עס מירלען נישט אָפּשיקן, ביז וואַנען יעקב־יוסל וועט קומען?"

מ׳האָט עס איר, סוף־כּל־סוף, אַרײַנגעשיקט, איז זי געוואָרן מאָד־נע אויפֿגערעגט און צעטראָגן. זי האָט זיך געשווינט אָנגעטאָן און האָט זיך געלאָזט גיין אויף דער טעלעגראַפֿן־סטאַנציע, נאָר באַלד האָט זי זיך אומגעקערט, געשיקט דאָס דינסטמיידל צו דער שוויגער אין שטוב און איר אָנגעזאָגט:

„אויף אַ בריוו זאָל זי דאָרטן פֿרעגן, זי הערט? צוזאַמען מיטן בוך, זאָל זי זאָגן, האָט באַדאַרפֿט אַ בריוו אָנקומען".

---

ביי דער שוויגער אין שטוב האָט מען פֿון דענסטמאָל אָן אָנגע־הויבן זוכן עצות און אָפּגעהאַלטן בסוד קליינע אסיפֿות:

„וואָס הייסט? מען מוז דאָך סוף־כּל־סוף מיט שמואליקן אי־בעררעדן און מיט אים איינשמועסן, אַז ס׳איז פֿאַר אים קיין לעבן נישט".

מ׳האָט פֿאַרשטאַנען: מ׳טאָר אים מיטאַמאָל נישט זאָגן, אַז אַלע ווייסן שוין, וואָס צווישן אים און מירלען איז דענסטמאָל שבת־צונאַכטס פֿאָרגעקומען. מ׳האָט געזוכט דערצו דעם פּאַסיקן מענטש, אין גוראַלניע אַרײַן צו שיקן, און מ׳האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גע־וועזענער קורסיסטין — מרימס עצה:

„אפשר איז זי טאַקע געריכט מרים... אפשר פּאַסט טאַקע דער־צו דער יינגערער ליובאָשיץ, דער סטודענט?"

---

איינמאָל פאַר זון־זעצן האָט ער זיך אַ פאַרשטויבטער פון גוראַלניע אומגעקערט, דער יינגערער ליובאָשיץ, דער סטודענט. ער האָט געהאַט אַ שמייכלדיק פּנים פון אַ מענטשן, וואָס האָט פון גוטסקייט אָפּגעטאָן אַ שליחות, וואָס פּאַסט נישט פאַר אים, און האָט דערציילט אינעם באַזונדערן חדר, וווהין מ'האָט אים אַריינגעפירט:

„יאָ, ער האָט דאָרטן מיט אים איבערגערעדט, מיט שמואליקן".

אַרום און זענען געשטאַנען כמעט אַלע דערוואַקסענע שטוב־מענטשן מיט דער שוויגער און מיט דער געוועזענער קורסיסטין מרימען בראש. מען האָט זיך געהיט פאַר אַ פרעמד אויער, מ'האָט פאַרטריבן פונדאַנען די קליינע קינדער און געקוקט דעם שמייכלדיקן שליח אין פּנים אַריין:

„זאָגט ער, הייסט עס, אַז שמואליקן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, בשעת ער האָט אים, ליובאָשיצן, דערזען?"

דער יונגער סטודענט ליובאָשיץ איז געווען אַ גרויס־גופיקער, אַ וווקסיקער, אַ געפּאַקטער און אַ בלאָנדער, ווי אַלע ליובאָשיצעס. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט זיינע ברייטע פּלייצעס אָן דער פייער־קאַסע און האָט אויסגעזען מיד פונעם וועג. אַליין איז ער סך־הכּל בעווען אַ שטיקל פּאָעט, געדרוקט זיינע לידער אין אַ סטודענטישן זשורנאַל, זיך דערפאַר געגאָלט די וואָנצעס, געחקירהט משוגענערווייז וועגן וואָס נישט איז און האָט געהאַט אַן אייגענע מיינונג וועגן טאָלסטאָיען. נאָר ווען ער האָט גערעדט וועגן שמואליקן, האָט ער באַקומען דאָס זעלבע קינדערש־שמייכלדיקע פּנים, ווי בשעת ער איז שיכּור, און געדוכט האָט זיך, אַז אָט, אָט וועלן זיך ביי אים אַליין טרערן אין די היפּשע בלווילעכע אויגן באַווייזן:

האָט, הייסט עס, שמואליק אַ זאָג געטאָן, בשעת ער האָט אים, ליובאָשיצן, נאָר דערזען:

„זע נאָר — שואליק! האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי קומסטו אַהער, שואליק?"

ס'האָט אויסגעזען, ווי שמואליק מיינט, אַז אַלע ווייסן שוין, פאַר־

וואָס ער קומט אַהיים נישט, און שעמט זיך, אַפילו פאַר אים, שואליקן. נאָר נאָכדעם, ווען שפּאַצירנדיק איבער דער גוראַלניע, האָט ער, ליובאָשיץ, מירלס נאָמען דערמאָנט, האָט אים שמואליק אונטער דער האַנט אָנגענומען און אָנגעהויבן רעדן אַזוי שטיל און אַזוי מאָדנע, אַז אים, ליובאָשיצן, האָט שוין אויך פאַרן האַרץ אַ קלעם געטאָן.

„דו פאַרשטייסט, שואליק? האָט ער צו אים געזאָגט, מירל איז אַ שלאַק... געוויס אַ שלאַק, נאָר אַז זי וויל, קען זי זיין גוט".

און נאָכדעם האָט ער געשוויגן, שמואליק, און טרערן זענען אים אין די אויגן געשטאַנען, יאָ... און נאָכדעם האָט ער אים, ליובאָשיצן, נאָכאַמאָל אונטער דער האַנט אָנגענומען און אים געזאָגט:

„מיין נישט, שואליק, אַז אַזעלכע מירלס זענען פאַראַן אַסך... ס'איז מערנישט, זאָגט ער, זי רעכנט מיך פאַר אַ נאַר, מירל... גאָר פאַר אַ נאַר רעכנט זי מיך".

## V

שמואליק איז טאַקע אַהער נישט געקומען; ער איז גלייך פון גוראַלניע מיט די אָקסן קיין וואַרשע אָפּגעפאָרן.

צום שווער אין שטוב זענען פון אים געגאַנגען אָפטע טעלעגראַמעס וועגן דעם גרויסן ברענענדיקן מאַרק. ער האָט דאָרטן, ווי גאָר אַ גע-ניטער סוחר, דעם מקח פאַרריסן, באַשלאָסן צו בלייבן מיט זיינע אָקסן אַפילו אויף דער צווייטער וואָך און האָט געפאָדערט, מ'זאָל אים וואָס גיכער פון אַלע נאָענטע און ווייטע אָקסן-שטאַלן די „גרויסע פודן" אַרויסשיקן.

ביים שווער אין קאַבינעט האָט מען זיך וועגן דעם מיישב גע-ווען עטלעכע מאָל אין טאָג. מ'האָט אַהין שוין אַריינגעלאָזט די קליינע קינדער און געפרעגט האָט מען שוין אויף ליצנות אַ דעה אַפילו ביים קלענסטן זעקס-יאָריקן קלייענדיקן יינגעלע, וואָס ס'שמעקט פון אים מיט שטאַל, און וואָס די שוויגער אַליין שמייסט אים אָפט אין געזעסל:

„וואָס זאָגסטו, שמענדריק מיט די גלעקלעך?... זאָל מען שיקן אָקסן?"

מ'איז געווען נישט אויף צופלומרשט אויפגעלייגט:

„וואָס הייסט? אַז גאָט העלפט, דער מאַרק גיט זיך איין, פאַר־דינט מען דאָך אַ גאַנצן גביר מיט געלט".

די שוויגער האָט זיך געמאַכט אַן אויסרייד און איז אַריינגעקומען צו מירלען אין שטיבל כלומרשט אַ קוק געבן, צי די באַלקנס קומען נישט אַרויס צופיל טונקל. זי האָט נעטראָפן מירלען אינם אויפגערודערטן עסצימער אויף דער קאַנאַפּע ליגן און איר דערציילט, אַז שמואליק געפינט זיך אין וואַרשע, און אַז מ'שרייבט אים איצט אַ בריוו:

„יאָ, וואָס־זשע זאָל מען אים עפּעס פאַר איר, מירלען, צושרייבן?"

מירל האָט גלייכגילטיק מיט די אַקסלען אַ צי געטאָן:

„גאָרנישט... זי האָט אים נישט וואָס צו שרייבן".

„זי איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטער און נישט געזען, מיט וואָס פאַר אַן אויסזען די שוויגער האָט די שטוב פאַרלאָזט. און נאָכדעם איז זי צוריק געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, געפילט, ווי די שטוב איז איר נמאס, און ווידער־אַמאָל געדענקט, אַז זי באַדאַרף עפּעס טאָן:

"זי מוז געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי אָט די שטוב צו פאַרלאָזן".

ס'האָט זי ערגעץ געצויגן און נישט געלאָזט איינזיצן אויף אַן אָרט. האָט זי עטלעכע טאָג צייט געהאַלטן אין איין גיין אין שטאָט אַריין, זיך דאָרטן לאַנג איינע אַליין אַרומגעדרייט און האָט סוף־כל־סוף צו נאַכט־צו פאַרקערעוועט אויף דער שטילער בולוואַר־גאַס, צו איר געשוועסטערקינד אידאַ שפּאָליאַנסקי. ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז זי באַדאַרף זאָגן איר, אידאַן, וואָס הערט זיך נישט צו צו די ציינישע קלאַנגען, וואָס גייען אַרום וועגן איר אין שטאָט:

„הער, אידאַ, דו ביסט שוין געוויס ביי זיך הפקר, נאָר דאָך, וואָס וואָלסטו אַליין געזאָגט, ווען מ'דערציילט דיר: מירל האָט אַוועק־געוואָרפן שמואליקן, ווייל מיט אים מער נישט וויינען".

---

און ס'רוב איז שוין אויסגעקומען, אַז אידאַ איז צו אָוונט־צו אין איר רייכער שטוב נישט געווען, זיך ערגעץ פראַנק און פריי אַרום־געפירט מיט אַ יונגן שטאַרק־רייכן אָפיציר, ווען מירל האָט דאָ איינ־מאָל אין בין־השמשות געטראָפן, און ביידע שטוב־דינסטן האָבן נישט גע־ווסט, וווהין זי איז אַוועקגעגאַנגען און ווען זי וועט קומען.

אין אַלע פינף חדרים איז געווען פינצטער און שטיל. כמעט

אומעטום זענען געלעגן גרויסע נייע קאָבריצעס; אויף די קאָבריצעס איז דורכאויס געשטאַנען ניי-מאָדנע ווייכע מעבל און האָט אויסגעזען אַזוי פאַרטראַכט, גלייך ס'וויסט פיל סודות וועגן דער באַלעבאָסטע, דער שטאָט-פאַרשוין, וואָס בלייבט אומגעטריי דעם מאַן, דענסטמאָל ווען ער פאַרדינט גרויסע געלטער ערגעץ אין די ווייטע רוסישע גובערניעס; וועגן דעם, וואָס ער, דער באַלעבאָס, וועט סוף-כל-סוף וועגן דעם גע-וואָר ווערן, און חרוב וועט אָט די שטוב ווערן.

נאָך אַ פּאָר שעה וואַרטן און וואַלגערן זיך אויף דער זיידענער שלאָפזאָפע, וואָס ביי אידאַן אין צימער, האָט זי סוף-כל-סוף פאַרלאָזט אָט די שטוב מיט אַ געפיל פון עפּעס אַ בלאָנזשענדיקן פוסט-און-פּאַסניק. זי איז געגאַנגען צוריק אַהיים און האָט געדענקט, אַז אין אָט דער גאַנצער גובערניע-שטאָט, איז זי איבעריק און עלנט; אַז אַלע מענטשן, וואָס קומען איר אַקעגן, האָבן מיט זייערע גענג עפּעס באַשטימטע צילן. טוען זיי עפּעס, איז דאָס נאַר, וואָס זיי מוזן. און זי, מירל... זי הייבט זיך אָן דערמאָנען אָן אַלץ, וואָס זי האָט אין לעבן געטאָן און וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען:

„קיין אומגליק וואָלט, דוכט זיך, נישט געווען געשען, ווען זי וואָלט פון געבוירן אָן געוווען ליגן אין בעט און זיך ביז היינט פון אָרט קיין ריר נישט געטאָן".

---

און זי האָט סוף-כל-סוף לחלוטין אויפגעהערט צו גיין אין שטאָט.

גאַנצע טעג איז זי אין שטוב געזעסן, געטראָגן איינעם און דעם זעלבן קויטיק-רויטלעכן און צעכראַסטעטן כאַלאַט מיט עמעצנס אַ פּאָר גרויסע מאַנסבילשע שטעקשיך, זיך אָנגעטאָן אין אָט די בגדים נאָך באַלד, ווי זי איז אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי פון בעט אויפגעשטאַנען, זיך דאָס פּנים נישט געוואַשן און די האָר נישט פאַרקעמט, זיך אין עס-צימער אויף דער קאַנאַפּע אָוועקגעלייגט און זיך פּאַרט געמאַטערט און געליטן פונם אַלטן געדאַנק:

„אויב זי וועט באמת נישט געפינען קיין מיטל, ווי אַזוי פון אָט דעם איצטיקן לעבן ניצול צו ווערן, איז דאָך שוין פאַרפאַלן אַלץ... און אָט דאָ געפינען זיך, ביי די זיידענאָווסקיס אין שטוב, ס'איז שוין

יעדנפאַלס נישט פאַר איר, און ס׳קען זיך שוין אַזוי לאַנג נישט פאַר־
ציען״.

די שוויגער האָט פון נאָך דער מעשה מיט שמואליקס בריוו
לחלוטין אויפגעהערט צו איר צו רעדן. איינמאָל איז זי אַהער מיט איר
שיקסע אַריינגעקומען און זי צוזאַמען מיטן דינסטמיידל אַוועקגעשטעלט
טיר און פענצטער צו זייפן און די חדרים ראַמען. זי האָט דאָ גע־
פינטלט מיט די וויעס און גערעדט נישט צו מירלען, נאָר צו זיי, צו
דער שיקסע און צום דינסטמיידל:

„וואָס הייסט? ס׳איז דאָך שוין כמעט פיר חדשים, זינט מ׳האָט
דאָ אַפילו די ווענט נישט אַרומגעווישט״.

דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט האָט זי זיי געהייסן אין גאָרטן אַרויס־
טראָגן לופטערן און נאָך אַ פּאָדלאָגן־פּוצער האָט זי אין שטאָט אַריינ־
געשיקט און אַכטונג געגעבן, ער זאָל, פּוצנדיק אין שלאָפצימער, די
בעטן מיט די שאַפעס אָפּרוקן. דאָרטן, אין דריטן חדר, האָט זי שוין
אַפילו דאָס קליידל אונטערגעהויבן און זיך פאַרקרימט, אַראָפּקוקנדיק
צו דעם שטאַרק אומריינעם פּאָדלאָגע־ווינקל, וואָס זי האָט געפונען.
ס׳האָט זיך געהערט, ווי זי שפּייט היל־כיק אויס, טרעט אָפּ אין אַ זייט,
אַוועקרוקנדיק איינס פון די בענקלעך און לערנט דעם פּאָדלאָגע־פּוצער
מיט עקל און אויף גוייש:

„העט ווסקריז... העט ווסקריז״. *)

און מירל איז דענסטמאָל נאָך אַלץ געלעגן אויף דער קאַנאַפּע
און זיך פון אָרט נישט גערירט. ס׳איז איר גאָר שוין שטאַרק נמאָס
געוועזן דער גאַנצער אַרום־און־אַרום. אַ משוגעדיקער ווילן האָט זיך
געפילט, אָנצוגעמען לעבן דער ברוסט פאַרן כאַלאַט און רייסן, רייסן,
האָט זי ביידע הענט צום פאַרשטעלטן פּנים שטייף, שטייף צוגעדריקט
און זיך געעקט פון ווייטיק:

„ס׳איז דאָך אַן אומגליק, אַן אומגליק... אַזאַ מין אומבאַהאָלפנ־
קייט... סך־הכל איין פּלאַן באַדאַרף זי האָבן, און דער פּלאַן זאָל נישט
זיין, און אוממעגלעך זאָל זיין אים צו געפינען״.

---

*) אומעטום... אומעטום.

בײַ דער שוויגער אין שטוב האָט מען זיך געריכט אויף שמואליקן. מ׳האָט שוין דאָרטן אַפילו געוווסט, ווען און מיט וואָס פֿאַר אַ צוג ער וועט קומען.

מאָנטשיק זײַדענאָווסקין האָט מען דאָרטן געפּאַקט אינמיטן העלן טאָג, בשעת ער, דער צעטראָגענער, האָט זיך אויף אַ רגע צוליב געשעפֿט פֿון שטאָט אַראָפּגעכאַפּט. מ׳האָט אויף אים אָפּגעוואַרט, ביז ער וועט פֿונם פּעטערס, יעקב־יוסלס, קאַבינעט אַרויס, און אים אַרײַנגעכאַפּט אין אַ באַזונדער חדר:

„מאָנטשיק, אַ גרויס אומגליק האָט דאָך געטראָפֿן שמואליקן! מאָנטשיק, וואָס ליגן מיר עס אָפּ?... אויף וועמען פֿאַרלאָזן מיר זיך?"

מאָנטשיק האָט צעטראָגן געקוקט אויף די ווײַבער, וואָס האָבן אים אַרומגעשטעלט, און געדענקט די עטלעכע מענטשן, וואָס זענען געבליבן אויף אים וואַרטן דאָרטן, בײַ אים אין קאָרידאָר.

אַקעגן אַ מענטשן זעקס־זיבן האָבן דאָרטן, מן הסתם, נאָך באַדאַרפֿט בלײַבן וואַרטן... אין צוויי בענק באַדאַרף ער נאָך דערנאָך זײַן... און זיי, די מומע מיט מרים ליובאָשיץ, זאָגן, אַז ס׳איז אַ גרויס רחמנות אויף שמואליקן... וואַרט. ער, מאָנטשיק אַליין, האָט שוין, דוכט זיך, אויך אַמאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳איז פֿון אָנהויב אָן קיין שידוך נישט געווען... אַ? וואָס זאָגט זי, די מומע?... געוויס... ער איז אַליין מודה:

„אויף אים, מאָנטשיקן, ליגט אַ חוב, ער זאָל עפּעס אָנהייבן צו טאָן".

ער איז אין אײַלעניש באַלד אַוועקגעלאָפֿן צוריק אַהיים, צו זײַנע געשעפֿטן. נאָר שפּעטער איז ער ווידער אַהער אַראָפּגעקומען און האָט זיך מיט אַ שאַרפֿן קלוגן אַרײַנגעריסן גלײַך צו שמואליקן אין פֿליגל.

ער האָט דאָרטן געטראָפֿן מירלען אינם צעכראַסטעטן כאַלאַט און אין די מענערשע שטעקשיך אויף דער קאַנאַפּע ליגן און האָט צעטראָגענערהייט באַמערקט:

אין די ציכטיק־ריינע חדרים איז צוגעקליבן און שטיל צוליב שמואליקס קומען. מיט אַ בלויען יום־טובדיקן סערוועט איז שוין אַפילו

אין עסצימער דער טיש פאַרשפּרייט. נאָר דאָס אַלץ קער זיך נישט אָן מיט איר, מירלען, וואָס וואַלגערט זיך אויף דער קאַנאַפּע. און דער־פּאַר טראַכט זיך מער וועגן איר, איידער אים, און ס׳ווערט מאָדנע אוי־מעטיק סיי פון די אָפּגעוועקסטע פּאָדלאָגעס, סיי פון די אויסגעשטעלטע שטולן.

ער איז דאָרטן לאַנג אַקעגן איר געזעסן, זיך געמאַכט, גלייך ווי ער באַמערקט גאָרנישט, און האָט לאַנג דערציילט וועגן זיינע גע־שעפטן, וועגן זיין מוטער, שוועסטער און קליינעם ברודערל, וואָס ער האַלט אויס, און וואָס ער וווינט מיט זיי אינאיינעם, זינט זייז פאָטער איז געשטאָרבן און האָט געלאָזט שלעכטע געשעפטן:

„די שוועסטער זיינע, האָט ער דערציילט, איז סך־הכל מיט צוויי יאָר יינגער פון אים. אַ שוואַרצע איז זי, אַ ציגיינערין, און ־רעדן רעדט זי פון געבוירן אָן אַסך, מאָלט, ווי פון אַלטן סיסטעם אַ בייטל־מיל. אַ יאָר נאָך דער גימנאַזיע איז זי געזעסן שטיל אינדערהיים, זיך געגנודעט און גערעדט אַלדאָס בייז אויף קורסיסטינס. ערשט היינטיקן ווינטער האָט זי זיך אָנגעהויבן איינרעדן, אַז זי האָט אַ שטים, און אָנגעהויבן זינגען ביי אַ פּראָפעסאָר״.

מירל האָט אין זיין רירעוודיק־צעטראָגן פּנים געקוקט און האָט גלייכגילטיק געוואַרט. מיט יעדער רגע איז קלאָרער געוואָרן, אַז מ׳האָט אים אַהער פון דער שוויגער צוגעשיקט. ס׳איז געווען אַ חידוש, וואָס ער הייבט נישט אָן:

„יאָ, וואָס זשע קלערט זי וועגן שמואליקן? וואָס, שטעלט זי זיך פאָר, קען פון אַזאַ לעבן זיין דער תּכלית?״

נאָר ער האָט, כאַפּנדיק אויף איר צעטראָגענע בליקן, נאָך אַלץ מיט פאַרשידענע מעשיות געשאָטן, און צו גלויבן איז שוין צייטנווייז געווען, אַז ער האָט דערביי קיין מיין נישט, ער וויל נאָר פון איר אַביסל דעם אומעט פאַרטרייבן:

„ער, מאָנטשיק, האַלט זיך לחלוטין נישט פאַר קיין מוזיקער. נאָר דער שוועסטערס קול קען ער ממש נישט אַריבערטראָגן. עפּעס אַ מין גרילצנדיקע קוויטשעריי, און נישט פון ברוסט, נאָר ערגעץ פון גאָרגל און פון נאָז. ער בעט זי: זינג נישט, ווען איך בין אינדערהיים, און זי באַליידיקט זיך, וויינט און קלאָגט זיך איבער אים פאַר זיינע

באַקאַנטע: אַן אייגענער ברודער, זאָגט זי, וואָלט זי באַדאַרפט אונטערהאַלטן און איר מיטפילן, און ער — לאָ די וואָס ער פילט איר נישט מיט, נאָר ער וויל איר צעשטערן דעם גאַנצן אידעאַל פון איר לעבן".

אַלעמאָל האָט ער זיך אָפגעשטעלט, זיך צעטראָגענערהייט אין איר איינגעקוקט און דערביי עפּעס אַ געדאַנק געכאַפּט. און נאָכדעם איז ער שוין אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָנגעהויבן גלעטן דעם בלויען סערוועט. איצט איז שוין דאָס שווייגן געווען אַ שווערס און נאָגנדיקס. ס'האָט זיך געהערט, ווי אין קיך דערפרעגט זיך די שוויגער ביי דער דינסטמויד, צי מ'האָט אויף די קישנס ווייסע ציכן אָנגעצויגן, ווי זי גייט פון דאָרטן מיט איר שיקסע אין שלאָפצימער אַריין און פּאָרקעט זיך לאַנג ביי דער שאַפע, זוכנדיק דעם נויטיקן שליסל, ווי זי העלפט דאָרטן דער שיקסע די ציכלעך אָנציען, גייט פון דאַנען צוריק אַהיים אַוועק און קוקט זיך דאָ אויף קיינעם נישט אום.

מאָנטשיק האָט זיך סוף-כל-סוף צעטראָגענערהייט מיט איר געזעגנט און איז אַוועק צום פעטער יעקב-יוסלען אין שטוב. אין פעדערשטיבל האָט ער דאָרטן נישט דערקענט עפּעס אַ לייטישן יונגנמאַן, וואָס האָט אים די האַנט געגעבן, און איז גלייך אַריין אינם באַזונדערן חדר, ווו מ'האָט אים איבעראַנייס אַרומגעשטעלט, די שוואַרצע אייגן האָבן ביי אים געשטראַלט, זיי האָבן אויסגעזען פאַרחלומט און האָבן געקוקט אויף די אַרומיקע מיט זייער גאַנצער אויסגעגלאָצטער גרייס:

„וואָס קען מען האָבן צו מירלען?.. ער איז דאָרטן איצט געזעסן אַקעגן אַ שעה... זאָגנדיק דעם אמת: ער ווייסט נישט, וועמען ס'איז איצט ערגער מירלען, צי שמואליקן".

און דענסטמאָל, ווען די ווייבער האָבן אים דערשטוינט אָנגעקוקט און געוואָלט אָנהייבן חלומות צו אים בטלען, האָט ער שוין צעטראָגן איבערן חדר אַרומגעשפּאַנט און האָט זיי נישט באַמערקט, זיך פלוצים אָן עפּעס דערמאָנט און זיך נאָכאַמאָל אַקעגן זיי מיט אַן אויפגעהויבענעם פינגער אָפּגעשטעלט:

„זי איז אַ קלוגע, האָט ער צו זיי וועגן מירלען מיט אָט דעם פינגער געשאָקלט, אַ דורכגעטריבענע איז זי... ער, מאָנטשיק, האָט גאָר פון אָנהייב אַזויפיל נישט געוווּסט".

מירל האָט אים באַמערקט, בשעת ער האָט זיך אַ חלומדיק-

פאַרטראַכטער צוריק צום טראַמוויי געלאָזט גיין און איז נאָענט פאַרביי אירע פענצטער דורכגעגאַנגען. עפּעס איז איר פּלוצים אַריין אין קאָפּ, האָט זי אים אין שויב אָנגעקלאַפּט און זיך דאָרטן איבעראַנייס מיט אים רעדן אַוועקגעשטעלט:

„ניין, מאָנטשיק באַדאַרף וויסן פריער: אויב ער איילט זיך איצט אַהיים, איז אָט דער שמועס זייערער נישט איבעריק נויטיק".

אירע אויגן מיטן פּנים האָבן דערביי נישט געוואָלט וועגן עפּעס וויסן, און ער, מאָנטשיק, איז אַקעגן אָט דעם פּנים געשטאַנען, געדענקט, אַז ער האָט קיין צייט נישט, און האָט זיך דאָך געהאַלטן אין דער מעלה:

„וואָס? ער איילט זיך? חס וחלילה... אַדרבא".

ער האָט פאַר איר דרך־ארץ און גייט נאָכדעם צוזאַמען מיט איר אין שטאָט אַריין. און אַז זי באַשטעלט אים אויף מאָרגן אויך, האַלט ער זיך ווידער אין דער מעלה און זאָגט איר צו. אין קאָפּ דרייען זיך ביי אים געדאַנקען, אַז זי טראַכט די גאַנצע צייט וועגן עפּעס אַ זאַך, וואָס זי וויל בכּיוון פאַרשווייגן, נישט וועגן דעם, וואָס זי רעדט. אַז שמואליקן, וועמען ער האָט ליב, באַדאַרף ער עפּעס זאָגן וועגן איר, דער אינטערעסאַנטער און קלוגער, וואָס איז שוין געוויס מיט אים קיין פּאָר נישט. נאָר ווען ער באַגלייט זי אַהיים און גייט נאָכדעם איינער אַליין צוריק צום טראַמוויי, פאַרגעסט ער אָן אָט די אַלע געדאַנקען און פאַרטיפט זיך צעטראָגענערהייט אין זיינע בייטאָגעדיקע געשעפטן. אינם איבערפולטן באַלויכטענעם טראַמוויי־וואַגאָן זעצט זיך צו אים צו דער זעלבער יונגערמאַן, וואָס האָט אים אַמאָל ביים פעטער יעקב־יוסלען אין פעדערשטיבל די האַנט געגעבן; דער יונגערמאַן רעדט צו אים וועגן אַ באַקאַנט געשעפט, און ער קוקט אים אָן מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן און איז ברוגז אויף זיך אַליין:

„מילא, ער, מאָנטשיק, זעט זיך טאָקע איבער אַ טאָג מיט הונדערטער סוחרים, אָבער וואָס הייסט, ער דערקענט שוין קיין מענטשן נישט?"

## VI

שפּעטלעך אינאָוונט איז מירל אין עטלעכע טעג אַרום נאָכאַמאָל

מיט מאַנטשיקן אין שטאָט אַריין געפאָרן, דורכגעגאַנגען מיט אים די צענטראַל-גאַס און דערזען נאָך פונוויטנס, ווי ביי איינעם אַ ליידיקן ראָג וואַרט זיי אָפּ נתן העלער. ער שטייט דאָרטן איינער אַליין אין זיין ברוינעם האַרבסט-מאַנטל, האָט אַן אומגליקלעך פּנים און קוקט איר, מירלען, גלייך אין די אויגן.

כדי נישט צו באַגעגענען זיך מיט אים, איז זי באַלד מיטן פאַר-טראַכטן מאַנטשיקן אַריבער אויפן צווייטן טראָטואַר און איז מיט אים דאָרטן אַריינגעגאַנגען אין אַן איבערגעפולטן, רוישיקן קאַפעהויז, וווּ קלעפּ פון טעלער האָבן נאָך פון פאַרנאַכט אָן מלחמה געהאַלטן מיט די שרייענדיקע ניגונים פונם אונטערגעריסענעם אָרקעסטער. נאָר ווען זי איז פון דאָרטן אַרום האַלבער נאַכט מיט מאַנטשיקן אַרויסגעגאַנגען, איז דער בחור אין האַרבסט-מאַנטל נאָך אַלץ אַקעגן קאַפע געשטאַנען און, ווי פריער, גלייך אויף איר געקוקט. דערזעענדיק אים, האָט זי אַזש אַ ציטער געטאָן און זיך ווי פון שרעק צו מאַנטשיקן צוגעדריקט:

„מאַנטשיק איז אַ מבין, ווי יענער קוקט?"

מאַנטשיק האָט אויף אַ רגע פון זיינע געשעפטס-געדאַנקען אויפ-געוואַכט און איר שאלה נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געוואָרפן אַרום זיך אַ צעטראָגענעם בליק, נאָר גאָרנישט נישט באַמערקט. גייענדיק אין איין שורה מיט איר, האָט ער זיך באַלד ווידער פאַרטראַכט וועגן דער קוראָפּאָליער פּאַטיק-פאַבריק, וואָס גייט שלעכט און האַלט זיך ביי פאַר-קויפן:

„יענע וואָך האָט זיך אים איינגעגעבן צונויפצופירן די קוראָפּאָליער אַקציאָנערן מיט די קונים... ווען דער דירעקטאָר זייערער איז נישט אַזאַ הונט און אַזאַ כאַבאַרניק, וואָלט עפּעס די נייע וואָך געקענט דער-פון אַרויס".

פלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט מיט צוויי פינגער דעם אָנגעברוגזטן שטערן אונטערגעשפּאַרט:

„וואַרט... ער קען זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, צי אויף דער טעלעגראַם, וואָס ער האָט ביי טאָג געקלאַפּט דעם דירעקטאָר, האָט ער זיך אונטערגעחתמעט, צי ניין?"

ער האָט זיך באמת שלעכט געפילט און אַ קוק געטאָן צו מירלען

מיט אַזאַ בעטלעריש פּנים, גלייך ער נויטיקט זיך איצט שטאַרק אָן איר רחמנות:

„מירל מוז אים מוחל זיין. ער מוז אויף אַ רגע אין נאָענטן טעלעגראַף אַריינלויפן און דאָרטן אַ ספּראַווקע מאַכן".

נאָר מירל האָט אים, דעם צעטראָגענעם, נאָך אַליין נענטער צום טעלעגראַף צוגעפירט און אים דאָרטן אויסגעזידלט, פאַרוואָס ער וויל זי אַליין איינדרייען נישט לאָזן:

„וואָס מאַכט ער קונצן, מאָנטשיק?... זאָל ער די רגע אַריין אין טעלעגראַף. זי וועט אָן אים אויך צו זיך אַהיים טרעפן".

ס'האָט זי געצויגן, צו נתן העלער, די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט צו מאָנטשיקן גערעדט, און נאָכדעם, ווען זי איז איינע אַליין שטיין געבליבן אויפן פּוסטן טראָטואַר און זיך אומגעקוקט. „ער" איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָרטן ביים ראָג גאַס און האָט איר נאָכגעקוקט. ער האָט דאָרטן גאָרנישט נישט געוואָלט; ער איז נאָר געווען אומגליקלעך – און האָט איר נאָכגעקוקט.

פּלוצים האָט זי זיך מיטן פּנים צום פּאָרשטאָט אויסגעדרייט און זיך געשווינט אין אַ דראָשקע אַרייַנגעזעצט.

זי איז געווען אין כעס אויפן געפיל, וואָס ציט זי צו אים, אויף זיך אַליין, אויפן וואַלגערן זיך ביי די זיידענאָווסקיס אין שטוב און אויף דעם, וואָס פון אַלץ, וואָס זי האָט אין איר לעבן געטאָן, איז קיין איינציקע נוצלעכע זאַך נישט אַרויסגעקומען:

„אָט באַדאַרף זי אַ מיטל צו באַפרייען זיך פון שמואליקן און האָט אים נישט".

„און אָט דרייט זי זיך שוין עטלעכע טעג מיט מאָנטשיקן אין שטאָט אַרום און קלערט ביי אים וועגן אָט דעם מיטל פרעגן. און אינגאַנצן איז דאָס איבעריק און נאַריש... וואָרים ער, מאָנטשיק... ער איז שמואליקס אַ קרוב און האָט אים ליב. און חוץ דעם..."

„וואָס קען ער איר דערויף זאָגן?"

זי האָט נישט באַמערקט, ווי זי איז די פּאָרשטאָט-בריק איבערגעפאָרן און איז צו דער עקסטער גאַס צוגעקומען. פּלוצים האָט זי דערזען, ווי די פענצטער פון איר שטוב, אַחוץ שלאָפצימער, זענען אַלע שטאַרק באַלויכטן און באַרימען זיך פאַרן פינצטערן האַלב-נאַכטיקן דרויסן:

„געסט האָבן מיר, געסט, געסט״.

זי האָט זיך דערשטוינט און אָט די באַלויכטענע פענצטער איינ־געקוקט:

„אפשר דער פעטער אירער, צי די מוטער... זי האָט זיי פון נאָך דער חתונה אַפילו קיין איין בריוו נישט געשריבן״.

אָבער נאָך אין קאָרידאָר, ווו דאָס דינסטמיידל האָט הינטער אירע פּלייצעס די טיר פאַרשלאָסן, האָט זי שוין באַמערקט, אַז ס׳איז קיין זאַך נישט געשען, און אַז קיין געסט זענען נישטאָ; שמואליק איז נאָר נאָך אַ חודש וואַלגערן זיך פון וואַרשע פשוט צוריק צו זיך אַהיים געקומען. געקומען אַזוי מאָדנע שטיל און אַביסל שעמעוודיק, ער ווייסט: קיין איבעריקער נחת וואַרט שוין דאָ נישט אויף אים.

דער קאָפּ מיטן בערדל זענען ביי אים געוועז אָפּגעשוירן פונסניי און אַזוי נידעריק, גלייך ס׳וואָלט מאָרגן ערב־פסח זיין. זיין ליכטיקער אַנצוג איז געוועזן אַ נייער, אַ וואַרשעווער; די נייע שיך האָבן אונטער־געסקריפּעט. און אַליין האָט ער שוין אויך אויסגעזען אַזוי ניי, צאַפּלדיק און פריש — ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער איז גאָר וואָס פון באָד גע־קומען, אַז פאַר דער צייט פון זיין זיצן אין גוראַלניע און אין וואַרשע האָט ער אויף זיך געאַרבעט און האָט זיך פון פיל פון זיינע ייִנגלשע תנועות אָפּגעוווינט.

מירל איז דאָ אין עסצימער דורכגעגאַנגען און זיך צו אים נישט אומגעקוקט. ס׳איז אים געוואָרן אַ בזיון פאַרן באַיאָרטן גרייז־גרויען און אומריינעם יידן, זייער אָקסן־קויפער. דער ייד איז דאָ מיטן שטעקן אין האַנט און מיט די קאַליע העליש־רויטע אויגן פאַרן טיש געזעסן און האָט פאַרשפרייט אַרום זיך אַ ריח פון אַ שאַרפן שמעק־טאַבאַק און פון ציגן־פלייש. און שמואליק האָט שעמעוודיק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און גע־נומען בייסן מיט די ציין דעם שפּיץ פון אַ שוועבל־שטעקל. די אויגן זענען ביי אים געוואָרן פאַרטרערט.

מירל איז שוין דערווייל געוועזן אין דעם באַלויכטענעם זאַל. זי האָט דאָרטן דעם אויבערשטן סאַק פון זיך אַראָפּגעצויגן און נישט גע־ווּסט, פאַרוואָס זי איז פון עסצימער נישט אַריינגעגאַנגען גלייך רעכטס אין פינצטערן שלאָף־חדר. זי האָט זיך געוואָלט אָן עפּעס דערמאָנען, נאָר נישט געקאָנט און געדענקט, אַז שמואליק שטייט אין צווייטן חדר;

געגומען צוליב עפּעס נאָכאַמאָל אָנטאָן דעם סאַק, נאָר אים באַלד צוריקגעלייגט און איז דורכן עסצימער אַוועק גלייך אין פינצטערן שלאָף־חדר. זי האָט דאָרטן נישט אויסגעטאָן דאָס ענגע שוואַרץ־זיידענע קאָפּטל מיטן איינגעצויגענעם גאָרסעט און זיך גלייך אין בעט אַוועקגעלייגט. זי האָט זיך פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דאָס פּנים און זיך גענומען גרייטן צו דעם, וואָס ס׳וועט באַלד פאָרקומען:

„אַן עק... איצט מוז שוין נעמען אַן עק..."

ס׳איז געווען שטיל אין אַלע אַרומיקע חדרים. אינמיטן דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי שמואליק שפּאַנט פּאַמעלעך אַרום איבערן עסצימער, ווי דער ברודיקער ייד, דער אָקסן־הענדלער האָט הנאה פון די פּאָר טויזנט רובל ריווח, וואָס וועלן אים איצט אויף זיינע קליינע פּראָצענטן אויספּאַלן, און קאָן זיך נישט אָפּוווּנדערן פונם מאַרק, וואָס שמואליק האָט אָנגעטראָפן:

„אַזאַ מאַרק, מעג ער זאָגן, געדענקט מען נישט פון נאַפּאָלעאָנס צייטן אָן... וואָס רעדט ער, שמואליק? זיבן רובל אַ פּוד?!..."

זיינע קאַליע אויגן מיט די איבערגעקערטע רויטע וויעס האָבן אים געטרערט. די טרערן זענען אַראָפּגערונען אויף די באַקן און ערטער־ווייז דערגרייכט די גרייז־גרויע, ברודיק־פאַרגעלטע באָרד, און ער האָט עס נישט געפילט, געשטופּט טאַבאַק אין נאָז און געהאַלטן דאָס שמייכלדיקע פּנים עטוואָס פאַרריסן, ווי אַ בלינדער, וואָס חלומט וואַכנדיק. ער האָט געחלומט וועגן נאָך איינעם אַזאַ גליקלעכן מאַרק:

„איז אויב שמואליק וויל טאַקע באַלד נאָך סוכּות ווידער אַמאָל קיין וואַרשע גיין, וועלן אין סטאָלינער וואָלאָווניע 1) מוזן בלייבן די פּאָפּיווקער אַכצן יאַלעווקעס 2)... און די זיבן יעליסאַוועטער, וואָס שטייען ביי דער טיר... יאָ, און דער לעבעדיקער, אָט דער וואָס מיט די גרויסע הערנער... אַ מאָדנע זאַך: אָט די דריי שטייען שוין אָט אַ חשבון פון פערטהאַלבן חדשים, און נעמען נאָך אויף זיך קיין לייב נישט... ער האָט זיי אַ טאַפּ געטאָן אָט דאָ יענע וואָך, עט... עס הייסט נישט קיין לייב... ער האָט פיינט אַזעלכע אָקסן".

---

1) אָקסנשטאַל.

2) נישט קעלביקע בהמות.

דער ייִד איז סוף־כּל־סוף אַוועקגעגאַנגען, און די טיר האָט נאָך אים שמואליק פאַרשלאָסן. די שטילקייט איז שוין איצט געווען אַ גאַנצע, ווי אין מיטן דער נאַכט. און געהערט האָט זיך נאָר, ווי שמואליק שפּאַנט פּאַמעלעך איבערן עסצימער, ווי זיינע נייע שיך סקריפּען אונטער און דערציילן עפּעס וועגן דעם, וואָס אים, דעם באַלעבאָס זייערן, איז שלעכט; וועגן דעם, וואָס ער טראַכט איצט וועגן איר, מירלען, וואָס ליגט אין פינצטערן חדר אין בעט, האָט זי ליב, וויל צו איר אַריינגיין, נאָר קען נישט און ווייסט נישט ווי אַזוי; פילט, אַז ער איז אומגליקלעך, און אַז אייביק, אייביק וועט שוין פון אים אָט דער אומגליק נישט אַוועק:

„און אָט איז ער איצט, אַשטייגער, נאָך פיר וואָכן צייט צו זיך אַהיים געקומען...”

געלט האָט ער גאָר נישקשהדיק פאַרדינט... ער ווערט אַ גביר... קאָפּטן מיט מתּנות האָט ער מירלען אַהיים אָנגעקויפט... ער האָט געמיינט, זיי וועלן איר געפעלן, האָט ער געמיינט... און נאָך האָט ער געמיינט:

„ער וועט נאָך זעקס וואָכן אַהיים קומען, וועט זי מיט אים רעדן אָנהייבן...”

ער האָט נאָך אַלץ געביסן מיט די ציין דאָס שוועבל־שטעקעלע, און אין די אויגן זענען אים נאָך אַלץ געשטאַנען די טרערן:

„אַז זי האַלט אים פאַר אַ נאַר, מירל”.

פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען איר פּנים, אַ פרישס און עטוואָס אַ שמעקנדיקס. איצט ליגט זי דאָרטן אין צווייטן פינצטערן חדר אויפן בעט און האַלט פאַרמאַכט די אויגן. אפשר שלאָפט זי שוין דאָרטן, און אפשר ניין. ער האָט געוווּסט:

ווען ער גייט איצט צו איר צו, וואָלט ער איר נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. און דאָך איז ער אַהין געגאַנגען, פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נישט אויפגעהויבן, און האָט געדענקט:

„זי האַלט אים פאַר אַ נאַר, מירל”.

ער האָט די שוועל פון פינצטערן חדר אַריבערגעטראָטן, זיך אָפּגעשטעלט. די שיין פונם באַלויכטענעם עסצימער האָט אַהער דערגרייכט; אַקעגן, אין בעט, האָט זיך שוין געוועבט איר פיגור, אַ שלאַנקע בויגיקע פיגור, אַן ענג־איינגעצויגענע אינם שוואַרצן שמאָלן קלייד. פּאַמעלעך,

פאַמעלעך איז ער צו איר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געגאַנגען; געטאָן אַ שפּאַן, זיך אָפּגעשטעלט, און ווידער אַ שפּאַן געטאָן. איצט האָט ער שוין געזען איר פּנים. פאַרוואָרפן עטוואָס אַרונטער איז עס הויך אין קישן געלעגן, און די אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. אַ ווײַלע איז ער פאַרן בעט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געשטאַנען. ער האָט געוווסט, אַז ער באַדאַרף זיך צוריק אומקערן און איז דאָך נאָך נענטער צוגעגאַנגען, דערזען איר אַראָפּגעלאָזטע האַלב-אויסגעצויגענע האַנט אויפן זײַטל פון בעט און זי שטיל פאַר אָט דער האַנט אָנגענומען.

ער איז געשטאַנען אַזוי שטיל, שטיל, האַלטנדיק איר האַנט, און האָט שטיל צו וויינען אָנגעהויבן.

זי האָט בײַ אים די האַנט ניט אַוועקגענומען. ער האָט געהערט: זי האָט ווי פון האַלבן-שלאָף אַ זיפץ געטאָן און האָט געזאָגט מיט אַ מאָנאָטאָניש שטיל און פאַרשלאָפן קול:

„וואָס באַדאַרפסטו מיך, שמואליק?"

דענסטמאָל האָט ער זיך אויפן בעט אַראָפּגעזעצט און האָט כליפּען אָנגעהויבן. ער האָט געקושט איר האַנט, ער האָט פיל געקושט אָט די האַנט. זי האָט די אויגן נישט געעפנט און געשוויגן. ער האָט זיך נענטער צו איר צוגערוקט און זי אַרומגענומען. זי האָט נאָך אַלץ די אויגן נישט געעפנט און געשוויגן. און דאָרטן, אין קיך, האָט זיך שוין דאָס שטאַרק-פאַרשלאָפענע דינסטמיידל אויף אַ ווײַלע פון שלאָף אויפגעכאַפּט. זי האָט געשלעפּט די באָרוועסע פיס איבער דער פּאָדלאָגע, אַרומגעגאַנגען פון חדר צו חדר און האָט אויסגעלאָשן די לאָמפּן.

## VII

אַ טאָג נאָך ראש-השנה, ווען שמואליק איז אויף אַ פּאָר שעה אין גוראַלניע אַרײַן צוגעפאָרן, האָט מירל אין איר געלן לעדערנעם סאַק עטלעכע זאַכן פאַרפּאַקט און זיך געגרייט נאָך אין דעם זעלבן טאָג אַוועק-פאָרן צו איר פאָטער אַהיים.

זי האָט דערבײַ צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און האָט זיך געהאַלטן פעסט בײַ איר באַשטימטן פּלאַן:

„איצט נעמט שוין געוויס צו אַלץ אַן עק... זי ווערט ניצול פון די זיידענאָווסקיס".

ביי דער שוויגער אין עסצימער האָט זיך דענסטמאָל בייטאָג שוין שטאַרק דער צום־גדליה־תענית געפילט. דער באַלעבאָס איז דאָרטן איבג־אָן אויף זיין ברייטן, כבוד־זוכערישן שטייגער געזעסן, און אַ פאַרמעגלעכע דורכפאָרנדיקע קרובה האָט דאָרטן לאַנג מיט איר מאַן דעם למדן פאַרבראַכט און האָט צו הויך אויף איר קליינשטעטלדיקן קול גערעדט.

מ'האָט געשמועסט וועגן דער וואַרשעווער מומע פערל, אַז, ווי שמואליק דערציילט, האָט זי זייער אַ גוט יאָר געהאַט; אַז דער היגער מומע אסתרן איז איצט, קיין עין־הרע, אפשר בעסער, ווי בשעת דער מאַן אירער האָט געלעבט, און זי פאָרט אַלע זומער קיין אויסלאַנד; און אַז מאָנטשיק, וואָס האַלט זי אויס, איז געבוירן געוואָרן פונקט אינם יאָר, וואָס ביים פעטער עזריאל־מאיר איז געשטאָרבן דאָס ערשטע ווייב; ער איז שוין אַלט זעקס־און־צוואָנציק יאָר און פאַרדינט גרויסע געלטער, נאָר ער האָט צייט און רעדט קיינמאָל נישט וועגן חתונה האָבן.

פלוצים איז עמעצער פון די אייגענע אַריינגעקומען און האָט דער שוויגער אויפן אויער מירלס סוד איינגעראָמט. די שוויגער האָט עס באַלד אויפן מאַנס אויער איבערגעשעפטשעט, געגומען אים קוקן גלייך אין פנים אַריין, און דערביי מאָדנע געפינקלט מיט די אויגן. די לעצטע עטלעכע טעג האָט שמואליק אויסגעזען אַזוי פריילעך. דעם צווייטן טאָג ראש־השנה בייטאָג האָט מען אים געזען שטיין צוזאַמען מיט מירלען אויף די גאַניק־טרעפלעך אַקעגן דער זון, און זי, די שוויגער, האָט שוין אַפילו נאָכדעם געפרעגט אַן עצה ביי מרים לובאָשיץ:

„אַשטייגער, ווער צו ווען באַדאַרף, נאָך מרימס יושר, אָנהויבן פריער צו רעדן? אַ? אַוודאי קומט, אַז מירלע זאָל פריער אָנהויבן, אַ?"

די שוויגער איז באַלד מיטן שאַל אויף די אַקסלען צו מירלען אין פליגל אַריינגעקומען און דאָרטן אָנגעהויבן פאָרזיכטיק צו רעדן, פריער צו דעם דינסטמיידל, און נאָכדעם נאָך פאָרזיכטיקער צו איר, מירלען אַליין:

„אויף לאַנג פאָרסטו, מירעלע?"

און נאָך:

„אפשר וועסטו צוזוואַרטן אויף שמואליקן?"

מירל האָט זיך געדרייט צווישן אירע צוויי פּעקלעך מיט אַן ערנסט פאַרעקשנט פּנים, גענומען אויף גיך דעם אויבערשטן מאַנטל אָנטאָן, געשיקט נאָך אַ דראָשקע, און דערבײַ אויף דער שוויגערס שאלות געענטפערט אָפּגעהאַקט און קורץ:

„זי ווייסט נישט".

„זי וועט זען".

„זי קען נישט וואַרטן".

אַזוי שטאַרק איז זי איצט מיט איר פּלאַן בײַ זיך געבליבן; ס'איז איר שוין אַפילו געוועזן אַ חידוש אויף זיך אַליין:

„אָט די פּשוטע זאַך האָט זי דאָך גרינג געקאָנט טאָן צוריק מיט אַ חודש און מיט צוויי... ווו איז איר די גאַנצע צייט דער קאָפּ געווען?"

אין משך פון דער גאַנצער אַכצן-שעהדיקער באַן-רייזע האָט זי זיך געפילט אַזוי גרינג און פריש, גלייך ווי פיל פון אירע אַמאָליקע און איצטיקע האָפענונגען האָבן געהאַנגען אָפּ דווקא אָן דער נסיעה, און גלייך ווי פון איצט אָן הייבט זי אָן צו לעבן פונסניי, לחלוטין פונסניי. ס'איז געוועזן איבעריק גוט אָפּצושטיין גאַנצע האַלבע-שעהן בײַם ריינעם, ברייטן פענצטער פון וואַגאָן צווייטן קלאַס און צו קוקן אויף די פרעמדע שטיבלעך, אויף די אומבאַקאַנטע פעלדער און האָריזאָנטן, באַפּוצטע מיט סעדער און וועלדלעך, וואָס באַווייזן זיך געשווינד דעם גיך-לויפנדיקן צוג און בלייבן אויך אַזוי געשווינד פון הינטן. ס'האָבן זיך בשעת מעשה געדענקט די אייגענע בלויע אויגן, וואָס קוקן אַרויס מיט גרויס אומעט פון אונטער די לאַנגע שוואַרצע וויעס. ס'האָט זיך אויך געדענקט, אַז זי, די שלאַנק-וווקסיקע און שוואַרץ-געקליידטע, איז איצט פרײַ און איינע אַליין צווישן אָט די אַלע פרעמד-פּנימדיקע רייזנדער, וואָס קוקן אויף איר מיט שטאַרק-נייגעריקע אויגן יעדעס מאָל, וואָס איר קומט אויס נאָענט לעבן זיי דורכגיין, טרעטן איר מיט גרויס דרך-ארץ אָפּ דעם וועג און דערוועגן זיך דאָך נישט מיט איר רעדן אָנצוהייבן. איינער אַ בלאָנדין, וואָס האָט, זיצנדיק אַקעגן איר, די גאַנצע צייט געשלונגען מיט גרויס אינטערעס די בלעטער פון זיין דייטשן בוך, האָט צולעצט אויף איר אַ היפּשע ווײַלע די אויגן אָפּגעשטעלט און זיך לײַטיש דערפרעגט:

„נישט מיט איר האָט ער זיך פאַר צווייאָרן אין איטאַליע באַ-געגנט?"

אויף אַ גרויסן וואָקזאַל, ווו דער שטאַרק-פאַרשטויבטער צוג האָט אַ גאַנצע האַלבע-שעה אָפּגעעטעמט, האָט איר לאַנג נאָכגעקוקט אַ וווק-סיקער און רייכער קריסט, אַ יעגער, ביי וועמען ס'איז איבער די פּלייצעס אַ צוויי-רערנדיקע ביקס געווען אַריבערגעוואָרפן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט ביים טיש, ווו זי האָט אין וואָקזאַל געפּרישטיקט, און זיך צולעצט פּונקט אַקעגן איר געזעצט טיי טרינקען.

פאָרנדיק אויפן צווייטן טאָג פונם לעצטן וואָקזאַל מיט דער פור, האָט זיך נאָך אָט דאָס אַלץ געדענקט, און געטראַכט האָט זיך דערביי מטושטשדיק און גרינג וועגן אַ נײַ לעבן און וועגן דעם, וואָס זי האָט גוט געטאָן דערמיט, וואָס אויף שמואליקס מיט דער שוויגערס אָנ-פראַגן האָט זי געענטפערט אומבאַשטימט און קאַלט:

„זי ווייסט נישט, זי וועט זען".

אָבער נאָך אין יענעם זעלבן טאָג אַרום איינס אַזייגער, ווען די אומגעריכטע בעל-עגלהשע פור איז מיט איר אין אָנהייב-שטעטל אַריינגעפאָרן, האָט אויף איר פון די אַלט-באַקאַנטע פאַרמרה-שחורהטע הייזער מיט אַמאָליקן יאוש אַ בלאָז געטאָן, און דערפילט האָט זי אין זיך צוריק אַזוי שטאַרק די מיידלשע וואָכעדיקע פּוסטקייט, גלייך זי איז קיינמאָל פונדאַנען נישט אַרויסגעפאָרן און איז איצט אַהער נישט געקומען.

דאָס גאַנצע נישטיק און פאַראָרעמט שטעטעלע מיט אירע אַלט-באַקאַנטע אָרעמע און צעוואָרפענע הייזער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויף דער איינציקער לאַנגאָנעדיקער מחשבה:

„נישט צום איבערמאַכן איז דער אומגליק... און נישט צו האָפן איז פאַראַן אויף וועמען..."

און דאָרטן, אַביסל נידעריקער, האָט שוין פון הינטערן מאַרק אַרויסגעקוקט איר פאָטערס שטוב מיטן גאַניק; זי, די שטוב, איז דאָרטן, ווי תמיד, אומעטיק געשטאַנען און נאָך אַלץ דערציילט יעדן מענטשן, וואָס איז לעבן איר פּעדערשטער וואַנט אַדורכגעגאַנגען:

„שוין חתונה געהאַט מירל... שוין דאָרטן, אין פאַרשטאָט פון כּרך, מירל".

קיינער איז זיך מיט איר זען נישט געגאַנגען, און קיינער האָט זיך מיט איר קומען נישט דערפרייט. אין שטוב זענען קיין שינויים נישט פאָרגעקומען. גיטעלע האָט נאָר גענומען דעם שבתדיקן פאַרוק אויף אינדערוואָכן, און דאָס צירונג אירס האָט נאָך אַלץ געפעלט. דער־זעענדיק צום אָנהייב מירלען, האָט זי זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אויפגע־שטעלט פונם בענקל, וואָס פאַרן קיילעכדיקן טיש, געוואָרן רויט און קוים־קוים שמייכלען אָנגעהויבן:

„זעט נאָר, האָט זי שעמעוודיק און שטיל אַ זאָג געטאָן — מירעלע...“

און איבער עפּעס האָט זי נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט דעם בלאַט פון קיילעכדיקן טיש, וואָס אויף אים האָט זי ביידע הענט געהאַלטן. ס'איז איר, אַפּנים, שטאַרק מאָדנע געווען סיי דאָס, וואָס מירל איז איצט פּלוצים און אומגעריכט אַהיים געקומען, סיי דאָס, וואָס פאַר די גאַנצע פערטהאַלבן חדשים פון איר וווינען אין פאָרשטאָט פון כרך האָט מען פון איר קיין תּמונת אות נישט געזען, און נאָר שמואליק האָט צו־געשריבן פאַר איר גערוסן אין יעדן בריוו:

„ס'לאָזט אייך גריסן זוגתי היקרה מרת מירלה תּחי'“.

גלאַט אַזוי, אַפּנים, האָט שוין גיטעלע צוגעגעבן:

„זי האָט זיך אויפן פּנים גאָרנישט פאַרריכט, מירעלע“.

און באַלד האָט זי ביי דעם דינסטמיידל צוגענומען די קאָמפּרעסן און איז אַוועקגעגאַנגען זיי צולייגן אין שלאָפצימער ר' גדליהן, ביי וועמען ס'האָט זיך די לעצטע צייט ווידער אַמאָל אָפּגערופן די ווינ־טערדיקע חולאת.

אָנגעטאָנערהייט איז ער דאָרטן אין איינעם פון די צוויי אַלטע הילצערנע בעטן געלעגן. ער האָט געהאַלטן דעם בלעכענעם קאָמפּרעס ביים בויך און האָט נישט געקרעכצט.

„כ'ליג, האָט ער דאָרטן מירלען געזאָגט און האָט דערביי שע־מעוודיק אַ שמייכל געטאָן, כ'בין ערשט ביי טאָג אַרומגעגאַנגען“.

זיין פּנים האָט אויסגעזען געל און ערגער ווי אַלעמאָל, און דער שמייכל האָט שוין מער צו זיין שפּיציקער נאָז נישט געפּאַסט.

קוקנדיק אויף אים, האָט זיך איבער עפּעס געטראַכט, אַז ער וועט שוין קיין סך נישט לעבן, אַז דאָס קול זיינס איז שוין געביטן,

ווי דאָס קול פון אַ מענטשן, ווען מ׳האָט שוין אויפן הימל אַרויפגע־רופן און אים דאָרטן זיין בוך גזר־דין באַוויזן:

„נאַ, קוק: שטאַרבן ווערסטו... ווען? — דאָס איז נישט דיין זאַך״.

פאַרנאַכט, ווען דער ווייטיק איז ביי אים איבערגעגאַנגען, האָט ער זיך פונם בעט אויפגעהויבן און האָט געהייסן די פור שפּאַנען, כּדי אין קאַשפּעריוועקער וואַלד אַוועקצופאָרן. ער האָט דאָרטן געמוזט זיין. ער האָט אָנגעטאָן דעם פאַר־כאַלאַט, צוגעגאַנגען צו מירלען און, טראַכ־טנדיק וועגן עפּעס, געשטאַנען פאַר איר אַ ווײַלע מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ.

אין דרויסן האָט שוין אויף אים די געשפּאַנטע פור געוואַרט, און גיטעלע איז אין חדר נישט געווען.

מעגלעך, אַז ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס איר, דער צו־גאַסט געקומענער טאָכטער, וואָלט ער איצט באַדאַרפט אַ מתנה געבן און האָט נישט ביד.

פּלוצים האָט ער ביי איר געפרעגט:

„ווי לעבט זיך איר עפּעס? ער מיינט, ווי לעבט זיך איר מיט שמואליקן? קיין שלעכטער מאַן באַדאַרף ער נישט זיין...״

נאָר אַליין האָט ער שוין, אַפּנים, דערפילט, אַז ס׳איז נישט דאָס, וואָס ער האָט איר זאָגן געוואָלט, און זיך פאַרשעמט, ווידער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, געטראַכט אַ ווײַלע און זיך צולעצט אויפגעכאַפּט:

„טאַ! וועלן מיר גיין פאָרן״.

וועגן עפּעס האָט באַלד נאָך זיין אַוועקפאָרן שטיל און פאַמעלעך די שווייגנדיקע גיטעלע אָנגעהויבן דערציילן:

וועגן דעם, וואָס דער קאַשפּעריוועקער וואַלד איז שוין גאָרנישט אַזאַ מציאה, ווי מ׳האָט געמיינט, האָט זי דערציילט; וועגן דעם, וואָס דער קרוב זייערער, דער קאַסיר, האָט שוין ביי זיי נישט וואָס צו טאָן און איז שוין אויף אַ שטעלע ביי די סוחרים־שותּפים פון קרייז־שטאָט.

„נו, און אַ מענטש איז ער דאָך פון תּמיד אָן אַ פּעיקער, אַן איבערגעגעבענער און אַ באַטראַכטער. וועלוול בורנעס האָט דווקא גע־שיקט צו אים, ער זאָל איבערגיין צו זיין פאָטער, און האָט אים גע־וואָלט געבן טויזנט רובל אַ יאָר... איך מיט גדליהן האָבן אים דווקא צוגערעדט... און אברהמל דער רב האָט אים אויך געמאַכט פאַר

אַ משוגענעם... נו, איז ער דאָך אַן עקשן, האָט ער נישט געוואָלט".

און נאָכדעם האָט מען געטרונקען טיי און נישט געהאַט מער וואָס צו רעדן. און נאָכדעם איז מירל לאַנג איינע אַליין אין דרויסן ביי דער טיר געשטאַנען און האָט אויפן שטעטל געקוקט.

אַלץ איז דאָרטן ווי שטענדיק געווען פוסט און תשובהדיק גע־פאַלן. שפּעט אין בין־השמשות איז די פאַרצווייפּאָריקע לערערין פּאָליע געגאַנגען צו דער אַקושערקע שאַץ, וואָס וווינט אויפן דאָרף. און דער געהילפס־פּראָוויזאָר סאַפּיאַן האָט אויך אַהין אַוועקגעשפּאַנט, און דער קרומער סטודענט ליפּקיס... און אין שטעטל איז געווען טונקל און קיל, און אַ ווינטל האָט זיך געיאָגט נאָכן מאַרק־שטויב. און וואָווע בורנעס האָט שוין געוווּסט, אַז זי איז געקומען און איז דערפאַר אַזוי פרי צו זיך אויפן פּאָלוואַריק אויף נאַכטלעגער אַוועקגעפאָרן. און נאָר אין דער היפּשער סאַדעגערער קלויז, וואָס האָט מיט אירע באַלויכטענע פענצטער פונם קעגנאיבערדיקן הינטערגעסל אַרויסגעקוקט, האָבן זיך געשאָקלט תשובהדיק דערשלאָגענע יידן און האָבן מיט גוואַלדיק־טרויעריקע קולות נאָכגעשריגן דעם חזן:

„לדוד!!!"

עפּעס אַ געפּאַקטער און פריש־אויסגעשלאָפענער בחור מיט אַ פרעמד אינטעליגענטיש פאַגרעבט פּנים, אַפּנים אַ נייער לערער אין תּלמוד־תּורה, האָט דאָ גאָר נאָענט דורכגעשפּאַנט אינדערפינצטער פון קילן תּחילת־אָוונט. ער האָט ווי אַ ציטער געגעבן מיט זיין גאַנצן קערפּטיקן קערפּער און אַ טראַכט געטאָן מיט פאַרגעניגן:

„דאָרטן, וווהין ער שפּאַנט, וועט זיין ליכטיק און וואַרים; אַ לאָמפּ וועט ברענען אויפן טיש מיט די אָנגעגאָסענע גלעזער טיי, און אַ ווערטל וועט מען דאָרטן קענען זאָגן".

נאָר איר, מירלען, האָט איצט שוין אַלץ אויסגעזען אַזוי איבעריק און נאַריש. נאַריש איז געווען דאָס, וואָס פאָרנדיק אַהער, האָט זי די גאַנצע צייט אויף עמעצן אַ האָפענונג געהאַט. נאַריש איז געווען דאָס, וואָס ביי דער אַקושערקע אינם באַלויכטענעם גויישן שטיבל האָבן זיך איצט צונויפגעקליבן פונקט די זעלבע, וואָס האָבן זיך שוין אַהין צונויפ־געקליבן פאַרצווייאָרן, און רעדן איצט דאָרטן פונקט דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבן שוין דאָרטן גערעדט פאַראַיאָרן. אַלע: די אַקושערקע, פּאָליע,

סאַפּיאַן, ליפּקיס, זענען נישט צופרידן מיטן לעבן, נאָר קיינער פון זיי טוט גאָרנישט, כדי אָט דאָס לעבן איבערצומאַכן. און אויף דער וועלט זענען פאַראַן פיל אַזעלכע נישט-צופרידענע אַקושערקעס, פּאָליעס, סאַפּיאַנס, און אַלע קומען זיי זיך איצט אינאָווענט צונויף אין באַלויכטענע הייזער, וואָס אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, און אַלע גייען זיי נאָכדעם אַוועק צו זיך אַהיים און טוען דאָרטן ווייטער דאָס, וואָס זיי האָבן שוין געטאָן נעכטן, דאָס, וואָס ס'איז שוין פיל מענטשן פאַר זיי נמאס געוואָרן צו טאָן.

און סוף-כל-סוף... איצט, אין אָט דעם קילן פאַרנאַכט, וואָס נעמט אַרום די וועלט...

„ערגעץ מוזן דאָך איצט, סוף-כל-סוף, זיין אַזעלכע, וואָס פּרוּוון טאָן עפּעס אַנדערש".

ווען זי איז צוריק אין שטוב אַריינגעאַנגען, האָט דאָרטן אין עסצימער שוין פון לאַנג דער הענג-לאָמפּ געברענט, און ליבקע די רביצין איז שוין דאָרטן פון לאַנג געזעסן, געשמייכלט צו דער שווייגנדיקער גיטעלען און דערביי וועגן איר, מירלען, עפּעס גאָר אַ צינישע ווייבערשע זאַך געזאָגט.

„אַזוי גאָר?"...

מירלען איז דערפון געוואָרן שטאַרק עקלדיק און שווער. זי איז אַריינגעאַנגען אין איר געוועזענעם חדר, וואָס קעגנאיבער דעם פענצטערן זאָל, זיך אָפּגעשטעלט און אים ביי דער שיין פון לאָמפּ באַטראַכט. אַלץ איז דאָרטן געווען וואָכעדיק: די טישלעך נישט צוגעדעקט, די לופט קאַלט, גלייך אין דרויסן וואָלט איצט ווינטער געווען, און מ'האָט שוין דאָרטן די הרובע פון אַ חודש צייט נישט געהייצט; אין דער ליידיקער שאַפע איז געהאָנגען אירס אַן איבערגעלאָזט קליידל מיט אַן אָפּגעטראָגן האַרבסט-רעקל, אַ קורצס און אויף וואַטע. דאָס געלעגער איז געווען נישט פאַרבעט, נאָר איבערגעדעקט, אַזוי אַז די קאָפּ-קישנס האָבן פון אונטער דער קאָלדרע גלייך מיט דעם איבערבעט אַרויסגעשטעקט. און געדוכט האָט זיך איבער עפּעס, אַז ס'איז פיל גרינגער אייביק נעוונד צו זיין, איידער אין אָט דעם בעט זיך נאָכאַמאָל אַריינצולייגן.

ס'איז איר געווען שווער מער דאָרטן צו בלייבן. איז זי צוריק אין עסצימער אַרויסגעאַנגען, זיך דאָרטןביים טיש געזעצט,

אונטערגעשפּאַרט מיט בײדע הענט דעם קאָפּ, געטראַכט אַ װײַלע און זיך פּלוצים אָנגעהויבן דערפרעגן װעגן די צוגן, װאָס גייען אָפּ אין כּרך:

„צװײ צוגן גייען, דוכט זיך, אַהין אָפּ... זי װײסט נישט, מיט װאָסערן ס׳איז פאַר איר גלײַכער מאָרגן אַהײם צו פאָרן: מיט אײנ־דערפרײַענדיקן, צי מיטן פאַרנאַכטיקן".

גיטעלע האָט צוגעשמייכלט און פאַרװוּנדערט עפּעס געפרעגט. די רביצין האָט עפּעס צוגעגעבן. מירל האָט נישט געהערט װאָס. די אויגן האָבן בײַ איר נאָך אַלץ געקוקט ערגעץ־װוּהין פאַר זיך.

„איז, הײסט עס, מאָרגן, צוריק אַהין, אין פאָרשטאָט פון כּרך..."

פון אָט דער גאַנצער נסיעה אירער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דאָ, אין שטוב, קען זי שוין קיין איבעריקע שעה נישט בלײַבן. זי אַלײן מוז שוין געפינען פאַר זיך אַ װעג, װי אַזוי דאָס אײגענע לעבן צו ראַטעװען. און אויב זי קערט זיך איצט אום צוריק אין פאָר־שטאָט, איז דאָס יעדנפאַלס נישט אויף לאַנג... גאָר אויף אַ קורצער צײַט קערט זי זיך איצט אַהין אום.

## VIII

זי איז אָנגעקומען צוריק אין פאָרשטאָט אויפן דריטן טאָג בײַ־נאַכט, װען אַלע זענען שוין געשלאָפן. זי האָט אויסגעזען אויפן פּנים שלעכט, װי נאָך אַ שלאָפלאָזיקײט, און האָט נישט גערעדט צו קײנעם, גע־לעגן אָנגעטאָנערהײט אין בעט און איז עטלעכע טעג פון שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען. בײַ שמואליקן אין קאַבינעט זענען אײַניקע ביכער גע־װען. האָט זי זײ אײַנציקװײז צו זיך אין שלאָפצימער איבערגעטראָגן, און געװאַלגערט האָבן זײ זיך דורכאויס אַרום בעט, װוּ זי איז געלעגן. איצט האָט זי צו שמואליקן גאָרנישט נישט געהאַט, נישט בעסער און נישט ערגער האָט ער איר שוין געקאָנט מאַכן. און אַזוי פּעסט איז שוין בײַ איר באַשטימט געװען, אַז זי גײט פון אים אינגיכן אַװעק. זי האָט נאָר נישט געקענט פאַרלײדן, װאָס ער דרײט זיך אַמאָל אַרום

ביי איר אין חדר, נישט געקוקט צו אים און אים נישט געענטפערט, אויב ער האָט גערעדט צו איר.

שמואליק האָט געוווּסט, אַז פון דעם פאָטער אירן האָבן זיך די דאָקטוירים מייאש געווען, אברהמל דער רב האָט עס אים אין אַ בריוו געשריבן; די מאַמע זיינע האָט זיך געחידושט דאָרטן ביי זיך אין שטוב און האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין:

„וואָס הייסט? אַ פאָטער איז מסוכן שלאָף, ווי זיצט אַ טאָכטער נישט אָפּ ביי אים כאָטש אַ פּאָר טעג?"

ער האָט צום דריטן מאָל געפרווּווט ביי מירלען וועגן דעם אַ פרעג טאָן, איז זי געוואָרן אויפגערעגט און האָט אים די רייד איבערגעריסן:

„זי ווייסט נישט... זי ווייסט נישט..."

דענסטמאָל האָבן זיך ביי שמואליקן אין די אויגן טרערן גע-שטעלט, און אַוועקגעגאַנגען איז ער אין עסצימער צום פענצטער, גע-שטאַנען דאָרטן אַ ווײַלע און האָט מיט אָט די פאַרטרערטע אויגן צום פאַרוואָלקנטן דרויסן אַרויסגעקוקט. ס'איז אים געווען שלעכט. און קיין געדאַנקען האָט ער אין מוח נישט געהאַט. ער איז פון היסח-הדעת וועגן אַוועקגעגאַנגען צום פאָטער אין דער גרויסער שטוב, האָט מען דאָרטן עפּעס אויף זיין פּנים באַמערקט, און די שוויגער האָט אים בסוד אָן אַ זייט אָפּגערופן:

„וואָס זשע, שמואליק? שוין ווידער עפּעס אַ נייעס?"

נאָר ער האָט דערשלאָגענערהייט געמאַכט אַ פּנים פון אַן ערנסטן מאַנסביל און אַפילו די ברעמען אָנגעבראָגזט:

„ניין, ווער זאָגט דען?... ניין.. גאָרנישט..."

און באַלד איז ער אַוועק צום פאָטער אין קאַבינעט, וווּ ס'האָבן זיך געפונען דריי מענטשן פון פאַרשידענע אָקסן-שטאַלן און האָבן גע-שמועסט וועגן גיין מיט אַ נייער פאַרטיע קיין וואַרשע. דער פאָטער האָט דאָרטן ביי אים וועגן דעם געפרעגט, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס מ'רעדט צו אים, און געענטפערט:

„אַ?"

---

חול-המועד-סוכות בייטאָג איז מען ביי דער שוויגער אין עסצימער

געזעסן אַרום לאַנגן ווייס-פֿאַרשפּרייטן טיש און געטרונקען טיי. כּמעט אַלע שטאָט-קרובֿים זענען דאָרטן צוליב יום-טובֿ צונויפֿגעקליבן געווען. מ׳האָט אויסגעזען לוסטיק און בכּיוון נישט געוואָלט אין זינען האָבן מירלען. די שוויגער אַליין האָט נאָר-וואָס אַ טראַכט געטאָן, אַז מיט שמואליקן האַלט שלעכט. נאָר דער קאָפּ איז ביי איר געווען אַזוי טעמפּ, זי האָט באַלד אָן דעם פֿאַרגעסן און גענומען נאַריש פֿינקלען מיט די אויגן.

ס׳איז דאָ אויך ביים טיש געזעסן די געוועזענע קורסיסטין מרים ליובאָשיץ און האָט געהאַלטן אויף די הענט איר זעקס-חדשימדיק קינד, אַ בלאָנד מיידעלע מיט אַ הויל קעפּעלע, בלויע גלעזערנע אייגעלעך און אַן אויסגעצויגן און נאַס אויבערשט ליפּל. אָקאָרשט צוריק מיט אַ פֿערטל שעה האָבן זיך כּמעט אַלע שטובֿ-מענטשן אַרום אָט דעם קינד געריסן. יעדערער האָט עס צו זיך אויף די הענט גע-כאַפּט, געטאַנצט מיט דעם, עס געהויבן אין דער לופֿט, און דאָס קינד האָט אויף אַלץ געקוקט מיט בלוי-גלעזערנע אייגעלעך, זיך געשראָקן און אָפּטמאָל גענומען ברעכן פּיסקלעך. די שוויגער האָט עס צו זיך אויף די הענט גענומען און, פֿינקלענדיק מיט די אויגן, אָנגעהויבן צו דעם רעדן. האָט דאָס קינד דאָס ערשטע מאָל דאָס קורפּאַטע נעזל שטאַרק פֿאַרקנייטשט, אַרויסגעשטעקט דאָס צינגעלע און פֿריילעך צו שמייכלען אָנגעהויבן. דענסטמאָל זענען אַלע שטאַרק אַנטציקט געוואָרן, און מרים ליובאָשיץ האָט געזאָגט:

„איר זעט, צי ניין?... ס׳האָט שוין ליב די מומע״.

איצט איז שוין אין עסצימער געווען שטיל. די קרובֿים זענען שוין געווען ערגעץ אין זאַל, און דאָס קינד איז שוין ביי מרימען אויף די הענט געזעסן. עס האָט מיט ביידע שוואַכע פּויסטלעך איבער דער מוטערס פּנים געשאַרט, געשפּריצט פֿונם מיילכל און מיט גרויס אימפּעט אויסגעבֿרומט איבערן שטילן עסצימער:

„בבבע!...״

גלייך דאָס פּנים וואָלט אַ שויב זיין, און דאָס קינד וואָלט זיך איינגעשפּאַרט זי אויסצושלאָגן. די מוטער האָט געדרייט דאָס פּנים אָן אַ זייט, ווי מורא האָבנדיק פֿאַר אַ פּאַטש פֿון אָט די צוויי קליינע פּויסטלעך, און זיך געפֿלייסט ענטפֿערן אויף דער מומעס שאלה:

„וואָס האָט מען דאָ שוין וואָס צו קלערן? פאַר קיין נאָרמאַלן מענטשן קען מען שוין מירלען געוויס נישט רעכענען".

אַרום טיש זענען שוין כמעט אַלע בענקלעך ליידיק געווען, און דאָס יונגוואַרג האָט שוין געפילדערט ערגעץ-ווו אין דריטן חדר. די שוויגער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט אונטער, געהייסן עמעצן פאַרמאַכן די טיר, וואָס פירט אין קאָרידאָר, און זיך נענטער צו מרימען צוגערוקט:

„ווער שמועסט שוין דאָ וועגן ,נאָרמאַל'?"

און די געוועזענע קורסיסטין איז געבליבן שטיל, געהערט דער שוויגערס טענות און האָט צוזאַמען מיט איר געטראַכט, אַז פון נאָרמאַליטעט איז דאָ שוין נישט שייך צו רעדן:

„וואָרים אָט איז, למשל, זי, מרים ליובאָשיץ. רבונו-של-עולם... זי לעבט דאָך עפּעס אויך מיט אַ מאַן!"

מרים האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעגעבן דאָס קינד דער אַלטער גוייע, דער ניאַנקע, און זיך געלאָזט גיין אַהיים. די שוויגער איז געגאַנגען באַגלייטן צום טראַמוויי און וועג נאָך אַלץ דאָס איריקע געטענהט:

„און נאָך אַ זאַך: וואָס וויל זי פון שמואליקן? זי וויל גט? זאָל זי זאָגן, אַז זי וויל גט..."

אין דרויסן איז געווען וואָלקנדיק. ס'האָט זיך געלאָזט גיין אַ רעגנדל. און מירל איז איינע אַליין אין פענצטער מיט אַ שאַל אויפן קאָפּ געשטאַנען און האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אומעטיקע אויגן.

פּלוצים האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דערזען:

פונם טראַמוויי, וואָס איז נאָר-וואָס פון שטאָט אָנגעקומען, גייט אַראָפּ מאָנטשיק זיידענאָווסקי. ער איז צעטראָגן, טראָגט גרויסע צווייפּעק ביכער אונטער ביידע פּאַכוועס, גייט דורך פאַרביי און באַמערקט זיי נישט. איין בוך איז פון אונטער זיין לינקער פּאַכווע אַרויסגעפאַלן, און אַ פרעמד ווייבל, וואָס איז געגאַנגען פון הינטן, האָט אים נאָכגעשריגן אויפן קול:

„הערט!... זייט זשע מוחל!... אָט האָט איר פאַרלוירן".

און ער האָט זיך נישט אומגעקוקט און האָט געשווינט געשפּאַנט גלייך צו מירלען אין פליגל.

צוריקוועגס איז די שוויגער אין פליגל אַריינגעגאַנגען און געזעסן:

אין שטוב איז שטיל און שלעפעריק, און מאַנטשיק דער גרויסער איז שוין דאָרטן נישטאָ. שמואליק שלאָפט אין די ווייסע אַרבל אויף דער קאַנאַפּע, וואָס אין קאַבינעט, און אין שלאָפצימער ליגט מירל אויפן בעט, וואָס איז נאָך פון גאַנצפרי נישט צוגעקליבן, און אַרום איר וואַלגערן זיך פיל נייע און אַלטע ביכער.

---

פון דענסטמאָל אָן האָט די שוויגער אויף מאַנטשיקן אַן אומחן גע־וואָרפן און אים אין עפּעס חושד זיין אָנגעהויבן.

זי האָט אים גלייך אין פּנים נישט געקענט קוקן.

ווי אַזוי וועגן אָט דעם חשד אירע אייגענע דערציילן, האָט זי נישט געוווּסט, נאָר בכלל, אויב ער איז איבערגעגאַנגען אויף מירלס צד און האָט קיינעם נישט געוואָלט דערציילן, וואָס פאַר אַ שמועסן ער פירט מיט איר, האָט זי, די שוויגער, אים איינמאָל געמעגט אָנכאַפּן באַלד ביי זיין אַריינקומען און אַ פרעג טאָן ביי אים מיט אַ שטאָך:

„אפשר קען ער איר קלאָר מאַכן, וואָס מירל וויל פון שמואליקן? מ׳זאָגט, אַז ער, מאַנטשיק, ווייסט ביי איר אַלע סודות, ביי מירלען".

מאַנטשיק האָט דענסטמאָל אויף איר אַ פּאָר גרויסע אויגן אויסגעגלאָטשט און איר גאָרנישט נישט געענטפערט. ער איז אויף אַ ווײַלע אַריין צום פעטער אין קאַבינעט, ווו ער האָט געלט־געשעפטן געהאַט, און איז באַלד פון דאָרטן צוריק אַרויס און זיך געלאָזט אַהיים גיין, זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער פּאַראַד־טיר פון שמואליקס פליגל, נאָר באַלד אַוועק צוריק צום טראַמוויי און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער באַדאַרף זיך נעמען אין די הענט:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג? מ׳קען דאָך באמת מיינען, אַז ער וויל ביי שמואליקן דאָס ווייב צונעמען".

ער האָט אויפגעהערט אַהער אין פאָרשטאָט צו קומען.

## IX

שמואליק האָט זיך דערווייל אין אַ געוויינלעכן מיטוואָכדיקן פאַרנאַכט

אומגעקערט פונם ליבעדינער אָקסן־שטאַל, ווו ער האָט אין משך פון צוויי טעג די נייע אָקסן איבערגעשריבן, און האָט געטראָפן מירלס טיר פון אינווייניק פאַרשלאָסן.

ער איז דאָרטן אַ ווײלע געשטאַנען און אין טיר אָנגעקלאַפּט, אָפּגעוואַרט און ווידער אָנגעקלאַפּט, ס׳האָט אים פון דאָרטן קיינער נישט געענטפערט. האָט ער גענומען אַרומשפּאַנען אין עסצימער און איבערן קאַבינעט, זיך פון צייט צו צייט אָפּגעשטעלט און אַרויסגעקוקט צום פאַר־וואָלקנטן דרויסן. ער האָט געדענקט, אַז מירל האָט שוין צו אים צוויי וואָכן צייט נישט גערעדט; אַז די וועש, וואָס ער טראָגט איצט, איז שוין שטאַרק ברודיק, און ער האָט נאָך צוריק מיט עטלעכע טעג באַדאַרפט האָבן צו דער שאַפע, וואָס ביי מירלען אין חדר; אַז די באַציִונגען פון מירלען צו אים ווערן שוין אַלעמאָל ערגער, און אַז ער, שמואליק, איז אומבאַהילפיק און קען דערצו קיין עצה נישט געפינען.

אינאָוונט איז ער די שטוב זייגע פון דרויסן אַרומגעגאַנגען און איז צוגעקומען ביזן גאָרטן, וווּהין ס׳גייען אַרויס די פענצטער פון מירלס חדר. דער גאָרטן איז געווען אײנגאַנצן נאַס, אַ האַרבסט־רעגנדל האָט אין אַלכסון געגאָסן, און אַ ווינטל האָט דאָס רעגנדל געבלאָזן, און די ווײנשל־ביימער האָבן זיך געשאָקלט, זיך געגעצט און שטיל וועגן עפּעס געקלאָגט. אין עק סאָד האָבן זיך עטלעכע אַלטע טאָפּאָלן איז איין שורה געצויגן. זיי האָבן זיך אַלע אין איין זייט מיט זייערע שפּיצן געבויגן און אומעטיק געווונקען צום שטאַרק־פאַרשוואַרצטן הימל־ווינקל, פונוואַנען דער ווינט טרייבט די וואָלקנס:

„אָט פון דאָרטן... פון דאָרטן קומט דער אומגליק".

די לאָדנס פון מירלס חדר זענען אינווייניק געשלאָסן געווען, און די שיין פון ברענענדיקן לאָמפּ האָט זיך פון דאָרטן דורך די שפּאַלטן דורכגעשלאָגן, הייסט עס, אַז זי איז נישט געשלאָפן.

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין קאַבינעט אַריין און זיך דאָרטן אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגעלייגט, נישט געקענט איינשלאָפן, נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן, און געקראַצט לעבן זיך די צעראַטע:

„שוין פאַרפאַלן, אַפּנים, זיין לעבן... פאַרפאַלן".

ער איז סוף־כל־סוף אַנטשלאָפן געוואָרן אין די קליידער און זיך אויפגעכאַפּט איינמאָל אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט, ווען אין מירלס

חדר איז נאָך ליכטיק געווען, און דאָס צווייטע מאָל גאַנצפרי, ווען דאָס דינסטמיידל האָט נאָך די פאָדלאָגעס געווישט, און דורך די פענצטער האָט ערשט אַריינגעקוקט דער אָנהייב פון אַ נייעם רעגנדיק-וואָלקנדיקן טאָג.

איצט איז שוין אין מירלס חדר פינצטער געווען, זי איז געשלאָפן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, אויפגעוועקט דעם פורמאַן, אים געהייסן די פור שפּאַנען און איז אַוועקגעפאָרן אין גוראַלניע.

נאָר אין גוראַלניע האָט ער דערפילט, אַז ער באַדאַרף איצט זיין נישט דאָ, נאָר דאָרטן, ביי זיך אינדערהיים. ער האָט זיך צו גאָרנישט נישט גענומען. זיין חדר האָט זיך געפונען צווישן די קופערנע, תמיד זודיקע קעסלען, וואָס אין גרויסן קאָרפוס. ס'איז דאָרטן געווען שטאַרק הייס, און די לופט האָט געשמעקט מיט מאַליאַס, מיט איבערגעברענטן ספּירט און צוגעסמאַלעטן גערשטן. אַרום צוויי אַזייגער בייטאָג האָט זיך די זון פון צווישן די פאַרוואָלקנטע הימלען דורכגעשלאָגן, און מוראדיק נמאס האָט אין גוראַלניע-הויף אויסגעזען אַלצדינג, אויף וואָס איר קראַנקע זילבערשיין איז געפאַלן. ביים געעפנטן פאָדוואַל, וואָס לעבן גוראַלניע-טייכל, זענען געשטאַנען פיל פורן מיט אייזערנע פעסער, און געקאָמאַנדעוועט האָט מיט זיי דער אַלטער תמיד שיכורער און תמיד בייזער פאָדוואַלניק:

„סטאָי!"

„פאָדאַוואַי!"

„קודאַ פּאָליעז?"

ערגעץ פון הינטן, פונם טאָל, וואָס הינטערן גרויסן קאָרפוס, האָט אַהער געזעצט אַ פייכטער שלעכט-שמעקעדיקער דאַמף, דאָס האָט מען דאָרטן די פרישע בראַהע צום אָקסן-שטאַל געלאָזט און גענומען הייצן אויף דער ביינאַכטיקער „סמענע".

דענסטמאָל האָט שמואליק ווידער אַמאָל געהייסן די פור שפּאַנען און איז אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים.

איצט איז שוין ווידער וואָלקנדיק און קיל געווען, און קיין רעגן איז נישט געגאַנגען. די לופט איז געווען טונקל, ווי אין אָנהייב בין-השמשות, און פון די נאַסע פעלדער האָט געשמעקט מיט פייכטער

איבערגעאַקערטער ערד, מיט פריש פערדיש מיסט און מיט-פוילע דיניעס, וואָס ערגעץ-ווו אויף אַ נישט-דערגראָבענעם באַשטאַן. ביידע גרויסע גניאַדע פערד זענען געלאָפן לעבעדיק און דרייסט, בויגנדיק פריילעך די קעפּ צו דער ערד און ענטפערנדיק אויף יעדן פּאַך פונם פורמאַנס רוט מיט אַ צופרידענעם שפרונג-אונטער אָדער מיט אַ הילכיקן פערדישן ביסן. די ווייכע רעסאָרן-בריטשקע האָט זיך געוויגט און איז גרינג נאָך זיי נאָכגעלאָפן. און שמואליק איז אין איר טיף געזעסן און די גאַנצע צייט געדענקט, אַז דאָס פאָרט ער, שמואליק זיידענאָווסקי, וואָס פאַר-מאָגט שוין אייגענעם קאַפּיטאַל מער פון דרייסיק טויזנט רובל, העגגט שוין נישט אָפּ פון קיינעם, פון קיינעם, אפילו פון זיין פאָטער אַליין, און איילט זיך איצט צו זיך אַהיים. דאָרטן ביי זיך אינדערהיים האָט ער אַ ווייב, וואָס ליגט שוין באַלד צוויי וואָכן ביי זיך אין חדר פאַרשלאָסן. באַדאַרף ער איצט צו איר אַריינקומען און ביי איר פרעגן:

„מירל, באַדאַרף ער ביי איר פרעגן, זאָג, אפשר בין איך דיר שוועד? איך קען דיר דינגען אינמיטן שטאָט צוויי צי דריי צימערן, זאָלסט וווינען באַזונדער. פאַרשטייסט, מירל? איך פאָדער פון דיר גאָר-נישט".

טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער שוין אויף זיך אַליין אַזאַ רחמנות געהאַט, און טרערן זענען אים אין די אויגן געשטאַנען. און דאָך האָט זיך אים געדוכט, אַז ס'איז שיין אָט דאָס, וואָס ער וועט איצט זאָגן, און אַז ער וועט מיט דעם מירלען געפעלן.

ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַהיים קומען.

אָבער ווי נאָר ער איז מיט דער פור אין פאָטערס הויף אַריינ-געקומען, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט שלעכט, ווי אין דער נעכ-טיקער פאַרוואָגלטער נאַכט. און קלאָר זענען פאַר אים געוואָרן די עלנטע שווערע שעהן, וואָס אים שטייען פאַר היינט, מאָרגן און איבער-מאָרגן... אין דרויסן איז שוין געווען אָוונטיק טונקל. אינם פאָטערס גרויסער שטוב זענען כמעט אַלע פענצטער צום הויף געווען באַלויכטן, און אין זיין שטוב איז געווען פינצטער. געלויכטן האָט זיך דאָרטן נאָר אין די צוויי פענצטער פון מירלס עקסטן חדר, און די לאָדנס זענען דאָרטן פון אינוויייניק געווען געשלאָסן.

זי איז דאָרטן, אַפּנים, נאָך אַלץ פאַרשפּאַרט געלעגן.

אַראָפּקריכנדיק פון דער בריטשקע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן די ברודיקע וועש, וואָס ער טראָגט, און זיך געלאָזט גיין גלייך צו זיין שטוב.

האָט אים אָבער פּלוצים אָפּגעשטעלט זיין פאָטערס דינסטמיידל, וואָס איז אַהער גיך פון דער גרויסער שטוב געגאַנגען:

„מ׳רופט אים, האָט זי צו אים געשריגן, צום פאָטער אין קאַבינעט רופט מען אים; מ׳האָט געזאָגט, ער זאָל די מינוט אַרייג־קומען".

„די מינוט?"

ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי איז דאָרטן אַזוי מיטאַמאָל אָנגעקומען, און איז אַהין אַוועק. נאָר ביים פאָטער אין קאַבינעט איז דאָס מאָל געווען אַזוי אָנגערויכערט און הייס. אַלץ האָט דערמאָנט אָן אַן ערנסטן שמועס, וואָס האָט זיך דאָ שעהן־לאַנג וועגן אים מיט מירלען געפירט.

ביים טיש זענען אַקעגן פאָטער געזעסן די מוטער, מרים ליובאָשיץ מיטן יינגערן ליובאָשיץ, דעם סטודענט, און אַלע האָבן געהאַט פאַרפלאָמטע פנימער פון מענטשן, וואָס האָבן לאַנג זייערע מיינונגען אַרויסגעזאָגט און לאַנג עצות געזוכט. ליובאָשיץ דער יינגערער איז באַלד ביי שמואליקס אַריינקומען פון קאַבינעט אַרויס. ער האָט זיך, אַפּנים, פאַרשעמט און זיך אין עסצימער מיט ריקלען געשטעלט רעדן. דער פאָטער האָט, נישט קוקנדיק צו אים, ווי מורא געהאַט זיך מיט זיינע אויגן באַגעגענען, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און אַ נייעם פּאַפּיראָס פאַר־רויכערט. מרים האָט עפּעס אויפן טיש מיט אַ פינגער געשאַרט. און נאָר די מוטער האָט זיך צו אים האַלב אויסגעדרייט, געטאָן אַ פּאָר פינקל מיט די אויגן און אים נענטער צום טיש צוגערופן:

„קום נאָר אַהער, שמואליק..."

שמואליקן האָט באַלד אָנגעהויבן צו שיסן אין אַ שלייף, און פאַרקרימט האָט ער עטוואָס דאָס פּנים, אַזוי נישט אָנגענעם און שווער איז פאַר אים געווען דער שמועס, וואָס די מוטער האָט אָנגעהויבן.

צעטומלטערהייט האָט ער געהערט, ווי זי דערמאָנט זיינעם מיט מירלס נעמען. עפּעס האָט זי דערציילט, ווי אַזוי זי, די מוטער, איז

אַהין צו מירלען אין חדר אַריינגעקומען און האָט אָנגעהויבן מיט איר צו רעדן, און ווי אַזוי מירל האָט איר באַלד די רייד איבערגעשלאָגן און איר געענטפערט, ווי אַ מענטש, וואָס איז שוין געוויס נישט ביים קלאָרן זינען:

„אַז איך וויל נישט רעדן, האָט זי איר געענטפערט, אַז איך וויל שווייגן".

און באַלד האָט זיך ביי דער מוטער אין מויל אָנגעהויבן פיל מאָל איבערחזורן דאָס וואָרט „גט".

אים האָט אַזוי צו אַרן אָנגעהויבן, אָט דאָס, וואָס די מוטער חזרט אַזוי פיל מאָל איבער דאָס וואָרט „גט". ער האָט זיך אָנגעברוגזט און האָט זיך איר אַפילו עטוואָס נאָכגעקרימט:

„אַ משל: גט, גט... אַ משל".

אין זינען האָבנדיק מירלען, וואָס ליגט איצט ביי זיך אין חדר אויפן בעט, האָט ער דאָס ברוגז אונטערגעברומט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַהין אַוועקגיין און אין טיר אָנקלאַפּן. נאָר דער פאָטער האָט פּלוצים דעם קאָפּ אויפגעהויבן און גענומען רעדן צו אים דאָס זעלבע, וואָס די מוטער:

„וואָס זשע דען, אַז נישט קיין גט? האָסט אַן אַנדער ברירה?"

און מרים ליובאָשיץ האָט זיך פונם אָרט אויפגעשטעלט און דעם פאָטער אונטערגעהאָלפן:

„מ'קען אייביק אַזוי נישט לעבן".

און די מוטער האָט זיך אויך פונם אָרט אויפגעשטעלט און צו-געגעבן:

„ס'איז דאָך נאָך אַזאַ ביישפּיל, זינט די וועלט שטייט, נישט גע-הערט געוואָרן".

און נאָך אַ ווײַלע שווייגן זענען זיי אַלע דריי פון קאַבינעט אַרויסגעגאַנגען און אים דאָ איינעם אַליין געלאָזט, זיי האָבן אים מער וואָס צו זאָגן נישט געהאַט.

די מוטער איז אין עסצימער צום ייִנגערן ליובאָשיץ דעם סטו-דענט צוגעגאַנגען און אים דאָרטן אַ שעפּטשע געטאָן:

„גיי אַריין אין קאַבינעט, זאָג אים דו... ער האָט דאָך פאַר דיר דרך-ארץ".

איז ער אין קאַבינעט אַרייַנגעקומען, דער ייִנגערער ליובאָשיץ, געקראַצט אַ ווײַלע דעם בלויען געוואַנט פון שרייבטיש און צולעצט געזאָגט:

„אַז זי האָט דיך פיינט, מירל... נאָך פון פאַר דער חתונה האָט זי דיך פיינט. זעסט דאָך, אַז זי וויל מיט דיר נישט לעבן, קענסט דען יענעם בייטן?"

און שמואליק איז צו אים מיט די פּלייצעס געשטאַנען און געהערט:

„הייסט עס, אַז זי האָט אים פיינט, מירל..."

ער האָט נישט געוווּסט, פונוואַנען אָט די ווערטער שטאַמען: פון מירלס מויל אַליין, צי נאָר פון ליובאָשיצס השערה. נאָר בכלל... אויב זיי, אַלע אייגענע זיינע, פאַרשטייען דאָס, און אויב שואליק זאָגט, אַז זי האָט אים פיינט, איז דאָס שוין געוויס נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך... שואליק וועט נישט זאָגן גלאַט אַזוי, פון דער העלער הויט. און אויב זי האָט אים טאַקע באמת פיינט, מירל, קען ער זי שוין געוויס נישט בייטן, זי זאָל וווינען מיט אים.

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט ער געלאָזט שואליקן אין קאַבינעט און זיך אייִנגעהויקערטערהייט אין צווייטן פינצטערן קינדער־חדר אַוועקגעגאַנגען. דאָס פענצטער איז דאָרטן געווען פון אינווייניק מיט עפּעס אַ שוואַרצער זאַך פאַרהאָנגען. אַרום און אַרום זענען די קליינע קינדער שוין געשלאָפן אין די בעטלעך, וואָס ביי די ווענט, און האָבן שטיל געשנאָרכט. ער האָט זיך מיט די אייִנגעהויקערטע פּלייצעס אָן אָט דעם פאַרהאָנגענעם פענצטער אָנגעשפּאַרט און זיך פאַרטראַכט:

„וועט ער זיך, הייסט עס, מיט איר גטן, מיט מירלען".

„און נאָכדעם וועט זי שוין וווינען ערגעץ דאָרטן ביי איר פאָטער אין שטעטל... און ער, שמואליק... ער וועט צוריק זיין דאָ... איינער אַליין וועט ער דאָ זיין".

„און חתונה האָבן וועט ער שוין געוויס נישט... ווער שמועסט שוין פון חתונה האָבן?... און דאָס לעבן איז שוין טאַקע באמת פאַרפאַלן... אויף אייביק..."

און פּלוצים האָט אים דאָ פון רחמנות צו זיך אַליין ביים האַרץ

שטאַרק פאַרקלעמט, און דאָרטן אין עסצימער איז מען שטיל געבליבן און דערהערט, ווי ער וויינט אויף אַ קול.

„ווער איז?" האָט די מוטער דערשראָקן געפרעגט און האָט ווי פאַרשטאָרבן צום קינדער־חדר די אויערן אָנגעשטעלט.

ס'איז געווען שטיל, און ביי עמעצן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ. פּלוצים האָט עמעצער אַ זאָג געטון אויפן גאַנצן קול:

„נישקשה, זאָל ער זיך אויסוויינען".

און אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און מיט גרויס ווונדער באַמערקט, אַז געזאָגט האָט עס שמואליקס שוועסטער, ריקל.

זי האָט געוווּסט די גאַנצע מעשה, וואָס איז צווישן מירלען און צווישן נתן העלערן פאָרגעקומען. אירער אַ באַקאַנטער סטודענט האָט דאָס איר דערציילט.

פון גרויס לייטישקייט האָט זי די גאַנצע צייט וועגן דעם געשוויגן, נאָר איצט... איצט האָט זי שוין געמעגט דערציילן, אַז איינמאָל פאַרנאַכט איז זי מיט אָט דעם באַקאַנטן סטודענט אויף נתן העלערס גאַס דורכגעגאַנגען און האָט געזען: מירל קומט אָן פון פאָרשטאָט, איינע אַליין קומט זי פון דאָרטן אָן, פאַרקערעוועט זיך און גייט אַריין צו נתן העלער אין קוואַרטיר.

## X

שמואליק איז געזעסן איינער אַליין פאַרשפּאַרט אין אַ חדר און פון דאָרטן אַרויסגיין נישט געוואָלט.

מרים ליובאָשיץ האָט זיך אין עסצימער אַרומגעדרייט. די לעצטע טעג האָט זי דאָ געגעבכטיקט מיט איר קינד און געהאַט די גאַנצע צייט אַן ערנסט פּנים פון אַ געניטער אַקושערקע, בשעת איר קינפעטאָרין גייט אין צווייטן חדר צו קינד. זי האָט וועגן שמואליקן געזאָגט:

„אויב ער האָט שוין באמת געפּועלט ביי זיך אויף גט, נאָך וואָס זשע זאָל מען אים נאָך אַהין צו מירלען לאָזן?"

און אירע רייד האָבן אַזוי געווירקט. מ'האָט זי געפאָלגט און שמואליקן מער צו זיך אין שטוב נישט געלאָזט.

די גאַנצע גרויסע שטוב האָט דאָ באַקומען אַזאַ אויפגערעגטן און

צעטראָגענעם אויסזען, גלייך עמעצער איז אין איר מסוכן שלאַף. אין זאַל איז געווען אָנגעוואָרפן, אָנגעראויכערט און ברודיק. מ׳האָט זיך דאָרטן גאַנצע נעכט עצות געדאַלטן און געגעסן נישט צו דער צייט. אין עסצימער איז פון צוויי אַזייגער בייטאָג ביז פאַרנאַכט דער טיש געווען געגרייט, און ביי די קליינע קינדער האָבן די הערצלעך געקלעמט, ווי אין אַ תענית. ס׳איז שוין געווען שטאָק-נאַכט, ווען מ׳האָט ביי אָט דעם געגרייטן טיש אויף גיך די קליינע קינדער עסן אָפּגעגעבן, און די גרויסע זענען נאָך אַלץ געזעסן פאַרשפּאַרט אין זאַל און זיך דאָרטן געסודעט מיטן בנעימותדיקן יידן, דעם גוטן-פריינט, וואָס מ׳האָט אַמאָל צו ר׳ גדליה הורוויצן אין שטוב אַראָפּגעשיקט און אים דאָרטן געהייסן זאָגן:

„פאָדערן זיי ביי אייך נישט, די ויידענאָווסקיס, נישט קיין געלט און נישט קיין צוזאָג״.

ביינאַכט האָט מען אַהער אָט דעם יידן דורך אַ דעפּעש אַרויסגערופן, און איצט איז מען אַלע צוזאַמען אַרום אים געזעסן און אים איבערגעגעבן דעם כוח-הרשאה:

„איז אויב מירל וועט אויף גט נישט מסכים זיין, זאָל ער איר בפירוש זאָגן״:

„מ׳קאָן זי באַוואָרענען; ביז זעקס טויזנט רובל קאָן מען איר פאַרן גט אָפּצאָלן״.

שמואליק איז געווען צעטומלט און האָט אין אָט דעם שמועס קיין אָנטייל נישט גענומען. זיין גאַנץ פאַרגאַנגען לעבן איז איצט געווען פאַר אים פאַרנעפּלט, ווי אַ חלום, און אַרומגעדרייט האָט ער זיך אָן אַן-אויפהער איבער דעם זאַל, נישט געהערט, וואָס מ׳רעדט, און געטראַכט וועגן זיין ווייטערדיק לעבן אָן מירלען: ווי אַזוי ער וועט גיין דאַוונען אַלע שבת אין שול, ווו מ׳וויל אים פאַר גבאי אויסקלייבן; ווי אַזוי עמעצער וועט שוין דאָרטן צום מזרח-וואַנט אויף אים אָנווייזן:

„נעבעך אַ גרויש אָט דער יונגערמאַן, און נישט געוואָלט האָט זי אים, דאָס ערשטע ווייב זיינס״.

ווען אַלע האָבן זיך דאָ סוף-כל-סוף פון די ערטער אויפגעהויבן, און שמואליק איז שוין דאָ נישט געווען, איז מרים ליובאָשיץ צוגעגאַנגען

גאָר נאָענט צום בנעימותדיקן יידן, דעם גוטן־פריינט, און האָט אים מיט אַ פינגער־קנעכל אין זיין שטערן אָנגעקלאַפּט:

„אוי, אַ קאָפּ ביי אייך, פעטער! האָט זי אים דערמיט אויף שמואליקן מיט מירלען מרמז געווען, נאָר אייך האָט מען פאַר דעם שידוך צו פאַרדאַנקען".

דער בנעימותדיקער ייד האָט זיך אַזוי שלעכט דערפילט. ער האָט זיך איינגעהויקערט, זיך פאַרטראַכט און מיט ביידע הענט צו טענהן אָנגעהויבן:

„וואָס איז שייך? וואָס האָט מען געקאָנט וויסן? דוכט זיך, געווען אַ וווילע קינד, מירל... זייער אַ וווילע קינד".

און ווען אַלע זענען שוין פון זאַל אַוועקגעגאַנגען, איז ער נאָך דאָ געבליבן, זיך איינער אַליין אַרומגעדרייט, געווען שטאַרק פאַרטראַכט און אַ פּאָר מאָל געזאָגט צו זיך אַליין:

„וואָס איז שייך? וואָס האָט מען געקאָנט וויסן?"

---

אַרום צוועלף אַזייגער אינדערפרי האָט דער לייטישער ייד, דער גוטער־פריינט, אין מירלס טיר אָנגעקלאַפּט.

ער האָט זיך אַזוי שלעכט דערפילט: אין עסצימער האָט אים דאָס בּאָרוועסע דינסטמיידל איבערן גאַנצן חדר באַגלייט און אים צורו נישט געלאָזט:

„הערט, פעטער, פאָלגט מיך, און זאָל זיך אייך איבערגלוסטן אַהין אין טיר אָנקלאַפּן, איר וועט כאַפּן אַ פּסק!"

אַריינקומענדיק צו מירלען אין חדר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך בכבודיק אַ נויג געטאָן, געגעבן אַ פּאָר שפּאַן און זיך ווידער אַ נויג געטאָן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סורדוט, האָט ער נישט געהאַט, ווו די הענט אַהין צו טאָן, און זיין גוט פּנים האָט שעמעוודיק געשמייכלט:

„כ'בין געקומען, האָט ער וועגן זיך אַליין ווי אַ לאַך געטאָן, איבעררעדן מיט אייך בין איך געקומען".

מירל איז אין שטוב־כאַלאַט און אין די שטעק־שיך אין בעט געלעגן. זי איז געווען אין כעס, וואָס אָט דער ייד האָט זי געצוווּנגען אים די טיר צו עפענען, און האָט צו אים נישט געוואָלט קוקן. פאַר די צוויי

וואָכן, וואָס זי איז געלעגן פאַרשפּאַרט ביי זיך אין חדר, איז זי אַזוי שטאַרק פון פּנים אַראָפּ און האָט די גאַנצע צייט אויף צולהכעיס זיך און נאָך עמעצן לחלוטין אויפגעהערט צו רעדן.

ס׳האָט זי פאַרדראָסן, וואָס מ׳דולט איר נאָך אַלץ דעם קאָפּ און מ׳שיקט איר שלוחים אונטער. האָט זי זיך עטוואָס אויפגעהויבן און האָט צום יידן געזאָגט:

„גיט, זייט מוחל, איבער דער שוויגער: אויב כ׳וועל האָבן עפּעס נייס, וועל איך שיקן מודיע זיין".

זי האָט געמיינט, אַז דער ייד וועט באַלד אַוועקגיין, נאָר יענער האָט נאָר שעמעוודיקער צו שמייכלען אָנגעהויבן:

„פאַרשטייט איר, די מעשה דערפון איז אַזוי"...

ס׳איז אים באַפאַלן אַ שוויס, האָט ער פון ערגעץ אַ פאַטשיילע אַרויסגענומען, זיך אויפן נאָענטן בענקל אַוועקגעזעצט און האָט אַהין און צוריק דעם שטערן אָפּגעווישט:

„יאָ. איז, הייסט עס, מיר אַליין די גאַנצע מעשה נישט אָנגענעם, נישט אָנגענעם... נאָר, פאַרשטייט איר: יענער האַלט מיך פאַר אַ גוטן פריינט און זאָגט, אַז איך בין אַביסל שולדיק... נו... מוז איך".

„אַזוי, אַזוי... יאָ: איז ביי אונז, יידן, זאָג איך, אַז אַ פּאָר־פּאָלק לעבט, חס־ושלום, נישט צופרידן, און קיין קינדער איז אויך נישטאָ... און אָט איז טאַקע, למשל, מיינע אַ טאָכטער, אָט דאָ ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט זי זיך געגט..."

מירל איז שוין אויפן בעט געזעסן. דאָס האַרץ האָט ביי איר קלאַפּן אָנגעהויבן.

„גט? האָט זי אים פּלוצים די רייד איבערגעשלאָגן, גוט, גוט. זאָגט זיי, זענט מוחל, אַז גוט".

דער ייד איז געוועזן צעטומלט. ער איז אויפגעשטאַנען פון בענקל און האָט זיך נישט געגלויבט:

„איך גיי, האָט ער צעטראָגענערהייט געזאָגט, כ׳גיי זיי זאָגן".

נאָר פאַר דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך פאַרטראַכט און נאָכאַמאָל צו איר זיין פּנים אויסגעדרייט:

„זיי וועלן אייך באַוואָרענען, די שוויגער מיט שמואליקן... זיי האָבן אים טאַקע אַזוי געהייסן זאָגן..."

נאָר מירל האָט אים ווידער אַמאָל די רייד איבערגעשלאָגן:

„גוט, גוט...״

זי האָט זיך באַלד נאָכן יידנס אַוועקגיין צוריק אין בעט איינגע־וואַלגערט. איר האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז גאָרנישט נישט געשען, און זי האָט זיך נאָכאַמאָל גענומען צום בוך, וואָס זי האָט פֿאַרן יידנס אַריינקומען געלייענט.

דער בוך איז געווען אַן איינגעבונדענער, אַ גראָבער. ס'האָט זיך אין אים געהאַנדלט וועגן די פרויען אין מיטלאַלטער און אין די נייע צייטן, און לעזן דאָס פונם אָנהויב ביזן סוף האָט זי ווישט גע־קאָנט, ס'איז איר געווען נמאס. האָט זי, ווי איר שטייגער, געהיפּט, געכאַפּט דאָ און דאָרטן אַ האַלב זייטל, און דער מוח האָט געקלערט וועגן דעם, וואָס ביי דער שוויגער אין שטוב קומט איצט פֿאָר. צווישן די מיטלאַלטערלעכע שלעסער און דיכטעריננס פון ליבע־געדיכטן, וואָס אין בוך, האָט זיך געפּלאָנטערט מרים ליובאָשיץ מיט איר קינד, די שוויגער, שמואליק מיט זיין דערהרגעט פּנים און דער פרעמדער ייד, וואָס איז נאָר וואָס דאָ אין חדר געווען און איז אַוועקגעגאַנגען מיט די ווערטער:

„איז, הייסט עס, גוט?... יאָ, יאָ, ער גייט, ער גייט זיי זאָגן...״

זי האָט צום סוף דעם בוך געמוזט אַוועקלייגן, זיך פֿאַרטראַכט, און ווידער דערפילט די שטאַרקע קלעפּ פון האַרץ און זיך אויפן בעט אויפגעזעצט:

„וואַרט... זי וועט דאָך איצט ווערן צוריק ווי מיידלווייז...״

אין איר איז געוואַקסן עפּעס אַ געפיל פון געזונט און כּוח. צוזאַמען מיט די האַרץ־קלעפּ פון פרייד איז אָט דאָס געפיל אין איר געוואַקסן.

זי האָט אַ קוויטש געטאָן, דערפילנדיק אין זיך די פּאַר־צוויי־אָריקע מירל; סך־הכל איינמאָל אַ קוויטש געטאָן, און מיט אַזאַ פרייד. זי האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן די שנייַיקע פעלדער אַרויס זייער שטעטל, אָן די שניי־קוילן, וואָס זי האָט דאָרטן פאַראַיאָרן אויפן קרומען סטודענט ליפּקיס געוואָרפן, און איר האָט זיך מיט אַמאָל פאַרוואָלט זיך וואַשן אין אַסך פריש און שטאַרק קאַלט וואַסער.

זי האָט אין הויף דערזען דעם יידן, דעם גוטן־פריינט דורכגיין, האָט זי געשווינט דאָס פענצטער אויפגעעפנט און אים צוגערופן:

„זי האָט אים פאַרגעסן איין זאַך צו בעטן: זאָל ער אַזוי גוט זיין און איבערגעבן: זי בעט, מ׳זאָל דעם גט מאַכן וואָס גיכער, אָן שום צערעמאָניעס זאָל מען אים מאַכן״.

---

דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט אַריינגעקוקט דער וואָלקנדיקער דרויסן מיט די אומעטיקע און פיטש־נאַסע וויינשל־בוימער.

ס׳האָט געגאָסן אַ שפּעטער און לאַנגער האַרבסט־רעגן.

דאָס דינסטמיידל האָט געכאַפּט די מינוט, ווען מירל איז פון חדר אַרויסגעגאַנגען, צוגעקליבן דאָס צעוואָרפענע בעט און צונויפגעלייגט אויף זייער אָרט די ביכער און קליידלעך, וואָס זענען דאָ די גאַנצע צייט אָנגעוואָרפן געווען. איצט איז שוין דאָס חדר געווען פול מיט קאַלטער לופט און מיטן זאַפטיקן פייכטן דרויסן. און מירל האָט שוין איבער אים אַרומגעשפּאַנט אין די שטייף־פאַרשנורוועטע שיך און אינם שוואַרצן ענג־איינגעצויגענעם טאַליע־קליידל, וואָס זי האָט שוין צוויי וואָכן נישט געפּרוּווט אָנטאָן. אַ רויקייט האָט זיך געפילט אין יעדן פאַמעלעכן שפּאַן, אין דער מיידלשער קראַפט, וואָס דאָס ענג־איינגעצויגן קאָפטל האָט געגעבן צו פילן דער באַוועגלעכער ברוסט, און אין די געדאַנקען וועגן דער אייגענער נייער פרייהייט, וואָס האָבן פאַמעלעך באַהערשט דעם מוח:

„מ׳וואָלט באַדאַרפט אָנשרייבן... וועגן גט וואָלט מען אפשר עמעצן באַדאַרפט אָנשרייבן״.

זי האָט געזוכט אויפן טיש פאַפּיר און דערזען הערצס צוגעשיקטן און נישט צעשניטענעם בוך:

„אָט, ווען זי טעלעגראַפירט איצט, למשל, אים, הערצן, ער וואָלט געקומען״.

זי האָט זיך צום בוך נישט צוגערירט און איז פון טיש אַוועקגעגאַנגען. אָט דער געדאַנק איז געווען אַ נאַרישער, אַ זייטיקער... זי, מירל הורוויץ, איז נישט קליין געווען וויכטיקערע געדאַנקען אין קאָפּ צו האָבן.

און נאָכדעם האָט זי איבערן מעת־לעתדיקן גוס־רעגן דעם גאַנצן

טאָג פון שטוב נישט געקענט אַרויסגיין, און נאָכדעם האָט זי ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט געלייענט דעם בוך וועגן דער פרוי אין אַלע צייטן. און נאָכדעם איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן און האָט געזען אין חלום, אַז מיטל אַלטער איז אַזאַ מין בין־השמשותדיקע מדינה, ווו אַלע מענטשן שטייען אין דרויסן, שרייען עפּעס אַלע צוזאַמען אַקעגן דער לבנה און ווייסן נישט קיינער, וואָס דער צווייטער וויל. ערגעץ איז זי דאָרטן געגאַנגען איינע אַליין מיטן פעלד צו אַ קלויסטער, ווו ס'האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַסך שרייענדיקע מענטשן און האָבן געוואָלט וויסן:

„די פרוי איז אַ מענטש, צי ניין?"

נאָר פּלוצים האָט זי זיך אין מיטן דער נאַכט אויפגעכאַפּט און זיך דערמאָנט, אַז די ווערט שוין אינגיכן פון שמואליקן געגט. דאָס האַרץ האָט ווידער ביי איר אַ קלאַפּ געטאָן פון פרייד און פון בענקשאַפט צום מאָרגנדיקן פרייען טאָג. זי איז צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן און שוין אין חלום געזען אַרום זיך אַ מוראדיקע פינצטערע נאַכט. די נאַכט האָט פּלוצים דורך זיך אַ בליץ דורכגעלאָזט, און זי האָט אין דער בליץ־רגע דערזען אויפן האָריזאָנט דאָס וויכטיקע און נייע לעבן, וואָס זי זוכט.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען אַרום צען אַזייגער אינדערפרי. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן דעם, וואָס ס'איז נעכטן געשען:

„ס'קען געמאָלט זיין, אַז דער גט זאָל שוין אויסגעפירט ווערן גאָר אינגיכן, אפשר נאָך היינטיקע וואָך".

און נאָכדעם איז זי נאָך אַ ווײַלע געלעגן אין בעט און געטראַכט וועגן דעם.

זי האָט געדענקט דעם לעצטן חלום, און ס'איז שוין איצט געווען אַזוי צו גלויבן:

אַ קליינינקייט, דוכט זיך... סך־הכל איין קליינינקייט באַדאַרף זי נאָך איצט מיטן מוח און מיט די געפילן אָנכאַפּן, און איר וועט ווערן קלאָר דער עיקר פון איר לעבן, וואָס זי זוכט אים שוין אַזוי לאַנג, פון קליינערהייט אָן".

בייטאָג האָבן אויפגעהערט צו רעגענען די נעכטיקע פּרודיק־פּרוינע וואָלקנס. אַ ברוינע בין־השמשותדיקע שיין איז העגגען געבליבן אין דער לופט און געשפּרייט שטילקייט אַרום די נאַסע, פרייליך־אָפּגעשווענקטע הייזער און אַרום די שטייענדיקע קאַלוזשעס, וואָס אין זאַמדיקן עק פאַרשטאָט.

באַרוועסע שקצימלעך האָבן פון ערגעץ זייערע ווייסע געגז געטריבן, און אַ יונגערמאַן, אַ פאַרשטאָט־באַלעבאָס, האָט זיך מיט עמעצן דורכגעשריגן וועגן דעם ניי־איינגעקויפטן פורל מעבל, וואָס מ'האָט אים נאָר וואָס צו דער שטוב צוגעפירט:

„דאָס בופעטל איז דווקא אַ גוט בופעטל; ס'איז אַ דעמבנס, דאָס בופעטל".

מירל האָט זיך אָנגעטאָן און איז מיט דער קייטן־בריק אַוועקגעגאַנגען צופוס אין שטאָט אַריין.

דאָרטן איז זי געווען אין דער הויפּט־פּאָסט און האָט אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער צו הערצן. ס'האָט זיך געוואָלט כאָטש וועמען ס'איז דערציילן וועגן דער נייער לאַגע, און שרייבן וועגן דעם אַהיים איז געווען צו פרי און נישט כדאי.

גייענדיק מיט דער צענטראַל־גאַס צוריק פון פּאָסט, האָט זי פונוויטנס דערזען, ווי מאָנטשיק גייט אַרויס פון איינעם אַ הויז:

„אָט איז מאָנטשיק".

זי האָט פאַרקלענערט די טריט, און דאָס פּנים האָט ביי איר קוים, קוים שמייכלען אָנגעהויבן.

מאָנטשיק האָט נאָך באַדאַרפט אַריינגיין סך־הכל אין איין באַנק, וואָס איז אָפן ביז האַלב פינף אַזייגער. נאָר וואָס פאַר אַ שאלה? אויב אים האָט איצט זיין מזל געשפּילט צו באַגעגענען זיך מיט איר, מירלען, טאָ מעג איצט גיין די באַנק מיט אַלע זיינע געשעפטן צו אַלדי שוואַרצע יאָר. ער האָט זי, מירלען, שוין אַזאַ לאַנגע צייט נישט געזען און וועט זיך איצט מיט גרויס פאַרגעניגן דורכגיין מיט איר אַהין און צוריק איבער דער גאַס. מירל ווייסט נישט, וואָס דאָ איז געשען: ער קען דאָך מער אַהין אין פאַרשטאָט נישט קומען, נישט צום פעטער און

נישט צו שמואליקן... זיי זענען פשוט געוואָרן נישט צו דערטראָגן, די זיידענאָווסקיס... ניין, וואַרט... ס'איז דאָך ממש עפּעס אַ מחיה, וואָס ער האָט זי איצט באַגעגנט... אָט איז היינט אינדערפרי צו אים איינער אויף דער בירזשע צוגעשטאַנען, ער זאָל געבן אויפן נאַציאָנאַל-פאָנד. ער, מאָנטשיק, האָט, פאַרשטייט מען, נישט געוואָלט... ווי האָט ער געקאָנט געבן, אַז ער איז בכלל קעגן ציוניזם? נאָר איצט וועט ווען ער אים אָפּזוכן, אָט דעם פאַרשוין, און וועט אים געבן, אויף זיין ערן-וואָרט.

„אַ גאַנצן פינף-און-צוואָנציגער וועט ער אים געבן".

ער איז איצט געווען אַזוי אויפגערעגט און גליקלעך, אָט דער צעטראָגענער מאָנטשיק, די גרויסע שוואַרצע אויגן זיינע האָבן פון אויפגעלייגטקייט געגלאַנצט און געלויכטן. פון גליק האָט ער זיך שוין אפילו עטלעכע מאָל פאַרגעסן, זי אַ פּאָר מאָל געפּרוווט אַ נעם טאָן אונטערן אָרעם און איר אַ דריק טאָן די האַנט.

קוקנדיק אויף איר מיט אָט די גליקלעך-שמייכלדיקע אויגן, האָט ער זיך צולעצט אָפּגעשטעלט:

„מירל קאָן זיך דען פאָרשטעלן, ווי אים טוט הנאה, וואָס ער האָט זי איצט באַגעגנט?"

אַ ווײַלע איז ער אַזוי שטיין געבליבן און האָט געקוקט אויף איר, ער האָט זיך באַלד דאָ אויפן אָרט צוריק אַרונטערגעבויגן און זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול:

„מירל זעט נישט, ווי אים, מאָנטשיקן, איז איצט גוט".

מירל איז פאַמעלעך געגאַנגען מיט אים, און איר פּנים האָט קוים, קוים געשמייכלט. זי האָט געוווּסט, אַז דאָרטן, ביי די זיידענאָווסקיס אין שטוב, איז מען נאָך עד היום איבערצייגט:

„ער איז אין איר פאַרליבט, מאָנטשיק, און וויל זי ביי שמואליקן צונעמען".

נאָר ער, מאָנטשיק אַליין...

ער וועט אפשר קיינמאָל זיינע געפילן צו איר אויפן מויל נישט אַרויסברענגען, און דאָך איז ער איר עפּעס איבערגעגעבענער פון אַלע אירע אַמאָליקע, וואָס האָבן זיך אַרום איר געדרייט, און איז איר אפשר דער בעסטער גוטער-פריינט.

„מאָנטשיק, איר זענט אַ ווויל יינגל?"

פלוצים האָט זי נאָך עטוואָס פּאַמעלעכער צו שפּאַנען אָנגעהויבן און געזאָגט:

„איר ווייסט, מאָנטשיק, איך גט זיך מיט שמואליקן".

מאָנטשיק האָט זיך נישט איינגעהערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַקומען אַ שטאַרק ערנסט פּנים און האָט אויף איר די גרויסע אויגן אויסגעגלאָטשט: פריער אַביסל האָט ער געוואָלט ביי איר פרעגן, ווי אַזוי ס'האָט זיך איר געלעבט פאַר דער צייט, וואָס ער האָט זי נישט געזען, איז אים אָבער אַריין עפּעס אַ נאַרישקייט אין קאָפּ אַריין, און ער האָט זיך פאַרטראַכט.

צום אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז זי טרייבט קאַטאָוועס, און נאָכדעם איז ער אויף אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט געוואָרן, און די אויסגעגלאָטשטע אויגן האָבן שוין נישט געקוקט אויף מירלען, נאָר ערגעץ-ווּוהין פאַר זיך.

„ניין, וואַרט... ס'איז דאָך מאָדנע... ס'איז דאָך... גאָט ווייסט, וואָס איז דאָס".

מירל האָט אים געמוזט אַ ריר טאָן פאַר דער האַנט און אים דערמאָנען, אַז ס'איז אים שוין געווען צו שטיין אין מיטן טראָטואַר. ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען און זיך פון הינטן אין האַלז און נאַקן געקראַצט, צוגעביסן די אונטערשטע ליפּ און זיך ווידער אַמאָל פאַרטראַכט:

„זאָל אים דער רוח נעמען, אויב ער הייבט זיך אַפילו אָן פאַרצושטעלן, ווי אַזוי אָט דאָס אַלץ איז דאָרטן מיטאַמאָל געוואָרן! ניין, זי זאָגט עס ערנסט, מירל?"

ער איז געגאַנגען לעבן איר און האָט געדענקט דעם גט מיט אָט דער נייער לאַגע, וואָס אין איר הייבט מירל איצט אָן זיך צו געפינען. ביידן איז שוין איצט אומעטיק געווען, און ביידע האָבן געטראַכט וועגן די ווערטער, וואָס מירל האָט נאָר וואָס פון מויל אַרויסגעלאָזט:

„שטעלט אייך פאָר, מאָנטשיק, כ'ווייס נאָך לחלוטין נישט, וואָס מיט מיר וועט זיין".

זי ווייסט אַפילו נישט, ווּוהין זי וועט נאָכן גט פון שטוב אַוועקגיין. מעגלעך, אַז זי וועט שוין די ערשטע וואָך נישט האָבן, פונוואַנען

אַ טאָג איבערצוקומען. נאָר זי שרעקט זיך איצט בכלל גאָרנישט. די וועלט, ווייזט זיך איר איצט אויס, איז אַזוי ברייט. נעכטן, נאָך דעם גט-מעקלערס אַוועקגיין, האָט זי אַ קוויטש געטאָן פון פרייד נאָר דער-פאַר, וואָס זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי קען זיך וואַשן אין אַסך, אַסך קאַלט וואַסער.

„ערגעץ וועט זי שוין פון זיידענאָווסקיס שטוב אַוועקגיין..."

די היים אירע, וואָס אין שטעטל... זי איז עפּעס מער נישט, ווי אַ צו להכעיסדיקע נאַרישקייט, אָט די היים. צו דער מוטער ציט נישט, און צום פאָטער... גלייכער איז, וואָס זי מיטן פאָטער לעבן פונדערווייטנס. העלפן איינער דעם צווייטן קענען זיי סיי-ווי-סיי נישט.

און וועגן זיך טראַכט זי דאָך פיל; זי איז פון תמיד אָן געוווינט פיל וועגן זיך צו טראַכטן.

אָט האָט זי דאָ נישט לאַנג טורגעניעווס אַ בוך נאָכאַמאָל איבער-געלייענט: אַ רוסיש מיידל קאָן מער נישט אויסקומען מיטן לעבן, וואָס אַרום, גייט זי אַוועק אין מאָנאַסטיר, און ס'ווערט פון איר גאָרנישט. און זי, מירל, זי איז שוין נישט קיין מיידעלע, און דער מאָנאַסטיר איז פון איר אַזוי ווייט און ווייזט איר אויס אַזוי נאַריש. מ'האָט זי פון קליינערהייט נישט געלערנט זיין רעליגיעז. זי קען מער מיט די אַרומיקע צושטאַנדן נישט אויסקומען, מוז זי אַוועקגיין ווייטער:

„צי זי וועט עפּעס געפינען, ווייסט זי נישט, נאָר אַוועקגיין וועט זי".

זיי האָבן שוין געהאַט דערגרייכט דעם אָנהייב פון דער קייטן-בריק און זיך אָפּגעשטעלט. מאָנטשיק האָט ווייטער אַהין אין פאָרשטאָט איבער די זיידענאָווסקיס גיין נישט געקענט. ביי מירלען אין די פאַר-חלומטע אויגן האָט געברענט אַן אומעטיק פייערל, טיף, טיף האָט עס דאָרטן אין טרויס געברענט און טרוימענדיק געקוקט ערגעץ-ווהין אין אלכסון פונם ברייט-פליסנדיקן טייך. איבער די בלויע פלעקן, וואָס אונטער אירע אויגן, האָבן די לאַנגע שוואַרצע וויעס אויסגעזען נאָך לענגער און שוואַרצער, ווי געווינלעך, און האָבן עפּעס אַ מאָדנעם חן געוואָרפן אַראָפּ, אויפן תמיד רייצנדן שנור-גלייכן מויל, וואָס איז

שטרענג געווען געשלאָסן. פּלוצים האָט ביי איר דאָס פּייערל ווי אַ בליץ אין די אויגן געטאָן:

„כ'האָב אַ באַקאַנטן העברעישן פּאָעט, מאָנטשיק, ער שמייכלט ס'רוב, אָט דער באַקאַנטער אירער, און שווייגט. נאָר איינמאָל האָט ער וועגן איר געזאָגט:

פון מירלען, האָט ער געזאָגט, וועט שוין קיינמאָל גאָרנישט נישט זיין. זי איז ביי אונז מער נישט ווי אַן איבערגאַנגס-פּונקט".

אין די אויגן האָט זיך ביי איר אָנגעצונדן אַ שמייכל פון איי-גענעם חוזק. זי האָט מיט אָט דעם שמייכל אויף מאָנטשיקן אַ קוק געגעבן:

„איך אַליין, זאָגט אָט דער באַקאַנטער מיינער, בין גאָרנישט, און וועל אין ערגעץ נישט אָנקומען. דער עיקר, זאָגט ער, זענען די, וואָס וועלן קומען נאָך מיר".

זי האָט זיך געוואָלט געזעגענען און אַליין ווייטער מיט דער בריק אַוועקגיין. נאָר מאָנטשיק איז געווען פאַרטראָגן. ער האָט זיך אויפ-געכאַפּט ווי פון אַ שלאָף:

„וואָס פאַר אַ שאלה? צו די זיידענאָווסקיס אין שטוב קען ער נישט גיין, אָבער ביזן צווייטן עק בריק קען ער זי דאָך יעדנפאַלס באַגלייטן".

און נאָכדעם איז ער שוין געווען אַזוי פאַרטומלט און נישט גע-דענקט, ווען ער האָט זיך צוריק אומגעקערט און זיך אין טראַמוויי אַריינגעזעצט. בשעת ער האָט דעם קאָנדוקטאָר אויף אַ בילעט געגעבן, איז ביי אים פון טאַש אַ בייטל מיט פּאַפּירן אַרויסגעפאַלן. אַן אַלטער גענעראַל, וואָס איז אַקעגן אים געזעסן און האָט זיין צעטראָגנקייט באַמערקט, האָט דעם בייטל אויפגעהויבן און אים אָפּגעגעבן. האָט ער דעם גענעראַל גלייך אין די אויגן געקוקט און אים אַפילו קיין דאַנק נישט געזאָגט. אים זענען אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען אין קאָפּ אַריינ-געקראָכן:

„ניין. ס'איז שוין געוויס אַ זאַך, וואָס ס'קען נישט זיין, אָט דאָס, וואָס ס'זאָל כלומרשט געמאָלט זיין, אַז ער, מאָנטשיק, זאָל כלומרשט קענען אַמאָל חתונה האָבן מיט מירלען. ס'איז אַזוי נאַריש. און ער קען בשום אופן נישט פאַרשטיין, ווי ס'קומט, אַז אים, מאָנטשיקן, זאָל

אַזאַ ,געכטיקער טאָג׳ אין קאָפּ איינפאַלן. ראשית, קען ער זיך קיינמאָל אַזאַ גליק נישט פאָרשטעלן... ס׳איז דאָך עפּעס אַ קאָפּ־מענטש – מירל... און צווייטנס... וואָס? ווער? ווען? זי באַדאַרף אים האָבן, מירל? מירל באַדאַרף עפּעס אַנדערש... וואַרט... ער איז אפשר גערעכט, יענער באַ־קאַנטער אירער: ,אַן איבערגאַנגס־פּונקט איז זי׳, ,אַן איבערגאַנגס־פּונקט׳. נאָר וואַרט... ער, מאָנטשיק, האָט די לעצטע צייט פאַרדינט אַזויפיל געלט, און זי, מירל... זי וועט זיך דאָך נויטיקן... ווי קען דאָס אַנדערש זיין?

„עס וועט דאָך זיין פּשוט אַ חיות, אויב מירל וועט באַשטיין צו בעמען ביי אים, וויפיל זי באַדאַרף... ראשית, באַדאַרף זי איצט אייגע אַליין אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד... קיין איטאַליע, למשל. ס׳גייט צו ווינטער... זי מוז זיך דאָך נאָך אָט דעם איבערגעלעבטן זומער אָפּרוען. נאָר וואַרט: ווי אַזוי זאָגט מען עס איר? ווי אַרום לייגט מען עס איר, למשל, פאָר?"

ווען ער האָט פון אָט דעם טומל ערוואַכט, האָט דער טראַמוויי אים שוין געהאַט פאַרטראָגן ערגעץ אין אַן אַנדער זייט, און ווייטער, ווי ער האָט באַדאַרפט. ער איז צולעצט אַרויסגעגאַנגען און זיך געלאָזט גיין צופוס אַהיים. נאָר דער טומל האָט אים באַלד ווייטער באַהערשט. עפּעס אַן עלעגאַנט־געקליידטער יונגערמאַן. אַ סוחר, איז געווען שטאַרק צופרידן דערפון, וואָס ער האָט זיך מיט אים דאָ אויף דער גאַס באַגעגנט, אַוועקגעוואָרפן זיינע באַקאַנטע, וואָס ער איז געגאַנגען מיט זיי ערגעץ פאַרברענגען, און גענומען רעדן צו אים וועגן גע־שעפט:

פאָדריאַד אַהין, פאָדריאַד אַהער.

מאָנטשיק איז אַקעגן אים געשטאַנען, געביסן דעם גראָבן פינגער און פאַרחלומטערהייט געקוקט אַראָפּ צום טראָטואַר. דער עלעגאַנטער יונגערמאַן האָט געמיינט, אַז ער הערט נישט איבער די טראַמווייען און דראָשקעס, וואָס רוישן דאָ אָן אַן אויפהער, האָט ער אים אַוועקגעפירט אין אָנהייב פון דער נאָענטער שטילער גאַס און אים דאָרטן אָנגעהויבן דערציילן אַלץ פונסניי. נאָר מאָנטשיק האָט אויפן יונגנמאַן געקוקט מיט אויסגעגלאָטשטע, פאַרטרוימטע אויגן, אים צולעצט אונטער דער האַנט אָנגענומען און אים קלאָר געמאַכט:

„מענטש איינער, רעדט צו מיר היינט, רעדט צו מיר מאָרגן, אַז

איך הער איצט נישט קיין איינציק וואָרט... וואָס זאָלט איר דאָ נישט פאַרשטיין? אַז איך לעב איצט איבער אַ פערזענלעכע זאַך און בין פשוט נישט אין שטאַנד..."

## XII

די זיידענאָווסקיס האָבן אָפּגעלייגט דעם גט אויף איבעראַכטאָג מיטוואָך און באַשלאָסן אים איבערצוטראָגן אין דער פרעמדער שטאָט, וואָס ליגט אַראָפּ טייך.

דער איינפאַל האָט געשטאַמט פון מרים ליובאָשיץ, וואָס האָט איינמאָל גלאַט אַזוי אַ זאָג געטאָן:

„כ'פאַרשטיי נישט: צוליב וואָס באַדאַרף מען מיטן גט דאָ אין שטאָט אַ גאַנצן טאַראַראַם מאַכן?"

און די מומע האָט עס באַלד אונטערגעכאַפּט און איז מיט דעם צום מאַן אין קאַבינעט אַוועק:

„כ'בעט דיך: זי איז דאָך טאַקע גערעכט, מרים..."

פאַר דער לעצטער צייט האָט זיך דאָ אין שטוב בכלל אָן איר עצה און הסכמה קיין זאַך נישט אָפּגעטאָן. און גענומען האָט מען זי אין שפּאַן אַפילו, ווען שמואליק האָט זיך אויף אַ גאַנצן טאָג אין זיין באַזונדער חדר פאַרשפּאַרט און קיין עסן צו זיך נישט צוגעלאָזט. עמעצער האָט שוין צו נאַכט-צו אַ זאָג געטאָן:

„כ'בעט אייך: ווו איז מרים? פאַרוואָס זאָל זי נישט אַריינגיין צו שמואליקן און זען, ער זאָל עסן?"

און מרים איז צו אים אַריינגעגאַנגען, און ער האָט געגעסן.

דער יינגערער ליובאָשיץ איז דאָ געשטאַנען ביי דער זייט. ער האָט, לאַכנדיק פון איר, זיך ביי די זייטן געהאַלטן און זיך מיט זיין גאַנצן פינף-פודיקן קערפּער צו דער ערד געצויגן:

„מרים, וואָס איז פון דיר געוואָרן?"

פאַר דער חתונה, געדענקט ער, איז זי עפּעס געווען, און אין די קרייזלעך האָט מען ביי יעדער נאַרישקייט איר נאָמען דערמאָנט. און איצט איז דאָך פון איר נישט מער ווי אַ פּשוטע ניאַנקע גע-בליבן. וואָס וועט זי אים דערציילן מעשיות? אַ נפקא-מינה איז

עמעצן אַ גרויסע, צי זי ניאַנטשעט איר אייגן קינד, צי אַ פרעמדס?

מרים איז געווען אויסער זיך און האָט אים אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם:

„כ׳בעט אייך, עמעצער איז אויף אים אַ מבין, אויף שואלקען?"

איר קינד האָט ביי ריקלען צו וויינען אָנגעהויבן. האָט זי עס צו זיך אויף די הענט גענומען, דענסטמאָל ווען איר פלאַמענדיק פנים האָט נאָך אַלץ מיט צאָרן צום ייִנגערן ליובאָשיץ געקוקט. זי איז גע־ווען גרייט צו זאָגן אים עפּעס גאָר אַ גראָב וואָרט. נאָר די מומע האָט דעם קינדס וויינען דערהערט און איז פּלוצים צוגעגאַנגען:

„הער, מרים, האָסט עפּעס געטאָן דעם קינד צום מעגל?"

האָט זי מיטאַמאָל אָן שואליק ליובאָשיצעס נאַרישקייטן פאַרגעסן און האָט זיך פאַר דער מומען צו קלאָגן אָנגעהויבן:

„זי ווייסט שוין אַליין נישט, וואָס זי זאָל טאָן. דאָס קינד האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געריסן, און די וואַרעמע קאָמפּרעסן האָבן נישט געהאָלפן".

---

אין שטוב אַריין האָט זיך ביסלעכווייז אומגעקערט די געוועזענע רויִקייט.

אין דער שטילקייט, וואָס אין די שווייגנדיק־צוגעראָמטע חדרים, זענען שוין די עלטערע ווידער אַמאָל געשלאָפן בייטאָג, און דאָס פילדע־רנדיקע קליינוואַרג איז שוין צוריק אינם ווייטלעכן חדר פאַרשפּאַרט געווען. און נאָר שמואליק איז נאָך אַלץ נישט געשלאָפן דורך די נעכט, געליטן פון שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און האָט געהאַט תּרעומות אויף דער מוטער, וואָס קומט צו אים אַלע ווײַלע די היץ מעסטן:

„וואָס וויל מען פון אים מיטן טערמאָמעטער? וואָס לאָזט מען אים נישט לעבן? אַז ער האָט נישט קיין היץ".

מ׳איז שוין געווען געוווינט צו דעם, וואָס ער זעט פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער אויס, רעדט נישט מיט קיינעם, ליגט פאַרשפּאַרט ביי זיך אין חדר און שפּאַנט דאָרטן אָפט גאַנצע שעהן אַרום אַהין און צוריק אין די זאָקן. נאָר איינמאָל ביינאַכט האָט זיך שוין מיט אים גאָר אַן אומגערעכטער צופאַל געטראָפן, און איבערגעשראָקן אַלע

אייגענע, וואָס האָבן נאָר וואָס די לאָמפּן אויסגעלאָשן און זיך אין די בעטן אַריינגעלייגט. אין דער פינצטערער שטילקייט האָבן זיך פון איין חדר אין צווייטן אויפגערעגטע קולות געטראָגן:

„וואָס איז געשען?"

„וועמען איז נישט גוט?"

„זאָל מען גיכער אַ לאָמפּ אָנצינדן".

אַרום דעם לאָמפּ, וואָס מ'האָט ביי שמואליקן אין חדר אָנגעצונדן, האָבן זיך געשווינט געשטופּט נאַקעטע ווייבערשע פּלייצעס, אָפּגעדעקטע הענט און בלאַנק-ווייסע מענערשע גאַטקעס. עמעצער האָט אים דעם קאָפּ אויפגעהויבן; אַ צווייטער האָט אויף אים וואַסער געשפּריצט. נאָר ער אַליין האָט שוין פּאַמעלעך געהאַט געעפנט די אויגן און אומעטיק געקוקט אויף די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און האָבן איינעם דעם צווייטן איבערגעגעבן:

„גאָרנישט, גאָרנישט... ס'איז אים נישט גוט געוואָרן, שמואליקן; ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער ווערט בלינד".

ער האָט באַלד איינגעדרימלט, זיך אויפגעכאַפּט און ווידער איינגעדרימלט. האָט מען די טירן פון זיין חדר ברייט פונאַנדערגעעפנט און דעם לאָמפּ געלאָזט ברענען, אַוועקגעשטעלט לעבן זיין בעט אַ בענקל מיט אַן אָפּגעשיילטן מאַראַנץ און זיך ווידער אַמאָל אין די געלעגערס איינגעוואַלגערט. נאָר שמואליק האָט זיך נאָכדעם נאָכאַמאָל אויפגעכאַפּט און שוין מער שלאָפן נישט געקאָנט. ער האָט גענומען אַרומשפּאַנען איבערן חדר.

ס'איז געווען אַרום דריי אַזייגער ביינאַכט. פון די אַרומיקע חדרים האָט זיך אַ געשמאַק שנאָרכן געהערט. ער האָט געשפּאַנט אַהין און צוריק און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן מאָרגנדיקן טאָג. מאָרגן וועט ער אַריינגיין אַהין, צו מירלען אין פליגל, און איר זאָגן:

מיטוואָך אינדערפרי, וועט ער איר זאָגן, פאָרט מען אַרויס צום גט... אַלץ איז געענדיקט. ווייל ער ביי איר בעטן נאָר איין זאַך: זאָל זי אַריינגיין מיט אים זיך געזעגענען צו זיין פאָטער און זאָל מיט אים דאָרטן זיצן, נישט מער ווי אַ פערטל שעה... אים וועט זיך אין אָט דעם פערטל שעה אויסווייזן, אַז ס'איז גאָרנישט נישט

געשען, אַז זי איז געקומען מיט אים צום פּאָטער צוגאַסט.

ער האָט געוואָלט, אַז מירל זאָל סוף־כּל־סוף וועגן אים אַ טראַכט טאָן:

„ער האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן, שמואליק... ער איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש".

בייטאָג איז ער עטלעכע מאָל אַהין אין פליגל אַריינגעקומען און דאָרטן קיינעם, אַחוץ דאָס דינסטמיידל, נישט געטראָפן. ער האָט אָפּגעוואַרט, ביז מ'האָט אָנגעצונדן פייער, און איז אַהין ווידער אַריינגעגאַנגען. איצט איז שוין מירל געווען. זי איז נאָר וואָס פון שטאָט געקומען. ביי איר אין חדר האָט געברענט אַ לאָמפּ, און פאַר די אָפענע אַלמערס איז געשטאַנען דער גרויסער נדן־קאָרב, וווהין דאָס דינסטמיידל האָט איר אַ גאַנצן פרימאָרגן געהאָלפן די זאַכן פּאַקן. זי איז געלעגן אין בעט מיטן פּנים צו דער טיר. איר פּנים, וואָס האָט נאָך פון דער דרויסנדיקער קעלט געפלאַמט, האָט געקוקט אויף אים עטוואָס בייגעריק און דערשטוינט. ער האָט זיך געשראָקן און האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

און נאָכדעם איז ער שוין אַזוי דערשראָקן געזעסן אַקעגן איר אויפן בענקל, וואָס לעבן בעט, און שוין גערעדט לחלוטין נישט דאָס, וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט:

„ער האָט געטראַכט, אַז אפשר. אפשר וואָלט זי פאַרט אַריינגעגאַנגען זיך געזעגענען, האָט ער געטראַכט".

ער האָט צו איר נישט געקוקט. פלוצים האָט ער דערפילט, ווי זי גלעט זיין קני מיט איר ווייכער און גלאַטער האַנט. ער האָט פּאַמעלעך די אויגן אויפגעהויבן און דערזען:

ליגנדיק אויפן בעט האָט זי זיך נענטער צו אים צוגערוקט. זי האַלט דעם אונטערגעשפּאַרטן קאָפּ אויפן עלנבויגן און קוקט אים גלייך אין פּנים אַריין.

„שמואליק, פרעגט זי ביי אים, כ'האָב דיר דען שלעכטס געטאָן?"

ביי שמואליקן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ.

„שלעכטס? ניין... ווער זאָגט דען?"

---

מירל האָט באַדאַרפט אויפשטיין גאַנצפרי און פאַרפאַקן די איבעריקע זאַכן. זי האָט אויך באַדאַרפט זיין אינם שטילן האָטעל, וואָס אַקעגן שפּאָליאַנסקיס וווינונג, דינגען דאָרטן אַ צימער און הייסן צושיקן אַהער נאָך די זאַכן. צען אַזייגער אינדערפרי גייט אָפּ די שיף אין דער שטאָט, וואָס אַראָפּ טייך. פון פינף ביז זעקס בייטאָג וועט דאָרטן פאָרקומען דער גט, און נאָכדעם וועט זי זיך שוין אומקערן אַהער מיטן צוג, כדי מיט די זיידענאָוווסקיס נישט צו פאָרן, און אויפן וואָקזאַל וועט אויף איר וואַרטן מאָנטשיק. ער האָט איר צוגעזאָגט. צו אָוונט-צו וועט זי שוין געוויס זיין שטאַרק מיד. זי פילט שוין איצט אַ מידקייט אינם גאַנצן קערפּער. נאָר ס'איז אַ תירוץ? זי האָט אויף אים איצט עפּעס רחמנות, אויף שמואליקן, און האָט אים צוגעזאָגט. מ'מוז נעמען אויף זיך דעם שאַל און אַריינגיין אויף עטלעכע מינוט אַהין אין דער גרויסער שטוב.

דער שוויגערס דינסטמיידל, וואָס האָט איר דאָרטן די הינטער-שטע טיר געעפנט, האָט זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף געטון צוריק. אַזוי איבערגעשראָקן האָט זי שוין מירלס פּלוצלינגדיק אַריינקומען. אין עסצימער איז איבער איר די שטימונג מיטאַמאָל אַ געדריקטע געוואָרן. מ'האָט איר אָפּגעטראָטן דאָס בענקל, וואָס לעבן דער שוויגער, און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אָנהייבן צו רעדן. עמעצער האָט אָפּגערופן אויף אַ סוד דאָס פרעמדע ווייבל, די קרובה, וואָס איז דאָרטןביים טיש געזעסן, מרים ליובאָשיץ האָט גענומען רעדן אויפן אויער מיט ריקלען און איז מיט איר אויך באַלד אין אַ צווייטן חדר אַוועק. מירלען איז געוואָרן שווער, און חרטה האָט זי געקראָגן, וואָס זי איז איצט אַהער געגאַנגען. זי האָט געטראַכט:

„זי האָט שוין יוצא געווען... זי מעג שוין גיין צוריק".

נאָר די שוויגער האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו פינקלען מיט די אויגן און האָט זיך צו איר נענטער צוגעבויגן. איר איז די לעצטע טעג אייבער אַ ווייבערשער חשד פון קאָפּ נישט אַרויס. זי האָט זיך וועגן אים איצט געמוזט ביי מירלען דערפרעגן.

מירל איז פון איר ערשטער שאלה געוואָרן רויט. זי האָט צו איר נישט געקוקט און געענטפערט קורץ און עטוואָס בייז:

„ניין".

„כ׳געדענק נישט".

„שוין לאַנג".

פּלוצים האָט די שוויגער איר נאַרישע פיגור אויסגעגלייכט און האָט באַקוקן אַ פּנים פון אַן דערשטוינטער קליינשטעטלדיקער באַבע.

„יאָ, האָט אָט דאָס פּנים געזאָגט, ס׳איז מיר שוין גוט".

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. נאָר קיינער איז דאָ, אַחוץ מירלען, נישט געווען. האָט זי זיך נאָכאַמאָל צו איר אויסגעדרייט און זיך פאַרוווּנדערט אויפן קול:

„מירעלע, דו טראָגסט דאָך!..."

„וואָס?"

איר האָט זיך געדוכט, אַז די שוויגער איז פון זינען אַראָפּ, זי רעדט פּשוט ווי אַן אידיאָט.

אויף צו להכעיס איז זי באַלד פון אָרט אויפגעשטאַנען און געפרעגט אויפן קול:

„זי פאַרשטייט נישט... און חוץ דעם, וואָס קער זיך עס אָן מיטן גט?"

נאָר אַרום איר איז שוין דאָ אין חדר אַזוי גרויס דער טומל געווען, און קיינער האָט זיך צו אירע ווערטער נישט צוגעהערט. עמעצער האָט אַהער שמואליקן גערופן. אַ צווייטער איז מיט דעם נייעס אַוועק צו יעקב יוסלען אין קאַבינעט. און ביי דער טיר איז שוין דאָ ווידער אַמאָל מרים ליובאָשיץ געשטאַנען. די שוויגער האָט איר עפּעס אויף גיך איבערדערציילט, האָט זי אַהער צו מירלען געקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„אַוודאי, וואָס פאַר אַ פראַגע?"

### XIII

ביינאַכט איז מירלען געווען נישט גוט אויף צו ברעכן, און געוועקט האָט זי צוויי מאָל דאָס דינסטמיידל. זי האָט זי געשיקט מיט אַ צעטעלע צו שמואליקן; אין צעטעלע איז געשטאַנען, אַז זי האָט אים נישט ליב און האָט מיט אים נאָך פאַר דער חתונה אויסגענומען דעם

תנאי, אַז זי מעג אַוועקגיין פון אים אין יעדער צייט; אַז זי גלויבט נאָך נישט, אַז זי טראָגט, און קען יעדנפאַלס מיט אים קיין קינד נישט האָבן; אַז אויב זי טראָגט, איז נאָר ער אַליין אין דעם שולדיק, און מ׳באַדאַרף זוכן דערצו אַן עצה.

שמואליקן האָט מען איינגערעדט, ער זאָל אַוועקפאָרן אין גוראַלניע און זאָל דאָרטן עטלעכע טעג אָפּוואַרטן.

מ׳האָט אים אַרומגעשטעלט אין אַ באַזונדערן חדר, און די שוויגער האָט אים דאָרטן פאַרן אַוועקפאָרן געטרייסט:

„וואָס האָט ער וואָס צו קלערן? איצט איז גאָר אַן אַנדער זאַך. אַז זי וועט האָבן אַ קינד, מירל, וועט זי ווערן לייטישער".

מירל האָט זיך גאַנצע דריי טעג ביי זיך אין חדר אָפּגעמאַטערט, געדענקט די גאַנצע צייט דאָס אָרט, וואָס נידעריקער פון דער ברוסט, געפילט צו דעם אַן עקל און צולעצט אָנגעהויבן נאָכאַמאָל גייז צו דער שוויגער אין שטוב.

גייענדיק אַהין, האָט זיך איר געדוכט, אַז זי מוז דאָרטן עפּעס זאָגן און צו עפּעס אַן עק מאַכן. נאָר יעדעס מאָל, וואָס זי איז אַהין אַריינגעקומען, האָט זי דער ווילן צו זאָגן פאַרלאָזן, און געשטאַרקט האָט זיך אין איר די שנאה צום אָרט, וואָס נידעריקער פון ברוסט. ס׳האָט געגודעט פון דער שוויגערס „זיץ, מירעלע", פון מרים ליובאָשיץ מיטן קינד, פונם יינגערן ליובאָשיצס פלאַמענדיק פנים און זיינע חקירות. און דער עקל אין איר איז געוואַקסן. און געדוכט האָט זיך שוין, אַז מ׳קען אים ממש מיט די הענט אָנטאַפּן; אָט וועט זי אים, דוכט זיך, אַזוי פון זיך מיטאַמאָל אַ ריס טאָן, און איר וועט מיטאַמאָל ווערן נאָכאַמאָל לייכט און גוט.

דענסטמאָל האָט זי די שוויגערס שטוב פאַרלאָזן און איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין. געווען צוויי מאָל ביי איר געשוועסטערקינד אידאַ שפּאָליאַנסקי און זי אינדערהיים נישט געטראָפן, זיך נאָכאַמאָל צו זיך אַהיים אומגעקערט, זיך אין בעט געלייגט און זיך באַמיט איינשטילן זיך אַליין:

„ווער ווייסט? אפשר איז שוין גלייכער גאָרנישט צו טאָן און לאָזן גיין אַלץ, ווי ס׳גייט? אפשר איז גלייכער צו ליידן אַלע יאָרן שטיל אין זיך... אָט אַזוי אין בעט ליגנדיק... ליידן און שווייגן".

שמואליקן האָט זי נישט ליב. זי האָט קיינעם נישט ליב. ס׳ציט זי אַמאָל צו נתן העלער, נאָר זי גלויבט דעם געפיל נישט. און מוטערס האָבן דאָך ליב זייערע קינדער. ווער ווייסט? מעגלעך, אַז דאָס קינד וועט זי ליב האָבן... זי וועט זיין אַ מאַמע.

און זי האָט עטלעכע טעג געליטן שטיל און איז נישט אַרויס־געגאַנגען פון שטוב. זי האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי זי וועט זיין אַ מאַמע.

עמעצער וועט שוין געוויס פון איר, ווי פון מרים ליובאָשיץ, לאַכן. „וואָס איז פון איר געוואָרן? וועט ער זאָגן, אַ ניאַנקע איז פון איר געוואָרן״. נאָר זי וועט זיך נישט אומקוקן און וועט גאָרנישט הערן. איינגעבויגענערהייט וועט זי נאָר דעם קינד פוס־טריט נאָכגיין און וועט מורא האָבן נאָר פאַר איין זאַך:

„אוי, ווײ... דאָס קינד זאָל, חלילה, נישט פאַלן״.

---

איז אָבער שוין אינגיכן געווען אַזאַ שיינער פראָסטיקער זונטאָג. און דער שנײ האָט אין אים דאָס ערשטע מאָל מיט צווײ מאָל ווייס אָקעגן דער שטראַלנדיקער זון געשווינדלט, און די קלײטן זענען אין אים דורכאויס צוליבן גוישן יום־טוב געווען געשלאָסן.

איבער דער פראָסטיק־ווייסער שטאָט האָבן זיך פיל אייגענע און געדונגענע שליטלעך געיאָגט. און די מעשה, וואָס דער באַגייטער דרויסן האָט דער אַרומיקער פעלדער־שטילקייט דערציילט, איז באַשטאַנען דורכאויס פון אָפּגעשוואַכט־ווייטן גלעקער־קלאַנג און פון אַ פריילעכן פערדישן ניס, וואָס אַ לויפנדיק שליטל האָט ערגעץ־ווו פאַר־לאָרן.

מירל איז אײנע אַליין אין פענצטער געשטאַנען. קיין ווילן האָט זי שוין אין האַרצן נישט געהאַט, און דער אומעט איז אין איר געווען גרויס. זי האָט געזען, ווי לעבן אַן איזוואָשטשיק, וואָס זיין שליטל איז נאָר וואָס אויסגעליידיקט געוואָרן, שטייט שוין אַ יונג פּאָרל, און האָט שטאַרק חשק סײ צום שליטל, סײ צום נאַסן פערד, וואָס אויף אים פרירט דער שנײ. ביידע, דער בעל־עגלה און דאָס יונגע פּאָרל, לאַכן פון די קליינע געלטער, וואָס זײ קאָנען פאַרן שליטלען זיך פאַרלייגן, און ביידע האָבן הנאה: דער בעל־עגלה — פונם ביינדל, וואָס ער האָט

היינטיקן טאָג אָפּגעלעקט, און דאָס פּאָרל — פונם ערשטן אויסגעפּאַלענעם שניי און פון דעם, וואָס זיי האָבן זיך ליב.

פּאַמעלעך האָט זיך מירל גענומען אָנטאָן, כדי ערגעץ־וווהין פון שטוב אַרויסצוגיין. זי האָט פּאַמעלעך פון שראַנק דעם קאַראַקולענעם סאַק אַרויסגענומען, זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַרטראַכט. אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם סאַק און זיך ווידער פאַרטראַכט. זי איז שוין אַפילו צו דער טיר געווען צוגעגאַנגען, נאָר דאָרטן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַרקוקט אויף דער אייגענער שמאָלער האַנט און אויף די לאַנגע פינגער, וואָס מיט זיי האָט זי דאָס הענטל פון טיר אָנגענומען. פאַר דער לעצטער צייט זענען איר די הענט אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און אַזעלכע גרין־בלויע אָדערן האָבן זיך שוין פון אונטער זייער טויט־בלאַסער הויט אַרויסגעזען. אַ ווײַלע איז זי דאָרטן אַזוי געשטאַנען און אויף דער האַנט געקוקט. און פלוצים האָט זי זיך פאַרקלערט, צוריק אין שלאָפצימער אומגעקערט, זיך אויסגעטאָן און זיך צוריק אין בעט אײַנגעוואַלגערט. ס׳איז שוין געווען אַזוי עקלדיק און שווער און ס׳איז שוין געווען אוממעגלעך צו טראָגן ווייטער אין זיך די אָפּגעשוואַכקייט מיט דער אונטערטעניקייט פון די לעצטע טעג:

„וואָס וויל מען פון איר האָבן?... וואָס וויל מען זי פאַר אַ מאַמע מאַכן?... אַז זי קען נישט זײַן קיין מאַמע... אַז זי וויל נישט האָבן קיין קינד...״

---

אין יענעם זעלבן טאָג איז זי געווען בײַ אידאַן און איז בײַ איר געוואָר געוואָרן, אַז צוויי דאָקטוירים־אַקושערן קענען „עס״ דאָ אין שטאָט מאַכן:

„איינער איז אַן עלטערער קריסט: ער זאָגט פריער אָפּ צוויי שעה מוסר און הייסט זיך נאָכדעם געבן ,דערפאַר׳ נישט ווייניקער פון צוויי הונדערט רובל. און דער צווייטער איז אַ ייד און נאָך אַ יונ־גער. ער נעמט ,דערפאַר׳ נישט מער ווי הונדערט רובל. און מ׳זאָגט, אַז ער מאַכט עס אויך גאַנץ גוט״.

זי איז אויך געווען בײַם ייִנגערן דאָקטאָר, דעם ייד, און האָט מיט אים גערעדט. ענטפערנדיק אויף זײַנע אָנפראַגן, האָט זי געפילט, ווי ער באַליידיקט זי מיטן בליק, מיט זײַנע אומרייִנע מחשבות און

מיטן טאָן, וואָס אין אים וויל ער איר געבן אָנצוהערן, אַז ער נעמט זיך אונטער „דאָס" צו טאָן, נאָר ער קוקט דאָך אויף איר, ווי אויף אַ זינדיקער און פיל נידעריקערער פון זיך, און חזרט דערפאַר נאָכ־אַמאָל איבער:

„אפשר איז זי נאָך אַ פריילין און וויל דערפאַר, אַז קיינער פון אירע אייגענע זאָל זיך וועגן דעם נישט דערוויסן? אים איז דאָס, אייגנטלעך, אַלץ איינס, ער וויל מיט דעם נאָר זאָגן, אַז דאָ אין קאַבינעט איז פאַר אים די סכנה גרעסער, און ער פאָדערט דערפאַר אַ צוויי־ענדיקן לוין".

ער האָט געזאָגט:

„צוויי וואָכן קענען ,מיר' נאָך יעדנפאַלס צוואַרטן און פרוון אַ פּאָר מיטלען, וואָס קענען נישט שאַטן".

ס'האָט זי געשניטן פונם וואָרט „מיר". זי האָט אים פלוצים די רייד איבערגעשלאָגן און אים געגעבן צו פילן, אַז ער איז אַ שאַר־לאַטאַן:

„גוט, ער וועט באַקומען אַ צווייענדיקן לוין".

און נאָכדעם איז זי שוין רויק ביי זיך אין עסצימער געלעגן און האָט געציילט די טעג, וואָס זענען נאָך ביז אָט די צוויי וואָכן געבליבן:

„ווען קומט אויס אָט דער טאָג?.. מאָנטאָג נאָך שבת קומט ער אויס".

און נאָכדעם איז שוין נישט געווען, וועמען צו דערציילן וועגן זיך, וועגן דער נאָענטער סכנה, וואָס שרעקט זי נישט, און וועגן דעם, וואָס איר האָפענונג אויף דעם קומענדיקן לעבן איז שוין געוויס מסופקדיק און קליין. און דאָך ציט נאָך ערגעץ דאָס האַרץ, און פאַרשידענע פּלענער קומען נאָך אויפן זינען אַרויף. און ס'טראַכט זיך נאָך וועגן זיך און וועגן נתן העלערס קאָפּיקע־ציטונג, וואָס האָט שוין די לעצטע צייט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין און איז שוין אַריינגעדרונגען אַפילו צו שמואליקן אין קאַבינעט:

„אָט איז שוין אַפילו ער, נתן העלער... ער האָט דאָך זיך שוין אויך צו עפּעס דערשלאָגן".

דאָרטן אין קאַבינעט איז שמואליק מיט אָט דער ציטונג אונטערן

יאָך פון זײַנע יסורים געזעסן; אַרײַנקוקנדיק אין איר, ווי אַן אבל, האָט ער גאַנצע שעהן געשוויגן, אין זינען געהאַט מירלען און האָט זיך נישט דערוועגט צו גיין און אָנהייבן מיט איר צו רעדן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס פאַסט הפסקות. ס׳רוב איז ער אין גוראַלניע געזעסן. און איז ער אַהער געקומען, איז ער געשלאָפן בײַנאַכט אין קאַבינעט און איז זעלטן־ווען פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען. דער ייִנגערער ליובאָשיץ, דער סטודענט, איז איינמאָל צו אים מיט זײַנע ניין מאָס רייד אַרײַנגעקומען. האָט ער נישט געקענט פאַרליידן, וואָס ער, ליובאָשיץ, רעדט אַזוי לוסטיק און הילכיק, בשעת מירל ליגט אין צווייטן חדר אויף דער קאַנאַפּע, און האָט אים ביי די ערשטע ווערטער אָפּגעשטעלט:

„שאַ... שטילער אַביסל... וואָס איז אויף דיר אַזוינס די שמחה?...״

## XIV

און דער מאָנטאָג איז געקומען.

אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי איז שמואליק מיטן טראַמוויי פון שטאָט אָנגעקומען און האָט דערזען פונדערווייטנס:

מירל שטייט לעבן דער טראַמוויי־סטאַציע אין קאַראַקולענעם סאַק אַקעגן אַ גוי, אַ שטאָט־שליח. זי שיקט מיט אים עמעצן איבער אַ בריוו, און דער גוי, וואָס אין רויטן היטל, שאָקלט צו איר מיטן קאָפּ און הערט אויס די סימנים פונם מענטשן, וואָס אים באַדאַרף ער דעם בריוו אין האַנט אָפּגעבן.

שמואליק האָט זיך צוליב עפּעס צוריק אין שטאָט אַרײַן אומגעקערט. ווען ער איז אַרום דריי אַזייגער אַהיים געקומען, איז נאָך מירל נישט געווען. ער האָט זיך אַ ווײַלע דאָרטן איינער אַליין אַרומגעדרייט, אַרויסגעגאַנגען אין הויף און געהייסן די פור שפּאַנען. עמעצער איז צום פֿאָטער אין שטוב אַרײַנגעקומען און האָט דאָרטן דערציילט. אַז שמואליק פֿאָרט ווידער אין גוראַלניע אַוועק, איז דער מוטער זײַנער דערפון אַזוי מאָדנע געוואָרן. זי איז צו אים אין שטוב אַרײַנגעקומען און האָט אים שוין דאָרטן געטראָפן אינם וועג־פּוטער.

„שמואליק, האָט זי בײַ אים געפרעגט, דו ביסט דאָך אָקאָרשט נעכטן פון גוראַלניע געקומען?"

שמואליק האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

„מאָרגן אינאָווענט, האָט ער געזאָגט, פאַרגייט גרויס־חגא; מ׳באַדאַרף זיך פונאַנדערצאָלן מיט די אַרבעטער".

און באַלד האָט ער זיך צום פענצטער אויסגעדרייט און גענומען שווייגנדיק וואַרטן, די געשפּאַנטע פור זאָל ויאָס גיכער פון הויף אַרויספאָרן.

---

אין יענעם זעלבן טאָג, ווען אין די טונקעלע הייזער פון פאָר־שטאָט האָט מען צו נאַכט־צו לאָמפּן געצונדן, האָט זיך אַ צווייפערדיקער שליטן, אַן עקיפּאַזש, לעבן דער פּאַראַד־טיר פון שמואליקס פּליגל אָפּ־געשטעלט, און אַ גוי, אַ שטאָט־שליח, האָט פון אים מירלען אַראָפּגענומען און זי אונטער דער האַנט אין שטוב אַריינגעפירט, מירל איז געווען צופיל בלאַס און האָט קוים מיט די פיס געפּלאָנטערט. מיט דער הילף פונם גוי, וואָס אין רויטן היטל, האָט זי זיך אין שלאָפצימער פאַר־שלעפט און זיך דאָרטן אָן כוחות אין בעט איינגעוואַלגערט. דאָס איבער־געשראָקענע דינסטמיידל, וואָס האָט איינע אַליין די שטוב געהיט, האָט געוואָלט מאַכן אַ גוואַלד און זיך צו דער שוויגער אין שטוב גע־לאָזט לויפן, נאָר מירל האָט זי שוואַכערהייט אָפּגעשטעלט און זי צום בעט צוגערופן:

„מ׳באַדאַרף נישט... מ׳באַדאַרף נישט... זאָל זי נעמען דאָס בייטעלע, דעם גוי באַצאָלן און זיך נישט דערוועגן קיינעם וועגן דאָס אַלץ אַ וואָרט צו זאָגן".

ס׳האָט זי געשלעפּערט פון שוואַכקייט און פון ווייטיק, און דאָס פּנים איז בײַ איר אַביסל פאַרקרימט געווען. זי איז געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך אַ גאַנצע נאַכט געפּלאָנטערט צווישן די פיל קרענקלעכע געשעענישן פונם איבערגעלעבטן טאָג. ס׳האָט זיך גע־דענקט דאָס שעהן־לאַנגע וואַרטן ביים דאָקטאָר אין אויפנאַמס־חדר, די יונגע דאַמע אין טרויער, וואָס איז דאָרטן געזעסן, דאָס אויפגערעגטע קליינשטעטלדיקע ווייבל, וואָס איז אַלעמאָל מיט שרעק איבערן חדר אַרומגעלאָפן, דאָס נאַריש־שמעוודיקע געלעכטער פון דער פריילין

מיטן אינטעליגענטיש פּנים, וועמען ס'האָט אַהין צו פירן געבראַכט אַן עלטערע יידענע, אַן אַקושערקע. אַלץ האָט זיך געמישט צוזאַמען מיט דער פּראָסטיקער זונען־שיין, וואָס האָט אַהין דורך די צווייענדיקע פענצטער אַריינגעקוקט, און אַלץ איז פאַרשוווּנדן אין יענעם מאָמענט, ווען הינטער איר, מירלען, האָט זיך די טיר פון קאַבינעט פאַרמאַכט. מיט איר איז עפּעס נאָכדעם אינדרויסן געשען. פון די פיס, האָט זיך איר געדוכט, וועט זי באַלד אומפאַלן, און דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט, דענסטמאָל ווען זי האָט פונדערווייטנס דעם גוי, דעם שטאָט־שליח, דערזען. נאָר איצט איז שוין אַלץ פאַרביי, און אינדרויסן איז שוין נאַכט, און זי ליגט שוין דאָ אויפן בעט, ליידט אַביסל פון ווייטיק און געדענקט איין זאַך:

„די סכנה פון טראָגן האָט זיך שוין געפּעלט, נאָר איצט שטייט איר פאַר אַ נייע סכנה. און מעגלעך... זייער מעגלעך, זי זאָל שוין מער פון אָט דעם בעט נישט אַראָפּקריכן...”

---

אויפן דריטן טאָג אינדערפרי, ווען שמואליק איז פון גוראַלניע געקומען, האָט שוין ביי איר דעם צווייטן טאָג פון היץ דאָס פּנים געפלאַמט. די ליפּן זענען איר געווען פאַרטריקנט, און אין גאַנצן חדר האָט זיך אַפילו קיין איינציק רפואה־פלעשל נישט געפונען.

מירל האָט אים פאַר דער האַנט געהאַלטן און אים געבעטן, אַז אַלץ זאָל בלייבן בסוד:

„שמואליק, כ'האָב עס געמוזט טאָן. מיר וואָלטן דאָך ביידע אייביק אומגליקלעך געווען”.

האָט ער שטייענדיק לעבן איר ביים בעט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, אויסגעזען שטאַרק דערשלאָגן און דאָך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„גוט... ס'וועט קיינער וועגן דעם נישט וויסן”.

ער האָט זיך בכלל פאַר דער לעצטער צייט אַזוי איבערגעביטן, שמואליק. ביי טאָג, ווען די מוטער האָט אים אין באַזונדער חדר אָפּגערופן און עפּעס וועגן מירלען אָנגעהויבן זאָגן, האָט ער זיך אָנגעברוגזט און זיך שוין אַפילו בייזערן אָנגעהויבן:

„וואָס וויל מען פון מירלען? יעדערער קומט מיט טענות אַקעגן מירלען”.

און אַליין איז ער נאָכדעם שעהנווייז איבער זיין שטוב אַרומגעגאַנגען און האָט געקלערט וועגן דעם נייעם פּלאַן, וואָס ער באַדאַרף מירלען פאַרלייגן, און וועגן דעם, וואָס ער קען מיט איר ערגעץ-וווהין אָפּפאָרן אויף עטלעכע טעג און אַרויסלאָזן אַ קול, אַז ער האָט זי געגט.

„ער, שמואליק, וועט שוין סיי-ווי-סיי נישט חתונה האָבן. ס'טויג אים נישט זיין לעבן מיט די גרויסע געלטער, וואָס ער פאַרדינט — וועט ער כאָטש וויסן איין זאַך: ערגעץ-ווו געפינט זיך מירל, און ער שיקט איר אַרויס אויף צו לעבן... ער איז גרייט איר אַרויסשיקן אויך דעם גט אין יעדער מינוט, וואָס זי וועט אים באַדאַרפן".

אויף מירלס נאָמען זענען דערווייל צום אַלטן זיידענאָווסקין אין שטוב פיל טעלעגראַמעס פון ערגעץ אָנגעקומען. אַלעמאָל האָט מען אַהין אין שטוב שמואליקן גערופן און זיך מיט אים וועגן די טעלעגראַמעס געסודעט. שמואליק איז געווען דערשראָקן, געלייענט יעדער נייאָנגעקומענע טעלעגראַם מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און איז צולעצט ערגעץ אין גרויס איילעניש מיטן שנעלצוג אַוועקגעלאָפן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך צוריק אומגעקערט מיט אַ בלאַס פּנים און מיט שטאַרק רויטע אויגן. ער האָט, אַפּנים, ערגעץ שעהן-לאַנג געוויינט. מירל איז דענסטמאָל מיט אַן אָפּגעשוואַכט פּנים אין בעט געזעסן און קיין היץ האָט זי שוין נישט געהאַט. זי איז געווען פאַרקלערט, געקוקט אין פענצטער און ביי אים גאָרנישט נישט געפרעגט. און ער איז געשטאַנען אַקעגן איר מיט אַ דערשלאָגן אויסזען, זיך פאַר עפּעס געשראָקן און איז געווען גרייט צו זאָגן דעם צוגעגרייטן ליגן:

„כ'בין געווען ביי דער מומע פערל, בין איך געווען. אַ זון האָט זיך, נעבעך, ביי איר געפעלט".

אינאָוונט איז געקומען דער יונגער און וווּקסיקער דאָקטאָר, דער שאַטען. ער האָט זיך געהיט פאַר אַ פרעמד אויג, אָט דער דאָקטאָר, דערפאַר איז ער געקומען ביינאַכט, זיך ביים אַריינגאַנג אַרומגעקוקט, ווי אַ גנב, און איז ביי מירלען אין חדר נישט מער ווי אַ מינוט צוויי געזעסן.

„אַלץ איז אין אָרדנונג, האָט ער געזאָגט, מאָרגן וועט מירל מעגן פון בעט אויפשטיין".

ער האָט זיך געאײַלט און זיך באַלד אַוועקגײן געלאָזט. שמואליק האָט אים, ווי אַ גוטן־ייִד, פֿון שטוב אַרויסגעבאַגלייט און דעם לאָמפּ פֿון קאַבינעט מיטגעטראָגן. האָט ער אויף אים מיט זײַנע דורכגעטריבענע אויגן אַ קוק געטאָן און אים געהייסן דעם לאָמפּ אַוועקשטעלן:

„אַ יאָלד אַ מאַן בײַ איר, האָט ער וועגן מירלען אַ טראַכט געטאָן, שוין, אַפּנים, גאָר אַ קליינער חכם".

נאָר שמואליק איז געווען פֿאַרטומלט און האָט שוין גאַנצע פֿינף־און־צוואָנציק רובל גרייט געהאַלטן. האָט ער מיט איין האַנט די אַסיגנאַציעס בײַ אים אַ ריס געטאָן און די צווייטע האַנט אים אויפֿן אַקסל אַרויפֿגעלייגט.

„אַ ווײַבל בײַ אײַך, האָט ער אים אין איילעניש אַ חנפֿע געטאָן, אַ שטאַרקס... הלוואי אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן".

---

צו טאָן איז שוין איצט געבליבן גאָר אַ קלייניקייט:

מ'האָט באַדאַרפֿט אַרײַנגײן צו שמואליקן אין קאַבינעט, אים דאָרטן אויף אַ רגע מבטל זײַן פֿון זײַנע חשבונות און פּלוצים אָנהייבן צו אים רעדן:

„שמואליק, מאָרגן פֿאָרן מיר אין שטאָט, וואָס ליגט אַראָפּ טייך".

נאָר אַליין איז זי נאָך אַזוי שוואַך פֿון דער שלאָפֿקייט געווען, און שמואליק איז דערצו אין איינעם אַ פֿאַרטאָג פּלוצים קיין וואַרשע אַוועקגעפֿאָרן און איר געלאָזט בײַ דעם דינסטמיידל אַ בריוו, ווו ער האָט איר זײַן נײַעם פּלאַן פֿאָרגעלייגט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער צוליב אָט דעם בריוו נישט געשלאָפֿן, אים פֿיל מאָל איבערגעשריבן און פֿיל מאָל איבערגעלייענט. ער איז געבליבן פֿון אים צופֿרידן, און דערפֿאַר שוין ביזן פֿאָרן נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. און מירל האָט נישט מער ווי די ערשטע עטלעכע שורות דורכגעקוקט און דערשטוינט בײַ דעם דינסטמיידל געפֿרעגט:

„וואָס?"

און נאָכדעם האָט זי דעם בריוו צוריק אין קאָנווערט אַרײַנגעלייגט און אים צוריק דעם דינסטמיידל אָפּגעגעבן. געטאָן האָט זי עס אַזוי פּאַמעלעך. זי איז בכלל געווען רויִק און האָט איצט נאָך דער

שלאַפקייט מער ווי שטענדיק געדולד געהאַט. זי האָט זיך פּאַמעלעך צו די קרעפּטן אומגעקערט און רויק געוואַרט אויף דער צווייטער וואָך, ווען זי וועט זיך שוין אײַנגאַנצן געזונט פילן, און שמואליק וועט צוריק פון וואַרשע קומען.

אַלע בייטאָג האָט זי זיך אָנגעטאָן אינם סאַק מיטן שוואַרצן שאַרף. צו גיין אין שטאָט אַריין איז זי נאָך געווען צו שוואַך, איז זי געשטאַנען אינדרויסן לעבן די טרעפּלעך פון איר פּאַראַד־טיר, פּאַמעלעך אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק און אַרויסגערופן בענקשאַפט ביי פאַר־מעגלעכע געשעפטס־מענטשן, יונגעלייט, וואָס זענען דאָ מיטן וועג אויף זייערע אייגענע און געדונגענע דראָשקעס דורכגעפאָרן. אַלע האָבן אַהער געדרייט די קעפּ און פון איר די אויגן נישט געקענט אָפּרייסן, און אַלע האָבן זיך דערביי געפילט אַזוי מאָדנע, גלייך זיי וואָלטן נאָך קיינמאָל נישט געזינדיקט, און זי וואָלט זיי יאָרן־לאַנג, ווי אַן אומבאַ־קאַנטע כלה, צו חלום געקומען.

ביים שווער אין שטוב האָט מען שוין געוווּסט, וואָס זי האָט פאַר די לעצטע צוויי וואָכן אָפּגעטאָן. די שוויגער האָט זיך דאָרטן אָפּט אינמיטן העלן טאָג מיט איר מאַן מייחד געווען. געזעסן אַקעגן אים מיט אַ פלאַמענדיק פּנים און פאַרדראָסיק־אונטערגעקליבענע נאָז־לעכער און האָט זיך שיער נישט געעקלט פון פאַרדראָס און אומבאַהאָלפנקייט:

„איך זאָג דיר: אַפילו ביי די גויים איז שוין זעלטן אַזאַ מין אויסוואָרף".

און זי האָט זיך דענסטמאָל אַרומגעדרייט ביי זיך אין חדר, גע־דענקט דאָס טראָגן, וואָס זי איז פון אים ניצול געוואָרן, און האָט שוין ווידער ווינציק געגלויבט אינם נייעם לעבן, וואָס איר שטייט פאָר. זי האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו גיין אין שטאָט אַריין און איז שוין דאָרטן נאָכאַמאָל אויף גאַנצע אָוונטן פאַרפאַלן געוואָרן, צום אָנהייב האָט קיינער נישט געוווּסט, וווהין זי גייט און ביי וועמען זי פאַרברענגט, נאָר סוף־כל־סוף האָט זי עמעצער פון איר מאַנס קרובים באַגעגנט אויף דער גאַס, ווו ס'געפינט זיך נתן העלערס קוואַרטיר, און ביי דער שוויגער אין שטוב האָט מען שוין וועגן דעם גערעדט אָפן און קלאָר:

„וואָס פאַר אַ שאלה? אַז יענע איז אַן אויסוואָרף... אַז זי האָט

אים נאָך פון מיידלוויִיז לִיב, דעם בחור, און זיצט ביי אים איבער גאַנצע אָוונטן".

---

שמואליק האָט זיך אין איינעם פון אָט די טעג פון וואַרשע אומגעקערט, זיך געהייסן איבערטראָגן זיין בעט אין קאַבינעט אַריין, אויפגעהערט צו גיין צום פּאַטער אין שטוב און בכלל אָנגעהויבן לעבן, ווי אַ פּרוש. אין זיין שטילער אויפפירונג און דערשלאָגן אויסזען האָט זיך שוין איצט געפילט עפּעס פאַרעקשנטס און שטומס, און געדוכט האָט זיך, אַז אַרומשפּאַנענדיק ביי זיך אין חדר, געפינט ער זיך גלייכצייטיק ערגעץ ווייט, ווייט, איבער אַ הונדערט-מיילעדיקער שטרעקע. אידאַ שפּאָליאַנסקי האָט אים איינמאָל אין שטאָט באַגעגנט און ווען גט ביי אים געפרעגט, האָט ער איר געענטפערט אַזוי קאַלט און שטיל:

„ווער ווייסט?... ס'קען זיין, ס'זאָל זיך נאָך אינגאַנצן איבער-דרייען".

אידאַ האָט דענסטמאָל דורכן טעלעפאָן מירלען אַרויסגערופן, אַרומגעגאַנגען מיט איר ביז פאַרנאַכט איבער די שטילע גאַסן און איר עס איבערדערציילט:

„אָט וועסטו זען... איצט גיט איר שוין שמואליק קיין גט נישט".

מיט איר אַבראַמען איז דאָך צוריק מיט פיר יאָר פּונקט דאָס זעלבע פאָרגעקומען. אינגאַנצן די צייט איז ער געווען גרייט איר גט צו געבן, נאָר ווען ס'איז געקומען צו דער רעכטער מינוט, איז ער אויף אַ גאַנצן חודש פון דער היים אַוועקגעפאָרן און האָט איר איבערגע-געבן דורך זיין קלענערן ברודער זיאַמען:

„לעת-עתה באַדאַרף נאָך אידאַ דעם גט נישט האָבן, און אַז ער וועט איר נויטיק זיין, וועל איך איר אים אין משך פון צוויי שעה צו-שטעלן".

---

מירל איז אין יענעם אָוונט מיט אַן אומעטיק און אויסגעמאַ-טערט פּנים צו העלערן געקומען, געלעגן לענגער ווי אַלע מאָל, אויף זיין קאַנאַפּע און איז מער, ווי תמיד, פאַרטראַכט געווען. ס'איז געווען קלאָר: גיין גייט זי אַהער נישט צוליב העלערן, נאָר צוליב זיין שטילן

צימער, ווו זי קאָן רויק וועגן איר קומענדיק לעבן טראַכטן. זעלטן ווען האָט זי דאָ אין חדר די שטילקייט איבערגעריסן, זיך געהייסן אונטער־שפרייטן איר ווייס טיכל אויפן קישן, דערפאַר וואָס העלערס ציכל איז שוין נישט גאָר ריין געווען, זיך צוריק אַוועקגעלייגט און האָט איינע און די זעלבע ווערטער איבערגעחזרט:

„ס'איז איר גוט דאָ אין צימער... זי האָט זיך, דוכט זיך, אין ערגעץ אַזוי גוט נישט געפילט".

און דער עיקר גוט איז איר שוין דאָ, אַפּנים, געווען, נאָר דער־פאַר, וואָס ער, העלער, האָט, סוף־כל־סוף, שכל באַקומען און האָט מער וועגן חתונה האָבן מיט איר נישט גערעדט.

זי האָט דערציילט:

„ס'הייבט זי לחלוטין נישט אָן צו אַרן דאָס, וואָס אידאַ האָט איר איצט דערציילט".

ס'איז געגנוג, זי, מירל, זאָל שמואליקן איין וואָרט זאָגן, און ער וועט איר באַלד געבן גט. ס'איז מער נישט:

מיט אַנדערהאַלבן חדשים צוריק האָט זי אַזוי קלאָר געוווּסט, צוליב וואָס זי באַדאַרף דעם גט האָבן, איז איצט ליגט זי און טראַכט וועגן די מעשים, וואָס זי האָט ביז היינטיקן טאָג אָפּגעטאָן:

אַלץ, וואָס זי האָט ביז היינטיקן טאָג אָפּגעטאָן, איז געווען נישט פון אייגענעם ווילן, נאָר מחמת נייגעריקייט און רחמנות.

זי אַליין האָט אַזוי ווינציק פון איר לעבן הנאה געהאַט, זי וואָלט, בעצם, איצט געמעגט אַלט זיין אַכצן יאָר. נאָר ווען זי וואָלט איצט באמת אַכצן יאָר אַלט געווען, וואָלט איר דאָך קיין נייער שריט אין לעבן נישט פאָרגעשטאַנען, און איר וואָלט ווידעראַמאָל געבליבן נישט מער, ווי רחמנות האָבן אויף איר פאָטער און אויף זיך, חתונה האָבן נאָכאַמאָל מיט שמואליקן, זיך מיט אים גטן און ווידער ליגן און טראַכטן:

„נו, גוט: זי האָט זיך שוין מיט אים געגט. און וואָס וועט זי טאָן ווייטער?"

העלער האָט אַריינגעלייגט די הענט אין די הויזנטאַשן און געגומען אַרומשפּאַנען איבערן חדר. ער איז געווען פול מיט דערוואָרגענעם פאַרדראָס:

„ער איז דאָך ביי איר גאָרנישט... קומען קומט זי דאָך אַהער נישט צוליב אים, נאָר צוליב זיין קאַנאַפּע און צוליב זיין שטילן חדר, ווּ זי קען רויק וועגן זיך טראַכטן. קיין פרוי האָט זיך נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל מיט קיין מאַנסביל אַזוי נישט געפירט".

ער האָט איר נאָכגעקוקט, בשעת זי האָט זיך אָנגעטאָן, בשעת זי האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, און בשעת ער האָט זי אינדרויסן באַגלייט. זי איז געווען פאַרטראַכט, האָט ער געהאַט פאַר איר דרך-ארץ.

און נאָכדעם האָט ער שוין ווידער געוואַרט אויף איר אַלע אָוונט ביי זיך אינם שטילן גרין-באַלויכטענעם חדר און געבענקט נאָך איר ווי מ'בענקט נאָך אַ פרוי, מיט וועמען מ'האָט נישט לאַנג געהאַט כשרע, לאַנג-ערוואַרטעטע חופה-וקידושין. די לופט האָט דאָ אין חדר מיט איר ריח געשמעקט. ס'האָט געצויגן צום אָרט, ווּ זי איז דאָ געלעגן, און צו איר דערוויטערטן אומעטיק פּנים, און געדענקט האָט זיך, אַז איבער איר האָט ער אַמאָל דאָס גרייטן זיך צום קאָנקורס אָפּגעלאָזן; אַז די געוועזענע כּלה זיינע האָט שוין אינגיכן דאָ אין שטאָט חתונה פאַר עפּעס אַ יונגן אַלמן, אַ יוריסט; אַז די געשעפטן זיינע אין דער קאָפּיקע-צייטונג גייען שלעכט, און אין שטאָט רעדט מען שוין וועגן דעם:

„זי האַלט זיך נאָך אויף מיט נסים, די קאָפּיקע-צייטונג, און וועט זיך שוין אינגיכן אינגאַנצן אָפּשטעלן".

---

נאָר מירל איז שוין צו אים געקומען סך-הכּל איין מאָל, און נישט מער, ווי אויף עטלעכע מינוט. זי איז געווען געדריקט און דערשלאָגן, נאָך אַ שטאַרק אומאָנגענעמער סצענע, וואָס איז פריער אַביסל צווישן איר מיטן מאַן צוליבן גט פאָרגעקומען, און האָט נישט געוואָלט וועגן דעם דערציילן. אַ פאָר מאָל האָט זי זיך נאָר דאָ אין חדר מיט אירע געדאַנקען דורכגעשפּאַנט.

זי האָט נישט גערעדט, די קאַלאָשן מיטן סאַק נישט אויסגעטאָן, און אַז זי האָט אַראָפּגעשלונגען, איז דאָס איר אָנגעקומען שווער, ווי אַ מענטש, וואָס פּאַסט. נישט אומקוקנדיק זיך צו אים, האָט זי זיך באַלד צוריק אַוועקגיין געלאָזט. ער האָט זי געוואָלט באַגלייטן, האָט זי אים

געהייסן דאָ אין שטוב בלייבן. ער איז איר דאָך אינדרויסן נאָכגעגאַנגען, זי אָנגעיאָגט ביים נאָענטן קוואַרטאַל און איר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, וואָס ער אַליין האָט שוין אין זיי נישט געגלויבט:

„איינער וויל ביי אים די קאָפּיקע-צייטונג אָפּקויפן און לייגט אים פּאָר פינף טויזנט רובל... זיי וואָלטן געקענט אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד... ס'וואָלט אפשר קלעקן, ביז ער וועט דאָרטן אויף אינזשענער ענדיקן".

זי האָט זיך צו אים ווידער נישט אומגעקוקט, געמאַכט גיכע טריט און נאָר מיט די אַקסלען אַ צי געטאָן. איז ער צולעצט געבליבן שטיין און שוין פונוויטנס געזען, ווי זי זעצט זיך אַריין אין טראַמוויי און פאָרט צוריק צו איר שטוב, וואָס זי האָט פיינט.

אַ צווייט מאָל האָט ער זי באַגעגנט אין גאַס לעבן גרויסן און רייכן הויז, וווּ ס'וווינט איר מאַנס קרוב מאָנטשיק. זי איז געגאַנגען מיט אַ דאַמע אַ ברונעטין, וועלכע האָט אויסגעזען מיט אַ פינף-זעקס יאָר עלטער פון איר, אַפּנים, איר געשוועסטערקינד אידאַ שפּאָליאַנסקי איז דאָס געווען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט דעם הוט אַראָפּגענומען. זי האָט אים באַמערקט, נאָר זי האָט, ווי פריער, געקוקט צו דער דאַמע, צו איר עפּעס געזאָגט און איז אַזוי גאָר נאָענט פאַרביי אים אַדורכגעגאַנגען. איר פיגור האָט אויסגעוויזן אַזוי פאַרעקשנט און שטרענג, און דערציילט האָט זי אָן לשון וועגן איר, דער בת-יחידיש אומגליקלעכער: זי האָט טאַקע נישט קיין אָרט אין לעבן, נאָר זי איז אין עפּעס איינגעשפּאַרט און האָט נישט קיין רחמנות נישט אויף זיך און נישט אויף קיינעם.

זי האָט זיך פאַרקערעוועט לעבן איינעם אַ קוואַרטאַל און איז דאָרטן צוזאַמען מיט איר באַקאַנטער דאַמע פאַרשוווּנדן געוואָרן. האָט ער דאָ אויף זיין אָרט אַ זיפץ געטאָן, אָנגעטאָן צוריק זיין הוט און גענומען שפּאַנען ווייטער זיין וועג.

ער האָט באַדאַרפט אַריינגיין צו מאָנטשיק זיידענאָווסקי, זיך פילן לעבן אים שלעכט, ווי לעבן מירלס מאַנס אַ קרוב, און אים דאָרטן זאָגן:

„אפשר קאָן ער פאָרט פאַר זיין קאָפּיקע-צייטונג אַ שותף מיט געלט קריגן..."

מאָנטשיקס שרייבטיש איז אַ נידעריקער, אַ שווערער און אַ ברייטער. אַחוץ די פאַרשידענע שווערע זאַכן, געפינען זיך אויף אָט דעם טיש די בילדער פון זיין געשטאָרבענעם פאָטער און פון מירלען, וואָס שטייען אין צוויי באַזונדערע לעדערנע רעמלעך און קוקן גלייך צו אים, דעם יונגן באַלעבאָס. פאַרקוקט זיך מאָנטשיק טיילמאָל אויפן בילד פון דער לעצטער, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף אַ האַנט און באַקומט גרויסע אויגן:

„עפּעס טוט זיך מיט מירלען...״

נאָכן לעצטן מאָל, וואָס ער האָט זיך מיט איר אין גאַס באַגעגנט און זי איבער דער קייטן־בריק באַגלייט, איז צו אים געקומען אַ שטאָט־שליח מיט אירן אַ בריוו; זי האָט געבעטן, ער זאָל איר צוויי הונדערט רובל אַנטלייען. און נאָכדעם זענען אים שוין די צוויי הונדערט רובל אָנגעקומען צוזאַמען מיט שמואליקס אַ צעטעלע, וואָס אין אים איז געשטאַנען:

„ש״ב היקר מו״ה מאָנטשיק! חן, חן לך בעבור הג״ח שנתת לרעיתי מירעלע תי׳.

פון עסצימער קומט צו אים אַריין זיין קליין עלף־יאָריק ברודערל, איז ער אים מכבד אויפן קול:

„אַ, ר׳ ליאָליע!... וואָס וועט עפּעס זאָגן אַ ייד ר׳ ליאָליע?״

ליאָליע האָט איינאיינעם מיט אים פיינט די שקצים, וואָס קומען צו דער שוועסטער דער זינגערין, און קען, ווי ער, איר קוויטשעריי נישט פאַרליידן, מאָנטשיק האָט אים ליב, דערפאַר וואָס ער איז אַ געשטעלטער און אַן אויסגעדאַרט יידעלע, האָט אַ גוטן קאָפּ, כאַפּט אָפּט די שוועסטער אין אַ ליגן און, דער עיקר, דערפאַר, וואָס פון אים, ליאָליען, וועט שוין געוויס עפּעס זיין. ער האָט אים אויך ליב דערפאַר, וואָס מירל האָט אים אַמאָל געזען, אָט דעם ליאָליען, געזאָגט, אַז ער געפעלט איר, און האָט אים איבערן קעפּל אַ גלעט געטאָן. נעמט ער אים אָן פאַרן הענטל, פרעגט ביי אים עפּעס, דערנסטמאָל ווען זיינע אויגן קוקן אין אלכסון אויף מירלס בילד, און דער מוח טראַכט דאָס זעלבע, וואָס פריער:

„עפּעס טוט זיך מיט מירלען".

---

און איינמאָל אַרום דריי אַזייגער בײַטאָג איז ער פֿאַרטראַכט בײַ אַ דעם טיש געזעסן און האָט מיט אַ מיד קול געענטפֿערט אַ „גוטן טאָג" דעם לעצטן פֿון די פּאָר מנינים קליענטן, וואָס האָבן זיך בײַ אים פֿון פֿרימאָרגן אָן געפּראַוועט.

דער קאָפּ איז בײַ אים געווען מאַט און פֿול מיט די טומלדיקע געשעענישן פֿון נעכטיקן איבערגעלעבטן טאָג. דאָרטן, אין פֿאָרשטאָט, בײַם פּעטער יעקב־יוסלען אין שטוב האָט דעם צווייטן טאָג די גאַנצע משפּחה זיידענאָווסקי געקאָכט און געזאָטן, און מירל איז שוין דאָרטן דעם צווייטן מעת־לעת נישט געווען און האָט שוין געוווינט אין האָטעל, וואָס אויף דער שטילער בולוואַר־גאַס. עלף אַזייגער אינאָוונט האָט מען אַהין די מוטער זיינע, די מומע אסתּר, אַרויסגערופֿן און איר דורכן טעלעפֿאָן איבערגעגעבן אויפֿגערעגטע ידיעות וועגן דעם, וואָס דאָרטן אין דער איבערגעפֿולט־צעשראָקענער שטוב קומט פֿאָר:

„שמואליק איז פֿאַרשווּנדן... פֿון נעכטן פֿאַרנאַכט אָן איז ער פֿאַרשווּנדן... מ'האָט אים שוין געזוכט... אומעטום אין שטאָט האָט מען אים שוין געזוכט. אַ ?... אין גוראַלניע ?... אין גוראַלניע אויך".

מאָנטשיק איז געלעגן אויסגעטאָן אין בעט און האָט ביז דריי אַזייגער אויף דער מוטער געוואַרט. ס'האָט אים געשאָסן אין קאָפּ, און די גאַנצע שרעק, וואָס דאָרטן בײַ די זיידענאָווסקיס אין שטוב, איז דאָ אין אים געווען טיף פֿאַרגראָבן. ער האָט נישט גערעדט, נאָר בײַ אים אין מוח האָט זיך שוין עפּעס געדרייט וועגן דעם, וואָס דאָרטן קומט איצט פֿאָר און וואָס בײַ אַלע קרובים ליגט דאָרטן אויף אים, מאָנטשיקן, אַ חשד, און ס'איז דאָך נאַריש... ער קען איצט אַהין נישט קומען.

אַרום פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג האָט זיך די מוטער פֿון דאָרטן אומגעקערט. ער האָט איר אַליין אין די אונטערשטע וועש די טיר געעפֿנט און איז נאָכדעם לאַנג געזעסן בײַ איר אויפֿן בעט. זיין צעטראָגענער מוח איז בשעת מעשה געווען פֿול מיט פֿלינקער אַרבעט, און די מוטער האָט דאָך צייט געהאַט... זי האָט שוין, אַפּנים, אויך געוווּסט וועגן חשד,

וואָס פאַלט אויף אים, און האָט שוין גאָר פאַמעלעך דאָס מרה־שחורהדיקע בייעס איבערגעגעבן:

„וואָס נו?.. ער איז נישטאָ, שמואליק, און מ׳האָט מורא, אַז ס׳איז מיט אים עפּעס געשען".

...אַז יענער טוט אָפּ אַזעלכע מעשים:

באַלד נאָך „יענערס" אַוועקגיין האָט ער אינדרויסן צוגעקלעבט אַ בלעטל, אַז די שטוב פאַרדינגט זיך, און אַז דאָס מעבל פאַרקויפט ער, און אַ בריוו, זאָגט מען, האָט ער צו די פאָטער און מוטער געלאָזט. זיי שעמען זיך, אַ סברה, אַט דעם בריוו צו באַווייזן...

„אידאַ שפּאָליאַנסקיס שוואָגער דערציילט, אַז ער האָט אים נעכטן פאַרנאַכט געזען זיך אַרומדרייען לעבן קראָמאָווסקיס אַפּטייק. איצט האָט עמעצער איבערגעלייענט אין דער אָוונט־צייטונג, אַז אין שפּיטאָל־וועלדל האָט מען אַ געהאָנגענעם געפונען, איז מען אָקאָרשט נאָר וואָס אין אַנאַטאָמישן טעאַטער אַוועקגעלאָפן".

מאָנטשיק איז איינגעשלאָפן מיטן טאָג־ליכט, און געחלומט האָט זיך אים, אַז ער וווינט אין דעם זעלבן האָטעל, וואָס מירל, אין צווייטן חדר וווינט ער דאָרטן, און זעט דורכן פענצטער, ווי שמואליק דרייט זיך דאָרטן אַהין און צוריק איבערן טראָטואַר אַרום.

איצט, נאָכן האַלבן טאָג אַרבעט, איז ער שוין געווען אַזוי מיד און פאַרטראָגן. און געדענקט האָט ער שוין, אַז ס׳איז אַ נאַרישקייט, אַט דאָס, וואָס, אויפשטייענדיק פון שלאָף, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער מוז נאָך היינט צו מירלען אין האָטעל אַריינגיין, און אַז מירל וועט מיט זיין קומען שטאַרק צופרידן ווערן. ער האָט נאָך באַדאַרפט זיין אין די בענק און זיך אויפן בירזשע־ראָג מיט עטלעכע מענטשן זען. האָט ער אין איילעניש די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן אין פייער־קאַסע פאַרשלאָסן און געכאַפּט אויף זיך דעם פּאַלטאָ. נאָר אינדרויסן ביי דער טיר איז ער פּלוצים אַזוי בלאַס און פאַרשטיינערט געוואָרן, גלייך ער וואָלט פאַר זיך אַ בלאָנזשענדיקן מת דערזען: אַקעגן אים אויפן טראָטואַר איז געשטאַנען שמואליק מיט זיין מאַנז־געל ערדיש פּנים; ער האָט נישט געוואָלט זאָגן, וו ער האָט זיך די לעצטע צוויי נעכט אַרומגעוואַלגערט, און איז איצט אָנגעקומען צו אים, מאָנטשיקן, נאָך אַ טובה:

„צוריק מיט צוויי טעג, האָט ער דערציילט, איז מירל פון שטוב אַוועקגעגאַנגען און האָט ביי אים קיין געלט נישט געוואָלט נעמען... ער האָט זי געבעטן, נאָר זי האָט נישט געוואָלט און איז אַוועקגעגאַנגען... און איצט... אפשר וואָלט איצט מאָנטשיק אַריינגעגאַנגען צו איר און וואָלט זי בעטן, זי זאָל נעמען געלט..."

## XVI

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אַ וווּקסיקער יונגערמאַן אין אַ שוואַרצן האַרבסט־מאַנטל און שטאַרק־ברייטן אויסלענדישן הוט אַרויסגעגאַנגען פון אַ הויז מיט מעבלירטע צימערן, וואָס אויף דער צענטראַל־גאַס, און האָט זיך פּאַמעלעך געלאָזט גיין אַראָפּ, צו דער קייטן־בריק פון פּאָר־שטאָט.

דאָס איז געווען הערץ, דער אַקושערקעס באַקאַנטער, הערץ.

זעקס וואָכן נאָכאַנאַנד האָט ער ביי זיך אין פּאַרוואָרפענעם שטעטעלע געשמייכלט פון מירלס בריוו, וואָס אין אים האָט זי אים געבעטן קומען, און איצט איז ער שוין אַהער אַראָפּגעפאָרן, ווי אויף אַ ווערטל און גלאַט אַזוי. אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג, ווען ער האָט זיך דאָ אין שטאָט אינם מעבלירטן צימער אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז ער איז נאָך אַ בחור; אַז ער איז שוין אַלט צוויי־און־דרייסיק יאָר, און אים אַליין געפעלן שוין צייטנווייז נישט פיל פון די אייגענע אָנגעשריבענע זאַכן; אַז מירל, וועמען ער האָט, פאָרנדיק אַהער, אין זינען געהאַט, האָט דאָ אין שטאָט אַ מאַן, אַ שטוב מיט אַ גאַנצער משפחה קרובים. און ס'קומט אים דאָך... ס'קומט אים אָט דאָס, וואָס בשעת ער טוט זיך איצט אָן, לאַכט ער אָפּטמאָל אויפן קול און מאַכט חוזק פון זיך אַליין.

עטלעכע טעג האָט ער זיך דאָ איבער די גאַסן אַרומגעדרייט און האָט געהאַט דערביי אַ שמייכלדיק פּנים.

„וואָס טוט ער דאָ אין שטאָט?"

ס'איז מער נישט: ער איז שוין דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַהער געקומען, איז כדאי געווען באַטראַכטן דעם בוי פון די הייזער און טעאַטער, זיך אַראָפּלאָזן צו דער קייטן־בריק, זיך דאָרטן אָפּשטעלן לעבן

שקצים, וואָס קייען יעדערן און צוזאַמען מיט זיי זען, ווי דאָס אייז פונם ברייטן טייך איז שוין אויף שטיקער צעשפּאָלטן און וואַרט אין גרויס שטילקייט עפּעס אויף אַ ידיעה פון דער ווייט.

---

און איינמאָל האָט ער זיך דאָך ווייטער פון קייטן-בריק איבער דער פאַרשטאָט געלאָזן גיין און ווידער גענומען שמייכלען פון מירלס בריוו, וואָס ליגט ביי אים אין טאַש.

ס'איז געווען נאָענט צו פּורים, און דער ליכטיקער טאָג האָט געשפּינט זיין וואַרעמקייט פון גאָרער זונעז-שיין און פון זויבערער פאַר-פסחדיקער לופט. רעדער פון לויפנדיקע דראָשקעס האָבן הילכיקער ווי תּמיד אָן די פריש-אָפּגעדעקטע שטיינער געקלאַפּט, און פון דער זון איז שוין צו פאַרנאַכט-צו אַ טייכל פון צעלאָזטן זילבער געוואָרן און גע-שטראַלט אַהין צו די נאָענטע און ווייטע בערג, וואָס אַרויס דער שטאָט:

„דער עיקר זענען זיי, די שוואַרצע ערד-פלעקן, וואָס שמעלצן זיך דאָרטן צווישן צעגייענדיקן שניי".

דענסטמאָל זענען אויף די גאַסן-בוימער צוויטשערנדיקע פייגעלעך פון די כלים אַרויס, און ערציערינס האָבן זיך מיט זייערע קינדער אַהיים אומגעקערט. און אין דער לופט האָט געגומען שמעקן מיט גרינגן פראָסט, מיט יונג-מיידל און מיט שמחה פון קליינשטעטלדיקע קינדער, וואָס הערן שוין אויף „גיין ביינאַכט".

הערץ האָט געטראָפן שמואליקס פליגל פאַרשלאָסן און פוסט און האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ דורכגייענדיקער ייד האָט אים אָנגעוויזן צו די זיידענאָווסקיס אין דער גרויסער שטוב, איז ער אַהין אין פעדער-שטיבל אַריינגעקומען און האָט זיך אויף מירלען נאָכגעפרעגט.

ביי די זיידענאָווסקיס אין עסצימער האָט מען דענסטמאָל געקלעבט פּורים-גרעט און האָניק-פאַרפל. דער גאַנצער לאַנגער טיש איז דאָרטן געווען פאַרפלייצט מיט שטוב-מענטשן, מיט יונגוואַרג און מיט קרובות. מ'האָט נישט געקענט איבערטראָגן פונם קליינעם קלייענדיקן יינגעלע, וואָס שטופּט די הענט אין די וואַרעמע האָניק-פאַרפל, און עמעצער האָט דאָרטן אָנגעשריגן אויף אים אויפן קול:

„פע, דו!... וואָס לעקסטו די פינגער?"

צום אָנהייב האָט דאָ הערצן אין פּעדערשטיבל דאָס דינסטמיידל באַגעגנט. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס אים צו ענטפערן, און איז מיט זיין שאלה אין עסצימער אַוועק. און באַלד האָבן זיך אַהער פון עסצימער מער פון אַ מנין מענטשן אַ לאָז געטאָן. זיי האָבן טונקל געמאַכט די שיין, וואָס אין קליינעם חדר, און האָבן נייגעריק אַרומגעשטעלט אים, דעם פרעמדן יונגנמאַן, ביי וועמען דאָס פּנים איז אין יעדער רגע גרייט אַ שמייכל צו טאָן.

איינע אַ פריילין האָט, קוקנדיק אויף אים, שטאַרק געוואָלט וויסן, ווער ער איז, און האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון האָטעל, וווּ מירל וווינט:

„אין צוויי צימערן וווינט זי דאָרטן".

אַ צווייטע האָט געוווּסט, אַז מירל וואַרט דאָרטן די גאַנצע צייט אויף אַ מענטשן, וואָס באַדאַרף צו איר אַהער אין שטאָט קומען. זי האָט צוגעגעבן מיט אַ רמז אויף שמואליקן, וואָס איז צוריק מיט אַ פּאָר טעג דאָרטן אין האָטעל געווען און זיך בשום אופן צו איר נישט גע-קענט דערשלאָגן:

„זי איז, דוכט זיך, עפּעס נישט געזונט, מירל... שוין, דוכט זיך, עטלעכע טעג, זינט זי ליגט צו בעט".

פּלוצים האָט זיך די שוויגער אַליין אויף דער שוועל פון חדר באַוויזן און האָט גענומען פינקלען מיט די קורצזיכטיקע אויגן:

„שאַ!... וואָס האָט מען זיך דאָ אָנגעשטעלט?"

מ'האָט איר אָנגעוויזן אויף אים, דעם פרעמדן בחור, וואָס פרעגט אויף מירלען, האָט זי געטאָן צו אים אַ פּאָר שפּאַן. אַ ווײַלע האָט זי אויף אים אַזוי מיט די צוזאַמענגעצויגענע אויגן געקוקט. און נאָכדעם האָט זי אויסגעשטרעקט איר האַנט צו איר קליין ייִנגעלע און אים אַוועקגענומען פונם פרעמדן בחור מיט אַזאַ פּאַרזיכטיקייט, גלייך זי וואָלט מורא האָבן, ער זאָל זיך אָן אָט דעם פרעמדן בחור אָנרירן און זאָל טמא ווערן. זי האָט אויסגעשפּיגן אָן אַ זייט, ווי מען שפּייט, בשעת מ'דערמאָנט עמעצנס אַ שלעכטע חולאת און האָט שוין געזאָגט מיט אַ מינע פון אַ מענטש, וואָס קער זיך לחלוטין מיט אָט דעם בחור נישט אָן:

„נו, יאָ... זי וווינט דאָרטן... אין האָטעל וווינט זי".

# נאָך אַלעמען

**IV**

## I

דאָס איז געווען אין די פּראָסטיקע שטורעם־שנייען, וואָס צווישן גרויס־חגא און צווישן גוייִשן ניי־יאָר.

מיט אַ רויט פּנים פון קעלט איז וועלוול בורנעס געשטאַנען ביי זיין פאָטער אין עסצימער. ער איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון זיין פּאָל־וואַריק און האָט נישט געקענט תּופס זיין, וואָס אַרום אים קומט פאָר. כּמעט אַלע שטוב־מענטשן זענען מיט אומעטיקע פּנימער געשטאַנען אַרום אַ ייִד אַ משולח און געהערט, ווי ער דערציילט:

„ער האַלט ביים עק, ר׳ גדליה... דער דאָקטאָר פון קרייז־שטאָט האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן. זיין שוועסטער פון אויסלאַנד איז שוין געקומען... און די טאָכטער... די טאָכטער, זאָגט מען, איז שלאָף... אַ סברה, אַז דאָרטן, ביי איר שווער אין שטוב, באַהאַלט מען פון איר די טעלעגראַמעס, וואָס מ׳שיקט פון דאַנען כּמעט אַלע שעה".

ס׳איז געווען שטיל, און דורך די צווייענדיקע פענצטער האָט שווייגנדיק אַריינגעקוקט דער גרויער ווינטערדיקער פאַרנאַכט; ער האָט געשפּרייט זיין פאָרכטיקן אומעט אין אַלע פאַרפינצטערטע חדר־ווינקלען, און דער גרויסער און שוואַרצער בופעט איז שוין אין אים איינגעוויקלט געווען און האָט מיט שטומען מוסר אַרויסגעקוקט צו די מענטשנס מרה־שחורהדיקע פּנימער:

„האָט איר אים דאָ צוויי יאָר צייט געשאָלטן, ר׳ גדליהן... און איצט ליגט ער שוין אויפן טויטן־בעט, און די תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך גייען שוין פון זיינעטוועגן תּהילים זאָגן".

עמעצער האָט אויף די תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך אינדרויסן אַרויס אָנ־געוויזן, און אַלע האָבן באַלעגערט די פענצטער און געזען:

דאָרטן, ביי ר׳ גדליהן אין שטוב, לײַכטן, ווי צו גסיסה, די פרײַ־אָנגעצונדענע לאָמפּן — נישט פרייַלעך איז שוין דאָרטן אין די חדרים. און דאָ, מיט דער טונקעלער גאַס, וואָס פאַר דער שטוב, גייען אין אָפּ־געריסענע טולופּלעך מער ווי פערציק תּלמוד־תּורה־קינדער, קריכן מיט די פּיסלעך טיף אײַנם אָנגעפּאַלענעם שניי און פאָלגן די צוויי מלמדים, וואָס ווײַזן זיי דעם וועג אין אַסאַטענער קלויז.

ס׳איז אַרײַנגעקומען: דער אָרטיקער אָנגענומענער שוחט, יענער זעלבער שוחט, וועמען מ׳האָט אַמאָל, בשעתן אָפּלאָזן די תּנאים, פאַר אַ בורר צו ר׳ גדליהן געשיקט. ער האָט דערציילט:

„דאָס גייט ער פון דאָרטן... מ׳האָט נאָר־וואָס די צוואה איבער־געשריבן און צעטיילט די אַכצן טויזנט רובל ריווח, וואָס די סוחרים פון קרייז־שטאָט גיבן פאַרן חלק אין גרויסן קאַשפּעריוּוקער וואַלד. צוועלף טויזנט זיבן הונדערט טרעפן אָן די איבערגעבליבענע חובות, דרייצן הונדערט רובל אויף עולמות".

ביים שוחט איז געווען אָן אומעטיק־באַשעפּטיקט פּנים, און אויס־געזען האָט ער געהייליקט און אָפּגעשיידט פון עולם־הזה, ווי באַלד נאָך טבילה, בשעה ער נעמט זיך טאָן אַ גאָטס־פּראַקטיקע זאַך.

אברהם־משה בורנעס אַליין איז דאָ לעבן אים געשטאַנען און פיל פּאַפּיראָסן גערויכערט, אים צולעצט אָפּגערופן אין קאַבינעט און זיך גענומען מיט אים מיישב זיין:

„ווי קלערט ער? אפשר וואָלט ער, אברהם־משה, איצט באַדאַרפט צו ר׳ גדליהן אַרײַנגיין?"

און וועלוול איז אַהין אין קאַבינעט נאָכגעגאַנגען און זיין אויער צוגעלייגט. דער שוחט האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן:

„וואָס האָט מען דאָ וואָס צו קלערן? ס׳וואָלט אַוודאי גלייך געווען".

דערנסטמאָל איז אים, וועלוולען, פיל גרינגער געוואָרן, און גנבען האָט ער זיך אָנגעהויבן אין פינצטערן קאָרידאָר, וווּ עס איז געהאָנגען זיין ברייטער וועג־פוטער. ער האָט זיך דאָרטן בגנבה אָנגעטאָן און זיך שטיל אין דרויסן אַרויסגערוקט.

---

ער האָט זיך געגנבעט מיט די הינטער־געסלעך אַראָפּ צו ר׳

גדליהס שטוב. זיינע פיס זענען געקראָכן טיף אינם ניי־אויסגעפאַלענעם שניי, און די עקן פונם לאַנגן און ברייטן פוטער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט און געלאָזט דורכאויס סימנים. ס׳איז געווען ־שטיל פון נאָכן שניי־שטורעם. אַלץ, פון דער בלאַסער שווייגנדיקער נאַכט ביז די שיטערע ערגעץ־ווו באַלויכטענע שטיבלעך, האָט אויסגעזען מאָדנע וואַרטנדיק און שטום, ווי אין דער בלאַסער חשכות פון אַ חלום. פון ערגעץ אַ זייטן־געסל האָט אַהער אַ שטאַרקער קלאַפּ פון אַ הויז־טיר דערגרייכט, און אַ יידענע, וואָס איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, האָט אויסגעשריגן צו איר שכנה אויפן קול:

„גאָט קען אים נאָך העלפן, ר׳ גדליהן!... ער האָט אַוודאי פאַרדינט".

ער האָט באַמערקט ר׳ גדליהס קרוב, דעם געוועזענעם קאַסיר, וואָס האָט זיך פון ערגעץ אויף גיך צו ר׳ גדליהן אין שטוב אומגעקערט. ער האָט אים אָנגעיאָגט:

„איין וואָרט... וואָס הערט זיך? נישט גוט, אַ?"

דער קאַסיר האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אַ זיפץ געטאָן:

„וואָס זאָל זיך הערן? אַוודאי נישט גוט".

ר׳ גדליהס קרוב האָט זיך נישט געחידושט, וואָס ער, וועלוול, דרייט זיך דאָ אַרום; ער האָט אים געענטפערט, ווי ר׳ גדליהס אַ גוטן־פריינט. איז ער געגאַנגען ווייטער צו דער שטוב. אַ בינטל יידן זענען דאָ אַרום ר׳ גדליהס אַ געוועזענעם משולח געשטאַנען און האָבן געהערט, ווי ער דערציילט וועגן גיטעלען, וואָס ליידט שוין דעם דריטן מעת־לעת פון שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק:

„ר׳ גדליהס שוועסטער זיצט דאָרטן לעבן איר אין פינצטערן שלאָפצימער; זי לאָזט גיטעלען פון בעט נישט אויפשטיין".

ער האָט דאָס בינטל אויסגעפעלט, אַרומגעגאַנגען די שטוב פון דער צווייטער זייט און זיך אָפּגעשטעלט לעבן באַלויכטענעם פענצטער פון מירלס חדר:

„אַפּנים, דאָ ליגט ער, ר׳ גדליה".

אַן אַלטעטשקער ייד, אַ קראַנקער, אַ הוסטנדיקער און אַ למדן, איז אַהער אָנגעקומען מיטן שמאָלן געסל, וואָס פירט פון אַסאַטענער קלויז. דער ייד האָט זיך קרעכצנדיק אָפּגעשטעלט, אים מיט זיינע

קאַליע אויגן אין פּנים אַריינגעקוקט און, קרעכצנדיק, זיך דערפרעגט:

„ווער איז?... אוי... אוי... וועלוול?"

דער אַלטעטשקער האָט זיך געקלאָגט אויף דער עלטער, אויפן לעבן און אויפן טויט. וועלוול האָט איבערגעוואַרט, ביז דער ייד איז אויף ר' גדליהס גאַניק פאַרשווּנדן, און האָט זיך נענטער צום פענצטער צוגערוקט. איצט האָט ער שוין געזען אַלץ, וואָס דאָרטן אין חדר איז פאָרגעקומען. ס'האָט זיך געמאָלט, ווי ס'שמעקט דאָרטן מיט רפואות, מיטן גערוך פון שלאַפן און פון נאָענטן טויט, און געדוכט האָט זיך, אַז ס'איז דאָרטן שטיל, אומגעוויינלעך שטיל. ביים טישל, ווו ס'האָט אונטער אַ בלויען אַבאַזשור דער לאָמפּ געברענט, איז געזעסן דער אָרטיקער אָנגענומענער פעלדשער. ער איז שוין עטלעכע נעכט נישט געשלאָפן, איז ביי אים דאָס פּנים אומעטיק געווען, און געקוקט האָט ער גלייך אַהין צום שלאָפנס בעט, וווהין ס'איז פון אונטערן אַבאַזשור די אַראָפּגעזעצטע בלויע שיין געפאַלן. אברהמל דער רב האָט זיך דאָרטן אַהין און צוריק צוזאַמען מיט זיין שאָטן, ווי אויף די שפּיץ־פינגער, אַרומגעדרייט און דערביי געהאַט אַ שטאַרק אומגליקלעך און צעטראָגן אויסזען; דער רעכטער אונטערגעהויבענער אַקסל האָט ביי אים געשטאַרצט אין דער הייך, און פונם צווייטן אַקסל, פונם אַראָפּגעלאָזטן, איז אַראָפּגעהאָנגען די לינקע האַנט מאָדנע, ווי אַ געליימטע, זיך אינגאַנצן באַהאַלטן אינם אַרבל, און זיך, ווי פון זיך אַליין, אַהין און צוריק געשאָקלט. און דאָרטן, אויפן בעט, וואָס ביי דער וואַנט, איז דער שלאָפער, אַפּנים, פאַרטראָגן געלעגן, דער קאָפּ איז ביי אים געווען אָפּגעגאָלט צוליב די פּיאַווקעס. וואָס מ'האָט אים נאָכן דאָקטאָרס אַוועקפאָרן געשטעלט, האָבן זיך דערפאַר די פּיאות מיט דער באָרד געדוכט צופיל גרויס און צופיל שוואַרץ, און דאָס פּנים — צופיל אויסגעדאַרט און צופיל קליין. אָט האָט זיך דאָרטן זיין קאָפּ פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַהין און צוריק אַ ריר געטאָן. די מענטשן, וואָס אין חדר, זענען נענטער צום בעט צוגעגאַנגען. וועלוול האָט זיך דאָ אויף די שפּיץ־פינגער אויפגעשטעלט און געזען, ווי מ'פאָלגט אים, ר' גדליהן, און מ'זעצט אים אויף; ווי מ'טוט אים אויס נאַקעט און מ'ציט אויף אים אַרויף אַ ווייס העמד, אַ נייס און אַ בלאַנקענדיקס, וואָס אין דעם

זעט ער, ר׳ גדליה, אויס געהייליקט און ריין, ווי אום יום־כיפור פאַר־נאַכט, נאָך אַ מעת־לעת פאַסטן. פאַמעלעך, פאַמעלעך האָט מען אים צוריק אויפן קישן אַראָפּגעלאָזן און איינגעבויגן הערן, וואָס ער זאָגט. עמעצער האָט אַהער אין צימער מירלס בילד אַריינגעטראָגן און עס הינטן־אַרום אברהמל דעם רב באַוויזן. אברהמל האָט ברוגז צו יענעם מיט דער האַנט געמאַכט:

„מ׳באַדאַרף נישט. מ׳באַדאַרף נישט".

דאָס האָט, אַפּנים, ר׳ גדליה וועגן דער טאָכטער זיינער גע־פרעגט.

און ווידער האָט מען זיך איינגעבויגן צו אים און געהערט, וואָס ער זאָגט. אַפּנים, פון זיינע רייד האָט ביים האַרצן פאַרקלעמט. די שוועסטער זיינע האָט זיך אין אַ זייט אַוועקגעדרייט און גענומען כליפּען און ווישן די אויגן. פלוצים האָט ער דערזען, ווי דער פעלדשער ראַמט עפּעס דעם רב אויפן אויער, און דער רב שאָקלט מיטן קאָפּ און לאָזט זיך פונעם צימער אַרויס. ער האָט דאָס פענצטער פאַרלאָזן און זיך גע־לאָזט צום גאַניק. אַ ייד, אַ משולח, האָט דאָרטן געזוכט אַ פור, כדי אין נאָענטן דאָרף נאָך פּיאַוועקעס צו פאָרן. האָט ער, וועלוול, אָט דעם ייד ביים אַרבל אָנגענומען און אים גענומען פירן צו זיין פאָטער אַהיים:

„אָט איז מיין פור. זי איז געשפּאַנט... הייסט אים שמייסן, דעם פורמאַן".

---

אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט, האָט זיך פון דרויסן צו בורגעסן אין עסצימער אַ געלויפעריי מיט קולות דערהערט. ביידע מיידלעך זענען, זיצנדיק ביים טיש, געוואָרן טויט. עמעצער פון זיי האָט זיך פאַרן האַרצן אַ כאַפּ געטאָן. אַ צווייטער האָט אַ קוק געגעבן אין דרויסן אַרויס דורכן צווייענדיקן פענצטער, דערזען דאָרטן די מענטשן, וואָס דרייען זיך אין דער בלאָסער נאַכט־חשכות, און זיך מיט שרעק צוריק צום טיש אויסגעדרייט:

„אוי וויי! זיך שוין, אַפּנים, געפּעלט ר׳ גדליה".

איינס פון די צוויי קינדער, וואָס זענען אין אָנטאָן אויף דער קאַנאַפּע געשלאָפן, האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ דערשראָקן געוויין;

די מיידלעך האָבן מורא געהאַט אַליין אין שטוב צו בלייבן, און וועלוול האָט אויף זיך געשווינט דאָס פוטער געכאַפּט און איז מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ ווידער אַמאָל אין דרויסן אַרויסגעלאָפן. איצט האָט ער זיך שוין נישט געגנבעט הינטן-אַרום, נאָר געגאַנגען גלייך מיט דער ברייטער גאַס, ווו אינם רוב הייזער האָט זיך נאָך געלויכטן. אין מאַרק זענען געשטאַנען פיל יידן אין אַ בינטל און האָבן גערעדט אַלע צוזאַמען, ווי צו קידוש-לבנה. עמעצער האָט דאָרטן געשריגן אויפן קול:

„וואָס מיר נושא-המיטה...״

„האָב צייט!״

דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען וואַך. מענטשן זענען געגאַנגען אַראָפּ, צו ר׳ גדליהס שטוב. פון אַלע עקן שטאָט זענען זיי אַהין געגאַנגען, און ער, וועלוול, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זיי און זיך צוזאַמען מיט זיי דאָרטן אין שטוב פון איין איבערגעפּולטן חדר אין צווייטן געשטופּט. אינם באַלעגערטן עסצימער האָט ער זיין ווּקסיקן פּאָטער דערזען; יענער איז אָפּגעזונדערט פון אַלעמען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַלמער און מרה-שחורהדיק געדרייט פון זיין זילבערנעם ציגאַרשפּיץ. און דער איינגאַנג אין דריטן חדר איז שוין אַזוי ענג געווען; אַסך ליכט האָבן דאָרטן געברענט, און פיל וויינענדיקע קולות האָבן זיך פון דאָרטן געטראָגן. אים, וועלוולען, האָט מען דאָרטן געשטופּט פון אַלע זייטן. עמעצער האָט הינטער זיינע פּלייצעס אָנגעוויזן אַהין, אויף ר׳ גדליהס איידעם, וועלכער איז נאָר-וואָס פון וואָקזאַל געקומען. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער באַדאַרף ווייטער נישט גיין, האָט ער זיך שוין געפונען אינווייניק, אינם חדר מיט די פיל אָנגעצונדענע ליכט, און קיינער האָט זיך שוין אַרום אים נישט געשטופּט. לינקס פון אים, אין איין שורה מיט גיטעלען און מיט דער אויסלענדישער שוועסטער, איז דער נאָר-וואָס געקומענער איידעם געווען אָנגעבויגן איבערן מת, און אַקעגן איז מיט אַ פאַרקרימט פּנים געשטאַנען אברהמל דער רב און געקוקט צו אים אַזוי מאָדנע; ער האָט געוואָלט, אַז ער, וועלוול, זאָל זען, אַז ער איז טאַקע באמת ר׳ גדליהס אַ גוטער-פריינט געווען, און אַז פון זיינע רבנישע אויגן גיסן זיך איצט טרערן.

מיטן גרויען טאָג־ליכט האָט מען די מיטה מיטן מת פון שטוב אַרויסגעטראָגן. שמאָל און קורץ איז אָט די מיטה געווען און אויסגעזען האָט זי, ווי אַ קינדערשע. מ׳איז מיט איר געלאָפן, ווי מיט עפּעס אַ זאַך, וואָס מ׳באַדאַרף וואָס גיכער פון מענטשן באַהאַלטן. געטראָגן האָבן זי אויף די אַקסלען דער רב מיטן דיין,ביידע שוחטים, דער איידעם און נאָך עפּעס אַ פּשוטער יונגערמאַן, וואָס פלעגט ביי ר׳ גדליהן אין מיל אַלע וואָך צוויי פּורלעך מעל קויפן. עמעצער האָט אים, וועלוולען, נענטער צו דער מיטה צוגערוקט און אָוועקגעשטופּט דעם פּשוטן יונגנמאַן:

„לאָז, לאָז, ס׳איז וועלוול בורנעס".

און וועלוול האָט זיין אַקסל אונטערגערוקט און האָט צוזאַמען מיטן איידעם געטראָגן ווייט, ווייט ביזן בית־עולם. ווען ער האָט די מיטה אָפּגעלאָזט, איז ער שוין אַזוי צעטומלט און פאַרנעפּלט געווען. דער פּשוטער יונגערמאַן האָט זיך געפילט צו אים נאָענט, דערפאַר וואָס ער האָט אים זיין אָרט ביי דער מיטה אָפּגעטרעטן, צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

„גרינג, ר׳ גדליה, אַ? אויסגעדאַרט..."

און ער האָט דעם יונגנמאַן אין פּנים געקוקט און זיך נישט געקענט דערמאָנען, ווי אַזוי מ׳רופט אים, און וווּ ער האָט אים געזען.

II

גיטעלע מיט ר׳ גדליהס שוועסטער זענען דאָרטן אין שטוב שבעה אָפּגעזעסן, און אברהמל דער רב האָט אַהין פון גאַס צוויי מאָל אין טאָג אַ מנין געשלעפּט. ער האָט קיין איינציקן מענטש נישט דורכגעלאָזט:

„נישקשה... ר׳ גדליה האָט ביי אייך פאַרדינט".

יידן האָבן געפּאָלגט און זענען געגאַנגען אַהין צו מנין, געזען ווי אין שטוב איז פּוסט און שטיל, און ווי דאָרטן אין זאַל זיצט גיטעלע לעבן ר׳ גדליהס שוועסטער אויף דער ערד, קוקט אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע און שווייגט.

ר׳ גדליהס שוועסטער האָט געוואָלט, אַז גיטעלע זאָל מיט איר פאָרן צו איר קיין אויסלאַנד. ווען קיינער איז דאָ אין שטוב נישט געווען, האָט זי זיצנדיק לעבן גיטעלען אויף דער ערד, געטענהט פאַרן קרוב דעם קאַסיר און פאַר אברהמל דעם רב:

„כ׳מיין, וועמען האָט זי דאָ, גיטעלע?... כ׳מיין, וואָס וועט זי דאָ זיצן?"

„און אויף אַ שטיקל צייט... אויף אַ שטיקל צייט מעג זי דאָך, לכל הפחות, צו מיר צופאָרן".

דער רב מיטן קאַסיר האָבן דערויף וואָס צו זאָגן נישט געהאַט, און די שוועסטער אַליין האָט שוין אין דער ערנסטקייט פון איר אייגענעם קול נישט געגלויבט. גיטעלע האָט איר קאָפּ נישט אויפגעהויבן, און אין חדר איז געווען שטיל, און אַ פוסטקייט פון נאָך אַלעמען האָט זיך געקלאַפּט צו די ווענט און צום באַלקן און דערמאָנט, אַז ר׳ גדליה איז שוין טויט, און אַז גיטעלע האָט שוין אין ערגעץ קיין אָרט נישט.

מ׳האָט געזוכט אַ קונה אויף ר׳ גדליהס שטוב און נישט געפונען. דאָס מעבל האָט מען אויספאַרקויפט הינטן-אַרום, אָן גיטעלעס וויסן, און אַ סטאָליער האָט מען שוין אינם טאָג פון אַוועקפאָרן געזונגען און אים געהייסן פון דרויסן מיט ברעטלעך די פענצטער פאַרשלאָגן.

געזעגענען זיך זענען געקומען אברהמל דער רב, דער געוועזענער קאַסיר מיט זיין ווייב, ליבקע די רביצין, און נאָך עפּעס אַן אַלטע קרעכצנדיקע יידענע, אַן אַלמנה, וואָס פלעגט ביי גיטעלען נעמען אַלע פרייטאָג אַ חלה צוליב אַן אָרעמען שוסטער, אַ מטופל. זי האָט איצט מער ווי תמיד געהאַלטן אין איין זיפצן, אָט די יידענע, און איבער עפּעס נישט אויפגעהערט דערציילן וועגן איר עלטערער געשטאָרבענער טאָכטער:

„האָט זי זיך געהאַלטן אין איין בעטן ביים רבונו-של-עולם: רבונו-של-עולם, וואָס טויג דיר מיין טאָכטער? נעם בעסער מיך..."

גיטעלע איז געווען צופיל אָנגעפּעלצט און צופיל פאַרבונדן, אַזוי אַז מ׳האָט איר פּנים נישט אַרויסגעזען. זי האָט אויסגעזען, ווי פאַרשטיינערט, געזעסן אויף איין אָרט און נישט גערעדט. פון שטוב איז

זי אַרויסגעגאַנגען צולעצט. נאָר בשעת זי האָט זיך אויפן שליטן גע־וואָלט אַרויפזעצן, איז מיט איר עפּעס געשען. דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט, און געדוכט האָט זיך, אַז זי פאַלט אום. מ'האָט זי געוואָלט אונטערהאַלטן און אויפן שליטן אַוועקזעצן, נאָר זי האָט זיך נישט גע־לאָזט און זיך באַפרייט, אַרויפגעגאַנגען נאָכאַמאָל אויף די טרעפּלעך און געגעבן אַ קוש די מזוזה.

און אין שטאָט האָט מען נאָך דערציילט, אַז וועלוול בורנעס איז אין יענעם טאָג אויפן וואָקזאַל געווען, אַז ער איז דאָרטן צו גיטעלען צוגעגאַנגען און איר געזאָגט:

„זייט געזונט, האָט ער איר געזאָגט".

און זי, גיטעלע, האָט זיך אויפגעשטעלט פונם בענקל, וואָס אין צווייטן קלאַס, און האָט אים געענטפערט:

„גאָט קאָן אים נאָך העלפן, האָט זי אים געענטפערט".

---

אינם לעצטן וואַרעמען שבת, וואָס פאַר פּסח, זענען אַ שטיק פינף אָרטיקע שניידער־יונגען געגאַנגען מיט דער פריש־אויסגעטרעטענער סטעזשקע, וואָס אַראָפּ דעם שטעטל. זיי זענען געווען צופרידן פון דער בלאָטע, וואָס טריקנט, און פון דער פסחדיקער רו, וואָס איז שוין נאָענט, זיך געוועדלט און נישט דורכגעלאָזט פונוויטנס קיין איינציק אויסגערוט דינסטמיידל.

ס'איז זיי געפעלן געוואָרן דער גאַניק פון ר' גדליהס פאַרלאָזטער שטוב, האָבן זיי זיך אויף אים געשטעלט וואַרעמען קעגן דער זון, זיך סוף־כל־סוף גענומען ראַנגלען און אומגערן אויסגעזעצט אַ פּאָר שויבן פון די פאָרנטיקע פענצטער.

דאָס האָט דערזען אַן עלטערער ייד, אַ שטאָט־באַלעבאָס, וואָס איז פאַרביי צו מנחה געגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אויף די שניידער־יונגען אָנגעשריגן:

„אַראָפּ, שקצים, פון גאַניק... אַ רוח אין אייערע ביינער, קיין דרך־ארץ האָט עס נישט".

די שניידער־יונגען האָבן געפאָלגט און זענען פון גאַניק אַראָפּ. און די שויבן זענען שוין אַזוי אויסגעשלאָגן געבליבן און האָבן בלינ־דערהייט דערמאָנט אָן פאַרשטאָט פון ווייטן כרך און אָן ר' גדליהס

טאָכטער, וואָס איז אַהער נאָכן פּאָטערס טויט אַפּילו אַ קוק טאָן נישט אַראָפּגעקומען. יידן האָבן אויף איר געקוקט, אויף אָט דער שטוב, וואָס שטייט פּוסט און האָט קיין יורש נישט:

„טאַקע געשטאָרבן ר׳ גדליה, אַ ? נישטאָ״.

און אברהמל דער רב האָט ערגעץ קהליש געלט דערטאַפּט און דערפאַר געבויט אַ שטיבל אויף זיין קבר. שטאָט-באַלעבאַטים האָבן געפונען, אַז ס׳איז קרום. האָט ער זיך מיט זיי געקריגט און איז געבליבן ביי זיינעם:

„נישקשה, נישקשה... שיין אַזוי: ר׳ גדליה האָט געלאָזט קהל דרייצן הונדערט רובל, און קהל שטעלט אים אַ שטיבל אויפן קבר; איינס מיטן צווייטן קער זיך נישט אָן״.

ער איז דענסטמאָל גאַנצע טעג פון שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען און האָט געלערנט משניות. ווען דאָס שטיבל איז אויפן קבר פאַרטיק געוואָרן, האָט ער שוין געהאַלטן ביי אַ סיום, אַרויפגעגאַנגען אויפן בית-עולם מיט אַ פּאָר מנינים יידן און האָט אויף ר׳ גדליהס קבר די לעצטע פּרקים מסיים געווען און קדיש אָפּגעזאָגט. אין דער אַלטער אַסאַטענער קלויז האָט זיך אין יענעם פרימאָרגן לענגער, ווי אַלעמאָל, די צוועלף-אַזייגערדיקע שעה געצויגן, און אברהמל דער רב איז דאָרטן מיט די צוריקגעקומענע פּאָר מנינים יידן געשטאַנען. מ׳האָט געהאַט פּאַרחלשטע הערצער און גענומען אַ קאָפּ בראָנפן פאַר ר׳ גדליהס עליית-נשמה.

אין קלויז איז געווען וואָכעדיק און שטיל. דער ערשטער פּסחדיקער שטויב איז געלעגן אויף די שטענדערס און אויף די בענק, און דער שמש האָט שוין געהאַט געגעסן אָנבייסן ערגעץ-ווו ביי זיך אינדערהיים. מ׳האָט געשמועסט וועגן דעם ווייסן העמד, וואָס ר׳ גדליה האָט זיך געהייסן אָנטאָן פאַרן טויט:

„איז אַ סברה, אַז דאָס העמד איז אים געבליבן בירושה פון זיינעם אַן עלטער-עלטער-זיידן״.

דער רב האָט געהאַלטן דעם קעלישעק בראָנפן אין האַנט און האָט דערציילט דעם עולם וועגן ר׳ גדליהן ז״ל:

„איז דאָס געווען... שוין גאָר ביים לעצט איז דאָס געווען. טוט ער צו מיר אַ זאָג: אברהמל, טוט ער מיר אַ זאָג, — וואָס ווייניסטו?...

נאָר איינער, ווען איך פיל, אַז איך לאָז עמעצן איבער נאָך זיך, וואָלט איך געגאַנגען אַהין, ווי צום טאַנץ״.

דער עולם האָט געהערט און געשוויגן, און נאָר איינער אַ ייד, אַ פּועל בטל, אַן איבערגעשראָקענער, אַן אויסגעדאַרטער און אַ חניפהניק, האָט זיך צוגערוקט צו עמעצן הינטן־אַרום און נאַריש געשמייכלט פונם אויסגעטרונקענעם קעלישעק בראָנפן. ער האָט געוואָלט מרמז זיין אויף די בחורים, וואָס מירל האָט פון תמיד אָן איבערן שטעטל נאָכגעשלעפּט נאָך זיך, און אויף דעם, וואָס זי איז נאָך זיין טויט אַהער נישט אַראָפּגעקומען, און האָט אַ שכל אויפגעטאָן:

„ר׳ גדליה האָט זי, אַפּנים, געקענט, די טאָכטער זיינע, אַ? ער האָט, אַפּנים, געוווּסט, ווער זי איז״.

אָקאָרשט אויף די אַנדערע טעג פּסח זענען פון דער גובערניע־שטאָט צו טאַראַבייען אין דאָרף די קינדער געקומען, און העלערס חבר, דער פּאָליטעכניק, איז אויך מיט זיי געווען. ער האָט זיך דאָרטן באַגעגנט מיט דער אַקושערקע׳ס שאַץ, וואָס האָט שוין ביי דער צוקער־פאַבריק געוווינט, און האָט איר אין העלערס נאָמען דערציילט, אין וואָס מירלס חולאת איז באַשטאַנען דאָרטן אין שטאָט, בשעת ר׳ גדליה איז דאָ אויפן טויטן־בעט געלעגן.

ביי אברהם־משה בורנעס אין שטוב איז מען דענסטמאָל געוואָר געוואָרן, אַז מירל וווינט שוין נישט מיטן מאַן, נאָר באַזונדער, אין איין האָטעל מיט דער אַקושערקעס באַקאַנטן, הערצן; אַז זי איז עפּעס יאָ געגעט און נישט געגעט; אַז זי לאָזט צו זיך קיינעם פון איר מאַנס קרובים נישט צו, אַחוץ איינעם אַ געשוועסטערקינד זיינעם, וואָס איז נאָך אַ בחור און האָט, זאָגט מען, שטאַרק־רייכע געשעפטן. אין אַ זונטאָגדיקן בייטאָג האָט מען דאָרטן אין עסצימער געהאַט אָנגעהויבן וועגן דעם צו רעדן:

„וואָס האָט מען, וואָס צו קלערן? וועלוול מעג אַוודאי דאַנקען און לויבן גאָט, וואָס ער איז ניצול געוואָרן״.

נאָר וועלוול איז פּלוצים אָנגעקומען אַהין פונם פּאָטערס קאַבינעט, איז מען מיטאַמאָל שטיל געבליבן, זיך דערפילט שלעכט און אים אין פּנים נישט געקענט קוקן. ביידע מיידלעך האָבן זיך איינציקווייז פון עסצימער אַרויסגעגליטשט, און נאָר די מוטער האָט זיך דאָרטן

באַקוועמער און מיט אַלע פיר אויף דער קאַנאַפּע אַרויפגעזעצט. ס'איז געוואָרן שטיל.

„וועלוול, האָט די מוטער געפרעגט, ווען וועט שוין אַמאָל נעמען אַן עק, וועלוול?... ווען וועט שוין אַמאָל קומען די גוטע שעה?"

וועלוול האָט זיך צו איר מיט אַ פאַרקרימט פּנים אַ בייג געטאָן:

„אַ?..."

און באַלד האָט ער זיך ברוגזדיק אַוועקגעדרייט צום פענצטער און גענומען אַרויסקוקן אין דרויסן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס מ'וויל פון אים און וואָס מען דולט אים דעם קאָפּ, און האָט געקוקט צו דער שטוב פון ר' גדליהס קרוב, דעם קאַסיר, און צום מעבל, וואָס מ'טראָגט פון דאָרטן אַרויס און מ'לייגט אַרויף אויף די צוויי גרויסע אָנגע־לאָדענע פורן:

„אָט פאָרט שוין ר' גדליהס קרוב אויך אין קרייז־שטאָט אַרויס, און קיינער וועט שוין דאָ אין שטעטל נישט בלייבן..."

טעג וועלן זיך שוין דאָ אין שטעטל ציען אַזעלכע לאַנגע, הייסע און זומערדיק־נודנע. אין שטעטל וועט זיין פּוסט, און קיין דרך־ארץ וועט שוין נישט זיין, פאַר וועמען דאָ צו האָבן. און ער, וועלוול בורנעס... יאָ, די נייע דריי הונדערט דעסיאַטין שוואַרצע ערד, וואָס מ'לייגט אים פאַר אַרום מיראַטאָווס טייך:

„ער וואָלט זיי באַדאַרפט נעמען אין אַרענדע, אָט די נייע דריי הונדערט דעסיאַטין".

## III

פונם קרומען סטודענט ליפּקיסן איז באַלד נאָך שבועות אָנגעקומען אַ בריוו:

ער האָט זיך געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויפן פוס, און די אָפּעראַציע איז געלונגען.

פרייטאָג־צונאַכטס נאָכן דאַוונען האָט מען וועגן דעם גערעדט אין אַסאַטענער קלויז:

„וואָס זשע, ס'איז אַ נייעס?... נאָר די אַדערן זענען ביי אים געווען צונויפגעצויגן, און ס'איז אַ סברה, ער זאָל אָנהויבן גיין גלייך, ווי אַלע מענטשן".

מ'איז דאָרטן אויך געשטאַנען אַרום אַ מזרח־באַלעבאָס, וואָס איז אָקאָרשט פאַרנאַכט פון גובערניע־שטאָט אָנגעקומען, און געהערט, ווי ער דערציילט וועגן די זיידענאָווסקיס, וואָס וווינען דאָרטן אין פאָר־שטאָט, און וועגן זייערן אַ קרוב, מיט וועמען ער אַליין האָט דאָרטן גערעדט:

„זי וווינט נאָך אַלץ אין האָטעל, מירל, און ס'איז אַ ליגן, וואָס מ'זאָגט, אַז דער מאַן אירער האָט זי פּלומרשט געגט".

און נאָכדעם האָט זיך שוין דאָ אין שטעטל אַזוי לאַנגווייליק די זומערדיקע וואָך געצויגן, און געקומען איז איינער אַ פרייטאָג, אַ פאַרנער און אַ נודנער, ווי די איינציקע אויסגעליידיקטע גוישע פור, וואָס איז פון גאַנצפרי אין פוסטן מאַרק פאַרבליבן.

אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג האָט זיך נאָך געדענקט, וויפל ווייבער האָבן זיך מיט זון־אויפגאַנג אַרום עטלעכע פורן מיט גרינס געריסן, און דורך אָפענע טיר און פענצטער האָבן זיך נאָך פון ערגעץ אַרויסגעשפאַרט גיכע פאַרשפעטיקטע קלעפּ, וואָס פאַלן אויפן פיש־ברעטל, און זענען אויסגעמישט געוואָרן מיט די ווערטער, וואָס איין שכנה האָט צו דער צווייטער אין שטוב אַרייַנגעשריגן. אַ ייד אַ קרעמער האָט עמעצן אויף גיך אַ גמילות־חסד אָפּגעטראָגן. און דער פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן האָט זיך פון ערגעץ צו זיך אין אַפּטייק אומגעקערט, נישט געקענט פאַרליידן דעם רויך, וואָס שלאָגט שווער און נידעריק פון די קוימענס, און איז געווען ברוגז אויפן שטעטל:

„ווייסט זיי דער רוח, מיט וואָס פאַר אַן אומריין מיסט זיי הייצן דאָרטן אויף טשאָלנט".

פּלוצים האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון אַ פּאָר פרעמדע וועג־גלעקער, און אַ פריש־געקומענער וואָקזאַל־בעל־עגלה האָט זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ לאָז אַראָפּ איבערן שטעטל, איבערגעשראָקן אַ האָן מיט עטלעכע הינער, זיך פאַרקערעוועט און איז שטיין געבליבן פאַר די טרעפּלעך פון אברהמל דעם רבס שטוב.

ס'איז געווען אַזוי מאָדנע:

אויף דער פור איז איינע אַליין געזעסן מירל הורוויץ, דער קאָפּ מיטן שטרויענעם היטעלע אין ווייסן טול פאַרבונדן, און אַליין האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פריינטלעך געשמייכלט צו דער אַקעגנ־קומענדיקער רביצין ליבקע.

ליבקע די רביצין האָט זי געחנפעט נאָר לפּנים:

„וואָס פאַר אַ שאלה?... דאָס מיידעלע אירס, חנקען, וועט זי איבערנעמען צו זיך אין שלאָפצימער, און מירל וועט קענען זיין טאַקע דאָרטן אין חנקעס חדר".

און זי איז מיט איר האַנט ביי האַנט אין שטוב אַריינגעגאַנגען, נישט אויפגעהערט צו שמייכלען און האָט עס אָנגענומען פאַר אַן אמת:

„יאָ, זי האָט פריער געוווסט, אַז זי וועט דאָ קענען וווינען אַ פּאָר וואָכן, יעדנפאַלס נישט מער ווי אַ פּאָר וואָכן".

---

שבת בייטאָג האָבן זיך אויסגעפּוצטע מיידלעך פונם שפּאַציר אומגעקערט, אָנגעלייגט וועג און בפיוון דורכגעגאַנגען דאָס זייטיקע הינטער־געסל, וואָס שפּיגלט זיך איינגאַנצן אין אברהמל דעם רבס שטוב.

אין געסל איז געווען אויפגערעמט און שטיל. הייזער האָבן פון זיך שבתדיקע שאָטנס אָפּגעוואָרפן און זיך איבערגענומען:

„מיין שאָטן איז גרעסער".

„און מיינער נאָך גרעסער".

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט דער נאַריש־ברענענדיקער ניגון, מיט וועלכן אברהמל דער רב האָט געלערנט. אויף די טרעפּלעך האָט אין רויטן פאַריק געגענעצט ליבקע די רביצין, גע־האַט אַ פאַרשלאָפן פּנים און, נישט אומקוקנדיק זיך, גערעדט אין שטוב אַריין צו איר עלף־יאָריק מיידעלע:

„חנקע, ווייז נאָר אַהער די אויבסן, חנקע! דאָרטן אין שראַנק אין אַ טעלער, חנקע!"

און לעבן איר איז געזעסן מירל, געקוקט אומעטיק אויפן געסל, און דער קאָפּ איז ביי איר אויף די הענט געווען אונטערגעשפּאַרט.

„יאָ, האָט זי געזאָגט, איר, מירלען, טוט שוין געוויס באַנג, וואָס

אַפילו ער, זייער געוועזענער קאַסיר, דער קרוב, האָט זיך שוין אויך פון דאַנען אין קרייז־שטאָט אַרויסגעקליבן".

אין שטעטל האָט מען געוווסט, אַז עפּעס אַ סקאַנדאַל איז דאָרטן אין קאָרידאָר פון האָטעל צווישן איר מיט איר מאַן פאָרגעקומען, און פון דער גובערניע־שטאָט האָט זי געמוזט אַנטלויפן.

ער, נתן העלער, מיט וועמען זי האָט זיך אַמאָל דאָ אין שטעטל אַרומגעשלעפּט, האָט שוין צו יענער צייט זיין גאַנצע ירושה ביים קאָפּיקע־בלעטל געהאַט געפּטרט. ער האָט שוין פאַר זעכציק רובל אַ חודש געדינט ערגעץ אין דער היגער געגנט און האָט שוין ווידער גערעדט אויף איר אַלדאָס בייז. איינמאָל האָט ער דאָרטן דעם פאָטאָגראַף רויזענבוים דערטאַפּט און האָט אים באַוויזן שוין גאָר אַ מיאוס צעטעלע, וואָס מירל האָט אים ווינטער דורך אַ שטאָט־שליח צוגעשיקט. און דער פאָטאָגראַף רויזענבוים, אַ קרעפּטיק־דאַרער יונג מיט אַן אָפּגעברענט־פאַרגוייִשט פּנים און מיט אַ ברייט־אויסגעניית העמד, האָט זיך נאָכדעם אַהער אַהיים אומגעקערט און האָט דאָ אַלע פאַרנאַכט געקיצלט דעם אָפּגעברוגזטן סאַפּיאַנען אונטער ביידע פאַכוועס:

„מ'קען דאָך נישט וויסן, פון וועמען מירל האָט געטראָגן... סאַפּיאַנטשיק!.."

---

איינמאָל, אין מיטן העלן טאָג, איז צו איר פּלוצים פון דער גובערניע־שטאָט מאָנטשיק אַראָפּגעקומען און האָט זיך דאָ אָפּגעזאַמט נישט מער ווי פון איין צוג צום צווייטן.

אין שטעטל איז מען באַלד געוואָר געוואָרן, אַז כאָטש ער, מאָנטשיק אַליין, איז שוין צו מירלען לחלוטין נישט גלייכגילטיק, איז ער דאָך איצט אַהער אַראָפּגעקומען נישט צוליב זיך, נאָר צוליב איר מאַן, זיין געשוועסטערקינד, וואָס בעט, זי זאָל זיך צו אים אומקערן; אַז ער, מאָנטשיק, איז אַ רייכער בחור, און אַז בכלל:

„ער איז, זאָגט מען, בכלל, אַ לייטישער מענטש, אָט דער מאָנטשיק".

ליבקע די רביצין איז געשטאַנען הינטער דער טיר בשעת מאָנטשיק האָט מיט מירלען אין אַ באַזונדער חדר גערעדט. זי האָט געהערט, ווי מירל האָט אים דאָרטן קאַטעגאָריש געענטפערט:

„ס׳וועט קיינמאָל נישט זיין... איר הערט, מאָנטשיק?...
קיינמאָל!״

און נאָכדעם זענען זיי שוין ביידע געזעסן אין עסצימער. מאָנטשיק איז געווען פאַרטראָגן, געקוקט פאַר זיך מיט גרויסע אויסגעגלאָטשטע אויגן און האָט עטלעכע מאָל מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט:

„מער רעדט ער נישט... קיין איינציק וואָרט וועט ער וועגן דעם מער נישט זאָגן״.

ביי מירלען אין די אויגן האָט געברענט דאָס אומעטיקע טיף־טרוימענדיקע פייערל; איר פנים איז געווען פאַרפלאַמט, און געביסן האָט זי די אונטערשטע ליפּ. זי האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז מאָנטשיק איז אַכצן שעה מיט דער באַן געפאָרן, נישט געגלויבט, אַז ער איז נישט הונגעריק, און גענומען שמייכלען, און אַליין דאָ ביים טיש פון זיינעטוועגן אייער געפּרעגלט.

ליבקע די רביצין האָט שוין טאַקע דעגסטמאָל דערוויזן, אַז זי קען נאָך מיט וועלטלעכע מענטשן פאַרברענגען. זי איז געזעסן לייטיש ביים טיש און האָט געפרעגט ביי מאָנטשיקן אויפן לשון, וואָס מ׳רעדט אין וואַרשע:

„זיי זענען גאָר קיין בעלן נישט אויסקוקן אונזער שטעטל?״

און מאָנטשיק האָט זיך צעטראָגענערהייט פון בענקל אויפגעכאַפּט און האָט אויף מירלען אַ קוק געטאָן:

„יאָ, געוויס... דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זעט ער דאָך איצט אַ יידיש שטעטל!״

---

אין שטעטל איז מען געשטאַנען ביי די טירן און געקוקט, ווי ער מיט מירלען גייען ביידע איבער דער גאַס: ער — אין אַ נייעם ליכטיקן אנצוג מיט גרויסשטעטיקע בלאַנק־ווייסע קראַגן און מאַנזשעטן, און זי — אין אַ לייכט, ווייס און גלאַט־אויפגעבייט קלייד און אָן אַ שאַרף אויפן קאָפּ. זי האָט אים פונווייטנס אָנגעוויזן אויף אברהם־משה בורנסעס וווינונג, אים צוגעפירט צו איר פאָטערס פוסטער שטוב און אים באַוויזן:

„אָט דאָס איז געווען מיין צימער״.

אויפן גאַניק האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און האָבן ביידע דורך

די אויסגעשלאָגענע שויבן אינווייניק די קעפ אַריינגערוקט. מירל האָט אויפגעהויבן ביידע הענט אַרויף צוליב אַ קעמעלע, וואָס האָט זיך פון אירע האָר אָנגעהויבן אַרויסגליטשן. דאָס קעמל איז דאָך אויף ד׳ער ערד אַראָפגעפאַלן, און ווען מאָנטשיק האָט עס איר דערלאַנגט, האָט זי עס אַזוי פאַמעלעך פון זיין האַנט גענומען; זיי זענען אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען און שמייכלדיק איינער דעם צווייטן אין פנים געקוקט.

ס׳האָט אָנגעהויבן נאַכט צו ווערן, און זי האָט זיך מיט אים נאָך אַלץ צווישן די געסלעך אַרומגעפירט. ס׳איז געוואָרן קיל, מאָנטשיק האָט געזאָגט:

„ס׳איז מאָדנע אומעטיק... פון אינגאַנצן, פון אינגאַנצן איז שוין אַזוי אומעטיק, און דאָך... ווער ווייסט? אפשר איז שוין צוליב דער איצטיקער מינוט אַליין געווען כדאי, וואָס ער, מאָנטשיק, לעבט שוין זעקס-און-צוואַנציק יאָר אויף דער וועלט״.

און מירל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און האָט אים אויסגעשטרעקט די קאַלטע פינגער פון איר לינקער האַנט, ער זאָל זיי אַ דריק טאָן.

ס׳איז שוין געווען אינגאַנצן פינצטער און זומערדיק קיל. איבערן רבס הינטער-געסל איז אַרויסגעשווומען אַ יונגע לבנה, אַ פרישע, אַ קיילעכדיקע און אַ בלאַסע. מיידלעך האָבן דאָרטן מער, ווי אַלע אָוונט, אַרומגעשפּאַצירט, און דער וואָקזאַל-בעל-עגלה איז שוין דאָרטן פאַרן רבס אָפענער טיר געשטאַנען. יענער זעלבער וואָקזאַל-בעל-עגלה, מיט וועמען מאָנטשיק איז אָקאָרשט צוריק מיט עטלעכע שעה אַהער אין שטאָט געקומען. און די רביצין האָט נאָך דאָרטן אין שטוב דעם לאָמפּ אויפן פענצטער אָוועקגעשטעלט און האָט דערמיט נאָך גרעסער דעם יום-טוב אין געסל געמאַכט.

מירל האָט אויף גיך מאָנטשיקס האַנט-רענצל פאַרפּאַקט.

„מאָנטשיק, טוט אַ קוק... ס׳איז, דוכט זיך, אייער האַנטעך, מאָנטשיק?״

מאָנטשיק איז געווען צעטראָגן און האָט קוים געהערט, וואָס מ׳רעדט צו אים. פון דער תלמוד-תורה זענען צו אים צוויי יונגעלייט נאָך אַ נדבה געקומען. האָט ער פינף גילדענע מטבעות אַרויסגענומען

און האָט אַ פּאָר פּרעגנדיקע אויגן אויף מירלען אָנגעשטעלט, ער האָט געמיינט, אַז ס׳איז קאַרג.

מירל האָט אים אויף גיך פון שטוב אַרויסבאַגלייט און מורא גע־האַט, ער זאָל דעם צוג נישט אָנווערן.

„ער האָט נישט באַדאַרפט אַהער קומען, האָט זי געזאָגט, איר טוט ער איצט אַזוי מאָדנע ווי, מאָנטשיק, אָט דאָ ביים האַרץ טוט ער איר וויי. נאָך אַביסל, און זי וועט זיין פעיק צו טאָן אַ נאַרישקייט און וועט אים אַוועקפאָרן נישט לאָזן".

זי האָט אים פאַר ביידע הענט נענטער צו דער פור צוגעפירט. געבליבן דאָרטן שטיין מיט ליבקע דער רביצין און געקוקט, ווי דער בעל־עגלה צעשמייסט מיטאַמאָל די פערד, פאַרקערעוועט מיטאַמאָל, ווי אויף איבערצוקערן, און שמייסט געשווינט אַוועק מיטן וועג צום וואָקזאַל.

„מאָרגן, האָט זי געזאָגט, וועט ער שוין זיין אינדערהיים. אַזויפיל געשעפטן האָט ער דאָרטן... גלייכער אַזוי".

און זי האָט נאָך אַ ווײַלע געקוקט אַהין, ווו די פור איז פאַרשווונדן, און, אַפּנים, געטראַכט וועגן דעם, וואָס ס׳איז גלייכער אַזוי.

אויפן דריטן טאָג נאָך מאָנטשיקס אַוועקפאָרן זענען איר פון פאַר־שטאָט מיטאַמאָל צוויי טעלעגראַמעס אָנגעקומען. די טעלעגראַמעס האָבן פאַרחתמעטערהייט דערציילט וועגן דעם, וואָס מאָנטשיק איז שוין ווידער ביי זיך אינדערהיים, געדענקט דאָרטן לאַנג דעם טאָג, וואָס ער האָט מיט איר דאָ פאַרבראַכט, און אַרבעט שוין ווידער אין די בענק אויף דער בירזשע; וועגן דעם, וואָס שמואליק איז שוין דאָרטן, ביי אים אינדערהייב, געווען און אויסגעהערט דעם קאַטעגאָרישן ענטפער, וואָס זי האָט אים דורך מאָנטשיקן איבערגעגעבן. ליבקע די רביצין האָט שוין אַזוי שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס אין אָט די טעלעגראַמעס שטייט. און מירל האָט נאָר אַ קוק געגעבן, פונוואַנען די טעלע־גראַמעס גייען. און האָט זיי פאַרחתמעטערהייט צוריק דעם פּאָסטטרעגער אָפּגעגעבן:

„זאָל מען ענטפערן, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האָט זיי נישט געוואָלט אָפּנעמען, די טעלעגראַמעס; משום, אַז זי האָט זיי נישט גע־וואָלט אָפּנעמען".

און אַליין איז זי נאָך דאָ אין שטעטל געבליבן און האָט געגעסן קעסט ביי דער רביצין ליבקען. מ'האָט איר נאָכגעקוקט, בשעת זי איז אַלע טאָג אין פּאָסט געגאַנגען און האָט עמעצן פון דאָרטן פיל טעלע־גראַמעס מיט בריוו געשיקט, עפּעס אַ מענטש, וואָס האָט אין ערגעץ קיין היים נישט. און אַ שבת האָט זי שוין אויך דעם אמתן, אַדאַנק נתן העלער, וואָס הערט נישט אויף צו רעדן אויף איר איבער דער גאַנצער געגנט. סאַפּיאַן דער פּראָוויזאָר־געהילף האָט זי געזען דורכגיין, בשעת ער איז געשטאַנען ביי זיך אין אַפּטייק און האָט מיט אַן ערנסט פּנים אָנגעטאָן פּאַפּירלעך אויף די באַשטעלטע רעצעפּטן; ער האָט וועגן איר גערעדט פאַר אַ קונה אַן אינטעליגענט:

„אָט זאָל מען זיין אַזויפיל גוט און זי אָנקוקן... ליידיקגייערס מעגן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר. און בכלל, עמעצער קען אים בכלל זאָגן, צוליב וואָס אַזאַ פּאַרשוין דרייט זיך נאָך אַרום אויף דער וועלט?"

און פּשוטע יידן, אַן הימלען, האָבן געהערט און געשוויגן: זיי האָבן אַ ווייטע פּאַרגעסן אָן די קינדער, וואָס זענען ביי זיי אינדערהיים חרוב, און געהאַט דרך־ארץ פאַר אים, סאַפּיאַנען, וואָס פּאַרשפּרייט אַרום זיך דעם אַפּטייק־ריח, באַטראַכט ערנסט די רעצעפּטן, איידער ער לאָזט זיי פון די הענט אַרויס, און קען קיין ליידיקגייערס נישט פּאַרליידן.

## IV

מירל האָט אויף אירע טעלעגראַמעס אין בריוו קיין ענטפער נישט באַקומען.

זי האָט איינע אַליין אַרומגעבלאָנקעט איבערן שטעטל און איז געוואָרן אומעטיקער און געפאַלענער פון טאָג צו טאָג.

מענטשן האָבן זיך דאָ פון איר אָפּן דערוווּסטערט, קיין כבוד איז זי דאָ דאָך שוין קיינעם נישט געווען; און זי האָט עס געוווּסט און האָט וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט. נאָר איינמאָל אינאָוונט, ווען זי האָט זיך אַ שטאַרק אומעטיקע לענגער, ווי אַלעמאָל, איבער דער פּאָרנטיקער גאַס אַרומגעדרייט, האָט זי אָפּגעשטעלט אברהם־משה בורנעסעס

ביידע מיידלעך, זיך ביי זיי נאָכגעפרעגט אויף יעדן פון זייער משפחה און געמאַכט מיט זיי אַ שמועס וועגן וועלוולען, וואָס האָט איבער איר אויפגעהערט פון זיין פולוואַריק אַהיים צו קומען:

„ס'איז שוין פשוט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס וועלוול באַהאַלט זיך אויס פון איר. סיי־ווי־סיי ווייסט זי, אַז ער איז איר דער בעסטער גוטער־פריינט, זי ווייסט אַפילו, אַז ער איז בכיוון געפאָרן אויפן וואָקזאַל, זיך מיט איר געזעגענען".

און אַ צווייט מאָל האָט זי זיך מיט בורנעסעס מיידלעך באַגעגנט, זיך מיט זיי פריינטלעך געגריסט און געפרעגט:

„זיי וואָלטן נישט חשק געהאַט באַשטעלן אויף מאָרגן אַ בעל־עגלה און זיך דורכפאָרן אַזוי זיך, אַ וויאָרסט אַכט־צען פון שטעטל?"

געווען איז דאָס אין אַ הייסן זונטאָג, אַרום דריי אַזייגער בייטאָג, ווען וועלוולס מוטער איז נאָר־וואָס צוליב איר אַסטמע־פעלער קיין אויסלאַנד געווען אָפגעפאָרן, און לעבן בורנעסעס גאַניק איז נאָך געשטאַנען די פור פון פולוואַריק, וואָס וועלוול איז אין איר צוריק מיט אַ פּאָר שעה געקומען, זיך מיט דער מוטער געזעגענען.

שטייט זיך דענסטמאָל אַזוי אברהם־משה בורנעסעס שטוב מיט דורכאויס אָפענע פענצטער, קוקט עטוואָס אומעטיק אויף די יונגע בוימלעך, וואָס וואַקסן פאַר איר אין איין שורה, און טרייסט זיך:

„ביי יעדן אויפגעקומענעם גביר זענען שוין, אַפנים, יונג און קליין די בוימלעך, וואָס פאַר די פענצטער".

אין די חדרים איז שטיל און קיל. ס'הערט זיך, ווי נאָגנדיק און שטיל ס'רוישן אינדרויסן די בלעטלעך, און ס'פילט זיך, אַז די באַלעבאָסטע איז נאָר־וואָס אויף אַ היפשער צייט אַוועקגעפאָרן; אַז די שטוב וועלן איצט פירן ביידע מיידלעך, וואָס געדענקען נישט, וווהין זיי לייגן אַוועק די שליסלעך, און דערפאַר וועט דאָ שוין זיין פריילעכער און פרייער, ווי תמיד, און געסט וועלן זיך ביי די קינדער ביז שפעט אין דער נאַכט פאַרזיצן, און אַז אַ קליין קינד וועט זיך עפּעס איינשפאַרן און וועט וויינען, וועט שוין נישט זיין, ווער ס'זאָל אויף דעם אָנשרייען, און מ'וועט עס מוזן געבן פינף קאָפּיקעס, ס'זאָל שווייגן.

בײַ זיך אין קאַבינעט איז אברהם־משה בורנעס אַרומגעגאַנגען, געבלאָזן פּאַפּיראָסן־רויך, געהאַט, ווי שטענדיק, אַ פאַרקנייטשטן שטערן מיט אַן עם־האַרציש אומעטיק פּנים. און אַקעגן אים לעבן שרײַב־טיש איז געשטאַנען וועלוול, געהאַלטן דעם פּלאַן פון די נײַע דרײַ הונדערט דעסיאַטין ערד, וואָס ער האָט נישט־לאַנג אָפּגעדונגען, און זיך מיישב געווען, וואָס אויף אָט דער נײַער ערד צו פאַרזײַען:

„אָט דאָ אַראָפּ בײַ דער בערע, וואָלט אפשר גלײַכער געווען צו פאַרזײַען פּראָסע?"

פּלוצים קומט אַרײַן דאָס עלטערע מיידל און דערציילט, אַז מירל איז דאָ אין שטוב און זיצט דאָרטן, אין דעם קלײנעם זאַל. דאָס מיידל פילט זיך אַזוי שולדיק און פאַרענטפערט זיך:

„אַ משל... ווי האָט מען געקענט זײַן אַזוי גראָב?... אַז יענע הייבט אָן אַרײַנצוקוקן פונדרויסן דורך די אָפענע פענצטער און פרעגט: מ'קען צו אײַך אַרײַנגיין? פרעגט זי".

דאָס מיידל איז באַלד צוריק אין זאַל אַוועק און איבערגעלאָזט דאָ דעם פאָטער מיטן זון אין אַזאַ מיאוסער לאַגע, אַז זיי האָבן איינער דעם צווייטן אין פּנים אַרײַן נישט געקענט קוקן. ס'האָט זיך געדוכט: אָט־אָט עפנט מירל די טיר און שטעלט אַהער אין קאַבינעט אַ פוס אַרײַן. וועלוול איז געווען בלאַס און האָט געעטעמט מיט אַזעלכע גיכע און קורצע אָטעמס, גלײַך ער האָט נאָר־וואָס באַוויזן אַ קונץ און האָט מיטאַמאָל צען פּוד משא אויפגעהויבן. ער האָט געקוקט דעם פאָטער אין פּנים אַרײַן און געוואַרט, וואָס ער וועט טאָן, נאָר דעם פאָטערס פּנים איז שוין געווען אַזוי פאַרשוואַרצט, פאַררויכערט און פאַרשטאָלט, קיין שינוי האָט מען שוין אויף אים קיינמאָל באַמערקן נישט געקענט. ער האָט נאָר נאָך מער דעם עם־האַרצישן שטערן פאַרקנייטשט און מער רויך פונם מויל געבלאָזן; סוף־כּל־סוף האָט ער, דער פאָטער, זיך פאַמעלעך און אָן ווערטער דורך דער הינטער־טיר פון שטוב אַרויסגערוקט, זיך דאָרטן אויפגעזעצט אויף וועלוולס געשפּאַנטער פור און געהייסן דעם פורמאַן פאָרן אין ציגל־פאַבריק, וווּ ער האָט געשעפט געהאַט.

נאָך אים האָט זיך דורך דער זעלבער הינטער־טיר אַרויסגערוקט

וועלוול און אָוועקגעשפּאַנט מיט די הינטער-געסלעך אין מאָנאָפּאָל, ווּ ער האָט געלט באַדאַרפט אויסבייטן.

אין זאַל איז מען דערווייל געזעסן און גערעדט וועגן דעם, וואָס אַ גראַמאָפאָן זינגט אַביסל אונטער דער נאָז און דערעסט באַלד, אַז מ'קען שטאַרבן; וועגן דעם, וואָס דער קלייגער זיאַמקע ווייסט, ווער טאָלסטאָי איז, נאָר ער שעמט זיך איצט און וויל נישט זאָגן, און וועגן דעם, וואָס די פאַראָרעמטע פּריצה פון דאָרף פּריטשעפּאַ, אַ פּערציק-יאָריקע מויד, איז שוין ווידער אַמאָל בײַ זינען אַראָפּ; זי האָט זין' פאַר דעם לעצטן געלט אַן אויטאָמאָביל געקויפט און זאָגט, אַז ס'וועט זי' נעמען דעם היגן גראַפס בן-יחיד.

אַחוץ מירלען מיט וועלוולס שוועסטער איז דאָ אויך די סאַמעטענע שטולן געזעסן דער יונגער קרוב, דער עקסטערן, וואָס לערנט מיט די קינדער העברעיש, דער אלמנה פון איינפאָר-הויזס פרעמדע קרובה, אַ מיידל, וואָס לערנט אויף צאָן-דאָקטאָר און זעט אויס נישט קיין שטאַרק גרויסער בר-הבנה, און געשטאַנען איז די גאַנצע צייט שווייגנדיק בײַ דער זייט דער יונגער נישט-לאַנג אַראָפּגעבראַכטער סטודענט, וואָס האָט געשטאַמט פון די טיף-רוסישע גובערניעס און האָט דאָך קליינערהייט ערגעץ אין אַ ישיבה געלערנט. מירלען האָט ער, דער סטודענט, איצט דאָס ערשטע מאָל פון נאָענט געזען. ער האָט שוין אָבער געוווּסט אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, און נישט קענענדיק זי אין פּנים, זיך אָפּטמאָל געקריגט פאַר איר מיט בײדע בורנעסעס מיידלעך און מיטן פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַן:

„וואָס דערציילן זיי באָבע-מעשיות? ווערליק זיי אַליין מאָלן אים אויס מירלען, שטעלט זיך אים פאָר, אַז זי איז אינטערעסאַנט, און אַז ס'מוז אין איר עפּעס זיין".

איצט האָט אויף אים געווירקט איר יונג, עטוואָס מיד פּנים, און גלייכגילטיק איז ער שוין נישט געווען צו איר שמייכל, צו דעם, וואָס, זיצנדיק אויפן רויט-סאַמעטענעם דיוואַן, האַלט זי דעם קאָפּ הויך אַרונטערגעוואָרפן, און צו איר קול, וואָס קלינגט מיט אָפּגעשוואַכטע טענער פון אַ מענטש, וואָס האָט פיל איבערגעלעבט און איז נאָך אַלץ געבליבן אין עפּעס פאַרעקשנט און רעכנט זיך נישט מיט קיינעמס מיינונג. ער האָט טאַקע דערפאַר די גאַנצע צייט געשוויגן און געטראַכט

וועגן איר, ווי אַ חתן. אַלעמאָל האָט ער פאַרגעסן, אַז דער יונגער קרוב, דער עקסטערן, רויכערט נישט, און איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען צו אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ מינע פון אַ בעטלער:

„גיט מיר, זייט מוחל, אַ פאַפּיראָס".

ווער ווייסט... ווי אומדערוואַרט אַלעס האָט זיך נאָר אױסגעגליכן: פינף שטעכלדיק... ווי

דער זשעדנער ... אַז ער האָט אים אַלע מאָל ... ווי נאָר אױסגעגליכן

וועלוולס עלטערע שוועסטער האָט די ערשטע דערהערט, ווי די פור פאָרט אָפּ פון שטוב, זיך פאַרגעסן, אויסגעצויגן דעם האַלז, ווי אַ הון, בשעת ס'דוכט זיך איר, אַז עמעצער גייט איר נאָך אויף די שפּיץ-פינגער, און נאַריש אָנגעשטרענגט די אויערן. און מירל האָט געוווסט, אַז אין קאַבינעט איז שוין קיינער נישטאָ. און צוליב עפּעס ביים קרוב, דעם עקסטערן, אַ בליישטיפט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר געבעטן.

זי האָט, דוכט זיך, מיט אָט דעם שרייב-געצייג גאָרנישט געטאָן, געהאַלטן דעם בליישטיפט אין איין האַנט און דאָס שטיקל פּאַפּיר אין דער צווייטער האַנט, געשמייכלט און זיך אַוועקגיין געגרייט. און דאָך האָט נאָכדעם וועלוול אין טאַש פון זיין פאַר-כאַלאַט אָט דאָס שטיקל פּאַפּיר געפונען. ס'איז דערויף מיט מירלס האַנט געווען אָנגעשריבן:

„טי כאָראָשי". *)

ער האָט עס געלייענט איבערן גאַנצן וועג אַהיים, עס עטלעכע טעג אַרומגעטראָגן אין זיין טייסטער צווישן די אַסיגנאַציעס און עס צום לעצט באַהאַלטן אין אַ באַזונדער שופלעדל, וואָס ביי אים אין פייערקאַסע.

---

מירלען האָט זיך פאָרט איינגעגעבן דאָ אין שטעטל איר פּלאַן דורכצופירן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זי אומגעריכט באַקומען דעם ענטפער, אויף וועלכן זי האָט די גאַנצע צייט געוואַרט, און איז מיט אים אַזוי צופרידן געווען. גייענדיק מיטן ענטפער צוריק פון פּאָסט, האָט זי אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס דעם פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַנען, אים געזאָגט, אַז צו זיין פּנים פּאַסן זייער די נייע ביינערנע ברילן, און זיך געשוואָרן, אַז ער באַדאַרף חתונה האָבן:

*) דו ביסט אַ גוטער.

„זאָל איר סאַפּיאַן גלויבן, אַז זי מיינט עס באמת: אַ פּראָפּעסיע האָט ער, וואָס וועט ער זיך אַזוי איינער אַליין אַרומוואַלגערן?"

ביי סאַפּיאַנען האָבן פון זיך אַליין אָנגעהויבן נערוועז אונטער־שפּרינגען די לינקע זייט נאָז מיט די ליפּן. ער האָט וועגן חתונה האָבן אַ באַזונדער מיינונג געהאַט, און טאַקע וועגן דעם האָט ער געוואָלט אָנהייבן צו רעדן. נאָר זי האָט אים באַלד איבערגעשלאָגן און זיך דער־פרעגט, ווען ס׳פאַלט אויס דער ניינצנטער:

„זי דאַרף עס זייער נויטיק וויסן... אין איצטיקן חודש דער ניינצנטער".

## ע

דער ניינצנטער איז אויסגעפאַלן פונקט אום ראש־חודש אָב, און פאַרשטאַרקט האָט זיך אין אים די היץ פון די צופיל ליכטיקע זומער־שעהן.

אויפן שטעטל איז די מרה־שחורה פון די נאָענטע „ניין טעג" גע־לעגן, זענען מאַנסבילן געשלאָפן בייטאָג, כדי זיי זאָלן זי נישט פילן, און הענער האָבן געקרייט בטעות, צי גלאַט אַזוי פון פוסטקייט. און אַ יידענע האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז אָט דאָס אומעטיקע געפיל, וואָס לאָזט זי רויק איר זאָק נישט אַרבעטן און טרייבט זי מיט אים פון איר אייגענעם פידאַשעק צום פידאַשעק פון איר שכנה.

אָקאָרשט אַרום דריי אַזייגער בייטאָג האָט זיך אַ וואָקזאַל־בעל־עגלה מיט זיין פור לעבן איינפאָר־הויז, וואָס אין אָנהייב מאַרק, אָפּ־געשטעלט, און אַראָפּגעקראָכן איז פון איר אַ וווּקסיקער יונגערמאַן, אַ גלות, ביי וועמען דער האַלז איז מיט וואַטע און מיט פיל וויקל־שנירן פאַרבונדן געווען.

מ׳האָט זיך אין אים איינגעקוקט און אים דערקענט:

„דאָס איז געוועזן הערץ, דער אַקושערקעס באַקאַנטער, הערץ".

מירלען האָט זיך טאַקע סוף־כל־סוף איינגעגעבן, ער זאָל אַהער אַראָפּקומען.

פון די אַרומיקע הייזער האָט מען געקוקט צו איר אַהין, צום

גאַניק פון רבס שטוב, ווי זי האָט זיך לעבן ליבקע דער רביצין גע־
נודעט. מ׳האָט פון איר ליצנות געמאַכט:

„זי האָט אָבער געוווסט, ווען אים אַראָפּצובריענגען... פונקט צו
תשעה־באָב־צו האָט זי אים געוווסט אַראָפּצוברענגען״.

און זי איז נאָך ערגעץ געוואָר געוואָרן, אַז ביי הערצן איז אַנגינע.
זי האָט דאָ אינם רבס הינטער־געסל דעם אָרטיקן פעלדשער אָפּגעשטעלט
און האָט אים וועגן חולה דערציילט:

„ער איז שוין געוויס אַזאַ מענטש, וואָס קען גיכער שטאַרבן,
איידער זיך מודה זיין, אַז אים טוט עפּעס וויי. נאָר ווען דער פעלדשער
גייט איצט צו אים אומגערופן אַריין, וואָלט ער זיך שוין אַוודאי גע־
לאָזט צום האַלז עפּעס טאָן״.

דער פעלדשער האָט געפאָלגט און איז אין איינפּאַר־הויז אַוועק־
געגאַנגען.

און זי האָט זיך אומגעקערט צום גאַניק פון רבס שטוב און זיך
דאָרטן לעבן ליבקע דער רביצין גענודעט. זי האָט געהאַט אַן אומעטיק
פּנים און האָט זיך געקלאָגט פאַר דער רביצין אויפן טאָג, וואָס ציט
זיך אומגעוויינלעך לאַנג:

„תמיד, ווען דער שטוב־שאָטן דערגרייכט דעם וועג פון מיטן
געסל, האַלט שוין דער זייגער אַרום זעקס, און איצט... עפּעס אַ מין
לאַנגער טאָג, ס׳איז נאָך, דוכט זיך, דעם גאַנצן זומער אַזאַ לאַנגער
טאָג נישט געווען״.

שפּעטער, ווען אָט דער שטוב־שאָטן האָט זיך מיט די שאָטנס
פון די אַרומיקע הייזער אָנגעהויבן פלעכטן, האָט זי דעם גאַניק פאַר־
לאָזן און איז אַוועקגעגאַנגען מיטן וועג, וואָס פירט אַרויף צו דער
פּאָסט. דאָרטן האָט זי באַגעגנט אברהם־משה בורנעסעסביידע מיידלעך,
וואָס האָבן מיט זייער לערער, דעם סטודענט, אַרומגעשפּאַצירט. זי
האָט זיך אָקעגן זיי מיט איר אומעטיק פּנים אָפּגעשטעלט, זיך דער־
פרעגט וועגן קורצן וועג, וואָס פירט מיט די פעלדער צו דער רעלסן־
שנור, און וועגן עפּעס אַ פאַרמעגלעך מיידל, אַ יתומה פון היגן קאַנט,
וואָס האָט שוין יאָרן־לאַנג אַ חתן, און האָט נאָך ביז היינט פאַר אים
נישט חתונה געהאַט:

„זיי געדענקען נישט? אַמאָל פֿלעגט מען װעגן אָט דעם מיידל פֿיל מעשיות דערציילן".

ביידע בורנעסעס מיידלעך האָבן, קוקנדיק אויף איר, אין זינען געהאַט זייער עלטערן ברודער, וואָס איז איבער איר פֿאַרזעסן, און האָבן געוווּסט, אַז הערץ איז איצט אַראָפּגעקומען צוליב איר. זיי האָבן געענטפֿערט: „ניין, זיי געדענקען נישט —

„זיי האָבן, דוכט זיך, קיינמאָל װעגן אַזאַ מין מיידל נישט געהערט".

דער סטודענט איז געווען צופֿיל אויפֿגערעגט פֿון אָט דער אומגערעכטער באַגעגעניש און איז געווען גרייט זיך דורכגיין מיט מירלען אויפֿן גרויס-שטאָטיקן שטייגער אַהין און צוריק איבער דער גאַס; ער האָט צוליב דעם אָנגעהויבן ווייטער דעם זעלבן שמועס פֿירן:

„יעדנפֿאַלס... די מעשה מיטן מיידל מוז שוין, יעדנפֿאַלס, זיין אינטערעסאַנט".

נאָר מירל האָט עס ווי נישט איינגעהערט און זיך באַלד מיט די מיידלעך אָפּגעזעגנט. זי איז אַוועקגעגאַנגען אַרויס דעם שטעטל און האָט זיך דאָרטן זײַעם גאַנצן פֿאַרנאַכט איינע אַליין אַרומגעדרייט.

---

און אינאָוונט, ווען אין די הייזער פֿון שטעטל האָט מען זיך צו די געגרייטע טישן געזעצט, און אַ מענטשנס פּנים איז שוין אויף דער פֿינצטערער און פּוסטער גאַס שווער געווען צו דערקענען, האָט זי זיך דאָך אַרייַנגעכאַפּט אין איינפֿאָר-הויז, וואָס אין אָנהייב מאַרק, און איז דאָרטן אַ היפּשע צייט ביי הערצן אין חדר געבליבן.

די רויטע פֿאָרהענגלעך, וואָס אויף הערצס באַלויכטן פֿענצטער, זענען געווען אַראָפּגעלאָזט, און אינדרויסן האָט זיך קיינער נישט אַרומגעדרייט, אַחוץ דאָס מיידל, דער צאָן-דאָקטאָרין, ווען די אַלמנה פֿון איינפֿאָר-הויז האָט אַן אייגענע מומע אָנגעקערט. ס'האָט זיך איר געוואָלט וויסן, ווען וואָס הערץ און מירל רעדן דאָרטן, איז זי שטילערהייט אַרייַנגעגאַנגען אין צווייטן פּוסטן חדר, זיך אָפּגעשטעלט לעבן שפּאַלט, וואָס צווישן די אויסגעקרימטע און צעלעכצטע פּאָר

טירן און האָט געהערט, ווי זיי טרעטן זיך דאָרטן אָן אויף די אַלטע ווענדן:

„הערץ, האָט דאָרטן מירל געזאָגט, כ'האָב דאָ אויף דיר אַזויפיל געוואַרט; קיינער האָט נאָך געוויס קיינמאָל אויף דיר אַזויפיל נישט געוואַרט".

אין חדר איז געווען שטיל. הערץ איז געווען ברוגז און האָט נישט געענטפערט.

„הערץ, האָט מירל ווייטער געזאָגט, איך פאַרשטיי שוין די לעצטע צייט אַזוי ווינציק, וואָס מיט מיר טוט זיך; איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב וועגן דיר אַזויפיל געטראַכט, איך ווייס שוין אַפילו נישט, צוליב וואָס איך בין אַהער אין שטעטל אַראָפּגעקומען".

זי האָט זיך פאַרטראַכט און האָט צוגעגעבן:

„איר האָט זיך געדוכט, אַז דאָ אין שטעטל וועט איר זיין בעסער. איר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז ,ערגעץ-ווו' וועט איר זיין בעסער".

הערץ האָט געקלונגען מיט אַ גלאָז און מיט אַ לעפעלע און האָט זיך צוליבן האַלז פאַרקאָכט באָרוואַסער פון זודיקן סאַמאָוואַר.

„גוט, האָט ער איר איבערגעשלאָגן, אָבער נאָך וואָס האָט זי זיך באַדאַרפט איינעקשנען, ער זאָל אַראָפּקומען צו איר דווקא אַהער אין שטעטל, ווו אַלע קענען זי און ווו פון אַלע הייזער שטעלט מען אויס אויף אים די אויגן? דאָ ביי דער זייט געפינט זיך די אַקושערקע שאַץ... ער אַליין פילט זיך איצט, ווי עפּעס אַ נאַרישער קליינשטעטלדיקער חתן, ער האָט פאַר דעם אַלץ צו דאַנקען אַזאַ ווילטיקער נאַרישקייט, ווי אירע בת-יחידה-קאַפּריזן".

מירל האָט אים נישט געענטפערט; איר קול האָט גאָר נאָך מידער צו קלינגען אָנגעהויבן, און געדוכט האָט זיך, אַז זי איז געקומען צו אים בעטן אַ נדבה:

„הערץ, מיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז דו ווייסט עפּעס מער פון מיר".

איר דוכט זיך נאָך בכלל, אַז ערגעץ-ווו זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע איינציקע, וואָס ווייסן „עפּעס" און האַלטן „עס" בסוד... זאָל איר הערץ מוחל זיין, וואָס זי האָט אים אַהער אַרויסגערופן... איר איז

שוין געבליבן אין לעבן אַזוי ווינציק, אַחוץ דעם, וואָס איר דוכט זיך, און איצט זיצט זי דאָ אין שטעטל... זי נודעט זיך און טראַכט וועגן דעם. גאַנצע פאַרנאַכטן זיצט זי לעבן ליבקע דער רביצין אויפן גאַניק און קוקט קיין מערב צום ברענענדיק-רויטן הימל-עק. און איינמאָל פאַרנאַכט האָט זיך איר שוין געדוכט, אַז פון דאָרטן, פונם רויטן עק הימל, קוקט צו איר אַרויס אַ צווייטע פייערדיקע מירל און ווינקט צו איר פונדערווייט: „קיינער, ווינקט זי צו איר, ווייסט נישט, צוליב וואָס ס'בלאָנזשעט אַרום מירל הורוויץ. און איך, מירל, וואָס איך ברען אין פייערדיקן עק הימל אויפן האָריזאָנט, כ'האָב שוין אַמאָל אויך אַרומגעבלאָנזשעט און האָב אויך נישט געוווּסט, צוליב וואָס".

הערץ האָט נישט געוווּסט, וואָס זי וויל, און דאָס איראָניש פּנים האָט ביי אים קוים-קוים געשמייכלט. די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט גערעדט, האָט ער אַזוי געשמייכלט. ער איז פון דעם שמועס נישט צופרידן געווען און האָט איר צום סוף די רייד איבער-געשלאָגן:

„יאָ, אָבער נאָך וואָס טויג שוין דעם ערשטן אָוונט רעדן וועגן אַזעלכע הויכע זאַכן?"

אָט קען ער איר דערציילן, ווי צו אים אין האָטעל איז איינ-מאָל געקומען מיט אַ וויזיט איר מאַנס געשוועסטערקינד מאָנטשיק... אין אַ שוואַרצן סורדעט איז ער צו אים געקומען. יאָ, און דער מאַן אַליין:

„אים האָט מען אין האָטעל דערציילט, אַז דער מאַן אירער האָט זיך אויף אים צוויי מאָל נאָכגעפרעגט".

דענסטמאָל האָט מירל אויף אים אַ קוק געטאָן און שוין מער גאָרנישט נישט געזאָגט. אַזוי באַליידיקט האָבן זי שוין זיינע לעצטע ווערטער. איר פּנים איז געוואָרן בלאַס, און זי האָט אים קיין „גוטע נאַכט" נישט געזאָגט. אין פינצטערן הויז פון איינפאָר האָט זי זיך נאָך אָפּגעשטעלט און זיך וועגן עפּעס באַשליסן נישט געקענט. נאָר צוריק האָט זי זיך טאַקע נישט אומגעקערט. זי האָט נאָר אויף זיך דעם שאַרף צורעכט געמאַכט און איז באַלד פאַרשווּנדן אין פינצטערן דרויסן.

ווען דאָס מיידל, וואָס לערנט אויף צאָן-דאָקטאָר, איז אין הויז אַרויס, איז שוין הערץ געשטאַנען ביי דער געעפנטער טיר פון זיין

באַלויכטענעם חדר און האָט געבעטן טינט און פעדער מיט נאָך אַ לאָמפּ קעראָסין. דאָס מיידל איז זיך אײַנדרויסן פֿאַרביי דעם איינפֿאָר־הויז דורכגעגאַנגען און זיך אייגגעקוקט אין דער גאַס. ס'איז געווען אַ פינצטערע און קילע נאַכט; דאָס שטעטל איז געשלאָפן, און מירל איז שוין דאָרטן נישט געווען. אוממעגלעך איז געווען צו וויסן, וווהין זי איז אַוועק: לינקס, צו דער רביצין ליבקעס שטוב, צי גאָר רעכטס, מיטן וועג, וואָס פירט צו דער פּאָסט און צו די פעלדער אַרויס דאָס שטעטל.

---

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ליבקע די רביצין אין דער פינצטער דעם קאָפּ פונם קישן אויפגעהויבן, זיך אַביסל צוגעבויגן צום צווייטן בעט, ווו איר מאַן איז געשלאָפן, און אים גענומען וועקן מיט אַ פאַרדומפּן און שלעפעריק קול:

„אברהמל?!... אברהמל?!... שלאָפסט, אברהמל?"

אין דער גאַנצער שטוב איז געווען אַזוי אומעטיק, פינצטער און שטיל. די נאַכט האָט זי אַרומגענומען פון אַלע פיר עקן, זיך געצויגן אַרום־און־אַרום איבערן גאַנצן אויסגעלאָשענעם שטעטל, און ווייטער — איבער די אַרומיקע פעלדער, ווו דער אומעט פון די שלאָפנדיקע האָט זיך שטיל אָן דער ערד געקלאַפּט.

דער רב האָט זיך אַ קליינעם וואָרף געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פאַרשלאָפענער שרעק און מיט אַ שטיל האַלב־דערוואָרגן וואָרט:

„אַ?!..."

און נאָכדעם זענען זיי שוין ביידע האַלב־וואַכנדיקע אין די בעטן געלעגן, געהויבן די קעפּ אין דער פינצטער און געהערט, ווי מירל ווײנט דאָרטן קעגנאיבער דער וואַנט מיט דער געשלאָסענער טיר. איר קול איז געווען אַן איינגעהאַלטנס, אַ נאַגנדיקס און אַ האַלב־דערוואָרגנס. אַלעמאָל האָט עס זיך געשטאַרקט מיט אַ ניי־צוגעקומענעם שטראָם פון וויינענדיקן כליפּען און דערמאָנט אָן אירע קינדערשע בת־יחידה־יאָרן. דענסטמאָל האָט זיך געהערט, ווי אונטער איר טרייסלענדיקן קערפּער סקריפּעט דאָס בעט, און געדוכט האָט זיך, אַז עמעצער שטייט דאָרטן אָנגעבויגן איבער איר קאָפּ, וואַרגט זי פאַרן האַלז און דערמאָנט איר:

„האָסט עס אומגעבראַכט דיין לעבן... און פאַרפאַלן איז דאָס שוין, אויף אייביק פאַרפאַלן...‟

פאַרשלאָפענערהייט האָט זיך די רביצין אויפן בעט אויפגעזעצט און האָט אויף זיך דעם טשיפעק צורעכט געמאַכט.

„זי איז ביי אים געווען, האָט זי צום איינפאָר־הויז אויף הערצן מרמז געווען, אַ גאַנצן אָוונט איז זי ביי אים געווען‟.

און נאָכדעם האָט זי שטילערהייט אַ לאָדן געעפנט און געזען:

אויפן שטעטל רוקט זיך שוין דער גרויער אָנהייב טאָג; אין אַלע הייזער שלאָפט מען, און נאָר דאָרטן, אין אָנהייב מאַרק, לייכט זיך נאָך אַליין אין הערצס צימער, וואָס אין איינפאָר־הויז, און די רויטע פאָר־הענגלעך זענען אַראָפּגעלאָזן און פאַרשטעלן אים מיט זיין ביינאַכטיקער שרייבערשער אַרבעט.

## VI

אין דער נאַכט, וואָס פאַר ערב תשעה־באָב, האָט געגאָסן אַ לאַנגער רעגלמעסיקער רעגן. ער האָט געקלאַפּט אין פאַרשלאָפענע דעכער און זיי דערוועקן נישט געקענט, געגעצט אַן איינזאַמע פויערשע פור, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך איבערן בלאָטיקן שטעטל געשלעפּט, און איר אָנגעוויזן אַהין, צום איינציקן אומרויק־באַלויכטענעם פענצטער, וואָס גייט אַרויס פונם רבס נאַסן הינטער־געסל.

מיט מירלען איז דענסטמאָל ווידער עפּעס אומרויקעס פאָרגע־קומען, און די רביצין איז דערפאַר שלעכט געשלאָפן ביי זיך אין שלאָפצימער און האָט געדענקט, אַז אין שטעטל גאַפט מען שוין, וואָס זיי דערלאָזן עס, אָט דאָס, וואָס, ווינענדיק ביי אַ רב אין שטוב, האַלט זי זיך אַ בחור דאָ אין איינפאָר־הויז. זי האָט נישט געוווּסט, פאַר־וואָס אָט די צרות קומען איר, און האָט אַלעמאָל געעפנט די אויגן און אָפּגעזיפצט צו איר מאַן אויף אַ קול, כדי מירל זאָל עס ביי זיך אין חדר דערהערן:

„אַזאַ מין אָנשיקעניש... און ווי אַזוי זאָגט מען טאַקע יענעם: נעם פאַר אַוועק?‟

דער פרימאָרגן איז נאָכדעם געווען אַ הייסער, אַ פאַרנער און אַ נודנער. ס׳האָבן צוזאַמען מיט אַ שטיקל גלאָז צופיל געבלישטשעט אַקעגן דער זון די נאַסע רעגן־גריבלעך, וואָס צווישן די צוגעדאַרטע הרודעס, און די אָפּגעשווענקטע הייזער האָבן זיך געשווינט צו תשעה־באָב־צו געטריקנט און נישט געוווסט, צי דער רעגן וועט זיי שוין מער נישט נעצן.

קעגנאיבער דער געשלאָסענער טיר פון מירלס חדר האָבן זיך נאָך אַלץ די ביינאַכטיקע אומרויקע טריט געהערט.

אַרום עלף אַזייגער איז זי פון דאָרטן אויף גיך אַרויסגעגאַנגען און זיך אַוועקגעלאָזן גלייך צום איינפאָר־הויז, ווו אויף הערצן האָט שוין די באַשטעלטע פור געוואַרט. אונטער די אויגן איז ביי איר געווען שטאַרק בלוי, ווי אונטערגעשלאָגן, און די פלייצעס האָבן דערמאָנט, אַז די לאַגע אירע דאָ אין שטעטל און אומעטום איז שוין אומבאַהילפיק און פאַרלאָרן, און עס מוז שוין אינגיכן נעמען אַן עק. זי האָט גע־קוקט גלייך אַהין צו דער פור, וואָס לעבן איינפאָר־הויז, און דער מוח האָט ביי איר פון דער שלאָפלאָזיקער נאַכט געאַרבעט צופיל אָנגעשטרענגט און צו גיך.

זי האָט אים נאָך עפּעס באַדאַרפט דערמאָנען, הערצן.

אָבער אויסגלייכנדיק זיך מיט דער פאַרנטיקער וואַנט פון אברהם־משה בורנעסעס שטוב, האָט זי פלוצים דערויף חרטה געקראָגן און זיך אָפּגעשטעלט:

„סיי־ווי־סיי איז עס שוין געווען נישט מער, ווי נאַרישער פּיזעם, אָט דאָס, וואָס זי האָט זיך די גאַנצע צייט געוואָלט אָפּנאַרן, אַז זי וועט קענען זיין מיט אים ערגעץ־ווו אין אויסלאַנד״.

לעבן גאַניק פון בורנעסעס שטוב האָט זי דערזען ווע לוולס קלענערע שוועסטער און זיך צו איר אויסגעדרייט:

„ברכה קען איר נישט זאָגן, דער וויפלטער אין חודש ס׳איז היינט?... זי, מירל, איז זיך שוין באמת צופיל דאָ אין שטעטל פאַרזעסן״.

זי האָט דעם צעשראָקענעם מיידל איבערגעלאָזט אַן אָנדענק פון אַ פאַסטנדיק־אויסגעמאַטערט פּנים מיט בלויע אונטערגעשלאָגענע אויגן, אַוועקגעשפּאַנט אויף גיך איבער די צוגעטריקנטע הרודעס אין פּאָסט

צו עמעצן אַ טעלעגראַם פאַרזאָרגן, און שוין פון הינטער די פּלייצעס געהערט, ווי די פור רוקט זיך מיטאַמאָל פון אָרט אָפּ, און ווי דער בעל־עגלה צעשמייסט אין געשמאַקער איילעניש זיינע פערד:

„וויאָ!... אויף קינות צוריק אַהיים״.

ביים רב אין עסצימער האָט אויף איר געוואַרט ליבקע די רביצין און זי אָפּגעשטעלט:

יאָ... זי מיט אברהמלען האָבן איר דאָ געוואָלט זאָגן... אַוודאי איז ביי זיי די גאַנצע צייט אָנגעלייגט געווען, האָבן זיי איר געוואָלט זאָגן...״

ביי דער רביצין זענען די הענט געווען נאַריש צונויפגעלייגט אויפן בויך, און אירע אויגן האָבן דערביי מאָדנע געפינקלט. מירל האָט נישט געוואָלט הערן, וואָס זי זאָגט:

„זי ווייסט, זי ווייסט... מאָרגן וועט זי, מירל, דאָ שוין נישט זיין״.

און באַלד איז זי צו זיך אין חדר אַריין, פאַרקייטלט נאָך זיך די טיר און פון אינווייניק צוגעשלאָסן דעם דרויסנדיקן לאָדן.

זי האָט באַדאַרפט איינשלאָפן כאָטש אויף אַ פּאָר שעה, נייטיק האָט זי עס באַדאַרפט, אַז נישט — האָט זיך שוין צופיל געשפּאָלטן דער קאָפּ, און דער מוח האָט שוין צופיל געדאַרט און געוואָלט וויסן, וואָס זי וועט טאָן אין עטלעכע שעה אַרום. ס'איז געווען איבעריק וועגן דעם צו קלערן. אויב דאָ אין חדר האָט געשטערט צו שלאָפן דער שמאָלער פּאַס פון דער נודנע־בריענדיקער זונען־שיין, וואָס האָט דורכן צוגעטריקנטן לאָדן אויף צווייען די טונקלקייט געשפּאָלטן, האָט מען, ליגנדיק אין בעט, געקענט פון זיך געשווינט דאָס קאָפּטל אַראָפּציען, פאַרוואַרפן די גליענדיק־נאַקעטע הענט אַרויף צום ברענענדיקן קאָפּ און זיך אויסמאָלן, אַז דער אויסגאַנג פון אירע פוסטע פיר־און־צוואָנציק יאָר לעבן איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלאָרן... ס'איז דערפון געוואָרן אַביסל גרינגער, און ס'האָט אויף אַ רגע אויפגעהערט צו אַרן דער מאָרגנדיקער טאָג מיט דעם, וואָס אין אים וועט זי שוין אין ערגעץ קיין אָרט נישט האָבן. צווישן תהו־ובהו פון אָנהייב שווערן שלאָף האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז שוין אַזוי ווייט און לאַנג, אָט דאָס, וואָס זי האָט אַמאָל דאָ

אין שטעטל אַ טאַטן גדליה הורוויצן געהאַט. און דעם מידן דרימלענדיקן מוח האָט זיך שוין געמאָלט אַ האַלב־פאַרגעסענער פרייטאָג־פאַרנאַכט פון זיבן, אַכט יאָר צוריק: אינדרויסן איז ראָז־רויטלעך און וואַרעם, און ס'זעצט זיך די זון. און אין שטוב ביים פענצטער שטייט גיטעלע, די מוטער אירע, שוין אויף שבת אָנגעטאָן, זי קוקט צום וועג פון קרייז־שטאָט, וואָס פירט אַהער אין שטעטל, און האָט יסורים, ווי אַלע פרייטאָג:

„זע נאָר: שוין אַזוי שפּעט, און מ'זעט אים נאָך נישט פאָרן, גדליהן!"

---

אינדערפרי, אינם ערשטן טאָג, וואָס נאָך תשעה־באָב, איז זי פון שטוב אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך מער אינם רבס געסל נישט אומגעקערט.

ביי טאָג האָט מען זי געזען זיך אַרומדרייען אויפן ליידיקן שפּאַציר־פּלאַץ, וואָס ליגן דער פּאָסט, און אויפן וועג, וואָס אַרויס דעם שטעטל. זי האָט דאָרטן באַגעגנט דעם יונגנמאַן, וואָס פלעגט אַמאָל ביי ר' גדליהן אין מיל פּודנווייז מעל קויפן, און אים געבעטן, ער זאָל איר אין שטעטל אַ בעל־עגלה צום וואָקזאַל באַשטעלן און זאָל זאָגן ביים רב אין שטוב, מ'זאָל אים אירע זאַכן אַרויסגעבן.

זי האָט זיך אַזוי געאיילט בשעת דער בעל־עגלה איז צו איר שוין פּאַר זון־זעצן הוצן שטעטל אַרויסגעקומען. אָבער נאָך די ערשטע עטלעכע ווייאָרסט האָט זי אים שוין גאָרנישט נישט געזאָגט דערויף, וואָס ער פאַרקלענערט אַלץ מער דעם טרייב, און געהייסן האָט זי אים שוין באָכדעם פאַרפאָרן נישט גלייך צום וואָקזאַל, נאָר אַביסל אין אַ זייט, צום איינזאַמען יידישן איינפאָר־הויז, וואָס לאַנגווייליקט זיך אונטער זיין רויטן דאַך אַביסל ווייטער פון די וואָקזאַל־דינערס פּאַרוואַקסענע שטיבלעך און וואַרט טאָג און נאַכט, אַז אַ חתן־כּלה זאָלן זיך צונויפּפאָרן.

מער ווי אַ וואָך צייט איז זי דאָרטן אָפּגעשטאַנען און האָט אויף עמעצן געוואַרט.

יידן פון שטעטל האָבן זי געזען, בשעת זי איז פיר מאָל אַ טאָג מיט איר אומעטיק פּנים צום וואָקזאַל געקומען. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער גאַנצער לענג פון שטייענדיקן צוג. זי האָט אין יעדן וואַגאָן

אַרײַנגעקוקט, צו קײנעם אַ וואָרט נישט אויסגערעדט און זיך מיט איר אומעטיק פּנים צוריק אין אײנפּאָר־הויז אומגעקערט. איז מען געשטאַנען אין אַ רעדל אין עק פּלאַטפּאָרם און איר נאָכגעקוקט אין די פּלײצעס:

„טאַקע, נעבעך, געפאַלן מירל, אַ?"

זי איז סוף־כּל־סוף אַוועקגעפאָרן פון דאַנען אײנע אַלײן מיטן צוג, וואָס פירט צו דער גרענעץ.

מ'האָט וועגן דעם איבערגעגעבן אין שטאָט, און ס'איז נישט געווען צו וויסן, וווהין זי האָט זיך אַוועקגעלאָזן.

## VII

אײנמאָל אין אַ וואָכעדיקן דאָנערשטאָג, ווען איר געבײן איז שוין לאַנג אויפן וואָקזאַל נישט געווען, איז וועלוול בורנעס אַהין, גאָכן אָפּגײן פון די צוגן, פון זײן פּולוואַריק געקומען און איז פאַרפאָרן גלײך אינעם אײנפּאָר־הויז, וואָס אונטערן גרויסן רויטן דאַך.

ער איז אונטערן פאָר־כאַלאַט געווען אויסגעפּוצט אין אַ נײעם שוואַרצן אנצוג און אין ווײסע, נאָך נישט קײן געניצטע וועש, זיך געהײסן אַ צימער צוגרײטן און האָט די פור אַהײם אָפּגעשיקט:

„דער פורמאַן זאָל נאָך אים אַהער קומען מאָרגן צוועלף אַזײגער, ער הערט? נישט פריער, ווי צוועלף אַזײגער".

אין אײנפּאָר־הויז זענען אַלע חדרים געווען לײדיק, און קײן הײזער זענען נאָענט נישט געווען; האָט זיך אַ שטילע פּוסטקײט אַרום־און־אַרום צו אים אין צימער געצויגן, און די מינוטן זענען געווען לענגער און פאַרטראַכטער, ווי אינדערהײם. ער איז דאָרטן געזעסן אויף דער ציצענער קאַנאַפּע, זיך אַרומגעדרײט איבער דער פרעמדער רויטער פּאָדלאָגע, זיך אָפּגעשטעלט בײם פענצטער און אַרויסגעקוקט צו די גענז, וואָס פּאַשען זיך דאָרטן אויפן גראָז.

בײ דער פּלאַטפּאָרם איז ער געווען צווײ מאָל: פאַרנאַכט, נאָכן אָפּגײן פון בײדע משא־צוגן, און גאַנצפרי, ווען דער גאַנצער פּוסטער וואָקזאַל איז נאָך געשלאָפן, און געבלישטשעט האָבן נאָך אַקעגן דער אויפגײענדיקער זון דאָס רויטע אויג פונם ווײטלעכן ווײס־געפאַרבטן

שלאַגבוים מיטן ערשטן פּלאַטפאָרמע־לאַמטערן, לעבן וועלכן מ׳האָט נעכטן דעם לייטער פאַרגעסן.

ער האָט זיך אויך אַוועקגעלאָזט פון איינפאָר־הויז מיט דער סטעזשקע, וואָס פירט צום גאָר נאָענטן וועלדל, און איז דאָרטן געשטאַנען אויפן הויכן פריש־צורעכט־געמאַכטן גראָבן.

אין וועלדל איז געווען שטיל. די צווייגן האָבן אינדערהייך קוים, קוים גערוישט, און אַ בלעטל, אַן אָפּגעפאַלן געל, האָט זיך פון זיי צייטנווייז פּאַמעלעך מיט דער לופט אַראָפּגעלאָזט, און די שטילע בוימער האָבן עפּעס געוווסט: זיי זענען זיך אַזוי מיט זייערע וווקסיקע אַרומגערייניקטע שטאַמען אַרום־און־אַרום געשטאַנען, געהערט דעם קוים מערקזאַמען גערויש פון זייערע אייגענע צווייגן און געטראַכט וועגן מירלען, וואָס האָט מער ווי אַ וואָך צייט אין נאָענטן איינפאָר־הויז געוווינט:

„יאָ... זי איז דאָ אַמאָל ביי טאָג אַרומגעגאַנגען, מירל... זי האָט דאָ צו קיינעם נישט גערעדט, נאָר צווישן אונז, יונגע בוימער־שטאַמען, איז זי שוין אַמאָל, אָן אַ שום באַדערפעניש, פּאַמעלעך אַרומגעגאַנגען“.

---

שפּעט צו אלול־צו האָט זיך דער אויסגעגלייכטער סטודענט ליפּקיס אַהיים אומגעקערט און איז נאָך אויפן וועג ביים בעל־עגלה געוואָר געוואָרן:

„עט, עט, עט! שוין אַוודאי אַ חודש, זינט זי איז שוין ביי אונז נישטאָ, מירל“.

ער איז ביי זיין מוטער אין שטוב אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט, דעם פרימאָרגן מיטן בייטאָג, וואָס נאָך איר, און שוין נישט געהאַט צוליב וואָס אייפצושטיין. ער האָט געשנאָרכעט געשמאַק, און דער שטאַרק־פאַרשלאָפענער מוח האָט דאָך געדענקט, אַז מירל איז שוין דאָ נישטאָ; אַז ער האָט זי אין זינען געהאַט, ווען מ׳האָט אים צו דער אָפּעראַציע כלאָראָפאָרמירט, די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אויף זיין זומערדיקער קאָנדיציע צו די כוחות געקומען; און נאָכדעם, ווען ער איז שוין אַהער אַהיים געפאָרן און האָט זיך אַלעמאָל אַריינגעכאַפּט אין קאָרידאָר פון וואַגאָן, כדי נאָכאַמאָל צו באַקוקן דעם געזונטן פוס, וואָס ער פירט איר.

פאַרנאַכט האָט ער זיך שוין אַרומגעדרייט אין פוסטן שטעטל גלאַט אַזוי, מיט אַ שטימונג פון פאַרשפעטיקטער אויס־חתונה, און נישט געהאַט, וועמען צו דערציילן, ווי אַזוי ער איז מירלען צוריק אַ גוטער־פריינט געוואָרן, ווי אַזוי ער פלעגט זומער מיטן מאָרגנשטערן צו זיינע מעדיצינישע לימודים אויפשטיין און צוזאַמען מיט דעם, וואָס אין בוך שטייט, חזרן:

„איך בין איר קיין שונא נישט, מירלען... קיין שונא נישט, קיין שונא נישט".

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן ר׳ גדליהס פאַרלאָזטער שטוב און זי באַטראַכט, דורכגעגאַנגען פאַמעלעך דעם רבס ברייטע זייט־געסל און געקוקט פונוויטנס אויפן רבס שטוב. ס׳איז געווען מאָדנע פריש און ניי אַרומצושפּאַצירן פאַמעלעך און גלייך איבער די זעלבע גאַסן, וווּ ער האָט זעקס־און־צוואַנציק יאָר כסדר בשעתן גיין מיט די קלובעס איןביידע זייטן געוואָרפן, און וווּ ער האָט ביי יעדן שפּאַן זיך געבויגן מיטן גאַנצן גוף אין אלכסון, ווי אַן אונטער־שמש צו שמונה־עשרה.

די רביצין האָט אים דאָרטן דערזען פון איר גאַניק, וווּ זי איז געזעסן, און האָט צו אים אַקעגן פאַמעלעך שפּאַנען אָנגעהויבן:

„אַזוי, אַזוי... וואָס זשע דען? געזונט, קיין עין־הרע, ווי אַלע מענטשן".

זי האָט זיך מיט אים צעשמועסט וועגן דער אָפּעראַציע, וועגן זיין ברודער, וואָס מ׳זאָגט, אַז ס׳האָט אים אָנגעהויבן צו גיין גוט און ער ווערט אַ גביר, און וועגן דעם, וואָס איר מיידל חנקע האָט שוין אַוודאי געמוזט פאַרגעסן, וואָס זי האָט ביי אים אַמאָל אַ קאַרג יאָר געלערנט. זי וואָלט אומיסטן אַ בעלן זיין, ער זאָל אַ קוק טאָן, ליפּקיס:

„זי קען נאָך עפּעס שרייבן דיקטאָוקע, חנקע?"

און ליפּקיס איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב און געפּרוווט, צי זי קען נאָך עפּעס, חנקע.

ס׳איז געווען שטיל, און די רביצין איז שוין לעבן אים נישט געווען. חנקע איז געזעסן ביים טיש און געשריבן, ער איז אַרומגע־גאַנגען, דיקטירנדיק פאַמעלעך, און האָט געקוקט אויפן באַלקן, אויף די

ווענט פונם חדר, ווו ס׳האָט זעקס וואָכן צייט געווינט מירל. אינם אָפענעם שראַנק האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע זאַכן, וואָס זי האָט דאָ איבערגעלאָזט, און צווישן זיי — עפּעס אַ קליין צונויפגעקנייטשט און האַלב־באַשריבן פּאַפּיר. ליפּקיס האָט דאָס פּאַפּיר אַרויסגעשלעפּט און געזען, אַז ס׳איז מירלס אַן אָנגעהויבענער און נישט־פאַרענדיקטער בריוו. ס׳איז אין אים געשטאַנען:

„פון דעם, וואָס איך האָב געטראַכט, מאָנטשיק, איז ווידער גאָרנישט נישט געוואָרן. שטענדיק ווערט גאָרנישט פון דעם, וואָס איך טראַכט. הערץ איז בנוגע צו מיר אַזוי אומגערעכט. פריער האָט עס מיך געצאַרט: איך רעד צו אים וועגן דעם, וואָס מיר טוט וויי, און ער ענטפערט מיר וועגן עפּעס אַ גאַנץ שיריים־דור, וואָס האָט שוין נישט קיין אָרט אין לעבן. נאָר איצט איז שוין דאָס אויך אַריבער, און מיר איז שווער וועגן דעם צו רעדן. דאָ, ווו איך בין, קען איך מער נישט בלייבן. איך ווייס נישט, וווהין מ׳גייט, נאָר אַוועקגיין פון דאַנען מוז איך. ס׳פאַלן שוין געלע בלעטלעך פון די ביימער, און אויך אַזוי איז ביי מיר אין האַרץ. איך לעב איבער מיין האַרבסט, מאָנטשיק, פון מיין געבוירן אָן לעב איך אים איבער, און קיין פרילינג האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט. עמעצער האָט אים פאַר מיר איבערגעלעבט, אָט דעם פרילינג, און מיר ווערט דאָס שוין פון טאָג צו טאָג קלערער: נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן, האָט עמעץ מיין פרילינג איבערגעלעבט".

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

# געקליבענע ווערק
פון
# דוד בערגעלסאָן

I. ארום וואָקזאַל, דער טויבער, יורדים א. א.

II. נאָך אַלעמען.

III. יוסף שאָר, אַ פאַרגרעבטע שטאָט.

IV. אָפּגאַנג א. אַ.

V. שטורעמטעג (דערציילונגען).

VI. וועלט-אויס וועלט-איין (דערציילונגען).

VII. מידת הדין.

VIII. דראַמעס.